STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05992

DER SOF FUN SOYNEY-YISROEL

Mendel Osherowitch

Permanent preservation of this book was made possible
by Gitta Salomon & Ovid Jacob
in memory of Ida Bat Mordekhai V'Maimel Leibowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער סוף
פון שונאי־ישראל

פון די חשמונאים ביז בר־כוכבא

פון

מ. אשעראָוויטש

אין צוויי בענד

באנד איינס

ארויסגעגעבן פון
„פארלאג ארבעטער־רינג"
ביים בילדונגס־קאמיטעט פון ארבעטער־רינג
175 איסט בראדוויי, ניו־יארק, נ"י.

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

1. אומרואיקע נשמות (געזאמלטע דערציילונגען)
2. דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד — צוויי דורות אידיש טעאטער.
3. ווי מענטשן לעבן אין סאוועט־רוסלאנד (איינדרוקן פון א רייזע)
4. מארי אנטואנעט, אין דער געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. ראמאן־ביאגראפיע (2 בענד)
5. משה מאנטעפיארע. די לעבנס-געשיכטע פון א אידן מיט אווארעם הארץ
6. קאלאמאן וואליש, א קעמפער פאר פרייהייט

איבערזעצונגען:

ווערא פיגנער׳ס מעמוארן (דריי בענד)
לענינ׳ס שטאט און רעוואלוציע
ארקאדי אווערטשענקא׳ס, א געלעכטער נאך א שטורעם. און אנדערע.

Copyright 1942, *by*

FARLAG ARBETER RING
OF THE
EDUCATIONAL COMMITTEE OF THE WORKMEN'S CIRCLE
175 East Broadway • New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

עטלעכע ווערטער

אין מאָמענטן פון צער און פאַרצווייפלונג, ווען עס דוכט זיך, אַז אַזעלכע שווערע און ביטערע צייטן ווי איצט, האָבן אידן פריער גאָר קיינמאָל ניט איבערגעטראָגן און אַז אַזעלכע פאַרביסענע שונאי־ישראל ווי אַצינד זענען פריער גאָר קיינמאָל ניט געווען, איז גוט זיך צו באַקענען נעענטער מיט אַלטער אידישער געשיכטע.

און גוט איז דאָס נישט דווקא דערפאַר וואָס דאָן קען מען איינזען, אַז עס זענען שוין געווען אַזעלכע שלעכטע צייטן און אפשר נאָך ערגערע, נאָר דער עיקר דערפאַר וואָס ווען מ׳גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דעם וואָס ס׳איז געווען אַמאָל אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, שטאַרקט זיך דער גלויבן אין דער צוקונפט.

וואָס מער מ׳באַקענט זיך מיט די העלדישע מעשים פון די, וואָס האָבן אין דעם לאַנגן גאַנג פון דורות און דורות געקעמפט קעגן די פינצטערע כוחות, וואָס זענען אויפגעשטאַנען צו פאַרטיליקן דאָס אידישע פאָלק, אַלץ מער דערפילט מען זיך שטאָלץ דערמיט. און ווען ס׳ווערט קלאָר דער ע צ ם פון דעם קאַמף, וואָס ציט זיך שוין אַזוי פיל יאָרן, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳האָט זיך שטענדיק געלוינט אים אָנצופירן און אַז אויך איצט לוינט זיך דאָס.

די געשיכטע פון אידישן פאָלק איז אין דער זעלבער צייט אויך די געשיכטע פון אַן אידעאַל, וואָס איז אַזוי שאַרף און קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן אין די רייד פון די נביאים און אין דער הויך־מענטשלעכער מאָראַל, וואָס זיי האָבן געפּרעדיקט. און ווייל דער אידעאַל איז געווען אַן אוניווערסאַלער, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע וועלט און דאָס היסטאָרישע אידנטום האָט אים אָנגענומען פאַרן יסוד פונעם גאַנצן קיום, האָבן זיך דעריבער אין אַלע צייטן געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן העלדיש געקעמפט פאַר אים און גערן אַוועקגעגעבן דאָס לעבן פאַר אים.

עס איז פאַלש צו מיינען, אַז די גאַנצע אידישע געשיכטע איז איין גרויסע און לאַנגע קייט פון צרות און ליידן און אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַ כראָניק פון מאַרטירעלאָגיע. אפילו אין די ערגסטע און שרעקלעכסטע צייטן האָבן אידן אַרויסגעגעבן ניט נאָר מאַרטירער גרויסע, נאָר אויך העלדן גרויסע. די גאַנצע אי־דישע געשיכטע איז פול מיט העלדישע מעשים, וואָס האָבן צו זיך כמעט קיין גלייכן ניט. און אויב ס׳איז אמת, אַז פון אַלע קולטור־אוצרות וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט, איז געשיכטע דער אוצר פון וואַנען מ׳נעמט די האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט, איז דאָס אוודאי נאָך מער אמת וועגן אידישער געשיכטע.

צו דעם איז אידישע געשיכטע סתם אויסערגעוויינלעך אינ־טערעסאַנט, ווייל זי נעמט אַרום די גאַנצע וועלט. עס איז אויף אונדזער גורל אויסגעפאַלן צו זיין פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אַלע אַנדערע פעלקער, מיט די סאַמע שטורעמדיקסטע און דראַ־מאַטישסטע קאַפּיטלען אירע. אויך מיט דעם גורל פון אַנדערע פעלקער און לענדער איז אויף אונזער גורל אויסגעפאַלן צו זיין פאַרבונדן. אַזוי איז געווען אין די גאָר אַלטע צייטן, און אַזוי איז דאָס אויך איצט.

דער גאַנג פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע האָט זיך אַזוי צונויפגעלייגט, אַז אידן קענען קיינמאָל ניט בלייבן אין אַ זייט ווען ס׳הויבט זיך אָן אַ געראַנגל צווישן מ א כ ט און ר ע כ ט. ווי נאָר ס׳שטייט ערגעץ אויף אַ בייזער הערשער, וואָס וויל באַצווינגען אַנדערע פעלקער און אָפּשאַפן די רעכט און די פרייהייט, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעקעמפט אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן, פאַרלייגט ער זיך פריער פון אַלץ אויף אידן און וויל זיי אָפּווישן פונעם פנים פון דער ערד; די מאָראַל וואָס דאָס היסטאָרישע אידנטום האָט אַלע מאָל געפּרעדיקט, איז אים ווי אַ דאָרן אין די אויגן און ער וויל דאָס אויסראָטן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן פון אַנטיוכוס הרשע ביז אַדאָלף היטלער. אָבער עס ענדיקט זיך אַלע מאָל מיט דעם, וואָס דער באַצווינגער האָט אַ טרויעריקן סוף און דער אידעאַל פון גערעכטיקייט קומט דאָך אַרויס מיט אַ נצחון. אינעם פאַרברעכן ליגט די שטראָף.

אַזעלכעביישפּילן זענען אין דער אידישער געשיכטע פאַראַן אַ סך און זיי קענען דינען ווי אַ טרייסט אין די ביטערע צייטן, וואָס מיר לעבן איבער זינט היטלער האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן איבער דייטשלאַנד און זיך פאַרלייגט צו באַהערשן די גאַנצע וועלט און אויסראָטן דאָס אידישע פאָלק. נאָר אינעם ליכט פון די היסטאָרישע געשעענישן פון אַמאָל, קען זיך אין די פינצטערע

צייטן פון היינט שטאַרקן די האָפענונג אויף מאָרגן. און דאָס האָב איך אין זינען געהאַט ביים שרייבן דאָס ווערק „ד ע ר ס ו ף פ ו ן ש ו נ א י - י ש ר א ל ״, וואָס נעמט אַרום מער ווי דריי הונדערט יאָר אַלטע אידישע געשיכטע — פון די חשמונאים ביז נאָך דעם בר-כוכבא-אויפשטאַנד.

דאָס ווערק באַשטייט פון פיר באַזונדערע מאָנאָגראַפיעס, וואָס זענען דאָך פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער, און איך האָב דערויף לאַנג און מיט גרוים ליבשאַפט און התמדה געאַרבעט נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „פאָרווערטס״ אין טעגלעכע פאָרטזעצונגען. און נאָכדעם האָב איך דערויף ווידער אַ סך געאַרבעט ווען איך האָב דאָס צוגעגרייט אַרויסצוגעבן אין בוכפאָרם.

ביים שרייבן דאָס ווערק האָב איך געטאָן אַלץ וואָס ס׳איז נאָר געווען אין די גרענעצן פון מיין ווייסן, אַז ניט נאָר אַזעלכע וואָס האָבן אין זייער לעבן געהאַט די מעגלעכקייט צו שטודירן אידישע געשיכטע, זאָלן דאָס קענען לייענען מיט אינטערעס, נאָר אויך אַזעלכע וואָס האָבן אַזאַ מעגלעכקייט ניט געהאַט.

צוליב דעם האָב איך, ווי ווייט ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, אויסגעמיידט צו באַלעסטיקן דעם לייענער מיט צופיל אָנווייזונגען אויף די קוואַלן, מיט וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַנוצן. אַזעלכע אָנווייזונגען האָב איך געגעבן בלויז דאָרט, וואו זיי זענען, לויט מיין מיינונג, געווען אַבסאָלוט נויטיק, און אַ סך פון זיי האָב איך אַריינגענומען אינעם טעקסט און ניט אין ספּעציעלע אָנמערקונגען ביים סוף פון די זייטן. איך האָב דאָס געטאָן, כדי ניט אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער און ניט איבעררייסן דעם אינטערעס, וואָס זיי האָבן אינעם עיקר פונעם סיפור המעשה.

דאָס, האָב איך געדענקט, איז זייער וויכטיק. און איך וויל גלויבן, אַז אין די שווערע צייטן וואָס מיר לעבן איצט איבער, איז אַזאַ בוך אין אונדזער אידישער ליטעראַטור ניט נאָר ניצלעך, נאָר אויך נויטיק, און אויב דער אידישער לייענער וועט אין דעם ווערק געפינען כאָטש אַביסל טרייסט, וואָס וועט שטאַרקן אין אים די האָפענונג אויף אַ נצחון אין דעם קאַמף קעגן איינעם פון די ערגסטע שונאי-ישראל אין אונדזער געשיכטע, וועט דאָס פאַר מיר זיין די גרעסטע באַלוינונג.

***

און דאָ וויל איך זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט אויסצודריקן מיין דאַנק דעם „בילדונגס-קאָמיטעט״ פונעם אַרבעטער-

רינג, וואָס גיט אַרויס מיין ווערק „דער סוף פון שונאי־ישראל".
אַ באַזונדער דאַנק דריק איך אויס דעם דירעקטאָר פונעם „בילדונגס־קאָמיטעט", נ. כ אַ נ י ן; ער איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געפאַלן אויפן געדאַנק, אַז אַזאַ ווערק, וואָס קען די ברייטע אידישע מאַסן געבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אידישער געשיכטע, דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן פונעם „בילדונגס־קאָמיטעט", און איך האָף, אַז דאָס וועט זיין בלויז אַן אָנהויב פאַר נאָך אויסגאַבן פון דעם זעלבן מין.

איך וויל אויך דאַנקען י. קאַמינסקין, דעם פאַרוואַלטער פונעם „פ אַ ר לאַ ג אַ ר ב ע ט ע ר ־ ר י נ ג", דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי פיל געזאָרגט פאַר דער טעכנישער זייט פונעם בוך. ער האָט דערויף אַ סך צייט און מי אַוועקגעגעבן און ער האָט אויך צוגעקליבן די פּאַסיקע בילדער, וואָס זענען אַריין אין דעם בוך. איך דאַנק אים דערפאַר מיטן גאַנצן האַרצן.

מ. אַשעראַוויטש.

נאָוועמבער, 1942, ניו־יאָרק.

אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס

בוך איינס

1. אַנטיוכוס עפּיפאַנעס

א י נ ה א ל ט :

עטלעכע ווערטער — — — — — — — — — — — — — — — — 3—6

ערשטער קאַפּיטל

די שטילע עפּאָכע פאַרן שטורעם — — — — — — — — — — — — — — 9—19

צווייטער קאַפּיטל

אַנטיוכוס עפּיפאַנעס—אַנטיוכוס עפּימאַנעס — — — — — — — — — 20—28

דריטער קאַפּיטל

גזירות און בלבולים אויף אידן — — — — — — — — — — — — — 29—35

פערטער קאַפּיטל

פאַררעטער און אַפּטריניקע אין דער ראָלע פון „קולטור־טרעגער" 36—42

פינפטער קאַפּיטל

אַ ביישפּיל פאַר יונג און אַלט — — — — — — — — — — — — — 43—47

זעקסטער קאַפּיטל

חנה און אירע זיבן זין — — — — — — — — — — — — — — — 48—54

זיבעטער קאַפּיטל

דער אָנהויב פונעם חשמונאים־אויפשטאַנד — — — — — — — — — 55—65

אַכטער קאַפּיטל

יהודה המכביס ערשטע נצחונות — — — — — — — — — — — — 66—71

ניינטער קאַפּיטל

חנוכה—דער יום־טוב פון באַניאונג — — — — — — — — — — — 72—75

צענטער קאַפּיטל

דער סוף פון אַנטיוכוס הרשע — — — — — — — — — — — — — — 76—80

קאַפּיטל איינס

די שטילע עפּאָכע פאַרן שטורעם

אינעם לעבן פון יעדער פאָלק קומט אַמאָל אַ צייט, ווען ס'שטעלן זיך מיט אַ מאָל אָפּ די רעדער פון דער געשיכטע; עס גייען אַוועק יאָרן און יאָרן און ס'געשעט נישט קיין זאַך וואָס זאָל מאַכן אַזאַ שטאַרקן גערודער, אַז מ'זאָל דאָס דאַרפן פאַרשרייבן אויף אַ דראַמאַטישן שטייגער פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען שפּעטער. דאָס לעבן גייט זיך שטיל און רואיק און ס'ווייזט זיך נישט אין ערגעץ אַפילו קיין סימן פון אַ שטורעם, וואָס קלייבט זיך צו קומען. ביי די גרענעצן פון לאַנד דאַרף מען זיך פון קיינעם נישט באַשיצן און אויף קיינעם נישט אָנפאַלן. די מלוכה לעבט בשלום מיט אַלע שכנישע מלוכות און זי טראַכט גאָר נישט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי באַוואָפענען דאָס פאָלק און זיך גרייטן צו מלחמה, און אין לאַנד לעבט דאָס פאָלק בשלום און צווישן די מענטשן פון פאַרשיידנערליי שטאַנדן קומען נישט פאַר אַזעלכע שאַרפע רייסעריייען, וואָס זאָלן אַזוי צעטרייסלען דאָס נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פונעם פאָלק, אַז ס'זאָל זיין נויטיק דאָס צו פאַרשרייבן אין דער געשיכטע.

דאָס זענען די שטילע עפּאָכעס, וואָס זענען נישט „אינטערעסאַנט" פאַר די, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט שרייבן געשיכטע און אפשר אויך נישט פאַר די, וואָס לייענען זי און וואָס זוכן אין איר נאָר שטורמדיקע און שטאַרקע דראַמאַטישע פּאַסירונגען; פאַר זיי בלייבט אַזאַ עפּאָכע אַ ליידיקער בלאַט און זיי האָבן נישט מיט וואָס אים אויסצופילן. אָבער פאַר דעם פאָלק, וואָס לעבט אין אַזאַ עפּאָכע איז דאָס אַ גליק. און גערעכט איז דער ענגלישער היסטאָריקער טהאָמאַס באַרינגטאָן מעקאָלעי, וואָס האָט געזאָגט, אַז „גליקלעך איז דאָס פאָלק, וואָס האָט נישט קיין געשיכטע".

אין דער געשיכטע פון די אידן האָט זיך אַזאַ עפּאָכע אָנגעהויבן נאָך עזרא און נחמיה און זי האָט זיך געצויגן ביז דער צייט ווען אלכסנדר מוקדן האָט אָנגעהויבן זיינע גרויסע מלחמות און איז געוואָרן דער הערשער איבער אַ גאַנצער וועלט.

קנאפע הונדערט יאר האט יענע שטילע עפאכע אין דער אידישער געשיכטע געדויערט — פונעם יאר 424, וואס פאר דעם געבורט פון כריסטוס'ן, ביזן יאר 333 — און פון יענער צייט איז אין דער אידישער געשיכטע ניט פארשריבן קיין איין פאל, קיין איין געשעעניש, אויף וואס מ'זאל קענען אנווייזן און זאגן, אז דאס האט שטארק צערודערט דאס נאציאנאלע און געזעלשאפטלעכע לעבן פונעם פאלק און געמאכט א וויכטיקע איבערקערעניש.

עס איז ניט פארשריבן, ווייל ס'איז ניט געווען וואס צו פארשרייבן. עס ווערן קיין שטורמדיקע געשעענישן ניט דערמאנט פשוט דערפאר ווייל זיי זענען ניט פארגעקומען. צו אזא שלום קומען אלע פארשער פון אידישער געשיכטע אין די צייטן פון נאך עזראן און נחמיהן ביז דעם אויפשטייגן פון אלכסנדר מוקדן, אבער דאס מיינט ניט אז אין יענער שטילער עפאכע איז ווירקלעך גאר ניט פארגעקומען און אז די שאפנדיקע כוחות פונעם פאלק זענען אינגאנצן פארגליווערט געווארן.

אין די קנאפע הונדערט יאר, וואס זענען געקומען נאך עזראן און נחמיהן, האט מען ווייטער געצויגן די ארבעט פון זאמלען און אפהיטן די גייסטיקע אוצרות, וואס זענען פארלארן געגאנגען נאכן חורבן פונעם ערשטן בית־המקדש, און די וואס האבן יענע גייסטיקע אוצרות געזאמלט און אפגעהיט, האבן געטאן אלץ וואס זיי האבן נאר געקענט, אז דאס זאל זיין דאס אייגנטום און דער פונדאמענט פון לעבן ניט נאר פאר די איינצלנע און געציילטע, נאר אויך פארן גאנצן פאלק.

מ'האט זיך אין יענער שטילער עפאכע גייסטיק באוואפנט, מאראליש באפעסטיקט. און מ'קען זאגן, אז ווען ניט דאס, וואלט מען שפעטער געווים ניט געקענט ארויסווייזן אזא שטארקן ווידערשטאנד אינעם קאמף קעגן דער גריכישער קולטור, וואס האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן נאך די גרויסע נצחונות פון אלכסנדר מוקדן, און ס'וואלט אפשר געווען געקומען דערצו, אז אידישקייט זאל אינגאנצן אונטערגיין.

די שטילע עפאכע, אין וועלכער מ'האט זיך באוואפנט בלויז גייסטיק און זיך אפגעגעבן דערמיט וואס מ'האט פארשפרייט די תורה צווישן פאלק, האט צוגעגרייט דעם באדן פאר די חשמונאים. ווען ניט די ארבעט פון יענע שטילע מענטשן, וועמעס נעמען ס'זענען

גאָר ניט פאַרשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע, וואָלט דער אויפ־שטאַנד פון די חשמונאים קעגן אַנטיוכוס הרשע איינגאַנצן אומ־מעגלעך געווען.

געשטאַנען איז דאָן דאָס לאַנד פון די אידן אונטערן שוץ פון דער מעכטיקער פּערסישער מלוכה. דאָס אידישע פאָלק האָט גע־האַט פולע אויטאָנאָמיע. קיינער האָט די אידן ניט געשטערט אָפּ־צוהיטן זייערע דינים און מנהגים און זיך פירן אַזוי ווי זיי ווילן. זיי האָבן בלויז געדאַרפט צאָלן אַ געוויסע סומע געלט, יעדן יאָר ווי אַ צינז צו דער פּערסישער מלוכה, און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם צינז איז געווען דער כהן גדול.

ער איז געווען דער הויפּט פון דער אידישער מלוכה, וואָס איז לויט איר פאָרמע געווען אַ רעפּובליק, אָבער זיין מאַכט איז געווען באַגרענעצט און האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין דעם וואָס ביי דער פּערסישער מלוכה האָט ער אָפיציעל פאַרטראָטן דאָס אידישע פאָלק.

די מאַכט דורכצופירן די געזעצן אין לאַנד איז געווען אין די הענט פונעם גרויסן ב י ת ־ ד י ן , וואָס איז באַשטאַנען פון איין און זיבעציק ריכטער, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן. אויך יעדער שטאָט האָט געהאַט איר אייגענע פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן, און צו דעם איז נאָך געווען די כ נ ס ת ה ג ד ו ל ה , וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין ס ע נ אַ ט , און וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און צוואַנציק געלערנטע לייט. דאָס איז אָבער ניט געווען אַזאַ סענאַט ווי דער רוימישער; די אַנשי כנסת הגדולה האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן מיט קיין פּאָליטישע פראַגן, נאָר מיט קולטורעלע. זיי זענען געווען די, וואָס האָבן באַפעסטיקט די גייסטיקע פּאָזיציעס פונעם אידישן לעבן אין יענער צייט, און דאָס האָבן זיי מער ווי אַלץ אין זינען געהאַט מיט יעדער תקנה, וואָס זיי האָבן איינגעפירט.

עס איז אויך פאַראַן אַ סברה, אַז די כנסת־הגדולה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין קולטורעלע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס מ׳פלעגט צונויפרופן בלויז פון צייט צו צייט, ווען מ׳האָט געדאַרפט אַרויסגעבן וויכטיקע תקנות, וואָס מ׳דאַרף מאַכן באַקאַנט צווישן פאָלק. די אַנשי כנסת הגדולה האָבן די דאָזיקע תקנות געדאַרפט גוט באַטראַכטן און גוט־הייסן און בלויז דאַן זענען זיי אָנגענומען געוואָרן ווי געזעצן, וואָס מ׳מוז דורכפירן.

ווי הויך ס'איז אָפּגעשאַצט געוואָרן די וויכטיקע אַרבעט, וואָס די אַנשי כנסת הגדולה האָבן געטאָן אויפצוהאַלטן און ווייטער אַנטוויקלען דעם גייסט פון אידישקייט און פון דעם אידישן פאָלק, קען מען זען פון דעם, וואָס ס'ווערט וועגן זיי געזאָגט אין פרקי אָבות. „משה, — ווערט דאָרט געזאָגט, — האָט באַקומען די תורה אויפן באַרג סיני און זי איבערגעגעבן צו יהושע'ן און יהושע צו די זקנים און די זקנים צו די נביאים און די נביאים האָבן זי איבערגעגעבן צו די אַנשי כנסת הגדולה". *) זיי זענען, הייסט עס, די פינפטע אין דער ריי נאָך משה רבינו, אין וועמעס העגט ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן די תורה זי אָפּצוהיטן און זי צו פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק.

עס פעלן, לײַדער, די נויטיקע מאַטעריאַלן, וואָס וואָלטן געקענט גיבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן די תקנות, וואָס די אַנשי כנסת הגדולה האָבן איינגעפירט צו באַפעסטיקן וואָס שטאַרקער די גייסטיקע פּאָזיציעס, וואָס עזרא און נחמיה האָבן נאָך אָוועקגעשטעלט נאָך דעם ווי די אידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק פונעם גלות בבל און ווידער גענומען איינאָרדענען זייער לעבן אינעם אייגענעם לאַנד. ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן איז די גאַנצע אַרבעט פון די אַנשי כנסת־הגדולה געטאָן געוואָרן אין איינער פון יענע שטילע עפּאָכעס, וואָס רייצן ניט דעם היסטאָריקער צו פאַרשרייבן אַלץ מיט איינצלהייטן. און אויב ס'איז יאָ ערגעץ געווען פאַרשריבן, איז דאָס צו אונדז ניט דערגאַנגען. מ'ווייסט אָבער, אַז אין זייערע תקנות האָבן זיי זיך געפירט לויט פעסט אָוועקגעשטעלטע כללים; „זיי האָבן געזאָגט דריי זאַכן. — ווערט דערציילט אין פרקי אָבות. — זייט געוואָרנט ביים אַרויסגעבן אַ דין און גיט אַרויס אַ סך תלמידים און מאַכט אַ צוים צו דער תורה".

זיי זענען געווען זייער פאָרזיכטיק, די אַנשי כנסת הגדולה; זיי האָבן געהאַלטן, אַז ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ דין און מ'דאַרף אַרויסגעבן אַ משפּט, זאָל מען זיך ניט איילן, נאָר מ'זאָל זיך פריער גוט מיישב זיין; זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז ס'איז די פליכט פון יעדן געלערנטן צו פאַרשפּרייטן וויסן און אַרויסגעבן וואָס מער תלמידים, און זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז כדי די וואָס

*) פרקי אָבות א. א.

זענען ניט גרינגלעך באַקאַנט מיטן תוך פון דער אידישער תורה זאָלן זי דאָך אָפּהיטן, איז נויטיק צו מאַכן אַ צוים אַרום איר און פאַרבאַטן אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען פאַר זיך דוקא ניט קיין זינד, אָבער זיי קענען פירן צו אַ זינד.

געטאָן האָבן די אַנשי כנסת הגדולה זייער אַרבעט רואיק און שטיל. די מלוכה פון פּרס האָט זיך אין דעם ניט געמישט. דאָס גאַנצע אידישע לעבן איז דאַן בכלל געווען אַ רואיקס; עס זענען אין לאַנד ניט געווען קיין גרויסע גבירים, אָבער אויך ניט קיין אָרעמע לייט; דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ערד-אַרבעט און מיט פיצוכט און ס'זענען שוין אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געפירט האַנדל מיט אַנדערע לענדער. טהרת המשפחה איז ביי אידן דאַן געשטאַנען זייער הויך, איז די צאָל פון דער באַפעלקערונג וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. אידישע קינדער זענען דערצויגן געוואָרן לויטן אידישן גייסט: זיי האָבן געלערנט, זיי האָבן געאַרבעט; פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן ליב געהאַט דאָס לערנען, האָבן זיי אויך ליב געהאַט די אַרבעט, און אַזוי איז דאָס געגאַנגען פון דור צו דור, ביזן יאָר 333, וואָס פ אַ ר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, ווען אַלכסנדר מוקדן האָט צעבראָכן די מאַכט פון דער גרויסער פּערסישער קעניג-רייך און ס'האָבן פאַר אים אָנגעהויבן פאַלן לענדער און פעלקער.

צען יאָר האָבן זיי געדויערט די מלחמות, וואָס אַלכסנדר מוקדן האָט געפירט, און אין די צען יאָר האָט ער אינגאַנצן צעטרייסלט און צערודערט דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן פון לענדער און פעלקער, און אין דער וועלט-געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן די ה ע ל ע נ י ס ט י ש ע עפּאָכע — די פאַרשפּרייטונג פון דער גריכישער קולטור, וואָס האָט די אידן אויך ניט אויסגעלאָזט.

צום פריערדיקן רואיקן אידישן לעבן פון שטילן שאַפן און פלייסיקן זאַמלען איז געקומען אַ סוף. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אומרואיקע צייטן; קיין שטורם אין די לענדער וואו די חיילות פון אַלכסנדר מוקדן זענען אַריין איז ניט אַוועק אַזוי, אַז ער זאָל די אידן און זייער לאַנד אינגאַנצן אויסמיידן. און נאָך ערגער איז די לאַגע געוואָרן נאָך דעם ווי אַלכסנדר מוקדן איז, אינעם יאָר 323, פּלוצלינג געשטאָרבן. עס זענען אַוועק דורות און דורות און די יורשים פון דעם באַזיגער פון פעלקער און לענדער האָבן זיך אַלץ ניט געקענט צעטיילן מיט דער גרויסער ירושה וואָס ער האָט זיי

איבערגעלאָזן; זיי האָבן זיך אַלץ אַרומגעריסן צווישן זיך, און דער צענטער, וואו די מלחמות זענען אָנגעגאַנגען, איז געווען אין מצרים און אין סיריען.

עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי, אַז פון די אַלע יורשים וואָס האָבן זיך אַזוי געריסן צווישן זיך, זענען בלויז צוויי אַריין אין דער געשיכטע און ס׳זענען פון זיי שפּעטער אַרויסגעקומען קעניגלעכע דינאַסטיעס — די טאַלמישע און די סעליקישע.ביידע האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געשלאָגן פאַר דער הערשאַפט איבער מצרים און סיריען, און אין יענע מלחמות איז דאָס לאַנד פון די אידן איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און אַלע מאָל איז דאָס געשטעלט געוואָרן אונטערן שוץ פון איינער פון די צוויי דינאַסטיעס. ס׳האָט זיך געווענדט אָן דעם ווער ס׳איז אַרויסגעקומען מיט אַ נצחון אין דער לעצטער שלאַכט; ווען די טאַלמישע דינאַסטיע פון מצרים האָט זיך געשטאַרקט, איז דאָס לאַנד פון די אידן אַוועקגע־שטעלט געוואָרן אונטער איר שוץ, און ווען די סעליקישע דינאַסטיע פון סיריען האָט געהאַט די אויבערהאַנט, איז זי געוואָרן די הער־שערין איבער יהודה.

אין פאַרלויף פון די יאָרן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דורות און דורות, האָבן די אידן איינגעזען, אַז אונטער דער הערשאַפט פון דער טאַלמישער דינאַסטיע האָבן זיי מער פרייהייט ווי אונטער דער הערשאַפט פון דער סעליקישער, און דערפאַר איז צווישן די אידן שטענדיק געווען גרויס די צאָל פון די, וואָס האָבן געהאַלטן מיט מצרים און זי געשטיצט אין אירע מלחמות. און דערביי האָט מען געדאַרפט פירן זייער אַ פאָרזיכטיקע פּאָליטיק און ניט דער־צאָרענען צופיל דעם אָדער יענעם קעניג, וואָרים ווען אַ קעניג וואָס איז געווען דערצאָרנט פון דעם וואָס די אידן האָבן געהאַלטן מיטן צווייטן צד, איז אַרויסגעקומען מיט אַ נצחון אין דער מלחמה, האָט ער די אידן דאָס ניט פאַרשוויגן און גענומען נקמה פון זיי דערפאַר.

געפירט די פּאָליטיק האָט דער כהן גדול, און אויף אים האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן, ווייל ער איז געווען געטריי און איבערגעגעבן דעם פאָלק. און ווייל ער האָט געוואוסט ווי גרויס ס׳איז די סכנה, האָט ער געדאַרפט וועגן און מעסטן יעדער וואָרט און גוט אויסרע־כענען יעדן שריט, און דאָס איז ניט געווען פון די גרינגע זאַכן — ניט נאָר איבער דער אויסערלעכער לאַגע, נאָר אויך איבער דער

אינערלעכער; עס איז אין לאַנד שוין מער ניט געווען די אייניקייט וואָס פריער און די שטאַנדן שוין ניט די זעלבע וואָס אַ מאָל; ס'זע־נען דאָן שוין געווען אַ סך רייכע לייט, וואָס האָבן געפירט גאָר גרוי־סע געשעפטן מיט אַנדערע פעלקער; ס'זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זענען געוואָרן זייער רייך פון דעם וואָס זיי האָבן גענומען אין אָרענדע דאָס איינמאָנען די צינזן פאַר דער אויסלענדישער מלוכה, אונטער וועמעס שוץ די אידן זענען געשטאַנען. דאָס האָט זיי אַריינגעטראָגן זייער אַ גרויסע הכנסה, ווייל אין יענער צייט איז געווען איינגעפירט, אַז בלויז אין יהודה זאָל דער כהן גדול אַליין איינמאָנען די צינזן, אָבער אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד איז דאָס געטאָן געוואָרן פון די, וואָס האָבן ביי דער אויסלענדישער מלוכה אָפּגעקויפט די רעכט איינצומאָנען די צינזן ביי דער באַפעלקערונג, און זיי האָבן געוויינלעך איינגעמאָנט מער, כדי ס'זאָל פאַר זיי בלייבן אַ היפּשער חלק, און דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס אומצו־פרידנקייט ביי דער אָרעמער באַפעלקערונג.

די רייכסטע צווישן יענע לייט איז געווען אַ משפחה, וואָס מ'האָט גערופן די ב נ י ט ו ב י ה . אינאיינעם מיט די אַנ־דערע אויפגעקומענע רייכע לייט אין לאַנד, האָבן זיי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די געשעענישן פון יענער צייט; זיי זענען אַלע גע־ווען פון דעם מין, וואָס דערווייטערט זיך פון פאָלק; זיי זענען אַלע געווען מער פאַרגריכישט ווי פאַראידישט, און ווייל זיי האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן איינפלוס, צוליב דעם וואָס זיי זענען געשטאַנען נאָענט צום קעניגלעכן הויף אינעם שכנישן לאַנד, האָבן זיי אַלע מאָל געקענט אָנווענדן אַ דרוק אויף דער אויסערלעכער און אויך אויף דער אינערלעכער פּאָליטיק וואָס דער כהן גדול האָט געפירט, און דאָס האָט ניט ווייניק דערנידעריקט די גאַנצע כהונה גדולה, וואָס איז ביי אידן אַלע מאָל געשטאַנען זייער הויך.

דער לעצטער פון די כהנים גדולים, מיט וועמען דאָס פאָלק האָט נאָך געקענט און געמעגט שטאָלצירן אין יענער צייט, איז געווען שמעון דער צווייטער, וועמען מ'האָט גערופן שמעון הצדיק, ווי מ'קען דאָס זען פון דעם ווי אַזוי ער ווערט באַשריבן אינעם ספר בן סירא. *) ער איז געווען פון די לעצטע וואָס זענען געבליבן פון די אַנשי כנסת הגדולה, און ווי ס'ווערט דערציילט אין פּרקי

---

*) בן־סירא, נ, א—כ"ה.

אבות האט ער געזאגט, אז די וועלט שטייט אויף דריי זאכן — „על התורה ועל העבודה ועל גמילת חסדים”. פון דעם איז קלאר, אז ער האט זייער הויך געשעצט די עטיק פון דער אידישער תורה און די גוטע באציאונגען פון מענטש צו מענטש. עס איז אויך קלאר, אז ער האט הויך געהאלטן ארבעט, כאטש די אנגענומענע מיינונג איז, אז מיט „עבודה” האט שמעון הצדיק ניט גע־מיינט ארבעט, נאר די קרבנות, וואס מ'האט געבראכט אויפן מזבח אין דעם הייליקן טעמפל. ס'איז אבער אויך פאראן א גרונט צו גלויבן, אז ער האט מיט דעם געמיינט סתם ארבעט. אנדערש וואלט ער דאס אפשר ניט אריינגערעכנט צווישן די זאכן אויף וועלכע די גאנצע וועלט שטייט; ער וואלט דאס בלויז אריינגענומען צווישן די יסודות, אויף וועלכע ס'האלט זיך דער קיום פון דער אידישער אמונה אין דעם אייגענעם לאנד.

מיט זיין אויפפירונג, מיט זיין קלוגשאפט און אויך מיט זיין באציאונג צו מענטשן, איז שמעון הצדיק געווען א כבוד פארן פאלק. אבער ווי ס'איז שוין דערמאנט געווארן איז ער געווען דער לעצטער פון די אנשי כנסת הגדולה, און נאך דעם האבן זיך אנגעהויבן גאר אנדערע צייטן, און ניט אלע פון די כהנים גדולים, וואס זענען גע־קומען נאך אים אין יענער קריטישער עפאכע, ווען דאס לאנד פון די אידן איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, האבן געקענט זיין א כבוד פאר זייער פאלק. ס'זענען צווישן זיי שוין געווען אזעלכע, וואס האבן זיך ביסלעכווייז אינגאנצן דערווייטערט פונעם אידישן גלויבן, פון אידישע מנהגים, פון אידישער עטיק, ווייל זיי זענען שטארק באגייסטערט געווארן פאר דעם אויסערלעכן גלאנץ פון דער גריכישער קולטור, וואס האט זיך דאן געהאלטן אין פארשפרייטן אין די לענדער פונעם נאענטן מזרח. אפילו אין דער משפחה פון שמעון הצדיק אליין זענען געווען אזעלכע.

אינעם יאר 175, וואס פאר דער קריסטלעכער צייטרע־כענונג, איז אין דער סעליקישער דינאסטיע פארגעקומען א הויף־איבערקערעניש. איינער פון די קריגספירער מיטן נאמען הילידורוס האט דערהרגעט דעם קעניג, און דאן איז אנטיוכוס דער פערטער, וועלכער האט זיך שפעטער גערופן אנטיוכוס עפיפאנעס, געווארן דער קעניג פון סיריען, און דאס אליין איז געווען א שלעכטער אנזאג פאר די אידן אין א"י, ווייל ס'האט לאנג ניט געדויערט און מ'האט גלייך געקענט

זען, אַז דער נייער קעניג איז זייער אַ גרויזאַמער מענטש און אַז ער האַלט פון פאַרשפּרייטן מיט געוואַלד די גריכישע „קולטור" צווישן די פעלקער, וואָס שטייען אונטער זיין שוץ.

דער כהן גדול ביי אידן איז דאַן געווען חוניו דער דריטער, אַ זון פון שמעון הצדיק, און ער איז, ביז אַ געוויסן גראַד, געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער און האָט געפּרואווט פירן די אויסערלעכע פּאָליטיק פון לאַנד אַזוי, אַז ס'זאָל דערפון אַרויסקומען אַ טובה דעם פאָלק, און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אונטערן שוץ פון דער טאָל־מישער דינאַסטיע לעבט זיך די אידן בעסער און פרייער, איז ער געשטאַנען אויף דער זייט פון מצרים. אויך אין דער אינערלעכער פּאָליטיק פון לאַנד האָט ער געפּרואווט גיין אין די וועגן פון זיין פאָטער און געוואָלט ציען ווייטער דעם פאָדעם פון דעם לעבנס־שטייגער, וואָס ס'איז געווען איינגעפירט פון די אנשי כנסת הגדולה; אָבער ער האָט זיך דאָך ניט געוואָלט איינרייסן צופיל מיט די פאַר־גריכישטע אידן, וואָס זענען אַוועק אין אַנדערע וועגן און ער האָט זיך אָפּט פאַר זיי געבויגן, ווייל זיי זענען געווען די רייכסטע לייט אין לאַנד און במילא שוין אויך — די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע.

צווישן יענע לייט, וואָס האָבן געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס, איז אויך געווען דעם כהן גדולס אינגערער ברודער י ש ו ע , וועלכער איז אינגאַנצן אַוועק פון די וועגן, אויף וועלכע זיין גרוי־סער פאָטער שמעון הצדיק האָט אים געפירט; ער האָט ניט געהאַלטן — נישט פון תורה, נישט פון עבודה און אויך ניט פון גוטע באַצי־אונגען צווישן מענטש און מענטש. דעם אידישן נאָמען י ש ו ע האָט ער אויפגעגעבן און גענומען פאַר זיך דעם גריכישן נאָמען י אַ ז אָ ן ; בכלל האָט ער אין אַלץ אַרויסגעוויזן ווי באַגייסטערט ער איז פאַר יעדער זאַך, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון גריכישער קולטור און אויך פון גריכישער געצנדינעריי, און ער האָט אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט ווען ער וועט קע־נען אַרונטערוואַרפן דעם עלטערן ברודער און אַליין ווערן דער כהן גדול. ער האָט פּשוט צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג קעגן זיין עלטערן ברודער און ס'איז ביי אים געווען רעכט צו ברענגען אויף אים דעם טויט, און אין דער פאַרשווערונג זענען אויך געווען די רייכע פאַרגריכישטע אידן אין ירושלים, ווייל זיי האָט זיך בעסער געלוינט, אַז איינער, וואָס איז אינגאַנצן זייערער, זאָל זיין דער כהן גדול, און זיי האָבן געוואוסט, אַז מיט דער הילף פון דעם נייעם

גריכיש־סירישן קעניג אנטיוכוס וועלן זיי דאס קענען דורכפירן.

באנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט וואס חוניו דער כהן גדול איז דעמאלט אין ירושלים ניט געווען ,האט מען שטילערהייט פון דארט ארויסגעשיקט א דעלעגאציע צו אנטיוכוסן, און דער פירער פון דער דעלעגאציע איז געווען יאזאן.

די שוואכקייט פון דעם נייעם גריכיש־סירישן קעניג צו געלט האט יאזאן גוט געוואוסט, און ווי ס'ווערט דערציילט אינעם ספר חשמונאים ב. (ד, ה—י) האט ער צו אים גיזאגט גאנץ אפן און קלאר, אז אויב ער וועט אים מאכן פארן כהן גדול, וועט ער אים דערפאר געבן דריי הונדערט און זעכציק זילבערנע רענדלעך, צו דעם וועט ער צולייגן נאך אכציק רענדלעך צו די צינזן, וואס מ'מאנט איין אין לאנד, און חוץ דעם וועט ער געבן נאך הונדערט און פופציק זילבערנע רענדלעך אויב דער קיסר וועט אים געבן די רעכט אויסצובויען אין ירושלים שפילהייזער און סטאדיאנען, וואו אידישע יונגע לייט זאלן אינאיינעם מיט די גריכן מאכן גים־נאסטישע איבונגען נאקעטערהייט און זיך ראנגלען איינע מיט די אנדערע.

ארום און ארום האט יאזאן אנגעבאטן אנטיוכוסן א סומע פון פינף הונדערט און ניינציק זילבערנע רענדלעך, און כאטש ס'איז שווער פעסטצושטעלן גענוי וויפיל דאס האט באטראפן לויטן געלט פון דער היינטיקער צייט, קען מען אבער באשטימט זאגן, אז דאס איז געווען מער ווי א מיליאן דאלער לויט אמעריקאנער געלט, ווייל א זילבערן רענדל אין יענער צייט איז געווען אן ערך פון דריי הונדערט און פינף און זיבעציק פונט שטערלינג אין דער איצטיקער צייט.

פון דעם אליין, וואס מ'האט אנטיוכוסן געגעבן אזוי פיל געלט, אז ער זאל ארונטערזעצן חוניון און בעסער מאכן יאזאנען פארן כהן גדול איז קלאר, אז אין דער פארשווערונג זענען געווען פאר־מישט די רייכסטע לייט — אוודאי די גאנצע געלט־אריסטאקראטיע פון ירושלים. און כדי צו זיין זיכער, אז אנטיוכוס וועט זיך לאנג ניט דינגען און אז ס'וועט אים ניט איינפאלן, אז ער קען אפשר ביי חוניון ארויסקריגן נאך מער אויב ער וועט אים ווייטער לאזן פאר־בלייבן כהן גדול, האט יאזאן אים דערציילט, אז חוניו איז א פריינד פון דער טאלמישער דינאסטיע אין מצרים און א שונא פון דער סעליקישער, און דאס איז פארן גריכיש־סירישן קעניג געווען גענוג,

און ער האָט גלייך נאָכגעגעבן אַלץ, וואָס יאַזאָן און די אַנדערע שליחים פון ירושלים האָבן ביי אים געבעטן, און דאַן האָט חוניו גע־מוזט אַנטלויפן קיין מצרים צו ראַטעווען זיין לעבן. און מ׳קען זאָגן, אַז נאָך דעם ווי ער, דער עלטסטער זון פון שמעון הצדיק האָט געמוזט אַנטלויפן אין אַ פרעמד לאַנד צו ראַטעווען זיין לעבן, זענען אָפּגעווישט געוואָרן די לעצטע צייכנס פון דער אָרדענונג און פון דעם גייסטיקן לעבנסשטייגער, וואָס די אַנשי כנסת הגדולה האָבן געהאַט איינגעפירט, ווייל מיט דעם וואָס מ׳האָט זיך געווענדט צו אַנטיוכוסן, אַז ער זאָל זיך אַריינמישן אין דעם אינערלעכן קאַמף, האָט מען געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אין דעם שוין גיין אַלץ ווייַ־טער און זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך.

אַלעקסאַנדער מוקדן

קאַפּיטל צוויי

אַנטיוכוס עפּיפאַנעס — אַנטיוכוס עפּימאַנעס

אַנטיוכוס איז אין זיין נאַטור געווען אַ ווילדער טיראַן. אַמ־ביציעס האָט ער געהאַט זייער גרויסע און ער האָט זיך מיט די עלנבויגנס געוואָלט אַריינשפּאַרן אין דער געשיכטע אַזוי, אַז מ׳זאָל אויף אים אָנווייזן ווי אויף אַ צווייטן אַלכסנדר מוקדן. די קעניגרייך פון סיריען איז פאַר אים ניט געווען גענוג; ער האָט גע־וואָלט פאַרכאַפּן נאָך לענדער, באַזיגן נאָך פעלקער און פאַרשפּרייטן די מאַכט פון דער סעליקישער דינאַסטיע אַזוי ווייט, אַז מ׳זאָל אים האַלטן פאַר פונקט אַזאַ גרויסן העלד ווי אַלכסנדר מוקדן איז געווען אַמאָל. ער האָט דאָס אָבער ניט געקענט, ווייל די מאַכט פון רוים האָט זיך דאַן שוין געהאַט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַלץ ווייטער און ווייטער איבער די לענדער פונעם נאָענטן מזרח; ער אַליין האָט זיך דער רוימישער מאַכט דעמאָלט געמוזט אונטערוואַרפן; ער האָט איר געמוזט צאָלן שווערע צינזן נאָך אַ שלום־אָפּמאַך, וואָס איז אויף זיין קעניגרייך אַרויפגעצוואונגען געוואָרן, און איבער דעם איז ער געווען זייער פאַרביטערט און האָט זיך געפילט שטאַרק געקרענקט דערפון.

ווי אַנטיוכוס האָט זיך נאָר באַפעסטיקט אויף זיין טראָן, האָט ער גלייך אָנגעהויבן באַראַבעווען און באַגזלען די פעלקער וואָס זענען אונטער זיין שוץ געשטאַנען. ער האָט זיך מיט זיינע מחנות אַריינגעריסן אין די הייליקע טעמפּלען וואָס זענען אין די הויפּט־שטעט געשטאַנען און האָט פון דאָרט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער אַרויסגענומען. אויך אויפן הייליקן טעמפּל אין ירושלים האָט ער פון סאַמע אָנפאַנג אַן געהאַט אַן אויג, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ סך גאָלד און זילבער און אויך טייערע כלים, וואָס האָבן די ווערט אַ סך געלט.

ער האָט גענויטיקט האָבן געלט, דער קעניג פון סיריען, וועלכער האָט זיך הויך פאַרמאָסטן. וואָס מער געלט. און מיט דעם געלט

וואָס ער האָט אָנגעראַבעוועט ביי די פעלקער, וואָס זענען אונטער זיין שוץ געשטאַנען ,האָט ער צונויפגעשטעלט אַ גרויסע אַרמיי פון פוס־גייער און רייטער, און באַנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט וואָס רוים איז איצטער פאַרנומען מיט אַנדערע מלחמות, איז ער אָנגע־פאַלן אויף מצרים, און אין אַ קורצער צייט איז שוין דאָס גאַנצע לאַנד געווען ביי אים אין די הענט.

בלויז די שטאָט אַלעקסאַנדריע האָט ער ניט געקענט נעמען. דאָרטן האָט מען אים אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און צווישן די וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט אין דער מלחמה קעגן אַנטיוכוסן און זיינע חיילות, זענען אויך געווען די אידישע איינוואוינער פון אַלעקסאַנדריע.

זיין דער הערשער איבער מצרים, ווען אַלעקסאַנדריע איז ניט ביי אים אין די הענט, האָט אַנטיוכוס קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט, און ער איז דעריבער מיט זיין אַרמיי אַוועק צוריק. און שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען גרייט ווידער אַ מאָל אָנצופאַלן אויף אַלעקסאַנדריע מיט נאָך אַ גרעסערער אַרמיי ווי פריער, האָט דער קעניג פון מצרים זיך געווענדט קיין רוים און געבעטן מ׳זאָל ראַטע־ווען זיין לאַנד, ווייל אַנטיוכוס וויל עס פאַרכאַפּן און עס איינשליסן אין זיין קעניגרייך.

גראָד איז דאָס אויסגעקומען אין אַ צייט ווען רוים האָט שוין מער קיין אַנדערע מלחמות ניט געהאַט; די רוימישע אַרמיי האָט אין דער לעצטער שלאַכט ביי פּידנאַ אינגאַנצן צעקלאַפּט די מחנות פון דעם לעצטן מאַקעדאָנישן הערשער און די אַמאָליקע קעניגרייך פון דעם גרויסן אַלכסנדר מוקדן איז געוואָרן אַ רוימישע פּראָווינץ. און ווייל ס׳האָט זיך דער רוימישער מאַכט ניט געלוינט אַז אַנטיוכוס זאָל וואַרן צו שטאַרק און זיין קעניגרייך צו גרויס, האָט זי באַשלאָסן אים אָפּצושטעלן און אים ניט לאָזן גיין ווייטער.

דער אופן ווי אַזוי רוים האָט דעמאָלט אָפּגעשטעלט דעם לענ־דער־פאַרכאַפּער אַנטיוכוס עפּיפאַנעס און דערמיט געראַטעוועט די זעלבסטשטענדיקייט פונעם לאַנד מצרים, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די דיפּלאָמאַטישע מעטאָדן פון יענער צייט.

דער רוימישער סענאַט האָט דורך אַ באַזונדער שליח צוגע־שיקט צו אַנטיוכוסן אַ פאַרזיגלטן בריוו מיט אַ וואָרענונג, און אויס־

געקליבן אלס אַ שליח האָט זי איינעם, וואָס האָט אַנטיוכוסן גוט געקענט און וואָס איז מיט אים געווען באַפריינדעט נאָך פון אַמאָל.

פּאָפּיליוס לאַענאַס האָט דער שליח געהייסן. און געווען איז דאָס אַ מענטש, וואָס פאַרלירט זיך קיין מאָל ניט אַפילו אויף אַן אויגנבליק און וואָס באַנוצט ניט קיין סך ווערטער ווען ער דאַרף יענעם געבן צו פאַרשטיין, אַז אַלע רייד וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן, ווייל ער האָט שוין ביי זיך זיינס אָפּגעמאַכט און אַזוי וועט עס מוזן בלייבן.

מ׳האָט זיך אויף אים געקענט פאַרלאָזן.

אַוועק צו אַנטיוכוסן איז פּאָפּיליוס ניט אַליין, נאָר מיט זיינע גוט־באַוואָפנטע לייב־וועכטער, און געטראָפן האָט ער זיך מיט אים ביים ברעג פונעם ים, ניט ווייט פון דער שטאָט אַלעקסאַנדריע.

ווען דער קעניג פון סיריען האָט פּאָפּיליוסן דערזען, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים, ווי מען דערפרייט זיך געוויינלעך מיט אַן אַלטן גוטן פריינד; ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט אים אַרומצונעמען. אָבער פּאָפּיליוס האָט אים מיט קאַלטער איידל־קייט געגעבן אַ צייכן, אַז ער זאָל בלייבן שטיין אויפן אָרט און אים ניט אַרומנעמען.

„פריער לייען איבער דעם פאַרזיגלטן בריוו, וואָס איך האָב צו דיר פונעם סענאַט געבראַכט, — האָט דער שליח פון דער רוימי־שער רעפּובליק געזאָגט צום קעניג פון סיריען, — לייען איבער און גיב מיר אַן ענטפער, און דאַן וועלן מיר זען צי מיר קענען איינער מיטן אַנדערן נאָך רעדן ווי אַלטע גוטע פריינד“.

אַנטיוכוס האָט זיך פאַרלאָרן; ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז פּאָפּיליוסעס קומען צו אים, זאָגט ניט אַן קיין גוטס. און נאָך מער פאַרלאָרן האָט ער זיך ווען ער האָט דעם פאַרזיגלטן בריוו געעפנט און איבערגעלייענט וואָס דאָרט שטייט.

דאָרט זענען בלויז עטלעכע געציילטע ווערטער געשטאַנען — ווערטער, וואָס האָבן קורץ אָבער שאַרף, די ערשטע און לעצטע וואָרענונג געגעבן:

„אַנטיוכוס, דו וועסט מיט מצרים קיין מלחמה ניט האַלטן!“

ניט „דו זאָלסט ניט“, וואָס קען נאָך אין די אויערן פון דעם ניי־אויפגעקומענעם דעספּאָט קלינגען ווי אַן אַפּיל

צו זיין שכל, אָדער צו זיין האַרץ, נאָר — „ד ו ו ו ע ס ט נ י ט ! . . .“

אַ צעטומלטער, אַ פאַרלאָרענער, האָט אַנטיוכוס געבעטן ביי פּאָפּיליוסן ער זאָל אים געבן צייט; ער וויל זיך פריער האַלטן אַן עצה מיט זיינע נאָענטע פריינד וועגן דעם, און נאָך דעם וועט ער געבן אַן ענטפער. אָבער פּאָפּיליוס האָט געפאָדערט, אַז אַנטיוכוס זאָל דעם ענטפער שוין געבן אויפן אָרט; ער האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט פאָלגן, מיינט דאָס, אַז דער שלום-אָפּמאַך איז בטול און רוים וועט אָקעגן אים אַרויס אין אַ מלחמה. און ווען אַנטיוכוס האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיך פריער כאָטש אַליין באַטראַכטן, האָט פּאָפּיליוס מיט דער שווערד אַנגעצייכנט אויפן זאַמד אַ קיילעכדיקן צירקל אַרום אים, און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן אַנגעצייכנטן צירקל, האָט ער געזאָגט:

„דאָ שטיי און טראַכט . . . און — ריר זיך ניט פון דאַנען איידער דו גיסט מיר אַן ענטפער!“

עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס דער ניי-אויפגעקומענער דעספּאָט, וועלכער איז געווען אַזאַ „העלד“ צו פייניקן און אונטערדריקן שוואַכע פעלקער, האָט געפילט אין יענעם מאָמענט, ווען דער שטרענגער שליח פון דער מעכטיקער רוימישער רעפּובליק האָט צו אים אַזוי גערעדט און אים אַזוי באַהאַנדלט. פאַר אַ מלחמה מיט רוים האָט ער זיך שטאַרק געשראָקן; מיט אַזאַ גרויסער מאַכט האָט ער זיך אין כחות ניט געקענט פאַרמעסטן; ער האָט געקענט פייניקן און שטיקן בלויז שוואַכערע פון זיך; פאַר שטאַרקערע אָבער האָט ער מורא געהאַט; עס האָט אים אויסגעפעלט מוט מיט זיי זיך אַנצוהייבן. און אַנבייגנדיק דעם קאָפּ האָט ער, שטייענדיק אַ דערשלאָגענער אין דעם אַנגעצייכנטן צירקל, וואָס אויף דער זאַמד געענטפערט:

„איך וועל פאָלגן דעם סענאַט!“

און ערשט דאַן איז דער שטרענגער פּאָפּיליוס געוואָרן ווייכער, און אויסשטרעקנדיק די האַנט צו אַנטיוכוסן, האָט ער צו אים מיט אַ שמייכל געזאָגט:

„איצט קענען מיר איינער צום אַנדערן רעדן ווי אַלטע גוטע פריינד“.

און טאַקע באַלד האָט דער קעניג פון סיריען געמוזט אַרויסגעבן אַ באַפעל, אַז די גאַנצע אַרמיי זיינע זאָל זיך צוריקציִען. ער אַליין

האָט געמוזט שטיין און קוקן ווי די טויזנטער און טויזנטער פון זיינע באוואָפנטע זעלנער גייען אין מחנות צוריק אויף דעם וועג פון וואַנען זיי זענען געקומען, ווייל רוים לאָזט ניט זיי זאָלן זיך אריינ־רייסן קיין מצרים. ער האָט זיך געפילט געפאַלן אין די אויגן פון זיינע אייגענע חיילות; ער האָט זיך געשעמט פאַר זיי. און די גאַנצע צייט איז ער געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און האָט די אויגן פון דער ערד ניט אויפגעהויבן. און לעבן אים איז געשטאַ־נען דער רוימער פּאָפּיליוס, אַ שטאָלצער, אַ גלייך אויסגעצויגענער און ער האָט געקוקט מיט נצחון אויף די גריכיש־סירישע מחנות וואָס ציען זיך צוריק.

נאָך דעם האָט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט בארויקן. און ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל אין אַ צייט ווען ער האָט זיך ניט געקענט בארויקן איבער עפּעס וואָס האָט אים שטאַרק צערודערט, האָט ער צופּיל וויין געטרונקען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, און איבער דעם האָבן זיינע נאָענטע הויפלייט און ראַטגעבער פון אים ניט געקענט אריבערטראָגן, ווייל ווען ער איז געווען שיכור, איז ער געווען שרעקלעך ווילד און האָט אויף אַלע־מען אַ מורא ארויפגעוואָרפן.

ער האָט געזוכט עפּעס, וואָס זאָל שטילן זיין צאָרן, וואָס זאָל היילן זיין טיפן ווייטיק און פאַרדרוס, און ווי ס׳איז שוין דער שטייגער פון געשלאָגענע און ניט־דערשלאָגענע דעספּאָטן, האָט ער דעם גאַנצן כעס זיינעם אויסגעלאָזט צו די, וואָס זענען שוואַכער פון אים — ער האָט זיך מיט אַ ווילדער רציחה ארויפגעוואָרפן אויפן לאַנד פון די אידן און אָנגעהויבן פּייניקן און מאַטערן דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז אים נאָך פון פריער געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן.

***

כדי עס זאָל זיין קלאָרער דאָס וואָס ס׳וועט דאָ דערציילט ווערן ווייטער וועגן דעם וואָס אַנטיוכוס האָט געטאָן צו די אידן אין די עלף יאָר, וואָס ער איז געווען דער קעניג פון סיריען, איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אַביסל לענגער אויף זיין כאַראַקטער און אויסמאָלן וואָס פאַר אַ מענטש ער איז געווען.

דאָס איז ניט קיין לייכטע זאַך, ווייל דער מענטש האָט אין זיך געהאַט אַזוי פיל ווידערשפּרוכן, אַז אַפילו די, וואָס האָבן גע־לעבט אין זיין צייט און אים נאָענט געקענט, האָבן אַליין ניט גע־וואוסט, צי ער איז ווילד און גרויזאַם דערפאַר וואָס ער איז פּשוט

משוגע, אָדער ער מאַכט זיך משוגע כדי דערמיט צו פאַרדעקן זיין ווילדקייט און גרויזאַמקייט.

צו איין מענטשן האָט ער געקענט אַרויסווייזן גוטס און שלעכטס, ליבע און האַס אין איין און דער זעלבער צייט.

ער האָט אַ מאָל געקענט זיין גרויס אין קליינקייטן, און באַלד אויפן אָרט — זייער קליינלעך אין גרויסקייטן.

פון מוראַדיקער עקשנות ביז צעקראַכענער ווייכקייט איז ביי אים געווען איין שפּאַן.

ער האָט אין זיך פאַראייניקט די ערגסטע שטריכן פון אַ שלעכטן רוימער און אַ שלעכטן גריך.

אויף אַלע מענטשן האָט ער געקוקט מיט ביטול און פאַר־אַכטונג.

קיין זאַך אין דער וועלט איז ביי אים ניט געווען הייליק.

ער האָט אַליין ניט געהאַט קיין גלויבן, כאָטש ער האָט אַזוי איינגעלייגט וועלטן און פאַרגאָסן אַזוי פיל בלוט אַרויפצוצווינגען דעם גלויבן אין די גריכישע געטער אויף אַלע פעלקער וואָס האָבן די ערד פון זיין קעניגרייך באַוואוינט.

און אויף געשלאָגענע און אומגליקלעכע מענטשן האָט ער קיין רחמנות ניט געהאַט, און ער האָט הנאה געהאַט פון דעם וואָס ער פייניקט די, וואָס זענען צו אים אין די הענט אַריינגעפאַלן.

אַ זייער געלונגענע כאַראַקטעריסטיק פון אַנטיוכוסן גיט דער גריכישער היסטאָריקער פּ אָ ל י ב י ו ס.

„פון צייט צו צייט. — זאָגט פּאָליביוס. — פלעגט ער זיך שטי־לערהייט אַרויסגנבענען פונעם פּאַלאַץ און דאַן האָט מען אים געזען אַלע מאָל ערגעץ אַנדערש זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן מיט דעם אָדער מיט יענעם. זייער אָפט האָט מען אים געקענט טרעפן אין די ווערקשטאַטן פון די זילבערשמידן און גאָלדשמידן, און דאָרט האָט ער מיט די פורעם־גיסער און אַנדערע מייסטערס גלאַט גע־פּלוידערט, כדי צו מאַכן אויף זיי דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס האָט זייער ליב קונסט. ער פלעגט זיך אויך אַרומטערלאָזן און ווערן אַ גוטער ברודער מיט וועמען ס׳האָט זיך נאָר געמאַכט, און מיט די נידעריקסטע מענטשן, וואָס ער האָט דאָס ערשטע מאָל געטראָפן, האָט ער געשכורט און געהוליעט. אָבער אַלע מאָל, ווי ער האָט נאָר דערהערט, אַז יונגע מענטשן פאַרברענגען ערגעץ פריילעך, האָט ער געכאַפּט און איז געקומען צולויפן אַהין מיט אַ טרומייט

און מיט אַ בלאַזזאַק-פייפל און דערמיט אַלעמען איבערגעשראָקן, אַז זיי זאָלן זיך צולויפן אין גרוים איילעניש און איבערלאָזן אַלעס.

„אַפט מאָל האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קעניגלעכע קליי־דער און אַרויסכאַפּנדיק אויף זיך אַ רוימישן אויבער-מאַנטל, איז ער אַוועק אינעם „פאָרום", וואו עס האָט זיך געפונען דער מאַרק און אויך די געריכטן, וואו מ'האָט אויסגעהערט די טענות פון די צדדים, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט צווישן זיך, און דאָרט האָט ער געבעטן מ'זאָל אים באַשטימען אויף וועלכן ס'ניט איז אמט. דערביי האָט ער אַלע מאָל אַן אַנדערן ביי דער האַנט אָנגעכאַפּט, אַלע מאָל אַן אַנדערן מיט ביידע הענט אַרומגענומען און זיך געבעטן, מ'זאָל פאַר אים שטימען און מ'זאָל אים אויסקלייבן פאַר אַ ריכטער. און ווען עס האָט זיך אים איינגעגעבן און ער איז טאַקע אויסגעקליבן גע־וואָרן פאַר אַ ריכטער און מ'האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול פון עלפנטביין, פלעגט ער ערנסט אויסהערן די טענות פון די צוויי צדדים, וואָס האָבן זיך פאַר אים געמשפט און האָט אַרויסגעגעבן דווקא אַ געוויסנהאַפטן אורטייל.

„מענטשן זענען איבער דעם געווען צעמישט און האָבן ניט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ פאַרשוין ער איז. אייניקע האָבן געדענקט, אַז ער איז גלאַט אַ פּשוטער און גראָבער פאַרשוין און אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ער איז פּשוט אַ משוגענער.

„אויך זיין שטייגער פון טיילן מתנות איז געווען אַ מאָדנער, אַז מ'האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין. אייניקע פלעגט ער גיבן ווירפל-ביינדלעך פאַר מתנות, אַנדערע האָט ער געגעבן טייטלען. און ס'זענען אויך געווען אַזעלכע, וועמען ער האָט געגעבן גאָלד. אָבער ווען ער האָט אַמאָל געטראָפן אַזעלכע מענטשן וואָס ער האָט פריער קיין מאָל ניט געזען, האָט ער געגעבן גאָר אַנדערע מתנות.

„אין די קרבנות וואָס ער האָט מקריב געווען אין די שטעט, און אין דעם כבוד וואָס ער האָט אָפּגעגעבן די געטער, האָט ער איבערגע־שטיגן אַלע אַנדערע קעניגן. דאָס קען מען זען פון דעם טעמפּל, וואָס ער האָט אויסגעבויט פאַרן גריכישן גאָט זעאוס אין דער שטאָט אַטען, און פון די סטאַטועס אַרום דעם מזבח אין דעלאָס.

„ער האָט ליב געהאַט זיך צו באָדן דווקא אין דער קהלשער באָד, און דווקא ווען זי איז געווען געפּאַקט מיט די שטענדיקע באַזוכער, און אַהין האָט מען פאַר אים געבראַכט אין כלים די

טייערסטע זאַלבן און פּערפיומען. און איין מאָל, ווען איינער האָט אים אין באָד געזאָגט: „דיר, גרויסער קעניג, איז וואויל וואָס דו האָסט אַזעלכע פּערפיומען, וואָס שמעקן אַזוי גוט", איז אַנטיוכוס אויף מאָרגן ווידער געקומען אין באָד אַריין, און צוגייענדיק צו דעם אָרט וואו יענער מענטש האָט זיך געבאָדן, האָט ער, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אויסגעגאָסן אויף אים אַ פולע כלי פון דעם טייערסטן שמעקעדיקן פלאַנצן-זאַפט, וואָס הייסט „סטאַקטיע", און ווען די אַנדערע אין באָד האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך געגעבן אַ לאָז אַהין; אַלע האָבן געוואָלט וואַשן זייערע לייבער מיט דעם טייערן, שמעקעדיקן פלאַנצן-זאַפט. נאָר אַזוי ווי ס'איז איבער דעם געוואָרן גליטשיק, זענען אַ סך מענטשן געפאַלן, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ סך געלעכטער, און דער קעניג אַליין האָט אינאיינעם מיט אַלעמען געלאַכט און געלאַכט".

אַזוי שילדערט אַנטיוכוסן דער גריכישער היסטאָריקער פּאָלי-ביוס, וועלכער האָט אים פּערזענלעך געקענט.

פון אויבן אויף קען מען פון דעם אפשר האָבן דעם איינדרוק, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מענטשן, וואָס איז גלאַט אַ גוטמוטיקער לץ, אַ צעבאַלעוועטער, אַן „אינטערעסאַנטער טיפּ", וואָס בעט זיך ממש אַז מ'זאָל אים אַריינגעמען אין די בלעטער פון אַן אויסגע-טראַכטן ראָמאַן. אָבער ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז צו די אַלע זאַכן איז ער נאָך געווען שרעקלעך ברוטאַל און גרויזאַם, ניט געוואָלט וויסן פון קיין מיטל-וועג ביים אויסקומען מיט אַזעלכע, וואָס זענען שוואַכער פון אים, זיך געוואָרפן פון איין עקסטרעם צום אַנדערן, און אַז געווען איז ער ניט קיין „אינטערעסאַנטער טיפּ" אין אַן אויסגעטראַכטן ראָמאַן, נאָר אַ קעניג, אַ הערשער, וואָס האַלט אין זיינע הענט דעם גורל פון פעלקער און לענדער — דאַן באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער איינדרוק.

ווען אַ לץ ווערט אַ הערשער און קריגט אַריין מאַכט אין זיינע הענט, ווערט ער געפערלעך.

דאַן קען מען שוין פון זיין גוטמוטיקן לצנות ניט אַנקוועלן. זיין גרויזאַמקייט ווישט אַלעם אָפּ. און ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס אפילו די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט און אים נאָענט געקענט, האָבן אַליין ניט געוואוסט צי ער איז ווילד און גרויזאַם דערפאַר וואָס ער איז פשוט משוגע, אָדער ער מאַכט זיך משוגע, כדי דערמיט צו פאַרדעקן זיין ווילדקייט און גרויזאַמקייט.

עס איז אויך קיין וואונדער ניט וואָס דער זעלבער גריכישער היסטאָריקער פּאָליביוס האָט אַנטיוכוסן געקרוינט מיטן נאָמען „עפּימאַנעס“, וואָס ס׳מיינט „דער משוגענער“, אַנשטאָט „עפּיפאַ־נעס“, וואָס ס׳מיינט „דער גלענצנדיקער“.

פון אַלץ, וואָס מ׳ווייסט וועגן אַנטיוכוסן און זיינע מעשים איז קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ משוגענער.

אַ טיראַן און אַ משוגענער.

און אין די הענט פון אַזאַ מענטשן איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גורל פון דעם אידישן פאָלק.

קאַפּיטל דריי

גזירות און בלבולים אויף אידן

אַיבער דעם וואָס די מורא פאַר רוים איז אַנטיוכוסן שטענדיק געהאַנגען איבערן קאָפּ און ער האָט קיין פרעמדע לענדער ניט געקענט פאַרכאַפּן, האָט ער געווילדעוועט אין זיין אייגענער קעניגרייך. ער האָט די פעלקער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער זיין שוץ געדאַרפט ווייזן, אַז ער איז שטאַרק און מעכטיק, כדי דערמיט אָפּצעווישן דעם איינדרוק וואָס מ׳האָט געהאַט פון דעם וואָס ער האָט אַזוי מורא פאַר רוים.

ער האָט די גאַנצע צייט געטרוימט וועגן אַ צייט, ווען ער וועט ווערן אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז ער וועט מער פאַר רוים ניט דאַרפן האָבן קיין מורא און וועט קענען טאָן וואָס ער וויל, ניט נאָר אין זיין אייגענער קעניגרייך, נאָר ער וועט אויך קענען פאַר־כאַפּן פרעמדע לענדער און דאָרט אויך טאָן וואָס ער וויל און וואָס אים געפעלט.

און דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אורזאַכן פאַר וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, אַז אין זיין קעניגרייך זאָל זיין „איין גלויבן און איין געזעץ פאַר אַלעמען״. ער האָט פון די אַלע פאַרשיידענע פעלקער אין זיין מלוכה געוואָלט מאַכן איין פאָלק מיט איין גלויבן, און פון דעם האָט ער די אידן ניט אויס־געשלאָסן און ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון זייער תורה און פון זייערע מנהגים.

אַן אַנדערער וואָלט דאָס אפשר געטאָן איידעלער, ניט מיט אַזאַ אימפּעט, ניט מיט אַזאַ ברען. אַנטיוכוס עפּיפאַנעס אָבער האָט קיין געדולד ניט געהאַט. פּונקט ווי אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער אין דעם אויך געברענט און געפלאַקערט. ער האָט מיט אַ באַפעל אין איין טאָג געוואָלט אומוואַרפן זיילן, וואָס זענען שוין

טויזנטער יאָרן געשטאַנען פעסט. ער האָט געמיינט, אַז מיטן שטעמפּל פון זיין סיגנעט קען ער אין איין אויגנבליק אָפּווישן אַ גלויבן, וואָס האָט זיך אין אַ משך פון דורות און דורות טיף איינגעוואָרצלט אין די הערצער און אין די מוחות פון אַ פאָלק.

מיט די אַנדערע פעלקער פון זיין קעניגרייך האָט ער אין דעם קיין גאָר שווערע אַרבעט ניט געהאַט. זיי זענען אַלע געווען געצנדינער, און מיט דעם וואָס זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַפעל צו דינען צו די גריכישע געטער, האָבן זיי גאָרניט פאַרלאָרן. די מאָראַל איז ביי זיי סיי ווי סיי געווען די זעלבע. אויך אין די מנהגים פון זייער שטייגער־לעבן זענען זיי געווען גלייך, און ס׳האָט ביי זיי ניט אויסגעמאַכט צו פאַרמערן די צאָל פון די אַלטע געטער, וואָס זיי האָבן שוין פון פריער געהאַט, מיט נאָך עטלעכע נייע געטער, וואָס דער קעניג אַנטיוכוס האָט זיי צוגעגעבן.

גאָר אַנדערש איז אָבער געווען מיט די אידן. זיי זענען דאָן געווען דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט געגלויבט אין א י י ן ג א ט. די דינים פון דער תורה און אויך די מנהגים לויט וועלכע זיי האָבן זיך געפירט, זענען געווען פאַרבונדן ניט נאָר מיט זייער גלויבן, נאָר אויך מיטן סאַמע תוך, מיטן עיקר פון זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער. די תורה, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון משהן ביים באַרג סיני, האָט מיט זיך פאַרקערפּערט ניט נאָר אַ ר ע ל י ג י ע, וואָס איז געווען אַנדערש ווי די רעליגיעס פון אַנדערע פעלקער, נאָר אויך אַן ע ט י ק, וואָס איז געווען אַנדערש. דאָס זענען געווען צוויי וויַיטע באַזונדערע וועלטן, וואָס האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט צונויפשמעלצן און ווערן איינס. צוויי באַזונדערע וועלט־אויפפאַסונגען, וואָס זענען פונקט דער היפוך איינער פונעם אַנדערן. און דערפאַר האָט זיך אַנטיוכוס עפּיפאַנעס אַנגעשטויסן אָן אַזאַ פעסטער אייזערנער וואַנט ווען ער האָט זיך מיט אַזאַ ווילדער עקשנות אַ נעם געטאָן אויסראָטן דעם אידישן גלויבן און אַרויפצווינגען אויף די אידן דעם גלויבן אין די גריכישע געטער.

ביז אויף די אידן דערפאַר וואָס זיי ווילן זיך ניט אויסמישן מיט די אַנדערע פעלקער איז אַנטיוכוס געווען נאָך פון פריער. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַוועק מיט זיינע חיילות איינצונעמען דאָס לאַנד מצרים, האָט זיך אין יהודה פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז געפאַלן אין דער מלחמה, און דאָן איז אין ירושלים געווען אַ

גרויסע פרייד, ווייל דאָס פאָלק האָט געמיינט, אַז ס׳איז שוין באַפרייט געוואָרן פון דעם רשע, וואָס האָט זיך פאַרלייגט זיי צו פאַרטיליקן. דאָס האָט ביי אַנטיוכוסן אַרויסגערופן גרויס צאָרן, און ווען ער האָט זיך דאַן צוריק אומגעקערט פון דער מלחמה, איז ער אַריין קיין ירושלים און האָט דאָרט געמאַכט אַ שחיטה. אין דריי טעג צייט האָט ער דאָרט אויסגעשאָכטן טויזנטער מענטשן, און צווישן זיי זענען געווען אַ סך פרויען און קליינע קינדער. אָן רחמנות האָבן זיינע באַוואָפנטע לייט אויסגעהרגעט אַלטע און יונגע; אַפילו אויף קליינע עופהלעך ביי דער מאַמעס ברוסט האָט מען זיך ניט דערבאַרעמט. אַזוי איז געווען אַנטיוכוסעס באַפעל. די צאָל פון די, וואָס מ׳האָט דאַן גענומען אין געפענקעניש און פאַרקויפט פאַר קנעכט, האָט דערגרייכט ביז פערציק טויזנט. און אין

אַנטיוכוס פאַרשוועכט די הייליקייט פון דעם טעמפּל
(פון אַן אַלט בילד, געמאָלן פון פ. דזש. לאוטהערבורג)

יענער צייט האָט זיך דאָס אַנטיוכוס ס׳ערשטע מאָל אַריינגעריסן אין בית המקדש און אַרויסגעפירט פון דאָרט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער און די טייערסטע כלים, וואָס ער האָט דאָרט געפונען.

עס איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז דאָס בית המקדש אין ירושלים, פּונקט ווי די הייליקע טעמפּלען ביי אַנדערע פעלקער, האָט אין יענער צייט אויך געדינט ווי אַ מין באַנק פאַרן פאָלק, ווייל קיין אַנדער בנין אין ירושלים איז ניט געווען אַזוי באַפעסטיקט און אַזוי באַוואַכט ווי דאָס בית המקדש. פון זיכערקייט וועגן האָבן אידן דאָרט געהאַלטן זייער געלט און אויך די טייערע גילדענע און זיל־בערנע כלים, וואָס מ׳האָט געוויינלעך באַנוצט בלויז אין אויסערגע־וויינלעכע פאַלן. און ניט נאָר דאָס געלט פון די רייכע און פאַר־מעגלעכע לייט איז אין דעם בית המקדש געלעגן, נאָר אויך דאָס געלט וואָס אידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן אַריינגעשיקט, צאָלנ־דיק דעם קאָפּ־שטייער, וואָס זיי האָבן אַליין גענומען אויף זיך, און דאָס געלט, וואָס אָרעמע לייט האָבן פון שווערער אַרבעט אָפּגע־שפּאָרט, און דאָס געלט פון אַלמנות און יתומים וואָס זענען גע־בליבן אָן שפּייזער, און דאָס געלט פון זקנים וואָס זענען געבליבן עלנט אויף דער עלטער — אַלץ האָט מען אינעם הייליקן טעמפּל גע־האַלטן, ווייל דאָרט איז דאָס געווען זיכערער ווי אומעטום.

דאָס באַראַבעווען דעם בית המקדש איז דעריבער געווען ניט בלויז אַ פאַרשוועכונג פון אַ הייליקייט, ניט בלויז אַ חלול השם — ס׳איז אויך געווען פּשוטע גזילה. אַנטיוכוס האָט פונעם הייליקן טעמפּל אַרויסגעפירט ניט נאָר דעם גילדענעם מזבח, די מנורה, דעם גילדענעם טיש פונעם לחם־הפּנים און די אַלע טייערע כלים און באַפּוצונגען; ער האָט פון דאָרט אויך אַרויסגעפירט אַלץ, וואָס טויזנטער און טויזנטער איינצלנע מענטשן האָבן פון שווערער מי אָפּגעשפּאָרט — ער האָט באַראַבעוועט דאָס פאָלק.

דעריבער קען מען פאַרשטיין פאַר וואָס „ס׳איז געווען אַ גרוי־סער טרויער ביי אידן אין אַלע זייערע וואוינונגען", ווי ס׳ווערט דערציילט אינעם ספר חשמונאים א. „און הערן און זקנים האָבן געיאָמערט, און יונגע לייט און מיידלעך זענען געווען אומגליקלעך און די פּנימער פון שיינע פרויען זענען געוואָרן איינגעשרומפּן, און חתנים און כלות האָבן אינעם טאָג פון זייער חופּה געוויינט און געקלאָגט, און דאָס גאַנצע לאַנד און אירע איינוואוינער זענען גע־

ווען אין גרוים טרויער און דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון יעקב האָט געיאָמערט און געקלאָגט". *)

ביים אומקערן זיך צוריק פון מצרים דאָס צווייטע מאָל, אַ געפּאַלענער און אַ פאַרביטערטער פון דעם וואָס ער האָט זיך גע־מוזט בויגן פאַר דער רוימישער מאַכט און אָפּשטעלן דעם מאַרש פון זיינע חיילות אויף אַלעקסאַנדריע איז זיין צאָרן אויף די אידן געוועזן נאָך גרעסער. אין דעם אַליין, וואָס די אידן האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון זייער תורה און זיך אויסמישן מיט די אַנדערע פעלקער פון זיין קעניגרייך, האָט ער געזען אַ שטערונג צו זיין מאַכט און צו דעם טרוים, וואָס ער האָט געהאַט וועגן צונויפשמעלצן אַלע פעלקער פון זיין מלוכה אין איין גרוים פאָלק, אַ שטאַרקס, וואָס זאָל וועלטן קענען איינעמען און מער פאַר רוים קיין מורא ניט האָבן. און ווען ער האָט זיך דאָן דאָס צווייטע מאָל אַריינגעריסן קיין ירושלים, האָט ער דאָרט ווידער געמאַכט אַ שחיטה, ווידער צוגענומען אַלץ, וואָס ער האָט אין בית המקדש געפונען, און נאָך דעם האָט ער נאָך שטאַרקער און שטרענגער געמאַכט די גזירות, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן קעגן די אידן.

אויף זיין באַפעל האָט מען אין הייליקן טעמפּל אַוועקגעשטעלט אַ גריכישן אָפּגאָט און געצוואונגען די אידן צו בוקן זיך צו אים.

אידן האָבן אויפן מזבח אין בית המקדש מער ניט געטאָרט מקריב זיין קיין קרבנות צו גאָט, נאָר צו די גריכישע אָפּגעטער.

מען האָט די אידן געצוואונגען צו שעכטן חזירים און שפּריצן פון זייער בלוט אויפן מזבח און אויך אויפן פאַרמעט פון די ספרי־תורות, וואָס מען האָט דאָרט צעריסן.

פון חזיר־פלייש, וואָס איז לויטן אידישן דין פאַרבאָטן, האָט מען געמאַכט געריכטן און געצוואונגען די אידן דאָס צו עסן.

קיין שבתים און ימים־טובים האָט מען ניט געטאָרט אָפּהיטן.

קיין ניי־געבאָרענע אידישע קינדער, זכרים, האָט מען ניט גע־טאָרט מל זיין.

מען האָט אויך ניט געטאָרט לייענען די תורה.

און ווער עס האָט אָט די אַלע שטרענגע פאַרבאָטן ניט אָפּ־געהיט, איז באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט.

*) חשמונאים א, א, כ"ו־כ"ח.

פאר אפהיטן זייער גלויבן און זייערע מנהגים זענען אידן באַשטראָפט געוואָרן ווי פאר אַ גרויסן פּאָליטישן פאַרברעכן. דאָס האָט געהייסן פאַרראַט קעגן דער מלוכה.

„און עס האָבן זיך געפונען צוויי ווייבער, וואָס האָבן מל געווען זייערע זין", — ווערט דערציילט אין ספר חשמונאים ב. — „האָט מען די געמלטע קינדער צוגעבונדן צו די בריסט פון זייערע מוטערס און זיי געפירט איבער די גאַסן פון דער שטאָט, און נאָך דעם האָט מען זיי אַרונטער געוואָרפן פונעם מויער".

און אַ סך אידן זענען אַנטלאָפן אין דער מדבר, און דאָרטן „האָבן זיי ווי בהמות געגעסן דאָס גראָז פון דער ערד, כדי צו זיין אָפּגעהיט פון די גויאישע אומווירדיקייטן".

און אַ סך אידן „האָט מען אויסגעהרגעט מיט דער שווערד און זייערע ווייבער און קינדער האָט מען פאַרקויפט פאַר קנעכט און דינסטן".

און כדי אידן זאָלן מיט דער צייט אין גאַנצן פאַרגעסן אָן זייערע דינים און מנהגים, האָט אַנטיוכוס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל די תורה פאַרברענען אויפן פייער. וואו מ'האָט נאָר ערגעץ אַ ספר תורה געפונען, האָט מען ס'פאַרברענט. און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער אידישער געשיכטע וואָס אַ שונא האָט די אידישע תורה פאַרברענט אויפן פייער.

דאָס פאַרברענען די תורה איז פאַר אַנטיוכוסן נאָך ניט געווען גענוג; ער האָט זי נאָך געוואָלט פאַרמיאוסן אויך, און ער האָט דעריבער פאַרשפרייט בלבולים, אַז די אידישע תורה פּרעדיקט האַס און שנאה צו אַלע פעלקער, און אַז דער אידישער גלויבן איז אַ ווילדפאַנאַטישער, וואָס דולדעט ניט קיין אַנדערע גלויבנס.

אַלץ אין וואָס מ'האָט אים אַליין געדאַרפט באַשולדיקן, האָט ער באַשולדיקט די אידן.

אין אַלגעמיין האָט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס זיך באַנוצט מיט בלבולים ווי מיט אַ מיטל אומצוברענגען אידן און זיי פאַרמיאוסן אין די אויגן פון אַנדערע פעלקער. אַזוי האָט ער דערציילט אַ געשיכטע, אַז ווען ער איז אַריינגעקומען אינעם קדשי־קדשים פונעם בית המקדש, האָט ער דאָרט געזען דאָס געשטאַלט פון אַ מאַן מיט אַ גרויסער באָרד, רייטנדיק אויף אַן אייזל און האַלטנדיק אין דער

האַנט אַ ספר, וואָס איז געשריבן אויף דעם לשון וואָס אידן רעדן. און ווי ער גלויבט, איז עס דאָס געשטאַלט פון משהן, וועלכער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון מצרים און זיי געגעבן די תורה, וואָס לערנט זיי פיינט צו האָבן און פאַראַכטן אַלע אַנדערע פעלקער. און אויפן גרונט פון אָט דעם מיאוסן און נאַרישן בלבול האָט זיך נאָך דעם צעווישן די גריכן און רוימער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אידן מאַכן בלויז אַן אָנשטעל, אַז זיי דינען צו איין גאָט וואָס איז אין הימל, אַז אין דער אמתן דינען זיי גאָר צום געשטאַלט פון אַן אייזל.

ער האָט אויך אויסגעטראַכט אַ געשיכטע, אַז ווען ער איז אַריינגעקומען אינעם קדשי־קדשים, האָט ער דאָרט געפונען אַ גריך, וואָס איז אַ געבונדענער געלעגן אין אַ בעטל, און ווי דער גריך האָט אים נאָר דערזען, האָט ער זיך פאַר אים שטאַרק צעוויינט און זיך געבעטן ער זאָל אים ראַטעווען, ווייל די אידן האָבן אים אָהער פאַרשלעפּט און זיי שטאָפּן אים דאָ, ער זאָל ווערן פעט, עס זאָל אים אָנוואַקסן אַ סך שמאַלץ, און נאָך דעם וועלן זיי אים קוילען אויפן מזבח און אים ברענגען פאַר אַ קרבן צו זייער גאָט.

דער זעלבער גריך, דער געבונדענער, — האָט אַנטיוכוס ווייטער דערציילט, — האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז ביי אידן איינגעפירט יעדן יאָר צו פאַרשלעפּן אין הייליקן טעמפּל אַריין אַ גריך און אים שטאָפּן אַזוי לאַנג ביז ער ווערט זייער פעט, און ווען זיי קוילען אים אויפן מזבח ווי אַ קרבן צו זייער גאָט, נעמען זיי פון אים אַרום די געדערעם און עסן זיי אויף, און דערביי גיבן זיי זיך אַ שבועה אייביק פיינט צו האָבן די גריכן, און זיי אינגאַנצן אויסראָטן און פאַרטיליקן.

עס איז אויסגעקומען אַז זיין פאַרביטערטקייט קעגן אידן, זיין גרויזאַמע עקשנות זיי אָפּצעווישן פונעם פּנים פון דער ערד, נעמט זיך, חלילה, ניט פון רשעות, אָדער פון דעם וואָס ער האָט די דערראַבערישע אַמביציעס פון אַ ווילדן דעספּאָט, נאָר גאָר פון דעם וואָס ער וויל זיך און די אַנדערע פעלקער באַשיצן פון אַ פאָלק, וואָס איז אַן אומגליק פאַר דער וועלט.

אַ גרויזאַמער אונטערדריקער מיט פאַרבלוטיקטע הענט און אַ פאַרדאָרבענעם מאָרך — אונטער דער מאַסקע פון אַ געקריוודעטן און פון אַ וועלט־רעטער!

אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, ווי מיר זעען פון דעם, האָט נאָך מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק זיך באַנוצט מיט די זעלבע מיטלען, וואָס היטלער.

קאַפּיטל פיר

פאַרדעטער און אַפּטריניקע אין דער ראָלע פון „קולטור־טרעגער"

ווי אין אַלע צייטן, זענען צווישן אידן אויך דאַן געווען אַזעל־כע, וואָס האָבן דעם פאָלק קיין כבוד ניט פאַרשאַפט און מיט זייערע מעשים קיין גוטס ניט געבראַכט.

עס זענען געווען אַ סך אידן, וואָס האָבן זיך אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פונעם קעניג אַנטיוכוס, און ניט אַלע פון די וואָס האָבן זיך אונטערגעוואָרפן, האָבן דאָס געטאָן פאַר מורא; עס זענען צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס געטאָן מיטן גוטן ווילן, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז אידן דאַרפן זיך בכלל אָפּזאָגן פון זייער גלויבן, פון זייער גאַנצער מאָראַל, פון אַלע זייערע דינים און מנהגים, און בעסער גיין אין די וועגן פון די גריכן און זיך אויפפירן פונקט אַזוי ווי זיי.

„מתיונים" — אַזוי ווערן יענע אידן אָנגערופן אין דער אידישער געשיכטע, כדי דערמיט צו באַצייכענען אַז זיי זענען געגאַנגען אין די וועגן פון יונים (גריכן). ביי זיי, ביי יענע „מתיונים", איז די גריכישע קולטור געשטאַנען העכער פון דער אידישער, און זיי האָבן זי גערן אויף זיך גענומען.

צווישן די אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פון זייער שווערער אַרבעט אין די שטעט און אין די דערפער, זענען קיין „מתיונים", קיין פאַרגריכישטע אידן ניט געווען. בלויז צווישן די רייכע און פאַרמעגלעכע, וועלכע האָבן געהאַט גרויסע נחלות און אַ סך קנעכט און דינסטן, און אויך צווישן אַזעלכע וואָס האָבן גע־פירט מסחרים מיט אַנדערע פעלקער און לענדער, זענען אַזעלכע פאַרגריכישטע אידן געווען. זיך אָפּזאָגן פון דער אידישער תורה און דינען צו די גריכישע אָפּגעטער און גיין אין זייערע וועגן און טאָן אַלץ וואָס זיי טוען און זען שלעכטס אין אַלץ וואָס איז נאָר אידיש, — דאָס איז געווען אַ צייכן פון „אַריסטאָקראַטישקייט", פון

קולטור. און דער גרעסטער פון די „מתיונים" אין די ציימן פון די גזירות, איז געווען דער נייער כהן גדול, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דעם פריערדיקן כהן גדול ישוע-יאַזאָן. ער האָט אין דעם אַלע אַנדערע איבערגעשטיגן.

מענעלעוס האָט יענער כהן גדול געהייסן. און פון דעם אַליין ווי אַזוי ער האָט זיך צו אַזאַ הויכן און וויכטיקן אַמט צוגעשלאָגן, איז קלאָר אַז ער איז געווען זייער אַ רייכער מאַן, און אַז נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ כהן גדול, איז ער געווען פון די, וואָס האָבן גע- שונדן די הויט פון די אָרעמע, און וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו שטייגן נאָך העכער, כדי צו קענען שינדן נאָך מער.

דאָס איז ניט געווען קיין מענטש פון גייסט, ווי אַ כהן גדול האָט געדאַרפט זיין, נאָר אַ מענטש, וואָס האָט שרעקלעך ליב גע- האַט דריי זאַכן — מאַכט, כבוד און געלט.

ער האָט גאָרניט געשטאַמט פון קיין משפחה פון כהנים גדולים. ער האָט די קרוין פון דער כהונה ניט איבערגענומען בירושה, ווי עס איז געווען איינגעפירט — ער האָט די כהונה גדולה גע- קויפט ביים קעניג אַנטיוכוס, און דאָס האָט ער אויך געטאָן אויף זייער אַן אומווירדיקן שטייגער, פאַרראַטנדיק דערביי דעם פריערדיקן כהן גדול ישוע-יאַזאָן, ווען יענער האָט אים געשיקט צום קעניג מיט אַ שליחות.

איין פאַררעטער האָט פאַרראַטן דעם אַנדערן.

קומענדיק צום קעניג אַנטיוכוס מיט דער שליחות פונעם כהן גדול ישוע-יאַזאָן, וועלכער איז אַליין אויך ניט געווען פון די, וואָס האָבן אין יענער צייט געקענט פאַרשאַפן כבוד און פאַרגעניגן דעם אידישן פאָלק, האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ער איז גרייט צו געבן מיט דריי הונדערט גילדענע רענדלעך מער, אויב אַנטיוכוס וועט אים מאַכן פאַרן כהן גדול.

דאָס איז נאָך ניט געווען גענוג, און ער האָט דערביי אויך צו- געזאָגט, אַז ווען ער וועט ווערן דער כהן גדול, וועט ער נאָך מיט מער פלייס ווי ישוע-יאַזאָן אַרבעטן צו פאַרשפּרייטן צווישן די אידן די וועגן און מנהגים פון די גריכן און פון זייער לערע.

פאַר אים, ווי פאַר אַ סך אַנדערע פון די רייכע „מתיונים", וועלכע האָבן געהאַט גרויסע נחלות און אַ סך קנעכט און דינסטן, איז אַוודאי געווען זייער וויכטיק אַז ס'זאָל אָפּגעשאַפט ווערן די אידישע תורה מיט אירע דינים און אינאיינעם מיט זיי אויך דער

דין קעגן האַלטן קנעכט אייביק. דאָס געזעץ פון דער תורה, אַז מ׳טאָר מיט אַ געקויפטן קנעכט ניט אַרבעטן מער ווי זעקס יאָר און אויפן זיבעטן מוז מען אים אַרויסלאָזן פריי און ניט מיט ליידיקן, נאָר אים „אָנלאָדן מיט מתנות פון דיינע שאָף און פון דיין שייער און פון דיין קעלטער", און „פון דעם מיט וואָס גאָט האָט דיך געבענטשט זאָלסטו אים געבן", ווי ס׳ווערט אָנגעזאָגט אינעם ספר דברים — אַזאַ געזעץ האָט זיך פאַר די רייכע לייט אין יהודה ניט געלוינט. זיי האָבן בכלל ניט געוואָלט טראָגן אויף זיך די מענטשלעכע דינים פון דער אידישער תורה קעגן שקלאַפעריי און קעגן אונטערדריקונג פון אָרעמע און געקריוודעטע אין אַלגעמיין; דאָס איז געווען קעגן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. און דערפאַר האָבן זיי אַזוי געערן דעם עול פון דער אידישער תורה פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און זענען געוואָרן „מתיונים", פאַרברענטע אָנהענגער פון אַנטיוכוסעס גריכישער „קולטור" און אירע וועגן און איינפירונגען אין לעבן. אַנטיוכוסעס פּאָליטישע אַמביציעס זענען זיך צונויפגעקומען מיט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. איינס איז אין אַנדערן געווען געשלאָסן. זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע אַרויסגעהאָלפן.

„די בעסערע פון פאָלק אָבער, די וואָס האָבן געהאַט שענערע נשמות, האָבן זיך ניט אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פון קעניג אַנטיוכוס און האָבן מיט נאָך מער אַכטונג אָפּגעהיט די דינים פון זייער לאַנד, און זיי האָבן קיין מורא ניט געהאַט פאַר דעם וואָס מען וועט זיי באַשטראָפן". אַזוי דערציילט דער היסטאָריקער יוסיפוס פלאַוויוס. (קדמוניות היהודים. יב, ה, ג.)

און ווער זענען זיי געווען, די „בעסערע פונעם פאָלק", די מענטשן „מיט די שענערע נשמות"?

דאָס זענען געווען די אָרעמע, די, וואָס האָבן געלעבט פון שווערער אַרבעט און האָבן די תורה ניט געוואָלט אויפגעבן, ווייל מיט אירע דינים פאַר אָרעמע, אונטערדריקטע און באַרויבטע האָט זי זייערע אינטערעסן באַשיצט און זיך פאַר זיי אָנגענומען. און באַנוצנדיק זיך מיט דער פראַזעאָלאָגיע פון דער היינטיקער צייט, קען מען זאָגן, אַז די אידן וואָס האָבן זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר זייער גלויבן און פאַר דער תורה אין די צייטן פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם פּראָלעטאַריאַט, און די וואָס

האָבן זיך מיט אַזאַ ברען אָנגעכאַפּט אָן דער גריכישער קולטור, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די בורזשואַזיע.

און פאַלש איז די מיינונג פון יענע פאָרשער — אידישע און ניט-אידישע — וועלכע זענען אַזוי פאַרבלענדט פון זייער פאָראור־טייל און האַס צו דער אידישער רעליגיע, אָדער צו רעליגיע בכלל, אַז ס׳איז ביי זיי רעכט צו קומען צום שלוס, אַז יענע אַלע אידן, וועלכע זענען אין די צייטן פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס געגאַנגען אויף קידוש השם און איינגעשטעלט דאָס לעבן פאַר זייער תורה, זענען געווען אַ „געזינדל פון ווילדע פאַנאַטיקער״, וועלכע האָבן אויף זיך ניט געוואָלט אַרויפנעמען קיין „העכערע קולטור״.

דאָס איז געווען אַ קאַמף ניט בלויז פאַר רעליגיע, נאָר פאַר גערעכטיקייט; פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און אויך קעגן נאַ־ציאָנאַלער אונטערדריקונג.

אינעם קאַמף קעגן די וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אונטער־וואַרפן די גזירות פון דעם ווילדן דעספּאָט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, האָבן מענעלעוס און זיינע לייט, די גרויסע „קולטור-טרעגער״ פון יענער צייט, זיך באַנוצט מיט מסירות. ווען אימעצער איז זיי געשטאַנען אין וועג, האָבן זיי אים גלייך פאַרמסרט פאַר דער מאַכט און זיי האָבן אים באַשולדיקט ניט נאָר אין דעם וואָס ער היט אָפּ די אידישע תורה, נאָר אויך אין דעם, אַז ער איז פאַר אַ בונד צווישן יהודה און מצרים קעגן אַנטיוכוסן.

דאָס איז געווען אַ זיכער מיטל אָפּצוראַמען אַ קעגנער. פונעם וועג. ווייל ווען מ׳האָט אַנטיוכוסן דערמאָנט אָן מצרים, האָט זיך דער צאָרן אין אים גלייך אָנגעצונדן. אויף יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַלטן מיט מצרים, האָט ער געקוקט ווי אויף אַ פאַרברעכער, וואָס מ׳דאַרף אומברענגען. און ווייל מענעלעוס האָט דאָס גע־וואוסט, האָט ער אויף יעדן איינעם פון זיינע קעגנער אָנגעוויזן ווי אויף אַן אָנהענגער פאַר אַ בונד מיט מצרים.

מענעלעוס האָט זיך צוגעשלאָגן צו דער מאַכט ניט נאָר דורך דעם וואָס ער האָט פאַרראַטן דעם פריערדיקן כהן גדול, נאָר אויך דורך בלוט-פאַרגיסונג. אַזאַ מיינונג דריקט אויס דער גרויסער געלערנטער, פּראָפעסאָר זשאָרזש פ. מור,*) און ער באַגרינדעט זיין מיינונג דערויף וואָס ס׳ווערט וועגן אים געזאָגט אינעם ספר

*) Judaism. זשאָרזש פוט מור. באַנד 1, ז. 50.

חשמונאים ב (ד. כ"ה), אַז „ער האָט אין זיך געהאַט דעם צאָרן פון אַן אַכזר און די בלוט דורשטיקייט פון אַ ווילדער חיה". אויך אַנ־דערע פאַרשער דריקן אויס די זעלבע מיינונג. מענעלעוס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר אַזאַ זאַך ווי פאַרגיסן דאָס בלוט פון אייגענע ברידער. און ער איז דאָס געווען דער פירער פון די, וואָס האָבן געפּרעדיקט „קולטור" און געאַרבעט דערפאַר, אַז אידן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די „פאַרעלטערטע" געזעצן און פון זייער תורה.

אַזעלכע „קולטור-טרעגער" האָבן דעם אידישן פאָלק אין יע־נער צייט קיין כבוד נישט צוגעגעבן.

עס איז אין דער אידישער געשיכטע שווער צו געפינען נאָך אַ צייט ווען פאַררעטער און אָפּטריניקע האָבן אַזוי הויך די קעפּ אויפגעהויבן און אַזוי אָפן געהאָלפן דעם שונא, ווי אין די צייטן פון אַנטיוכוס הרשע, ווען מענעלעוס איז דערהויבן געוואָרן צו זיין אַ כהן גדול ביי אידן, און גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן אַ פרעמדע קולטור צווישן זיי.

מענעלעוס האָט פיינט געהאַט זיין אייגן פאָלק. בכלל האָט ער פיינט געהאַט מענטשן פון אָרעמען שטאַנד, געקוקט אויף זיי מיט ביטול און פאַראַכטונג, ניט געקענט אַריבערטראָגן וואָס דער המון מישט זיך גאָר אין הויכע ענינים; ער האָט אין אַלגעמיין געהאַלטן, אַז דאָס פּשוטע פאָלק דאַרף איינגאַנצן קיין דעה ניט האָבן און דאַרף טאָן וואָס מ'הייסט און וואָס מ'באַפעלט.

וואָס ער האָט נאָר געקענט, האָט ער געטאָן, אַז די אידן זאָלן ניט נאָר אין גייסט זיין גלייך מיט די גריכן, נאָר אויך אין זייערע מנהגים און אויפפירונגען און אויך אין זייער אויסערלעכן אויס־זען. און ווייל ער האָט ניט געקענט אַנהאַלטן זיין מאַכט און בלייבן אויף זיין הויכן פּאָסטן אָן דעם חסד און אָן דער הילף פון אַנטיוכוס; ווייל ער האָט דאָך געוואוסט, אַז די אידן אַליין וואָלטן אַזאַ כהן גדול ווי ער ניט געהאַלטן אין הייליקן טעמפּל אפילו קיין איין טאָג, האָט ער זיך דעריבער אין זיינע מעשים פאַר קיין זאַך ניט אָפּגע־שטעלט; ער און זיינע לייט האָבן פון זיך אָפּן די גאַנצע אידישקייט אַראָפּגעוואָרפן און זיך אויפגעפירט ווי גריכן, כדי דערמיט צו דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע; ער האָט אָפן פאַרשוועכט דעם שבת, ער האָט אָפן געגעסן אַלץ, וואָס אידן טאָרן ניט עסן. און ער האָט לעבן בית המקדש אויפגעשטעלט אַ סטאַדיאָן פאַר גימנאַסטישע איבונגען, וואו מ'האָט איינגעאָרדנט געווען אין לויפן און אין

ראַנגלעניש, און דאָרט זענען אידישע יונגע לייט, אינעווייניק און אין דרויסן אַרומגעגאַנגען אינגאַנצן נאַקעט. ער האָט אויך איינגעאָרדנט אָלימפּיאַדעס און פאַרשיידנערליי שפּילן, וואָס זענען געווען אָנגענומען ביי די גריכן, און אידישע אַטלעטן האָבן אינאיינעם מיט די גריכישע געדאַרפט מאַרשירן איבער די גאַסן מיט בלומענקראַנצן אויף די קעפּ און ווייזן זייער גבורה און זייער נאַקעטקייט. און דאָס האָט מענעלעוס געטאָן ניט נאָר כדי דערמיט אויסצונעמען ביים קעניג אַנטיוכוס און אים ווייזן ווי ער העלפט אים אַריינטרייבן אידן אין די אַלע שפּילן און פייערונגען, וואָס מ׳מאַכט פאַר די גריכישע געטער, נאָר אויך כדי דערמיט צוצוציען די אידישע יונגוואַרג.

פאַר דער יונגוואַרג האָבן די אַלע גריכישע שפּילן און פייערונגען געהאַט אַ באַזונדער רייץ. די אַטלעטישע געווען און גרויסע פּאַראַדן אין די גאַסן און אויך אין דעם גרויסן סטאַדיאָן, האָבן זיי שטאַרק צוגעצויגן. פאַר זיי איז דאָס געווען ניי און פּונקט דער היפּוך פון דעם אידישן לעבנס-שטייגער, וואו דער כח פון מאָראַל איז געשטאַנען העכער ווי דער כח פונעם גוף. און ווייל עס איז געווען ניי, האָט דאָס זיי אַזוי באַצויבערט און פאַרבלענדט; זיי האָבן ניט געטראַכט וועגן דעם וואָס מ׳איז דערמיט אויסן, און זיי האָבן אין דעם געזען בלויז די שיינקייט, דעם אויסערלעכן גלאַנץ. און עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען אַזעלכע, וואָס זענען שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן דערפון; זיי האָבן זיך אין דעם מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן, און ביסלעכווייז זענען זיי אַריינגעשלעפּט געוואָרן שוין ניט נאָר אין די שפּילן מיט דעם אויסערלעכן גלאַנץ, נאָר אין דעם סאַמע תוך, צוליב וואָס די שפּילן זענען געמאַכט געוואָרן — זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען דערמיט וואָס זיי זענען אידן, און אַלע מאָל, ווען זיי האָבן אין אַ שפּיל געדאַרפט אַרויסגיין נאַקעטע אויף דער אַרענע אינאיינעם מיט די גריכישע אַטלעטן, האָבן זיי פריער געצויגן זייערע ערלות, כדי מ׳זאָל ניט דערקענען, אַז זיי זענען געמלטע . . .

עס איז זיי שוין געווען אַ בזיון וואָס זיי זענען אידן.

אין אַלץ, וואָס מענעלעוס האָט געטאָן צו העלפן אַנטיוכוסן בייקומען דעם אידישן גלויבן און די אידישע געזעצן, האָט ער געהאַנדלט אַזוי, אַז דער צאָרן פונעם פאָלק, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן, זאָל העכער שטייגן און זיי זאָלן פּרואוון זייערע כוחות אין

אַן אָנפֿאַל קעגן אים און זיינע לייט. ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט מיט אַנטיוכוסן געהאַט אַן אָפּמאַך, אַז אויב אַזאַ אָנפֿאַל וועט געמאַכט ווערן, זאָלן די גריכישע זעלנער וואָס שטייען אין ירושלים אים גלייך קומען צו הילף. ער האָט געוואוסט, אַז אין אַזאַ צוזאַמענשטויס וועלן די אידן פאַרלירן און אַ סך פון זיי וועלן פֿאַלן טויט. און ער האָט זייער געוואָלט זען דאָס בלוט פון די וואָס שטייען אים אין וועג.

אָבער די אידן אין ירושלים האָבן אויף מענעלעוסן און זיינע לייט קיין אָנפֿאַל ניט געמאַכט. זיי זענען נאָך ניט געווען גרייט דערצו, און ס'איז דאַן נאָך ניט אויפגעשטאַנען קיין שטאַרקער מאַן, וואָס זאָל זיי אין אַזאַ מלחמה פירן. דאָס איז געשען ערשט שפּעטער, ווען די העלדישע משפחה פון די חשמונאים האָט אַרום זיך דאָס פֿאָלק פאַראייניקט און איז אַרויס אין אַן אָפֿענער מלחמה קעגן אַנטיוכוסן און זיינע גזירות. און ווייל עס איז דאַן נאָך קיין שטאַרקער מאַן ניט געווען, האָבן די אידן בלויז אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד אַרויסגעוויזן. ווען די חיילות פון אַנטיוכוסן אין ירושלים זענען אויף זיי אָנגעפֿאַלן דערפֿאַר וואָס זיי האָבן דעם הייליקן שבת אָפּגעהיט, האָבן זיי זיך ניט געשטעלט אַנטקעגן. זיי האָבן זיך געלאָזט אויסשעכטן ווי די שאָף און דעם שבת דאָך ניט פאַרשוועכט. און פרויען האָבן צוגעזען ווי מ'האָט זייערע מענער געקוילעט, און קיין איינע פון זיי האָט קיין שטיין ניט אויפגעהויבן צו וואַרפן אויף די רוצחים. און קינדער האָבן צוגעקוקט ווי מ'שעכט זייערע פאָטערס, און זיי זענען מיט אַ געוויין אַנטלאָפן און האָבן זיך אין די גריבער און היילן באַהאַלטן. און איבער גאַנץ ירושלים האָט זיך געגאָסן בלוט, און אויף די גאַסן האָבן זיך טויטע געוואַלגערט.

אויך די אינעווייניקסטע ווענט פונעם הייליקן טעמפּל זענען געווען פאַרשפריצט פון בלוט. דאָרטן האָבן די רוצחים אויסגעהרגעט די אידן, וואָס זענען געקומען אַהין זיך באַהאַלטן.

קאַפּיטל פינף

אַ ביישפּיל פאַר יונג און אַלט

ירושלים איז אַ וויסטע שטאָט געוואָרן. פון די הונדערטע און פופציק טויזנט איינוואוינער, וואָס זי האָט פריער געהאַט, זענען זייער ווייניק אין אירע טויערן פאַרבליבן. די מערסטע פון זיי זענען זיך צעלאָפן וואוהין די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן. זיי זענען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין היילן און אין גריבער, וואָס זיי האָבן אויף די וויסטע פעלדער געפונען. אויך אין דער מדבר, וואָס פון יענער זייט ירדן, ניט ווייט פונעם ים המלח, האָבן זיי זיך באַהאַלטן. ווער ס׳האָט נאָר פון ירושלים געקענט אַנטלויפן אין אַן אַנדער שטאָט, האָט אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר און איז מיט ווייב און קינד אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער, וואָס פאַרשפּרייט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער און וואָס מ׳קען ניט אויסלעשן. אָבער די שווערד פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס און די גרויזאַמקייט פון זיינע גזירות האָבן זיי אומעטום נאָכגעיאָגט. אין אַלע שטעט פון יהודה האָבן אַנטיוכוסעס באַוואָפנטע לייט אויפגעשטעלט במות און מיט געוואַלד געצוואונגען די אידן, זיי זאָלן דאָרט ברענגען קרבנות צו די גריכישע געטער און זיך בוקן צו זיי, און ווער עס האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן, איז גלייך אויפן אָרט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און איידער מ׳האָט אים דעם טויט געגעבן, האָט מען אים שרעקלעך געפייניקט, כדי די אַנדערע אידן, וואָס שטייען דערביי, זאָלן זען וואָס מ׳טוט אים און זאָלן פאַר מורא זיך אָפּזאָגן פון זייער גלויבן.

אין אַ סך היילן, וואו די אַנטלאָפענע האָבן זיך באַהאַלטן, האָבן זיך הונדערטער מענטשן אין דער שרעקלעכער ענגשאַפט געשטיקט און מורא געהאַט פון דאָרט אַרויסצוגיין, ווייל אַנטיוכוסעס אויסשפּירער האָבן אויף אַלע וועגן און שטעגן געלויערט; זיי האָבן געזוכט די גרויסע היילן וואו אידן האָבן זיך באַהאַלטן, און וואו זיי האָבן נאָר אַזאַ הייל געפונען, האָבן זיי פריער גערופן די אידן,

זיי זאָלן פון דאָרט אַרויסקומען און זאָגן, אַז זיי וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם אידישן גלויבן און וועלן שוין פון היינט אָן און ווייטער דינען צו די גריכישע געטער און גיין אין די גריכישע וועגן, און אויב זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָט מען זיי אַלע אויפן אָרט אויסגעהרגעט, אָדער מ'האָט אין דער הייל אָנגעצונדן אַ פייער און פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג און אַלע לעבער, און אַלע זענען דער־שטיקט און פאַרברענט געוואָרן.

אָנפאַלן אויף אַזעלכע היילן פלעגן די גריכן אינעם טאָג פון שבת, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז אום שבת וועלן זיך די אידן ניט שטעלן אַקעגן און וועלן זיך מיט זיי ניט שלאָגן. אין דעם איז געווען ניט נאָר געמיינקייט, נאָר אויך מיאוסע פּחדנות. אָבער די גריכן האָבן זיך מיט דעם ניט געשעמט. ביי אַנטיוכוסן איז אַלץ געווען רעכט צו טאָן אַבי דעם אידישן גלויבן אויסצוראָטן, ווייל קיין זאַך האָט אים אַזוי ניט געשטערט צו מאַכן איין פאָלק פון די אַלע פעלקער וואָס זענען געשטאַנען אונטער זיין שוץ, ווי דער אידישער גלויבן האָט אים אין דעם געשטערט.

און ס'ווערט אין דער אַלטער אידישער געשיכטע דערציילט:

אין אַ שבת זענען אַנטיוכוסעס באַוואָפנטע לייט צוגעקומען צו אַ גרויסער הייל, וואו טויזנטער אידן האָבן זיך באַהאַלטן. דאָרט זענען געווען ניט נאָר מאַנספּאַרשוינען, נאָר אויך פרויען און קינ־דער. דער עלטסטער פון דער מחנה, וואָס איז צו דער גרויסער הייל צוגעקומען, האָט אויפגעהויבן זיין קול און געשריען, אַז די אידן זאָלן פון דאָרט אַרויס און שווערן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון זייער גלויבן, און אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלן זיי פאָלגן די באַפעלן פונעם קעניג אַנטיוכוס. אָבער די אידן האָבן געענטפערט אין איין קול:

„מיר וועלן פון דאַנען ניט אַרויס, וואָרעם די באַפעלן פונעם קעניג וועלן מיר ניט פאָלגן ,און דעם שבת וועלן מיר ניט פאַר־שוועכן!"

די פעסטקייט פון די אידן האָט ביי דעם עלטסטן פון דער באַ־וואָפנטער מחנה אַ שטאַרקן צאָרן אַרויסגערופן, און ער האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל אַרויסציען די שווערדן פון די שיידן און אויסהרגענען אַלעמען אין דער הייל.

אָבער אויך דאָס האָט דעם מוט פון די אידן ניט געבראָכן. זיי האָבן זיך געלאָזט אויסשעכטן. און קיינער פון זיי האָט קיין שטיין

ניט אויפגעהויבן צו וואַרפן אויף די רוצחים. קיינער פון זיי האָט גאָרניט געטאָן דעם אַריינגאַנג פון דער הייל צו פאַרשטעלן. „מיר וועלן שטאַרבן מיט ריינע הענט, — האָבן זיי געזאָגט, — און הימל און ערד וועלן זיין עדות, אַז איר האָט אונדז מיט רשעות אויסגע־הרגעט".

און די אַלע טויזנט מענטשן, וואָס זענען געווען אין דער הייל, אינאיינעם מיט די פרויען און קליינע קינדער, זענען אין יענעם טאָג געפאַלן טויט. אַזוי ווערט דערציילט אין ספר „חשמונאים", און אויך אין די אַנדערע קוואַלן פון אידישער געשיכטע.

איינשטעלן דאָס לעבן פאַר אַ טיפער איבערצייגונג, פאַר אַ גלויבן, איז אַ גרעסערע העלדישקייט ווי אָנפאַלן מיט געווער אויף מענטשן, וואָס זאָגן פריער, אַז זיי וועלן זיך ניט שטעלן אַקעגן.

* * *

דער אמת פאָדערט דאָ אַרויסצוברענגען דעם פאַקט, אַז צווישן די עלטסטע פון די באַוואָפנטע לייט, וואָס אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט אויסגעקליבן דורכצופירן די שטרענגע גזירות פון שמד אין יהודה, זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געליטן פון דעם וואָס זיי מוזן אַזוי פיל רשעות אַרויסווייזן, און ווען זיי האָבן נאָר געהאַט די מעגלעכקייט האָבן זיי געפּרואווט העלפן די אומגליקלעכע קרבנות.

דאָס קען מען זען פון דעם פאַל מיטן אַלטן אַליעזר.

עס איז געווען אַ מאַן מיטן נאָמען אַליעזר, אַ זקן פון איבער ניינציק יאָר, און ער איז געווען — ווערט דערציילט — שיין אין אויסזען, אַ קלוגער און אַ פאַרשטענדיקער, און ער האָט געוואוסט וואָס אין די ספרים שטייט. און ווייל ער האָט זיך ניט אונטער־געוואָרפן די גזירות פונעם קעניג אַנטיוכוס און האָט זיך געהאַלטן ביים אידישן גלויבן און אָפּגעהיט די דינים פון דער תורה, האָט מען אים מיט געוואַלד אַריינגעשטופּט אין מויל אַריין אַ שטיק פלייש פון אַ חזיר.

דער אַלטער אַליעזר האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט דאָס שטיק חזיר־פלייש ניט אויפעסן פאַר אַלעמען אין די אויגן אין מיטן גאַס, וואו מ'האָט צונויפגעטריבן אַ סך מענטשן, וועט מען אים דערפאַר גלייך אויפן אָרט באַשטראָפן מיטן טויט. אָבער ער האָט זיך פאַרן טויט ניט געשראָקן, און ער האָט דאָס שטיק פלייש אויס־געשפּיגן.

צווישן די באוואפנטע לייט זענען געווען אזעלכע, וואס האבן דעם אלטן אליעזר געקענט נאך פון פריער; זיי האבן פאר אים גרויס אפשיי געהאט; ער האט מיט זיין איידלקייט געפונען חן אין זייערע אויגן, און זיי האבן זיין לעבן געוואלט ראטעווען. שטילערהייט האבן זיי אים אוועקגעפירט אין א זייט און געזאגט, אז זיי וועלן אים געבן ריינע, כשרע רינדערן־פלייש, און ער זאל דאס אויפעסן פאר אלעמען אין די אויגן און ס'וועט בלויז הייסן אז ער האט גע־געסן חזיר־פלייש, ווי ס'איז דער באפעל פונעם קעניג אנטיוכוס. אבער דער אלטער האט דאס ניט געוואלט טאן.

„עס פאסט ניט, – האט ער געזאגט, — פאר א זקן ווי איך בין צו זיין פאלש און אפנארן אנדערע. איך קאן נאר דערמיט פארפירן די יונגע לייט; זיי וועלן זאגן: „זעט, דער אלטער אליעזר, א מאן פון ניינציק יאר, איז שוין אויך געווארן א געצנדינער!" צו וואס זאל איך מיין פאלק אראפפירן פון וועג מיט פאלשקייט, כדי צו פארלענ־גערן די געציילטע טעג פון מיין לעבן און דערמיט פארשעמען מיין עלטער? וואס וועט מיר דען ארויסקומען ווען איך וועל זיך רא־טעווען פונעם טויט? וועל איך זיך דערמיט דען קענען אויסבא־האלטן פאר גאט? ביים לעבן און ביים טויט איז א מענטש אין די הענט פון גאט. און דעריבער גיי איך צום טויט מיט א ריין הארץ ווי עס פאסט פאר אזא אלטן מאן ווי איך בין. און איך וועל מיט דעם דינען ווי א צייכן און ווי אביישפיל פאר אלע זין פון מיין פאלק, אז זיי זאלן אויפדעקן צום טויט זייער לעבן מיט פרייד און מיט ריינע הערצער פאר דער תורה פון גאט און פאר זיינע געזעצן".

אזוי האט גערעדט דער מוטיקער און איידעלער זקן אליעזר וועלכער איז געווען בלויז איינער פון פאלק. און ווען מ'האט אים אנגעהויבן שלאגן און פייניקן, האט ער מיט ווייטיק אויסגערופן:

„גאט, דו ביזט דער באשעפער פון אלע וועלטן. פאר דיר איז קיין זאך ניט פארבארגן. דו ווייסט אז איך האב זיך געקענט ראטעווען פון דעם פיין און ווייטיק. אבער איך וועל זיי אריבער־טראגן מיט מיין אייגענעם ווילן, און דאס טו איך פאר דיין גרויסן נאמען". *)

מ'האט דעם גרייז־גרויען זקן אליעזר פארפייניקט צום טויט. און „מיט זיין טויט, — דערציילן די אלטע ספרים, — האט ער גע־

*) חשמונאים ב. ו, יח־לא.

דינט ווי אַ ביישפּיל פאַר יונג און אַלט". אַלע האָבן זיך פון אים אָראָפּגענומען אַ מוסר און זענען געווען גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבן און זיך ניט אונטערגעבן דעם גרויזאַמען קעניג, וועלכער האָט זיך פאַרלייגט אויסצוראָטן דעם אידישן גלויבן און די אידישע מאָראַל, און צווינגען דאָס פאָלק צו דינען צו די גריכישע אָפּגעטער און צו גיין אין זייערע וועגן.

קאַפּיטל זעקס

חנה און אירע זיבן זין

אָיבער דעם וואָס ס'איז שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר זינט דאָס איז געשען, איז אין די ערשטע קוואַלן אַמאָל שווער אָפּצעטיילן די לעגענדע פון דער ווירקלעכקייט. אָבער ווער קען פאַרזיכערן, אַז דאָס וואָס ס'קלינגט איצטער ווי אַ לעגענדע, איז אַמאָל ניט געווען קיין ווירקלעכקייט? אפשר וועט די טרויע־ריקע ווירקלעכקייט אונדזערע פון היינט, קלינגען ווי אַ לעגענדע מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער, ווייל ס'וועט זיין שווער זיך פאַר־צושטעלן, אַז מענטשן האָבן אַמאָל געקענט זיין אַזוי גרויזאַם, אַזוי ברוטאַל און אַזוי בלוטדורשטיק!

עס איז דעריבער ניט ריכטיק אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט דאָס לעגענדאַרישע פון אַמאָל און זיך ניט אָפּשטעלן דערויף, ווי ס'טוען דאָס אייניקע היסטאָריקער אוים מורא, מ'זאָל זיי נאָך, חלילה, ניט חושד זיין אין צוריקגעשטאַנענקייט. מ'דאַרף דאָס לעגענדאַרישע בלויז באַלויכטן אויף אַ נייעם שטייגער, אין זינען האָבנדיק דערביי דעם גייסט פון דער אַלטער צייט. דאָס לעגענדאַ־רישע האָט אַ גרונט; עס איז ניט געשאַפן געוואָרן פון דער לופט. עס איז ניט מער, די מחברים פון די אַלטע צייטן האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַן איבערפלוס פון ווערטער און זיי האָבן זיך אַליין אַזוי אַריינגעמישט אין די געשעענישן וואָס זיי האָבן געשילדערט, אַז זיי האָבן מיט זייער פּערזענלעכקייט די געשעענישן פאַרשטעלט, און ס'איז דעריבער פאַר די פאָרשער פון די שפּעדערדיקע דורות ניט אַלע מאָל געווען לייכט צו טרעפן וואו עס ענדיקט זיך די לע־גענדע און וואו עס הויבט זיך אָן די ווירקלעכקייט.

ווער פון אונדז געדענקט ניט וואָס ס'ווערט דערציילט אין אַלטע ספרים וועגן חנהן און אירע זיבן זין? אָבער אונדזערע היסטאָרי־קער האָבן זיך דערויף זייער ווייניק אָפּגעשטעלט. און אין דעם

איז אַוודאי געווען שולדיק דער פאַקט וואָס דער מחבר פונעם ספר „חשמונאים", וואו די געשיכטע פון חנהן און אירע זיבן זין ווערט דערציילט, האָט דאָס איבערגעגעבן מיט אַזוי פיל איינצלהייטן און געשילדערט יעדער מיתה-משונה באַזונדער פון די אַלע זיבן מאַר-טירער מיט אַזאַ נאַקעטער ברוטאַליטעט, אַז פאַר די מאָדערנע היסטאָריקער איז דאָס שוין געווען צו פיל, און זיי האָבן די פּאַסי-רונג מיט דער מאַרטירער-משפּחה באַטראַכט ווי אַ לעגענדע, אָדער ווי עפּעס, אין וואָס ס'איז פאַראַן מער לעגענדע ווי ווירקלעכקייט.

ניט איין ווילדער דעספּאָט האָט געפונען אַ תיקון אין די ווערק פון די היסטאָריקער, וואָס זענען געקומען מיט אַ סך דורות שפּע-טער נאָך אים; זיי האָבן אים אַרויסגעשטעלט אין אַ שיינער ליכט, ווייל עס איז זיי שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ מענטש קען גאָר זיין אַזוי ברוטאַל און געמיין.

עס איז אַן אַלטער כלל: די וואָס שרייבן געשיכטע זענען לייַ-טישער פון די, וואָס מאַכן געשיכטע . . .

און ווען מ'האָט דאָס אין זינען, דאַן דאַרף מען אפילו די לע-גענדאַרע געשיכטעס וועגן די צייטן פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס אין יהודה ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

די געשיכטע מיט חנהן און אירע זיבן זין איז געווים ניט אין גאַנצן קיין אויסגעטראַכטע לעגענדע. זי איז בלויז דערציילט גע-וואָרן אַזוי, אַז זי האָט פאַר די מענטשן פון די שפּעטערדיקע דורות געמוזט קלינגען לעגענדאַריש. אויך אין דער גמרא גיטין (דף נ"ז) ווערט זי איבערגעגעבן. זי איז דאָרט אָבער ניט אינגאַנצן קלאָר. און זי איז צופיל „באַפוצט" מיט פּסוקים פון דער תורה, וואָס יע-דער איינער פון די זיבן זין זאָל האָבן געזאָגט צום קעניג בשעת ער האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל מ'זאָל אים צום טויט פאַרפייניקן. עס איז דאָרט אויך ניט אינגאַנצן קלאָר ווער דער קעניג איז גע-ווען; ער ווערט דאָרט גלאַט אָנגערופן „קיסר". אָבער די איינצל-הייטן שטימען אין תוך מיט דעם, וואָס ס'ווערט דערציילט אינעם ספר חשמונאים, *) און ס'איז קלאָר, אַז:

עס איז געווען אַ פרוי מיטן נאָמען חנה, אַן אַלמנה, וואָס האָט געהאַט זיבן זין. פּונקט ווי אַ סך אַנדערע אידן, וואָס האָבן אַרויס-געוויזן מוט און זיך ניט אונטערגעוואָרפן די שמד-גזירות פון

---

*) חשמונאים ב. ז. א—כ"ט.

אנטיוכוסן האָט מען זי און אירע זיבן זין געכאַפּט. דאָס איז אוודאי געווען אין אַ טאָג, ווען דער גרויזאַמער קעניג איז געווען אין ירושלים און האָט אליין געמשפּט די געכאַפּטע ווידערשפּעניקער, וואָס מ׳האָט פאַר אים געבראַכט. ווי דער שטייגער איז געווען, האָט מען אין מיטן גאַס אַוועקגעשטעלט אַ בימה און דאָרט איז אויף אַ הויכן שטול געזעסן דער קעניג און האָט אַרויסגעגעבן די משפּטים וואָס מ׳זאָל טאָן און ווי אַזוי מ׳זאָל באַשטראָפן די אידן, וואָס ווילן זיך פון זייער גלויבן ניט אָפּזאָגן. און אַרום דער בימה זענען געשטאַנען טויזנ־טער מענטשן. מ׳האָט זיי פון אַלע עקן שטאָט צונויפגעטריבן צו זען ווי מ׳פּאַרפּייניקט צום טויט די, וואָס זענען אַזוי איינגעעקשנט און ווילן ניט פאָלגן די באַפעלן פונעם קעניג.

מיט די אָפענע משפּטים האָט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס געהאַט נאָך אַ כוונה: ער האָט געוואָלט, אַז די וואָס שווערן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון דער תורה און פון אירע דינים און עסן יאָ חזיר־פלייש און בוקן זיך יאָ צו דעם גריכישן אָפּגאָט, ווען אַזוי פיל מענטשן שטייען דערביי, זאָלן דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע. ער האָט דערי־בער פון יעדן אָפענעם משפּט אַ גאַנצן ספּעקטאַקל געמאַכט, און ווען איינער, וואָס האָט זיך פאַר די פּייניקונגען דערשראָקן, האָט אויפן קול אויסגערופן, אַז ער איז גרייט פון זיין אידישן גלויבן זיך אָפּצוזאָגן און זיך בוקן צו דעם גריכישן אָפּגאָט וואָס מ׳האָט אויף דער בימה אַוועקגעשטעלט, האָט מען דערפון אַ גאַנצן פּאַראַד געמאַכט; מ׳האָט אַזאַ מענטשן צוגעזאָגט, אַז מ׳וועט אים הויך דערהויבן, אַז ער וועט שוין מער פאַר קיינעם קיין מורא ניט דאַרפן האָבן, און מ׳האָט אים מיט כבוד אָפּגעלאָזט פריי.

דאָס פלעגט ווירקן אויף די שוואַכערע, וואָס האָבן ניט געהאַט גענוג מוט און זיי האָבן זיך אויך אונטערגעגעבן און זיך אָפּגעזאָגט פון אידישקייט. באַזונדערס גרויס איז געווען די ווירקונג ווען דער מענטש, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן, איז געווען אָנגעזען ביי ליטן. דאַן האָט מען געקענט אָנווייזן אויף אים און זאָגן, אַז אויב ער זאָגט זיך אָפּ פון דער תורה און שווערט, אַז ער וועט שוין גיין אין די גריכישע וועגן, מעגן דאָך אַנדערע דאָס אוודאי טאָן. און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אַנטיוכוס האָט זיך דערביי אויך באַנוצט מיט אַ סך אָפּטריניקע, מיט די „מתיונים״, וועלכע זענען נאָך פון פריער אַריבער געגאַנגען אויף זיין זייט; ער האָט זיי אין די אָפענע ספּעקטאַקלען פאַר זיינע צוועקן אויסגענוצט; עס האָט כלומרשט

געהייסן, אַז ערשט איצט האָבן זיי „דערזען די ליכטיקייט" און אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז פריער האָבן זיי געלעבט „אין פינצטער־ניש", און דאָס האָט אויף אַ סך פון די זייטיקע געווירקט און זיי האָבן נאָכגעטאָן זייער ביישפּיל.

די דעספּאָטן פון אַמאָל, פּונקט ווי די דעספּאָטן פון היינט, האָבן געוואוסט דעם סוד ווי אַזוי אויסצונוצן טעאַטראַלע אינסצע־נירונגען פאַר זייערע גרויסע פּאָליטישע אַמביציעס.

עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי שטאַרק עס האָט גע־מוזט זיין אַנטיוכוסעס וואונטש, אַז די אַלע טויזנטער מענטשן אַרום און אַרום זאָלן זען ווי אַ גאַנצע משפּחה פון זיבן זין זאָגט זיך אָפּ פונעם אידישן גאָט; עס איז ביי אים געווים גאָר קיין צווייפל ניט געווען, אַז דורך דעם וועט ער אַריבערציען אויף זיין זייט נאָך אַנדערע, און דערפאַר האָט ער זיך מיט אַזאַ פלייס אַליין גענומען צום משפּט, ווען מ'האָט פאַר אים געבראַכט חנהן און אירע זיבן זין.

אויף זיין באַפעל האָט מען זיי געגעבן עסן חזיר־פלייש און זיי געהייסן זיך בוקן צו דעם וועקגעשטעלטן גריכישן אָפּגאָט. אָבער זיי האָבן דעם באַפעל ניט געפאָלגט.

דאַן האָט מען זיי, אַלע זיבן, אָנגעהויבן שלאָגן מיט ריטער און שטעקנס. אָבער דאָס האָט זיי ניט איבערגעשראָקן — זיי האָבן קיין חזיר־פלייש ניט געוואָלט עסן און צום גריכישן אָפּגאָט האָבן זיי זיך ניט געוואָלט בוקן.

און דער עלטסטער פון די זין — ווערט דערציילט — האָט צו אַנטיוכוסן געזאָגט:

„וואָס ווילסטו און וואָס פאַרלאַנגסטו פון אונדז? מיר וועלן זיך בעסער לאָזן דערשטיקן, איידער זיך אָפּקערן פון די געזעצן פון אונדזערע אבות".

און ווען אַנטיוכוס האָט געזען, אַז זיי גיבן זיך ניט אונטער, אַלע אינאיינעם האָט ער געפּרואווט זיי נעמען איינציקווייז.

כדי אָנצושרעקן די אַנדערע, האָט ער געהייסן, אַז מ'זאָל ביים עלטסטן פון די זיבן ברידער אַרויסרייסן די צונג פונעם מויל דער־פאַר וואָס ער האָט אים גערעדט אַקעגן. נאָך דעם האָט מען אים אויף זיין באַפעל פאַרברענט לעבעדיקערהייט. און ער איז גע־ווען זיכער, דער גרויזאַמער קעניג, אַז ווען די אַנדערע זעקס וועלן זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס מ'האָט געטאָן צו זייער עלטסטן

ברודער, וועלן זיי פארלירן דעם מוט און וועלן דאָ אויפן אָרט בייטן זייער גלויבן.

אָבער די אַנדערע זעקס, און אויך די מוטער, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָבן דעם מוט ניט פאַרלאָרן. און אַזוי האָט מען אויף אַנטיוכוסעס באַפעל, איין ברודער נאָכן אַנדערן צום טויט פאַרפּייניקט, און יעדן איינעם פון זיי האָט מען אַן אַנדער שרעקלעכע מיתה אָנגעטאָן, און ווען ס'איז געקומען די ריי צום אינגסטן ברודער, וועלכער איז נאָך אַ קליין אינגל געווען, איז שוין דער פּייניקער אַליין געווען אַזוי צעמישט, אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל ווייטער טאָן.

דער אויסערגעוויינלעכער מוט פון דער אידישער מוטער און אירע זיבן זין האָט אים אינגאַנצן צעטומלט. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מאַמע קען אירע קינדער צוגעבן מוט, אַז זיי זאָלן זיך צום טויט לאָזן פאַרפּייניקן און זיך ניט אונטערגעבן דעם שונא. ניט געקענט פאַרשטיין און — דאָס דאָך באַוואונדערט. ער האָט אין יענער שעה אוודאי געמוזט מקנא זיין דאָס פאָלק, וואָס האָט אַזעלכע אויסגעהאַלטענע מענטשן, אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע העלדן, וואָס קענען שטיין אַזוי פעסט פאַר זייער גלויבן און זייערע איבערציייגונגען; צווישן זיין פאָלק זענען אַזעלכע אויסגעהאַלטענע מענטשן ניט געווען; זיין פאָלק האָט, פונקט ווי ער אַליין, געקענט דינען ניט נאָר צו די גריכישע אָפּגעטער, נאָר אויך צו די רוימישע; זעאוס און יופּיטער זענען ביי זיי אויף איין מדרגה געשטאַנען און ס'איז אין גייסט צווישן זייביידן קיין גרויסער אונטערשיד ניט געווען.

צו דעם האָט אַנטיוכוס זיך נאָך געשעמט פאַר די טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען דערביי; עס האָט ניט געפּאַסט, אַז דער קעניג פון גאַנץ סיריען זאָל פאַרלירן אין אַזאַ געפעכט מיט אַן אָרעמער אידישער משפחה, וואָס קיינער האָט פריער גאָרניט געקענט; ער האָט דערביי געמוזט פילן, אַז די אָרעמע און שוואַכע אידישע מוטער וואָס שטייט אַנטקעגן אים, איז אין דער אמתן שטאַרקער און מעכטיקער פון אים. און איינהאַלטנדיק דעם כעס, האָט ער צו דעם אינגסטן פון די ברידער אָנגעהויבן רעדן מיט גוטן.

ער האָט געפּרואווט איינריידן דעם אינגל, אַז זיך לאָזן אומברענגען פאַר אַ גלויבן איז אַ נאַרעשקייט; דאָס לעבן איז צו שיין;

אַ מענטש, וואָס איז נאָך אַזוי יונג, האָט אַ גרויסע, ליכטיקע צו־קונפט פאַר זיך; מען וועט אים הויך דערהויבן און אים גרוים כבוד אָפּגעבן; זאָל ער זיך נאָר בוקן פאַרן גריכישן אָפּגאָט, וואָס שטייט דאָ אויף דער בימה, און זיין לעבן וועט זיין געראַטעוועט און ער וועט זיין אַ פרייער מענטש; צו וואָס זאָל ער זיך לאָזן פאַרפייניקן צום טויט אַזוי ווי מ׳האָט די אַנדערע זעקס ברידער פאַרפייניקט? האָט ער דען ניט געזען וואָס מ׳האָט צו זיי געטאָן און ווי זיי זענען אין די שרעקלעכסטע אַנגסטן אויסגעגאַנגען?

אָבער אויף דעם אידישן אינגל האָבן די רייד פונעם קעניג פון גאַנץ סיריען ניט געווירקט: ער האָט זיך צום אָפּגאָט ניט גע־וואָלט בוקן!

אַ געשלאָגענער אינעם געפעכט, און כדי ניט צו בלייבן פאַר־שעמט אין די אויגן פון די טויזנטער מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אַרום און אַרום, האָט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס זיך אָנגעהייבן בעטן ביים אינגל, ער זאָל פאַר אים טאָן אַ קלייניקייט.

„איך וועל אַרונטער וואַרפן אויף דער ערד דאָס רינגל, וואָס איך טראָג אויפן פינגער, — האָט ער געזאָגט, — און דו בויג זיך אָן און הייב פאַר מיר דאָס רינגל אויף. דאָס מעג מען דאָך. אַפילו לויט די געזעצן פון אייער תורה מעג מען אַ מלך אָנטאָן אַ כבוד“.

דאָס אינגל האָט אָבער פאַרשטאַנען וואָס אַנטיוכוס איז דער־מיט אויסן; ער האָט מורא געהאַט, אַז די מענטשן, וואָס שטייען פון וויטנס און וואָס קענען ניט הערן וואָס מ׳רעדט דאָ, וועלן ניט וויסן, אַז אַנבויגנדיק זיך צו דער ערד האָט ער דעם קעניגס רינגל אויפגעהויבן; זיי וועלן נאָך מיינען, אַז דאָס האָט ער זיך פאַרן גריכישן אָפּגאָט געבוקט — און ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און זיך ניט אָנגעבויגן דעם קעניגס סיגנעט אויפצוהויבן . . .

נאָך דעם זענען שוין רייד געווען אינגאַנצן איבעריק. אויפן באַפעל פון אַנטיוכוסן האָט מען דעם זיבעטן זון, דעם אינגסטן, אויך פאַרפייניקט צום טויט, און מיט נאָך מער אַכזריות ווי די אַנ־דערע זעקס ברידער. און די לעגענדע דערציילט, אַז ווען דער זי־בעטער זון איז שוין געלעגן טויט, האָט די מוטער אים אַרומגענומען און געקושט. „גיי, מיין זון, צו אונדזער פאָטער אברהם, — האָט זי מיט אַ געוויין אויסגערופן — און זאָג אים: אַזוי האָט געזאָגט מיין מאַמע: דו קענסט זיך מער ניט גרויסן, וואָרעם איך האָב דיינע

מעשים אריבערגעשטיגן; דו האסט בלויז איין זון געפירט צו דער עקידה, און איך האב זיבן זין געפירט צו דער עקידה; דו האסט בלויז ג ע ו ו א ל ט שעכטן דיין זון, אבער מיינע זין האט מען טאקע געשאכטן".

און נאך דעם האט זי זיך פון א דאך ארונטער געווארפן און איז דערהרגעט געווארן. און דא דערציילט די לעגענדע, אז א בת־קול האט פון הימל אויסגערופן:

„עס איז א פרייד אויף דער מאמע און אויף אירע קינדער!"

קאַפּיטל זיבן

דער אָנהויב פון דעם חשמונאים-אויפשטאַנד

מיר האָבן דאָ, ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך געווען, אָפּגע־טיילט דאָס לעגענדאַרע פון דערווירקלעכקייט, דאָס צו־געטראַכטע — פון די פאַקטן, די פרומע דיכטונג — פונעם אמת. וואָרעם אײַנגאַנצן אויסלאָזן די געשיכטע מיט חנהן און אירע זיבן זין, אָדער זיך זייער ווייניק אָפּשטעלן דערויף, ווי ס'האָבן גע־טאָן אייניקע היסטאָריקער, הייסט אַרויסווייזן גרינגשעצונג צו די ערשטע קוואַלן פון אונדזער אידישער געשיכטע.

עס איז נישטאָ קיין גרונט צו צווייפלען אין דעם, אַז די גע־שיכטע מיט חנהן און אירע זיבן זין, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן קאַפּיטל אינעם ספר „חשמונאים“, א י ז א פ א ק ט. דער מחבר האָט דאָ בלויז זײַן אייגענע פרומקייט, זײַן אייגענע איבערגעגעבנ־קייט צו דעם אידישן גלויבן, צו פיל אַרײַנגעלייגט; מיט די ווערטער, וואָס ער האָט אַרײַנגעלייגט אין די מײַלער פון חנהס זיבן זין, האָט ער אוודאי זײַנע אייגענע געפילן אויסגעדריקט און זיך אַליין מיט אַנטיוכוסן אויסגעטענהט. בײַ די מערסטע היסטאָריקער פון יענע אַלטע צײַטן איז דער דאָזיקער כלל געווען אָנגענומען אין שרײַבן; שילדערנדיק פּאַסירונגען, וואָס זענען ווירקלעך פאָרגעקומען, האָבן זיי אָפט אין די מײַלער פון מענטשן אַרײַנגעלייגט רייד, וואָס יענע האָבן לויט זייער מיינונג געדאַרפט, אָדער געקענט זאָגן, ווייל דאָס שטימט מיט די מעשים וואָס זיי האָבן געטאָן.

דאָס זעלבע איז אויך מיטן מחבר פונעם ספר „חשמונאים“. ער האָט אין די מײַלער פון חנהס זיבן זין אוודאי אַרײַנגעלייגט רייד, וואָס זיי האָבן, לויט זײַן מיינונג, געדאַרפט און געקענט זאָגן, ווייל דאָס שטימט דאָך מיט זייערע מעשים. אָבער די געשיכטע אַליין, וואָס ער דערציילט, איז אָן צווייפל אַ פאַקט, וואָס איז ווירק־לעך פאָרגעקומען.

און ס'איז אינטערעסאַנט וואָס באַלד נאָך דעם ווי ער ווערט מיט דעם פּאַרטיק, רייסן זיך ביי אים אַרויס די ווערטער, אַז ס'זאָל שוין זיין גענוג צו דערציילן וועגן קרבנות און וועגן שרעקלעכע גרויזאַמקייטן און ער גייט איבער צו דעם אויפשטאַנד, וואָס די חשמונאים האָבן אַרויסגערופן קעגן אַנטיוכוסן. פון דעם איז קלאָר, אַז די פאַסירונג האָט אויף אים אַליין זייער שטאַרק געווירקט, און אַז דאָס האָט ביים פאָלק אַרויסגערופן גרויס צאָרן און נאָך מער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַן אויפשטאַנד קעגן דעם ברוטאַלן אונ־טערדריקער, וואָס ווערט אַלץ ווילדער און ווילדער.

צו פאַרפאָלגונגען און ליידן זענען די אידן שוין געווען צוגע־וואוינט. זייער לאַנד האָט זיך אַזוי געגרענעצט מיט די אַרומיקע לענדער, אַז אין יעדער מלחמה, וואָס ס'איז נאָר אויסגעבראָכן צווישן די אַנדערע פעלקער, זענען זיי אַריינגעשלעפּט געוואָרן. קיין שונאים האָט די אידן קיין מאָל ניט אויסגעפעלט; וואו עס איז נאָר ערגעץ אויפגעשטאַנען אַ הערשער, וואָס האָט געוואָלט וויט־פאַרשפּרייטן די גרענעצן פון זיין מאַכט, האָט ער גלייך געוואָרפן אַן אויג אויף דעם לאַנד יהודה; אידן האָבן זעלטן געקענט בלייבן אַן אַ זייט, ווען די אַנדערע פעלקער פון אַרום האָבן זיך געשלאָגן, און אין די מלחמות האָבן אידן אַ סך געליטן און דאָס לאַנד האָט אַלע מאָל אונטערן שוץ פון אַן אַנדער מאַכט געדאַרפט שטיין. אָבער אין די צייטן פון אַנטיוכוסן איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער גע־שיכטע, וואָס אידן זענען פאַרפאָלגט געוואָרן פאַר זייער גלויבן. און נאָך קיין מאָל האָבן זיי פריער ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מוט און העלדישקייט ווי דאַן, און מ'קען אין דער געשיכטע ניט געפינען נאָך אַ פאַל אַזאַ, ווען אַ פאָלק האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט און איז גרייט געווען מקריב צו זיין זיך פאַר אַ גלויבן, פאַר אַן איבערציי־גונג.

קיין מאַכט אין דער וועלט האָט דעמאָלט די אידישע עקשנות ניט געקענט ברעכן. עס האָבן ניט געהאָלפן די פייניקונגען, עס זענען געווען אומזיסט די רציחות, עס איז געווען אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע מי — די אידן האָבן זיך פון דער תורה ניט געוואָלט אָפּזאָגן, איר טיף־מענטשלעכע מאָראַל פון זיך ניט געוואָלט אַראָפּוואַרפן, און צו די גריכישע אָפּגעטער דינען ניט געוואָלט.

און ס'איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז ווען אַנטיוכוס וואָלט געווען אַ מענטש, וואָס קען זיך רואיק פאַרטראַכטן, און ווען ער וואָלט זיך

נאָר ניט געשעמט, וואָלט ער אפשר געווען אָפּגעשאַפט די שמד-גזירות און וואָלט געפּרוואווט אויסקומען מיט די אידן מיט גוטן. ער האָט זיך אָבער קיין מאָל רואיק ניט געקענט פאַרטראַכטן, און ס'איז אים ניט אָנגעשטאַנען צו פאַרלירן צו אַ שוואַכערן פון זיך.

אין אַלץ וואָס די אידן האָבן געטאָן, אַפילו אין קלייניקייטן, וואָס האָבן געקענט אויסזען ניט וויכטיק, האָבן זיי דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד אַרויסגעוויזן. די אָרעמע פון פאָלק אין די שטעט און אין די דערפער האָבן מיטן שונא אויף קיין שום פשרות ניט געוואָלט איינגיין. בלויז די רייכע „מתיונים", די פאַרגריכישטע אידן, איז געווען ניט שווער איינצורעדן, אַז זיי זאָלן זיך פון דער תורה און פון אירע דינים אינגאַנצן אָפּזאָגן. אויף די אָרעמע אָבער האָט מען עס אַפילו מיט געוואַלד אַרויפצווינגען ניט געקענט. און דער מדרש דערציילט, אַז ווען ס'איז אין יענער צייט אַרויס אַ באַ-פעל, אַז יעדער איד וואָס האָט אַ ריגל אויף דער טיר ביי זיך אין שטוב, זאָל דערויף אויסקריצן די ווערטער „אין לנו חלק ונחלה באלהי ישראל", וואָס עס מיינט פשוט, אַז „מיר קערן זיך גאָרניט אָן מיטן גאָט פון די אידן", האָבן אַלע באַלד אַרויסגעריסן די ריגלען פון די טירן און זיי אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן. און ווען ס'איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יעדער איד וואָס האָט אַן אָקס, מוז ביי אים אויפן האָרן אַזעלכע ווערטער אויסקריצן, האָבן אַלע באַלד פאַר-קויפט זייערע אָקסן. *)

ליגנדיק באַהאַלטן אין היילן און אין גריבער, האָבן די אידן גע-טראַכט ניט נאָר וועגן זייער אייגן לעבן, נאָר אויך פון דעם, וואָס אַנטיוכוס האָט געטאָן צו זייער לאַנד, צו זייער פאָלק, צו זייער תורה און צום הייליקן טעמפּל, וואָס איז ערשט ניט לאַנג צוריק געווען אַ שטאָלץ פאַר אַלע פעלקער. זיי האָבן געקלאָגט דערויף וואָס די שונאים האָבן דאָס בית המקדש פאַראומרייניקט און וואָס אַנשטאָט דעם געזאַנג פון די לוים, הערט מען דאָרט איצט די שיכורע און ווילדע קולות פון די גריכישע זעלנער, און מ'האַלט דאָרט אין איין פרעסן און זויפן, און מ'פירט אַהין זונות און מ'טוט דאָרטן אָפּ די מיאוסטע זאַכן מיט זיי, און אויף דעם מזבח, וואו די כהנים האָבן געשאָכטן קרבנות צו גאָט, ווי ס'איז אָנגעזאָגט גע-וואָרן אין דער תורה, קוילעט מען איצטער חזירים און מען שפּריצט

*) מדרש לחנוכה.

זייער בלוט אויף צעריסענע ספרי תורות, און אומעטום זענען אויס־געשטעלט די געשטאַלטן פון די גריכישע אָפּגעטער און דאָס געדע־כעניש פון די פייערונגען פון שבתים און ימים טובים איז דאָרט אין גאַנצן אָפּגעווישט.

אין דער פינצטערניש פון די נעכט, ווען די סכנה זיך צו טרעפן מיטן שונא אויג אויף אויג איז ניט געווען אַזוי גרויס, זענען מענטשן שטילערהייט אַרויסגעקראָכן פון די היילן און גריבער, וואו זיי האָבן זיך בייטאָג באַהאַלטן; זיי זענען געגאַנגען איבער מדבריות און וויסטעניש, זיך געשלעפּט פון אָרט צו אָרט, און וואו זיי האָבן נאָר געטראָפן אידן, פונקט אַזעלכע פאַריאָגטע און אָנגעשראָקענע ווי זיי אַליין זענען געווען, האָבן זיי געשטאַרקט זייערע הערצער און זיי אונטערגעגעבן מוט, אַז זיי זאָלן ווייטער גלויבן, אַז דער צאָרן וועט אַריבער און זיי זאָלן זיך האַלטן פעסט ביי דער תורה און ביי אירע דינים און זיי זאָלן ניט פעלשן אין זייער גאָט.

מ׳האָט זיי שוין גוט געקענט די מענטשן, וואָס קומען אין די פינצטערע נעכט אונטערגעבן מוט די שלאַבערדיקע און שוואַכע, און מ׳האָט שוין געוואַרט אויף זיי אין די אַלע מדבריות און וויס־טעניש, וואו מ׳האָט זיך באַהאַלטן. און זייער אַרבעט איז ניט געווען אומזיסט; אין די שטעט און אין די דערפער פונעם גאַנצן לאַנד, וואו אידן האָבן געלעבט אין שטענדיקער מורא, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין די באַהעלטענישן אויף די פעלדער און אין די וויסטענישן גרייט מען עפּעס צו שטילערהייט, זענען נאָך און נאָך מענטשן אַהין אַוועק, און די צאָל פון די, וואָס זענען געווען גרייט אַרויסצוגיין אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד אַקעגן אַנטיוכוסן, איז וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער.

אָבער קיין שטאַרקער מאַן, וואָס זאָל פירן דאָס פאָלק אין אַזאַ מלחמה, איז נאָך אַלץ ניט געווען.

און דאַן איז אינעם שטעטל מודעים, וואָס געפינט זיך אין צפון זייט פון ירושלים, געשען אַזוינס, וואָס האָט מיט אַ מאָל אַרויס־גערוקט צום פאָדערגרונט אַ גרויסן פירער פאַרן פאָלק.

לפנים איז אַפילו ניט געווען קיין אויסערגעוויינלעכעס אין דעם, וואָס איז אין מודעים געשען. איינער אַן אָפעלעס, אַן עלטסטער פון אַנטיוכוסעס אַ מחנה, איז געקומען אַהין מיט זיינע באַוואָפנטע לייט און באַלד האָט מען אין מיטן פונעם מאַרק־פּלאַץ אַוועקגעשטעלט אַ בימה מיטן געשטאַלט פון אַ גריכישן גאָט, און צונויפגעטריבן אַהין

אַלע אידן פון שטעטל, זיי צו צווינגען זיך צום גריכישן אָפּגאָט צו בוקן און ברענגען קרבנות צו אים.

צווישן די אידן, וואָס מ'האָט אויפן מאַרק-פּלאַץ צונויפגעטריבן, איז אויך געווען דער אַלטער כהן מתתיהו, דער זון פון יוחנן, וואָס איז געווען דער זון פון שמעון דעם חשמנואי. אויך זיינע פינף זין זענען מיט אים געווען — יוחנן הקדשי, שמעון התסי, יהודה המכבי, אליעזר החורני און יונתן הופסי.

אַפּעלעס, דער עלטסער פון די באַוואָפנטע לייט, האָט געוואָלט, אַז דער ערשטער וואָס וועט זיך צום גריכישן אָפּגאָט בוקן און דער־מיט באַווייזן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון עם אידישן גאָט און פון דער תורה, זאָל זיין מתתיהו דער כהן, ווייל ער איז דער חשובסטער מאַן אין מודעים, און אויב ער וועט דאָס טאָן, וועלן שוין זיינע פינף זין אַוודאי דאָס אויך טאָן, און דאַן וועלן שוין אַלע אידן פון מודעים זיי נעמען פאַר אַ ביישפּיל.

מיט אַזאַ וועג זענען די עלטסטע פון אַנטיוכוסעס מחנות אַלע מאָל געגאַנגען, ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ שטאָט אַרויפצו־צווינגען די שמד-גזירות אויף אידן. זיי האָבן אין אַזאַ פאַל שטענ־דיק אויסגעקליבן גרויסע משפּחות און אָנגעזעענע לייט.

דער גריך האָט געזאָגט דעם אַלטן מתתיהו, אַז אויב ער און זיינע זין וועלן פאָלגן דעם באַפעל פונעם קעניג, וועט מען זיי דער־פאַר באַלוינען מיט גאָלד און זילבער און מיט טייערע מתנות, און מ'וועט זיי הויך דערהויבן. אָבער דער אַלטער מתתיהו האָט אים דערויף געענטפערט, אַז אויב אַפילו אַלע אַנדערע אונטערטאַנען פונעם קעניג וועלן פאָלגן זיין באַפעל און זיך אָפּקערן פון זייער גלויבן און פון דער תורה, וועט ער און זיינע זין דאָס ניט טאָן. „דעם גלויבן פונעם קעניג, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר ניט אָנ־נעמען. זיינע באַפעלן וועלן מיר ניט פאָלגן, און אונדזערע געזעצן וועלן מיר ניט אויסבייטן!"

און ווען ער האָט אַזוי גערעדט, דער אַלטער מתתיהו, זענען זיינע פינף זין געשטאַנען גרייט אים מיטן לעבן צו באַשיצן.

דאַן איז מיט אַ מאָל צו דער בימה צוגעשפּרונגען איינער פון די אָפּטריניקע אידן, און ער האָט געשאָכטן אַ קרבן צום גריכישן אָפּ־גאָט און זיך געבוקט צו אים.

עס קען זיין, אַז דער אָפּטריניקער איד, דער משומד, איז גע־ווען צוגעגרייט נאָך פון פריער, כדי צו מאַכן אַן איינדרוק, אַז אַנ־

דערע זאָלן זיין ביישפּיל נאָכטאָן. אָבער ווי מתתיהו האָט דאָס נאָר דערזען, האָט ער שוין מער זיין צאָרן ניט געקענט איינהאַלטן און צולויפנדיק צו דעם אידן, וואָס האָט צום אָפּגאָט אַ קרבן געבראַכט, האָט ער אים דערהרגעט אויפן אָרט, און די בימה, וואו דאָס גע־שטאַלט פון אָפּגאָט איז געשטאַנען, האָט ער מיט כעס אומגעוואָרפן.

זיינע פינף זין האָבן מורא געהאַט, אַז אַנטיוכוס באַוואָפנ־טע לייט זאָלן אים נאָך ניט טאָן קיין שלעכטס, האָבן זיי זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דעם טומל וואָס איז באַלד געוואָרן. דאָס האָט מיטגעשלעפּט די אַנדערע אידן פון מודעים, די יונגע, ווי אויך די עלטערע לייט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג אויף טויט און לעבן. און אין דעם געשלעג איז אָפּעלעס, דער עלטסטער פון דער מחנה געפאַלן טויט און אינאיינעם מיט אים זענען אויך געפאַלן עטלעכע פון זיינע באַוואָפנטע לייט.

דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל וואָס די אידן זענען אין זייער קאַמף קעגן אַנטיוכוסן איבערגעגאַנגען פון אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד צו אַן אַקטיוון. אין דעם קליינעם שטעטל מודעים איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהייב פון אַ פאָלקס־אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. און קיינער האָט נאָך דאַן ניט געקענט וויסן, אַז אין דער זעלבער צייט, ביים אָנהייב פון אויפשטאַנד קעגן אַנטיוכוסן און זיינע שמד־גזירות, ווערט אין מודעים אויך אַוועקגעלייגט דער באָדן פאַר אַ נייער אידישער קעניגלעכער דינאַסטיע, וואָס וועט רעגירן הונדערט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר — די דינאַסטיע פון די חשמונאים.

דער אַלטער מתתיהו איז נאָכן צוזאַמענשטויס ניט אַנטלאָפן זיך צו באַהאַלטן. אויפהויבנדיק זיין קול איז ער אַרומגעלאָפן אי־בער דער גאַנצער שטאָט און האָט גערופן:

„ווער ס'האַלט הייליק די תורה און אירע דינים, זאָל גיין נאָך מיר!"

אָבער אין מודעים זענען שוין קיין סך אַזעלכע ניט געווען, ווייל דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער, וועלכע האָבן אויף זיך די שמד־גזירות ניט געוואָלט נעמען, זענען זיך נאָך פון פריער צעלאָפן. ניט מער ווי פיר מענטשן אינעם גאַנצן שטעטל זענען צו מתתיהון צוגעשטאַנען. אינאיינעם מיט די פינף זין, וואָס דער פאָטער האָט געהאַט, איז די גאַנצע „אַרמיי" באַשטאַנען פון צען

מאַן. און ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז די געטרייע און איבערגע-געבענע, די וואָס זענען גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן פאַרן גלויבן און פאַרן פאָלק, געפינען זיך צווישן די בערג און אין די וויסטענישן, זענען זיי אַהין אַוועק, און דאָרטן האָט קיין סך ניט געדויערט, און עס זענען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך און נאָך העלדישע און מוטיקע אידן, און אין אַ קורצער צייט האָט שוין די משפחה פון די חשמונאים געהאַט אַרום זיך אַן אַרמיי פון עטלעכע טויזנט מאַן.

דאָס פאָלק איז גערן געגאַנגען נאָך דעם אַלטן פירער און זיינע העלדישע פינף זין, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכן מוט אין דער מלחמה קעגן די פרעמדע און אויך קעגן די אייגענע שונאים. און מער פון אַלע איז ביי זיי געווען באַליבט מתתיהום דריטער זון, יהודה המכבי, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער גיבור, און אין אַ שלאַכט האָט קיינער אַזוי ניט געקענט באַגייסטערן מענטשן זיך צו שלאָגן אַקעגן שונא, אַזוי ווי ער האָט דאָס געקענט.

עס איז ניט אינגאַנצן קלאָר, פאַר וואָס מ׳האָט יהודהן געגעבן דעם נאָמען „מכבי". אייניקע פאָרשער זענען גענויגט צו גלויבן, אַז דעם נאָמען האָט מען אים געגעבן דערפאַר, וואָס ער האָט גע-שלאָגן די שונאים ווי מיט אַ האַמער, און דאָס זאָל זיך נעמען פון דעם וואָרט „מקבת", וואָס איז אויף העברעיש אַ האַמער. אַנדערע דענקען, אַז מ׳דאַרף דאָס לייענען ניט „מכבי" (מאַקאַבי), נאָר „מכבי" (מאַכבי), וואָס זאָל מיינען דער פאַרלעשער, דאָס הייסט דער, וואָס האָט פאַרלאָשן דאָס פייער, וואָס דער שונא האָט אָנ-געצונדן. און עס איז אויך פאַראַן אַ סברא, אַז דעם נאָמען „מכבי" האָט מען אים געגעבן ערשט שפּעטער, שוין נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט דעם גרויסן נצחון איבער אַנטיוכוסן און זיינע חיילות, און אַז דאָס זענען די ראשי תיבות פון די ווערטער „מי כמוך באלים יהוה" (ווער איז צווישן די געטער אַזוי ווי דו, גאָט), וואָס זענען געווען אויפגעשריבן אויף זיינע פאָנען, ווען ער האָט געפירט דאָס פאָלק אין דער מלחמה.

* * *

די ערשטע צייט, באַלד נאָך דער געשעעניש אין מודעים, האָט מתתיהו מיט זיינע זין נאָך ניט געקענט פירן דאָס פאָלק אין אַן אָפענער מלחמה קעגן אַנטיוכוסעס מחנות. מ׳האָט זיך פריער גע-דאַרפט צוגרייטן ריכטיק, און באַוואָפענען די מענטשן ווי ס׳איז נוי-טיק, און באַשטימען עלטסטע איבער זיי. עס האָט געדאַרפט

געדויערן אַ לאַנגע צייט ביז מ׳וועט זיך מיט די שטאַרקע שונאים קענען פאַרמעסטן אין כוחות אויפן פעלד.

די אַרבעט צוצוגרייטן די אידן אין זייערע באַהעלטענישן אַזוי, אַז זיי זאָלן מיט זיך קענען פאַרשטעלן אַ גוט אָרגאַניזירטע אַרמיי האָט אויף זיך גענומען יהודה. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַן עכטער קריגס־פירער, וואָס ווייסט ווי אַזוי צונויפצושטעלן חיילות. דאָס קען מען זען פון דעם וואָס ס׳ווערט דערציילט, אַז שפּעטער ווען די צאָל פון זיינע מחנות איז שוין געווען גרויס, האָט ער באַשטימט „עלטסטע, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן איבער הונדערט מאַן", און אויך „עלטסטע, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן איבער טויזנט מאַן".

דערווייל אָבער, איידער די מחנות זענען פאַר גרויסע שלאַכטן געווען גרייט, האָט מען אָנגעפירט אַ פאַרטיזאַנישע קריג.

ביינאַכט, און אַ מאָל אויך בייטאָג, זענען אידן אַרויס פון די באַהעלטענישן, וואָס צווישן די בערג, און זענען אָנגעפאַלן אויף די גריכיש־סירישע חיילות, וואָס זענען אויף די וועגן געגאַנגען. אויך אין שטעט און אין דערפער האָבן זיי זיך אָפט אַריינגעריסן, און וואוהין זיי זענען נאָר אַריינגעקומען, האָבן זיי צעבראָכן די גריכישע אָפּגעטער, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אָן אַ צאָל; מל געווען די אידישע קינדער, וואָס זענען ניט געווען געמלט, פאַרטריבן די גריכישע זעלנער, וואָס האָבן אויף די אידן אַנטיוכוסעס גזירות אַרויפגעצוואונגען; אַ סך פון זיי האָבן זיי אויסגעהרגעט, און זיי האָבן ווייטער גערופן דאָס פאָלק צו מלחמה קעגן די שונאים.

אומעטום האָבן די חשמונאים צעטראָגן דעם רוף: „ווער ס׳איז פאַר גאָט, זאָל גיין צו אונדז!" און דער רוף איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די אַלע היילן און גריבער, אין אַלע מדבריות און ווימטעניש, וואו אידן האָבן זיך באַהאַלטן. און וואו עס איז נאָר ערגעץ געווען אַ מענטש מיט מוט און האָפענונג, האָט זיך אָן דער מחנה פון די חשמונאים אָנגעשלאָסן. פון נאָענט און פון ווייט איז מען צו זיי געקומען, און דאַן האָט דער אַלטער מתתיהו אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אויב דער שונא וועט אָנפאַלן שבת אויף אַ הייל, וואו אידן באַהאַלטן זיך, זאָל מען זיך מער ניט לאָזן אויסקוילען ווי די שאָף, כדי דעם הייליקן שבת ניט צו פאַרשוועכן, נאָר מ׳זאָל זיך שטעלן אַקעגן און זיך שלאָגן. „אויב מיר וועלן זיך שבת ניט

שטעלן אַקעגן, — האָט ער געזאָגט, — וועלן זיי אונדז ביסלעכווייז אַלעמען פאַרטיליקן".

און פון דאַן אָן האָבן זיך אידן געשטעלט אַקעגן, ניט נאָר אין די וואָכעדיקע טעג, נאָר אויך אין די שבתדיקע. און דאָס איז פאַר די גריכן געווען אַ נײַעס. זיי האָבן זיך דערויף אינגאַנצן ניט גערעכנט.

אויך די רײַכע פאַרגריכישטע אידן, די „מתיונים", זענען פון דעם געוואָרן צעמישט. זיי האָבן פריער די גאַנצע צײַט געקוקט אויף די אָרעמע פרומע לײַט ווי אויף ווילדע רעליגיעזע פאַנאַטיקער, וואָס זענען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג מיטן אָנקומען פון דער נײַער צײַט; זיי האָבן זיך ניט גערעכנט אויף קיין אַקטיוון ווידער־שטאַנד פון זייער זײַט; זיי האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז די מענטשן, וואָס האַלטן זיך מיט אַזאַ עקשנות בײַ זייער גלויבן, וועלן גאָר מיט אַ מאָל אַרויס אין אַ מלחמה מיט שווערדן אין די הענט. און ווען זיי האָבן דערזען ווי די מחנות אַרום דער משפּחה פון די חשמונאים ווערן וואָס אַ מאָל אַלץ גרעסער און גרעסער און זיי פאַלן אָן אויף שטעט און דערפער און טרײַבן פון דאָרט אַנטיו־כוסעס באַוואָפנטע לײַט און רופן דאָס פאָלק צום קאַמף קעגן פרעמדע און אייגענע שונאים, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און זענען זיך צעלאָפן אין די שטעט, וואָס זענען געווען גוט באַשיצט פונעם קעניגס חיילות, ווײַל נאָר דאָרט האָבן זיי זיך געקענט פילן זיכער מיט זייער געביין. צווישן אידן האָבן זיי מורא געהאַט צו וואוינען, ווײַל זיי האָבן געוואוסט, אַז אויף זיי טראָגן די אידן נאָך אַ גרעסערן צאָרן ווי אויף די פרעמדע שונאים און מ'קוקט אויף זיי ווי אויף פאַררעטער.

אַ וויכטיקע ראָלע אינעם אויפשטאַנד האָבן אויך געשפּילט די אידישע פרויען, און זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און מסירת נפש. אין דער אידישער געשיכטע פון יענער צײַט ווערן דערמאָנט פאַלן מיט אידישע פרויען, וועלכע האָבן אַליין מל געווען זייערע נײַ־געבאָרענע קינדער, כאָטש מ'האָט פאַר אַזאַ זאַך באַשטראָפט מיטן טויט. און עס ווערן אויך דערמאָנט פאַלן מיט אידישע פרויען, וועלכע האָבן זיך אינאיינעם מיט זייערע קינדער אַרונטערגעוואָרפן פון די דעכער, ווען זיי האָבן פון דער ווײַטנס דערזען ווי דער שונא קומט אָן.

דאָס איז געווען נאָך פאַרן אויפשטאַנד. און ווען דאָס פאָלק איז שוין אין אָן אָפענער מרידה אַרויס, האָבן די ווײַבער זיי אַ סך

געהאַלפן אין דעם. אינאיינעם מיט די מאַנספאַרשוינען זענען זיי אַוועק אין די היילן און באַהעלטענישן, וואָס צווישן די בערג, און דאָרט האָבן זיי געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר געווען אין זייערע כוחות, אַז די מאַנספאַרשוינען זאָלן זיין פאַרזאָרגט מיט עסן און זיי האָבן זיי אונטערגעגעבן מוט זיך צו שלאָגן מיטן שונא ווי העלדן און טרייבן אַנטיוכוסעס לייט פון די שטעט און די דערפער און צעברעכן די אָפּגעטער, וואָס זיי האָבן דאָרט אויסגעשטעלט.

עס איז אמת, אַז לויט דער תורה זענען די אידישע פרויען ניט געווען צופיל באַלאָדן מיט דינים, און דערפאַר זענען די גזירות קעגן די אידישע דינים און געזעצן אפשר ניט געפאַלן אויף זיי אַזוי שווער. אָבער די אַלגעמיינע לאַגע, וואָס איז איבער די גזירות געשאַפן געוואָרן, איז געווען אַזאַ, אַז די ווייבער האָבן אינאיינעם מיטן גאַנצן פאָלק געליטן; פאַר די זינד פון זייערע מענער, וואָס האָבן זיך געשטעלט דעם שונא אַקעגן, האָט מען זיי געקענט פאַרקויפן פאַר דינסטן און זיי צונעמען פון זייערע היימען און משפחות.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פון די יונגע מיידלעך, די טעכטער פון די אידן, וועלכע האָבן קיין גריכן ניט געוואָלט ווערן און צו די גריכישע אָפּגעטער ניט געוואָלט דינען, ווייל ווען אַנטיוכוס האָט געזען, אַז ס'איז אַזוי שווער די עקשנות פון יענע אידן צו ברעכן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ווען די טאָכטער פון אַזאַ אידן האָט חתונה, זאָל זי איר מיידלשאַפט אַוועקגעבן צו אַ גריכישן העגעמאָן (עלטסטן), און אינעם טאָג פון איר חופה זאָל זי מיט אים זיין די ערשטע נאַכט, ווי ס'ווערט דערציילט אין „יוצר לשבת ראשונה של חנוכה" און אויך אין „יוצר לשבת שניה של חנוכה", וואָס זענען געדרוקט אין די אַלטע סידורים. דאָרטן שטייט: „זיי האָבן פאַרטראַכט צו טאָן אַ שענדלעכע זאַך צו אַ פאַרקנסטער, צו באַליגן אַ אידישע טאָכטער, און אַזוינס ווערט ניט געטאָן". און דאָס זעלבע ווערט אויך דערציילט אינעם „מדרש לחנוכה". דאָרטן שטייט: „ועוד גזרו שכל מי שנושא אשה תבעל להגמון תחלה ואחרי כך תחזור לבעלה". (ציטירט לויט אהרן יעלינקעס „בית המדרש". ערשטער באַנד. זייט 133).

עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז נאָך פאַרן אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אינעם שטעטל מודעים, איז אַזוינס שיעור ניט געטאָן געוואָרן צו דער כלה פון איינעם פונעם אַלטן מתתיהוס זון. עס ווערט דערציילט, אַז זיין זון אליעזר האָט חתונה געהאַט מיט

זייער אַ שיינער מיידל, די טאָכטער פון איינעם אַ יוחנן. אינעם טאָג פון דער חופּה איז די כלה געווען זייער טרויעריק און זי האָט אויף זיך די קליידער צעריסן, ווייל לויטן באַפעל פון דעם גרויזאַמען קעניג, האָט זי אינעם טאָג פון איר חופּה געדאַרפט אַוועק געבן איר מיידלשאַפט צו דעם גריכישן העגעמאָן און זיין מיט אים די ערשטע נאַכט. „אַ געמיינער מענטש וועט מיך פאַראומרייניקן, — האָט זי מיט ביטערע טרערן געוויינט, — און פאַר שאַנד וועל איך מיין פּנים פאַר לייטן ניט קענען ווייזן". אויך דער חתן אליעזר דער חשמונאי, איז געווען זייער טרויעריק, און ווען ער האָט דערזען ווי זיין שיינע כלה וויינט און קלאָגט, איז ער מיט זיינע חברים און מיט דער כלהס ברודער אַוועק צום גריכישן העגעמאָן און האָט אים דערהרגעט.

אידישע טעכטער האָבן ניט געוואָלט, אַז מ'זאָל מאַכן פון זיי זונות. און דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן פאַר וואָס זיי האָבן זיך מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ פייער אַריינגעוואָרפן אין דעם אויפשטאַנד, וואָס די חשמונאים האָבן אָנגעהויבן אין מודעים, קעגן די, וואָס האָבן דעם אידישן גלויבן געוואָלט אויסראָטן.

קאַפּיטל אַכט

יהודה המכביס ערשטע נצחונות

די מערסטע היסטאָריקער, סיי די וואָס פון די אַלטע צייטן, און סיי די וואָס פון די נייע צייטן, האַלטן, אַז אין דער גאַנצער וועלט-געשיכטע איז ש ו ו ע ר צו געפינען נאָך אַזאַ פאַל אַז אַ קליין פאָלק זאָל זיך פאַרמעסטן אין כוחות קעגן אַ גרויס פאָלק און דאָך אַרויסקומען מיט אַ ניצחון, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דער מלחמה פון די חשמונאים קעגן דער הערשאַפט פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס.

עס זענען אויך פאַראַן אַזעלכע היסטאָריקער, וואָס האַלטן, אַז ניט נאָר איז ש ו ו ע ר צו געפינען אַזאַ פאַל, נאָר עס איז טאַקע נישטאָ נאָך אַזאַ פאַל אין דער וועלט-געשיכטע.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז קיינער פון די נאָענטע, אָדער ווייטע פעלקער איז די אידן דעמאָלט ניט געקומען צו הילף. זיי האָבן זיך אַליין, מיט די אייגענע כוחות, געשלאָגן קעגן די גוט-באַוואָפנטע גריכישע חיילות. און אין אַ סך שלאַכטן איז די צאָל פונעם שונאס מחנות געווען צען מאָל אַזוי גרויס; דאָרט, וואו די צאָל פון די אידישע חיילות איז געווען ניט מער ווי דריי טויזנט, האָט די צאָל פון אַנטיוכוסעס באַוואָפנטע לייט דערגרייכט ביז דרייסיק טויזנט. דערצו זענען נאָך יענע געווען בעסער באַוואָפנט. און ניט קוקנדיק דערויף, איז אין די אַלע שלאַכטן דער ניצחון געווען אויף דער זייט פון די אידן. און דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך גוט געשלאָגן, און גוט געשלאָגן האָבן זיי זיך דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר זייער גלויבן, פאַר זייערע טיפסטע איבערצייגונגען, פאַר זייער הייליקסטע אידעאַלן. זיי האָבן געפילט און געגלויבט, אַז ווייל די גערעכטיקייט איז אויף זייער זייט, וועט דער ניצחון אויך זיין אויף זייער זייט. און מיט זייער גרויסן זיג איבערן שונא האָבן זיי באַוויזן, אַז ניט אַלע

מאָל גילט דער כלל „מאַכט איז רעכט“, ווי עס איז געווען אַנגענומען דאָן, פונקט ווי איצט, נאָר אַז עס טרעפט אַ צייט ווען רעכט איז מאַכט.

פונקט ווי מצרים, האָבן די אידן דאָן זיך אויך געקענט ווענדן נאָך הילף צו רוים. און עס איז זייער מעגלעך, אַז רוים וואָלט זיי דאָס ניט אָפּגעזאָגט, ווי זי האָט דאָס ניט אָפּגעזאָגט ווען מצרים האָט זיך צו איר נאָך הילף געווענדט. רוים איז אַלע מאָל געווען צופרידן זיך אריינצומישן, ווען מען האָט זי נאָר געבעטן, ווייל זי האָט ניט געוואָלט, אַז אַנטיוכוסעס מאַכט זאָל צו הויך שטייגן. די רוימישע רעפּובליק האָט דאָן ניט געצוואונגען די פעלקער, וואָס זענען אונטער איר שוץ געשטאַנען, אויפצוגעבן זייער גלויבן, און מיט די אידן האָט זי אין דעם פּרט קיין אויסנאָם ניט געמאַכט.

די חשמונאים האָבן אָבער געוואוסט, אַז אויב רוים וועט אריינשטעלן אַ פוס ווי די באַשיצערין פון יהודה, וועט זי שוין במילא אויך ווערן די הערשערין איבערן לאַנד. און די אידן זענען מיט זייער קאַמף אויסן געווען ניט נאָר די פרייהייט פון זייער גלויבן, נאָר אויך די פרייהייט פון זייער לאַנד. זיי האָבן ניט געוואָלט טראָגן אויף זיך קיין פרעמדן יאָך. דאָס איז געווען אַ מלחמה פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט און אין דער זעלבער צייט אויך אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן פרעמדע און אויך אייגענע אונטערדריקער.

אונטער דער פירערשאַפט פון די חשמונאים זענען די אידן אָנגעפאַלן ניט נאָר אויף די חיילות פון אַנטיוכוסן, נאָר אויך אויף די „מתיונים“, אויף די פאַרגריכישטע אידן, וואָס זענען מערסטנטייל באַשטאַנען פון רייכע סוחרים און גרויסע לאַנדבאַזיצער, וועלכע זענען געווען קעגן דעם דין פון דער תורה, אַז מ'טאָר ניט קויפן קיין קנעכט אויף אייביק, און קעגן אַ סך אַנדערע גערעכטע אידישע דינים, וואָס זענען פאַר די אָרעמע, פאַר די שוואַכע און אונטערדריקטע. די מחנות פון דעם אַלטן מתתיהו און זיינע זין האָבן זיי אויך געטריבן פון די שטעט און פון די דערפער און זיי אין ערגעץ קיין רו ניט געגעבן. אָבער די ערשטע צייט האָבן די חשמונאים נאָך ניט געקענט אָנהאַלטן די שטעט, פון וואַנען זיי האָבן די פרעמדע און אייגענע שונאים פאַרטריבן. ערשט שפּעטער, ווען די צאָל פון זייערע מחנות איז שוין געווען זייער גרויס

און דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ פון אַלע זייטן געשטראָמט צו זיי, האָבן זיי זיך שוין מער ניט באַנוגנט מיט בלויז אָנפאַלן ביינאַכט אָדער בייטאָג; זיי זענען שוין מער ניט אַנטלאָפן פון די שטעט, וואו זיי האָבן די גריכישע אָפּגעטער צעוואָרפן און די שונאים אַרויסגעטריבן. זיי זענען דאָרט אויך אויף ווייטער געבליבן און מער דעם שונא אַהין צוריק ניט אַריינגעלאָזט.

און גראָד דאַן, ווען עס האָט זיך געשטאַרקט די האַנט פון די, וואָס זענען אַרוים אין אַ גערעכטער מלחמה קעגן דעם בייזן שונא, וועלכער האָט פון גערעכטיקייט ניט געוואָלט וויסן, איז דער אַלטער מתתיהו געשטאָרבן. אָבער פאַרן טויט האָט ער צו זיך צוגערופן זיינע פינף זין און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן דעם גערעכטן קאַמף ניט אויפגעבן. ער האָט זיי אויך אָנגעזאָגט, אַז פירן דאָס פאָלק אין דער מלחמה זאָל יהודה המכבי, ווייל ער איז „פון תמיד אָן געווען אַ גיבור און אַ מוטיקער“. און דער עצה־געבער, דער הויפּט פונעם גענעראַל־שטאַב, ווי מען וואָלט דאָס היינט אָנגערופן, זאָל זיין שמעון התסי, ווייל „ער איז אַ קלוגער און אַ פאַרשטענדיקער מענטש, און ער וועט צו אייך זיין ווי אַ פאָטער“.

„קלייבט צונויף אַרום זיך, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — די אַלע, וואָס זענען איבערגעגעבן צו גאָטס תורה, צו נעמען נקמה אין די פייניקער פאַר אונדזער פאָלק. באַצאָלט זיי ווי זיי האָבן פאַרדינט מיט זייערע מעשים און היט אָפּ גאָטס געבאָט מיטן גאַנצן האַרצן“.

אַזוי האָט דער העלדישער פאָטער, דער זקן, גערעדט צו זיינע העלדישע זין, און ער האָט זיי געבענטשט. און ווען ער איז געשטאָרבן — ווערט דערציילט אינעם ספר „חשמונאים“ — האָבן „אַלע אידן אים באַוויינט און עס איז געווען אַ שווערער טרויער“. און באַגראָבן האָט מען אים אין מודעים, אין דער שטאָט, וואו ער איז געווען דער ערשטער דעם אויפשטאַנד אויפצוהויבן.

אונטער דער פירערשאַפט פון די זין האָט זיך דער אויפשטאַנד צעוואַקסן נאָך גרעסער ווי אונטער דער פירערשאַפט פונעם פאָטער. דער העלדישער יהודה המכבי האָט געקענט צוציען צו זיך מענטשן; ער האָט אין זיך געהאַט דעם עכטן צויבער פון אַן אמתן פאָלקספירער, און ווען ער איז געוואָרן דער עלטסטער פון די אידישע מחנות, זענען אין די רייען צוגעקומען נאָך און נאָך מענטשן. „זיין נאָמען — ווערט דערציילט אינעם ספר „חשמונאים“ — איז געוואָרן

גרויס אין לאַנד און עס האָבן זיך אַרום אים געזאַמלט אַלע באַרויבטע און אונטערדריקטע".

פון דעם אַליין ווערט נאָך מער באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר האָבן שוין פריער באַוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ קאַמף פון די אָרעמע קעגן די רייכע, פון די געקריוודעטע קעגן די אונטערדריקער.

יהודה המכבי האָט זיך געמאַכט באַליבט ביים פאָלק ניט נאָר מיט די גרויסע גבורות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין דער גערעכטער מלחמה קעגן שונא, נאָר אויך מיט דעם חוש פאַר גערעכטיקייט, וואָס ער האָט בכלל אַרויסגעוויזן. ער האָט די גאַנצע צייט אין זינען געהאַט, אַז אויסער דעם, וואָס דאָס איז אַ מלחמה פאַר דער פרייהייט פונעם גלויבן, איז דאָס אויך אַ קאַמף פאַר די אָרעמע, און ווי אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך מיט זיינע מחנות אומגעקערט צוריק פון אַ שלאַכט, נאָך אַ גרויסן ניצחון איבערן שונא, האָט ער געזען אַז אַלץ, וואָס מען האָט ביי די באַזיגטע צוגענומען, זאָל צעטיילט ווערן ניט נאָר צווישן די וואָס האָבן זיך אין די שלאַכטן באַטייליקט, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין יענער צייט, נאָר אויך צו יענע אָרעמע פון פאָלק, וואָס זענען אין דער מלחמה ניט געגאַנגען — צו די אַלטע און קראַנקע לייט און די אַלמנות און יתומים, ווי עס ווערט דערציילט אין דער געשיכטע פון יענער צייט. דאָרט ווערט בפירוש געזאָגט „ויחלקו מן השלל לאלמנות וליתומים ולאביוני העם" (און זיי האָבן צעטיילט פונעם זאַקרויב צו די אַלמנות און צו די יתומים און צו די אָרעמע לייט פון פאָלק. *) און דאָס איז געווען אַ נייער און זייער גערעכטער אויפטו, וואָס איז געווען אינגאַנצן פרעמד די באַגריפן פון די אַנדערע פעלקער אין יענער צייט. דאָס איז אויך געווען נאָך מער ווי דער איינפיר אין די צייטן פון דוד המלך, אַז „אַזוי ווי דער חלק פון דעם, וואָס גייט אין דער מלחמה, אַזוי איז דער חלק פון דעם, וואָס בלייבט אָפּצוהיטן די זאַכן; גלייך זאָלן זיי זיך צעטיילן", ווי ס'ווערט דערציילט אינעם ספר „שמואל".**) דער דאָזיקער גערעכטער איינפיר פון יהודה המכבי, אין די צייטן פונעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן דעם גרויזאַמען קעניג אַנטיוכוס, האָט געוויס ניט ווייניק געהאָלפן אים צו מאַכן נאָך מער באַליבט ביים גאַנצן פאָלק.

*) חשמונאים ב. ח, ל"ח.

**) שמואל א, ל, כ"ד.

אנטיוכוס אליין איז דאַן געזעסן אין דער שטאָט אנטיוכיה; ער איז דאָן, ווי ס'שיינט, נאָך געווען זיכער, אַז דעם ווידערשטאַנד פון די אידן וועט ער צו יעדער צייט קענען ברעכן, וואָרעם ווי קען זיך גאָר אַזאַ קליין פאָלק פאַרמעסטן מיט אים אין כוחות? ער האָט דאָס געהאַלטן ווי אַ באַליידיקונג פאַר זיך און פאַר זיין גרויסער מאַכט גאָר צו טראַכטן וועגן אַזאַ זאַך, אַז אידן קענען אים בייקומען. און כדי מ'זאָל אין אַנדערע לענדער דערציילן וועגן זיין גרויסקייט האָט ער אין אַנטיוכיה געהאַלטן אין איין פּראַווען גרויסע פּאַראַדן. אַלע מאָל האָט ער געפונען אַן אַנדער אויסרייד פאַר אַ פּאַראַד; יעדן חודש האָט ער געפייערט זיין געבורטסטאָג. און אַזוי ווי קיין אָפּגעטער האָבן אים אויך ניט אויסגעפעלט, האָט ער אַלע מאָל פאַר אַן אַנדער אָפּגאָט אַ ראַשיקע רעליגיעזע צערעמאָניע געפייערט. און אויף די אַלע פּאַראַדן און פייערלעכע צערעמאָניעס האָט ער זיך געלאָזט וואויל גיין אויף זיין שטייגער; רייטנדיק אַליין דער ערשטער אויף אַן אויסגעפּוצטן עלעפאַנט, האָט ער אַ גאַנצן קאַראַוואַן מיט עלעפאַנטן געפירט, און ווען עס האָט זיך אים נאָר פאַרגלוסט, האָט ער זיי גאָר פּלוצעם אָפּגעשטעלט, און ווען ער האָט נאָר געוואָלט, האָט ער זיי ווייטער געפירט, אָדער זיי גאָר געמאַכט גיין צוריקוועגס כדי מ'זאָל האָבן פון וואָס צו לאַכן.

און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער שפּיל פון די עלפאַנטן, האָט ער זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין די אַנדערע שפּילן, אין וועלכע נאַקעטע אַטלעטן האָבן זיך געראַנגלט צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן דער גרויסער צאָל געסט, וואָס זענען פון דרויסן הונדערט שטעט געקומען. דאָס זענען געווען די אַזוי־גערופענע „הייליקע שלוחים“, וועלכע האָבן נאָך דעם די גרויסקייט פון אנטיוכוס דעם „גלענצנדיקן“ געדאַרפט צעטראָגן איבער אַנדערע שטעט און מדינות; און ער אַליין האָט די געהויבענע געסט אויסגעזעצט; ער אַליין האָט יעדן איינעם פון זיי אַן אָרט אָנגעוויזן. און אַזוי איז ער געלאָפן פון איינעם צום צווייטן, און ווען ער איז נאָר פאַרביי געלאָפן אַ טיש, האָט ער געגעבן אַ כאַפּ וואָס ס'איז אים נאָר אונטער דער האַנט געקומען און זיך אָנגעשטאָפּט אַ פול מויל, און ווען ער האָט דאָס אַרונטער געשלונגען, האָט ער פון אַן אַנדער טיש געגעבן אַ כאַפּ אַ גרויסן בעכער ווין און אים מיט איין מאָל אויסגעטרונקען, און מיט אַלעמען האָט ער געשטיפט, און זיין שיכורער געלעכטער האָט זיך אומעטום מיט אַ שטאַרקן הילך געטראָגן.

עס איז אים געווען גוט, דעם גריכיש-סירישן קעניג. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז ערשט דער אָנהויב פון זיין גרויסער מאַכט, און אַז שפּעטער וועט ער ווערן נאָך מעכטיקער און אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן ציטערן פאַר אים און וועלן אים זיין אונטערטעניק.

ערשט ווען ער האָט דערהערט, אַז יהודה המכבי האָלט אָפּ איין גרויסן נצחון נאָכן אַנדערן און דער אויפשטאַנד אין יהודה פאַרשפּרייט זיך שטאַרק איבערן גאַנצן לאַנד, און עס ברענען שטעט און דערפּער און די גריכישע חיילות, וואָס געפינען זיך דאָרט, זענען צו שוואַך דאָס אָפּצושטעלן, איז ער געוואָרן אַ ביסל אומרואיק.

אים איז אָבער אָפּילו דאַן אויך ניט איינגעפאַלן, אַז ס'איז גאָר מעגלעך אַזאַ זאַך, אַז די אידן זאָלן א י ם קענען בייקומען. וועגן דעם האָט ער גאָרניט געטראַכט. עס האָט אים נאָר פאַרדראָסן וואָס אידן האָבן גאָר אַזאַ חוצפּה זיך צו שטעלן אַקעגן א י ם.

דאָס האָט אים מער ווי אַלץ אויפגעבראַכט, און ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ש ו י ן זאָל מען אַרויסשיקן אַ גרויסע אַרמיי קעגן די „ווידערשפּעניקער", און ווען מ'וועט דעם אויפשטאַנד אונטערדריקן, זאָל מען אַלע אידן אַרויסטרייבן פון זייער לאַנד, און דאָרט באַזעצן אַן אַנדער פאָלק. קיין אידן וואָס האַלטן זיך ביי דעם גלויבן אין זייער גאָט און אָן די דינים פון דער תורה, זאָלן מער ניט זיין, און אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, זאָל מען ביי זיי צונעמען!

אין א ל ע צ י י ט ן זענען שונאי-ישראל אויף דעם זעלבן שכל געפאַלן; אינאיינעם מיט אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן אידן, איז אַלע מאָל אויך געקומען אַ באַפעל צוצונעמען זייער פאַרמעגן, און דאָס האָט געהייסן מאַכן דעם רויב „געזעצלעך".

קאַפּיטל ניין

חנוכה — דער יום-טוב פון באַנייאונג

צ ווײ פון זײנע בעסטע קריגס-פירער האָט אַנטיוכוס אויסגעקליבן צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד אין יהודה. אײנער פון זײ האָט געהײסן גאָרגיאַש, און דער אַנדערער האָט געהײסן ניקאַנאָר. אין זײערע הענט האָט ער איבערגעגעבן אַן אַרמײ פון פערציק טויזנט פוסגײער און זיבן טויזנט רײטער, און אַלײן איז ער מיט נאָך אַ גרעסערער אַרמײ אַוועק אינעם לאַנד פּרס, צו העכערן די שטײערן אויף דער באַפעלקערונג און צונעמען דאָס גאָלד און זילבער וואָס ליגט באַהאַלטן אין די הײליקע טעמפּלען.

ער האָט שטענדיק געדאַרפט האָבן געלט, דער קעניג אַנטיוכוס. עס איז אים קײן מאָל ניט געווען גענוג, ווײל די גרויסע צאָל חײלות, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן, האָבן אים אָפּגעקאָסט אוצרות, און ניט ווייניק גאָלד און זילבער איז אַוועק אויף די גרויסע פּאַראַדן און פײערלעכע צערעמאָניעס, וואָס ער האָט אַזױ אָפט געפּראַוועט, כדי מ'זאָל אין אַנדערע לענדער האָבן וואָס צו דערצײלן וועגן זײן גרויסקײט.

בײדע קריגס-פירער האָבן זיך מיט זײערע חײלות אין אָנפאַנג אָפּגעשטעלט בײ דער שטאָט אמה. פון דאָרטן האָבן זײ זיך געקליבן מאַכן דעם ערשטן גרויסן אָנפאַל אויף יהודהס מחנות. און אַזױ זיכער זענען זײ שוין געווען אין דעם, אַז די אידן וועלן דאָס מאָל די מלחמה פאַרלירן, אַז ניקאַנאָר האָט שוין באַצײטנס געלאָזט אויסרופן, אַז סוחרים, וואָס האַנדלען מיט שקלאַפן, זאָלן קומען צו אים, און ער וועט זײ פאַרקויפן די אידן וואָס ער וועט נעמען אין געפענקעניש.

אַפילו אַ פּרײז האָט ער שוין געהאַט באַשטימט — נײנציק אידן פאַר אײן רענדל. און פון די אַרומיקע לענדער זענען געקומען עטלעכע הונדערט סוחרים פון שקלאַפן, און זײ זענען שוין געווען

גרייט צו כאַפּן די גרויסע מציאה און קויפן אידן פאַר אַזעלכע שפּאָט-ביליקע פרייזן.

מיט אַלץ, וואָס מ'האָט נאָר פאַרטראַכט, איז מען אויסן געווען געלט. און ס'איז געווען אַ געמיש פון קריג, הויכע פּאָליטישע אַמביציעס און — האַנדל; סוחרים ווען קויפן אידן און צאָלן געלט, און קריגס-פירער וועלן פאַרקויפן אידן און נעמען געלט.

אָבער יהודה המכבי האָט אַלע זייערע פּלענער צעשטערט.

פונעם באַרג מצפה, וואו ער האָט זיך מיט זיינע מחנות באַפעסטיקט, האָט ער אַרויסגעשיקט אויסשפּירער אויסצוגעפינען וואָס ס'קומט פאָר אינעם שונאס לאַגער, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז גאָרגיאַש און ניקאַנאָר האָבן זייער אַרמיי צעטיילט אויף צווייען און אַז גאָרגיאַש גייט דער ערשטער מיט זיינע חיילות אים צו באַפאַלן ביינאַכט אויפן באַרג מצפה, איז ער אין דער זעלבער נאַכט מיט זיינע מחנות אָנגעפאַלן אויף ניקאַנאָרן, ווען יענער האָט זיך דערויף גאָרניט געריכט; עטלעכע טויזנט לייט זענען אין יענער נאַכט געפאַלן אין שלאַכט; אַ סך זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און צווישן זיי זענען געווען די עטלעכע הונדערט שקלאַפן-הענדלער, וואָס זענען געקומען כאַפּן מציאות און קויפן אידן פאַר אַ שפּאָט-ביליקער פרייז; דער ניצחון פון די אידן איז געווען גרויס; זיי האָבן אונטערגעצונדן די געצעלטן און ביידלעך פון ניקאַנאָרס חיילות, און ניקאַנאָר אַליין איז קוים מיט לעבן אַנטלאָפן.

גלייך נאָך דעם איז יהודה אַוועק מיט זיינע מחנות אַניאָגן דעם צווייטן גריכישן קריגס-פירער, גאָרגיאַשן. יענער האָט גאָר אין גאַנצן ניט געוואוסט וועגן דעם אָנפאַל אויף ניקאַנאָרן. און ווען ער איז מיט זיינע באַוואָפנטע זעלנער צוגעקומען צום באַרג מצפה און האָט דערזען, אַז די ביידלעך און געצעלטן זענען ליידיק און פון יהודהן און זיינע מחנות איז דאָרט אפילו קיין איינער ניט געבליבן, איז ער געווען זיכער, אַז די אידן זענען זיך פאַר מורא צעלאָפן אין די בערג. מיט אַ מאָל האָט ער אין דער פינצטער דערזען אַ פייער פון דער ווייטנס און ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָס זאָל באַדייטן. און באַלד האָט ער דערהערט דאָס שאַלן פון שופרות, און איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, האָבן אים שוין די אידן פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט, און צווישן זיינע חיילות איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה. ס'איז גאָר אוממעגלעך געווען זיך צו שטעלן אַקעגן די גיבורים, וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ פייער גע-

שלאָגן פאַר דער פרייהייט פון זייער לאַנד, פאַר די געזעצן פון זייער תורה און פאַר זייער לעבן. און אַרום און אַרום זענען אין יענער נאַכט פון אַנטיוכוסעס חיילות געפאַלן ניין טויזנט מאַן, און פון די איבערגעבליבענע זענען אַ סך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, און אַנדערע זענען זיך צעלאָפן וואוהין זיי האָבן נאָר געקענט. אויך גאָרגיאַש אַליין איז אַנטלאָפן און האָט זיך באַהאַלטן אין דער פעסטונג פון ירושלים, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אין די הענט פון אַנטיוכוסעס באַוואָפנטע לייט.

דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער קלאַפּ, וואָס די אידן האָבן געגעבן די שונאים אין די צייטן פון דעם גרויסן חשמונאים-אויפשטאַנד — אַ קלאַפּ, וואָס האָט די שונאים צעטומלט, ווייל זיי האָבן זיך אויף אַזוינס ניט גערעכנט. און מ׳קען פאָרשטעלן פאַר וואָס דער קריגס-פירער ניקאַנאָר איז געווען אַזוי צעמישט ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין אַנטיוכיה אַנגעטאָן ווי אַ שקלאַף כדי מ׳זאָל אים אויפן וועג ניט דערקענען. ס׳איז אים שווער געווען זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי אַ קליינע מחנה קען בייקומען אַ גרויסע; פאַר אים איז דאָס געווען אַ נייס, וואָס מ׳קען מיטן פשוטן שכל ניט באַנעמען, און דאַן האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז ניט אַנדערש נאָר אַז „דער גאָט, וואָס שלאָגט זיך פאַר די אידן איז זייער אַ שטאַרקער". ער האָט אויך געזאָגט, אַז „אַצינדערט איז קלאָר, אַז מיר וועלן זיין פאָלק ניט קענען בייקומען".

און דאָס איז נאָך ניט געווען די לעצטע שלאַכט.

נאָך דעם גרויסן נצחון ביי אַ מ ה און ביי מ צ פּ ה איז יהודהן נאָך אַ סך מאָל אויסגעקומען זיך צו שלאָגן מיט די חיילות פון אַנטיוכוסן. די העלדישקייט, וואָס די אידן האָבן אין די שלאַכטן אַרויסגעוויזן, האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט אין די מלחמות פון יענער צייט; קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט האָט זיך דאַן ניט געשלאָגן מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ מסירת נפש, פאַר אַ גלויבן, וואָס איז געווען דער העכסטער אידעאַל ניט נאָר ביים פשוטן פאָלק, נאָר ביי יעדן איינציקן, וואָס איז געבליבן געטריי דער אומה; די אידן האָבן זיך וואָס אַ מאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער באַפעסטיקט אין די שטעט, וואָס זיי האָבן איינגענומען; זיי האָבן געבויט פעסטונגען און מויערן אומעטום וואו דאָס איז נאָר געווען נויטיק; זיי זענען שטענדיק געווען אויף דער וואַך, און נאָך דעם ווי זיי האָבן די גריכישע חיילות שוין פאַרטריבן פון דער הייליקער

שטאָט ירושלים אויך, האָבן זיי אָפּגערייניקט דעם הייליקן טעמפּל פון דעם שמוץ וואָס די געצנדינער האָבן דאָרט אַנגעוואָרפן צו פאַרשוועכן די הייליקייט פון גאָטס הויז, זיי האָבן אויך אַרויסגע־וואָרפן דעם אָפּגאָט, וואָס דער שונא האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט. און אַכט טעג נאָכאַנאַנד האָט דאָס פאָלק אין ירושלים דעם גרויסן נצחון געפייערט.

דאָס איז געווען דער יום־טוב פון באַנייאונג, דער יום־טוב חנוכה, וואָס ווערט נאָך ביז היינטיקן טאָג געפייערט יעדן יאָר אומעטום, וואו אידן געפינען זיך נאָר. און אויסגעפאַלן איז דאָס פינף און צוואַנציק טאָג אין חודש כסליו, אינעם הונדערט און פינף און זעכציקסטן יאָר וואָס פאַר דער קריסטלעכער ציטרעכענונג.

קאַפּיטל צען

דער סוף פֿון אַנטיוכוס הרשע

די געשעענישן אין יהודה האָבן אָפּגעקלונגען ווייט איבער דער גאַנצער קעניגרייך פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס. ווען די אַנדערע פֿעלקער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער זיין שוץ, האָבן דערהערט וועגן דעם גרויסן זיג פֿון די אידן, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן מוט און זענען שוין מער ניט געווען אַזוי אונטערטעניק ווי פֿריער. די ערשטע זענען געווען די פּאַרסים; ווען אַנטיוכוס האָט געהערט די שטייערן, וואָס ער האָט נאָך פֿון פֿריער געהאַט אַרויפֿגעלייגט אויף זיי, האָבן זיי ניט געוואָלט צאָלן. שטעט האָבן זיך קעגן אים אָנגעפֿאַנגען באַוואָפֿנען. און ווען ער האָט אין דער שטאָט עילאָם זיך געוואָלט אַריינרייסן אינעם הייליקן טעמפּל, וואו עס איז געווען אַ סך גאָלד און זילבער און טייערע כלים, זענען די איינוואוינער אויף אים אָנגעפֿאַלן; פֿון אַלע אַרומיקע שטעט זענען מענטשן געקומען באַוואָפֿנטע און האָבן זיך געשטעלט אַקעגן; זיי האָבן דעם גרויזאַמען און געלטגייציקן קעניג ניט געלאָזט אַריבערטרעטן די שוועל פֿון זייער הייליקן טעמפּל און אים פֿון דאָרט מיט שאַנד פֿאַרטריבן. אַ סך פֿון זיינע באַוואָפֿנטע לייט זענען דאָן געפֿאַלן טויט, און ער אַליין איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפֿן.

אַלץ האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ.

דער אָנהויב האָט בלויז געדאַרפֿט געמאַכט ווערן, און נאָך דעם איז שוין דאָס איבעריקע געקומען פֿון זיך. און געמאַכט דעם אָנהויב האָבן די אידן.

אויפֿן וועג צוריק פֿון עילאָם האָט אַנטיוכוס זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט עקבאַטאַנאַ, וואו ער האָט זיך שוין ניט געפֿילט אינגאַנצן זיכער, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָ באַוואָפֿנט מען זיך אויך שטילערהייט קעגן אים. נאָך גרעסער איז זיין מורא געוואָרן ווען שלוחים פֿון אַנטיוכיה האָבן אים געבראַכט די נייעס

וועגן די לעצטע געשעענישן אין יהודה; ווען ער האָט דערהערט אַז די אידן האָבן אַלע זיינע חיילות צעקלאַפּט, אַז יהודה המכבי איז שוין דער גאַנצער הערשער אין לאַנד און דאָס איינגעקשנטע פאָלק האָט אויסגעפירט וואָס ס'האָט געוואָלט, האָט דער צאָרן אין אים זיך שטאַרק צעברענט; ער האָט אין דעם געזען דעם סוף פון זיין גרויסן חלום צו מאַכן פון אַלע פעלקער אין זיין קעניגרייך איין פאָלק; ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין פאַר וואָס שטעט אין אַנדערע טיילן פון זיין קעניגרייך האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן באַוואָפענען קעגן אים. אינאיינעם מיט דעם צאָרן וואָס ס'האָט זיך אין אים צעברענט, איז אויך זיין מורא געוואַקסן; ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען און אפילו פאַר זיין אייגענעם שאָטן.

ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל ווען ער איז געווען צו שטאַרק אויפגערעגט, האָט ער אין עקבאַטאַנא שוין צו פיל וויין אין זיך געגאָסן. און וואָס מער ער האָט געטרונקען, אַלץ ווילדער איז ער געוואָרן, און ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען און ליאַרעמען, אַז ער וועט זיך איצט נאָך מער נוקם זיין אין די אידן, און אַז ווען ער וועט איצט אַריין קיין ירושלים, וועט ער דאָרט אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט לאָזן און ער וועט פונעם גאַנצן לאַנד מאַכן איין גרויסן קבר פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק.

אַלץ אין אים האָט געברענט און געקאָכט. און ער האָט אַלעמען געטריבן, אַלעמען געיאָגט. און ווען ער האָט זיך אין זיין רייטוואָגן אַריינגעזעצט, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך אויפן וועג אין ערגעץ ניט אָפּשטעלן; מ'זאָל פאָרן ביי טאָג און ביינאַכט, ווייל ער וויל שוין וואָס גיכער זיין אין ירושלים צו נעמען נקמה פון די אידן. און זיצנדיק אין רייטוואָגן, האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין גיסן אין זיך שטאַרקן וויין, און ווייל ער איז שוין געווען אַזוי שיכור, אַז ער האָט שוין גלאַט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, איז ער פונעם רייטוואָגן אַרויסגעפאַלן אויף דער ערד און ווען מ'האָט אים אויפגעהויבן, האָט ער פון צווישן פאַרקריצטע ציין געקרעכצט, דער גאַנצער קערפּער האָט זיך ביי אים אין אַנגסטן געוואָרפן, און ער האָט זיך געקלאָגט אויף שרעקלעכע ווייטיקן אין בויך.

פאָרן ווייטער איז שוין געווען אוממעגלעך. ער האָט מער אין רייטוואָגן ניט געקענט זיצן, און מ'האָט אים געמוזט טראָגן אויף אַ

שטול און גיין דערביי זייער פּאַמעלעך. און די מענטשן, וואָס האָבן אים געטראָגן, האָבן זיך די נעז געמוזט פאַרשטעקן, ווייל ס'האָט זיך פון אים געטראָגן אַ מוראדיקער געשטאַנק. ער האָט זיך אַלץ באַקלאָגט, אַז אין בויך קריכן ביי אים אַרום ווערעם און אַז ס'פוילן ביי אים די געדערעם. און ווען מ'האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט אין אַ פאַרוואָרפן דערפל לעבן אַ באַרג און מ'האָט צו אים געבראַכט די געלערנטע לייט, זיי זאָלן פאַר אים געפינען אַ היילונג, האָבן זיי געזאָגט, אַז פאַר אַזאַ קראַנקהייט איז קיין שום היילונג ניטאָ.

דאָס איז אוודאי געווען אַ קראַנקהייט, וואָס איז אים געווים געקומען פון פרעסן און זויפן צופיל און פון דעם ווילדן, צעלאָזענעם לעבן, וואָס ער האָט בכלל געפירט אַלע זיינע יאָרן. אָבער אין דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אים מיט אַ מאָל אַרומגעכאַפּט, אין דער מורא, וואָס איז אויף אים אָנגעפאַלן, האָט ער זיך דערטראַכט, אַז דאָס איז אפשר גאָר אַ שטראָף פון דעם גאָט פון די אידן . . .

די לעגענדע וויל האָבן, אַז ווען דער גרויזאַמער קעניג אַנטיוכוס איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ קראַנקהייט, צו וואָס די געלערנטע לייט פון יענער צייט האָבן ניט געקענט געפינען קיין היילונג, האָט אים ווירקלעך אָנגעהויבן פּלאָגן דער געוויסן פאַר וואָס ער האָט די אידן געטאָן אַזוי פיל שלעכטס. עס איז אָבער שווער זיך פאָרצו־שטעלן, אַז אַזאַ מענטש ווי אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט גאָר געהאַט אַ געוויסן. זיכער קען מען דאָס דערקלערן מיט דעם וואָס ווי אַן עכטער געצנדינער האָט ער פריער, אין די צייטן פון זיין גדולה, ווירקלעך געגלויבט, אַז דער גאָט פון די אידן קען זיך צו די גרי־כישע געטער ניט פאַרגלייכן. דער בעסטער באַווייז דערויף איז ביי אים געווען דאָס וואָס ער, דער גאָט פון די אידן, העלפט ניט זיין אויסדערוויילט פאָלק און שיקט ניט קיין שטראָף אויף די וואָס האָבן זיין הייליקן טעמפּל פאַרשוועכט.

אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז דער גאָט פון די אידן העלפט יאָ זיין פאָלק, האָט ער זיך פאַר אים דערשראָקן.

ניט אָנגעהויבן גלויבן אין אים, נאָר — זיך דערשראָקן פאַר אים.

גלויבן האָט ער בכלל ניט געקענט. אפילו אין זיינע אייגענע געטער, וואָס ער האָט געדינט, האָט ער ניט געגלויבט.

און ווען ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַזוי דערשראָקן פאַרן אי־דישן גאָט, וועלכן ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק אַזוי געלעסטערט,

איז ער אין דעם, ווי אין אַלץ צו וואָס ער האָט זיך געכאַפּט, דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געטאָן זאַכן אויף וואָס קיינער האָט זיך פריער ניט געקענט ריכטן. ער האָט מיט אַ שליח אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו די אידן אין ירושלים, אַז זיי זאָלן בעטן גאָט פאַר אים.

אינעם בריוו האָט ער זיך צו די אידן אונטערטעניק געחנפעט. ער האָט געשריבן אַז ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט ער ווידער קומען קיין ירושלים, און דאָרט וועט ער דעם הייליקן טעמפּל אויס־פּוצן אַזוי שיין, אַז מ'האָט נאָך אַזאַ שיינקייט קיין מאָל אין ערגעץ ניט געזען; ער האָט אויך געשריבן, אַז ער וועט די אידן געבן פולע פרייהייט און אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט ער ברענגען קרבנות צו זייער גאָט און וועט מאַכן גרויס זיין נאָמען צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט; ער האָט אויך צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך אָפּקערן פון די געטער, צו וועלכע ער האָט ביז איצט געדינט און ער וועט אַליין ווערן אַ איד, ווייל ערשט איצט האָבן זיך ביי אים די אויגן געעפנט און ער האָט אָנגעהויבן זען און פאַרשטיין אַז דאָס אידישע פאָלק איז דאָס בעסטע אין דער וועלט, און דער אידישער גלויבן איז דער שענסטער אין דער וועלט.

אַזוי ווערט דערציילט אין די אַלטע ספרים, וואו ס'איז שווער אָפּצוטיילן דאָס לעגענדאַרישע פון דעם ווירקלעכן,ווייל אַזוי האָט מען אין יענע צייטן געשריבן געשיכטע. ס'איז אָבער דאָך ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזאַ מענטש ווי אַנטיוכוס זאָל אין זיין צע־טומלטקייט אַריבער שפּרינגען פון איין עקסטרעם צום אַנדערן, און זאָל אין אַ מאָמענט פון גרויס פאַרצווייפלונג אָנהויבן האַלטן הייליק דאָס, וואָס ער האָט פריער פאַרשווערט. מ'דאַרף געדענקען, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס ער איז ניט געווען קיין גלויביקער, איז ער געווען אַן איבערגלויביקער.

דער זעלבער מענטש, וואָס האָט די אידן אַזוי פיל יאָרן גע־פּייניקט, האָט זיך איצט געבעטן ביי זיי.

אָבער קיין ענטפער אויף זיין געבעט האָט ער ניט געקראָגן, נאָר איידער דער שליח איז קיין ירושלים אָנגעקומען, איז דער גרוייזאַמער קעניג געשטאָרבן, און די נאָענטע מענטשן וואָס זענען געווען אַרום אים, זענען געווען צופרידן וואָס דער סוף איז שוין

געקומען, ווייל ס'האָט זיך פון אים געטראָגן אַ שרעקלעכער גע־שטאַנק און מ'האָט לעבן אים ניט געקענט אײַנשטיין. און באַגראָבן האָט מען אים אין איילעניש, אין די בערג פון דער מדבר.

אַזאַ סוף האָט געהאַט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, דער ערגסטער און גרעסטער שונא וואָס די אידן האָבן געהאַט — פאַר היטלערן.

דער משוגענער
קיסר קאַליגולאַ

בוך צוויי

2. דער משוגענער קיסר קאַליגולאַ

א י נ ה אַ ל ט :

ערשטער קאַפּיטל

דער גירוש אין רוים אין די צייטן פון טיבעריוס — — — — — 83—88

צווייטער קאַפּיטל

קאַליגולאַס ווייבער און קעבס־ווייבער — — — — — — — — 89—96

דריטער קאַפּיטל

משוגעת מיט אַ חשבון — — — — — — — — — — — — — — 97—105

פערטער קאַפּיטל

קאַליגולאַס רציחות און זיין שנאה צו אַלץ און צו אַלעמען — 106—113

פינפטער קאַפּיטל

אַגריפּאַ דער ערשטער — — — — — — — — — — — — — — 114—124

זעקסטער קאַפּיטל

דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פלאַקוס און די אַנדערע שונאים
פון אידן אין אַלעקסאַנדריע — — — — — — — — — — 125—129

זיבעטער קאַפּיטל

די גרויסע שחיטה אויף אידן אין אַלעקסאַנדריע — — — — — — 130—137

אכטער קאַפּיטל

דער סוף פונעם פּראָקוראַטאָר אַווילוס פלאַקוס — — — — — — 138—148

ניינטער קאַפּיטל

ווען אַ פאָלק און אַ קעניג זענען גרייט זיך מקריב צו זיין
פאַר אַ גלויבן — — — — — — — — — — — — — — 149—174

צענטער קאַפּיטל

די באַגעגעניש צווישן פילון האַלכסנדרוני און קאַיוס קאַליגולאַ 175—181

עלפטער קאַפּיטל

די פאַרדינטע שטראָף — — — — — — — — — — — — — 182—192

קאַפּיטל איינס

דער גירוש פון רוים אין די צייטן פון טיבעריוס

אינעם ניינצענטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, אין די צייטן פון דעם רוי־מישן צעזאַר טיבעריוס, איז מיט אַ מאָל אַרויס אַ גזירה, אַז מ'זאָל פון רוים אַרויסטרייבן אַלע אידן. בלויז די, וואָס וועלן זיך פון דעם אידישן גלויבן אָפּזאָגן, זאָלן מעגן בלייבן אין רוים. און אויב אידן וועלן נאָכן גירוש דאָך שטילערהייט אַריינקומען קיין רוים, זאָל מען זיי דערפאַר באַשטראָפן, דערמיט, וואָס מען וועט זיי פאַרקויפן פאַר קנעכט.

די אידישע באַפעלקערונג אין רוים איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ היפּשע. דאָס קען מען זען פון דעם וואָס ס'ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז אינאיינעם מיט דער גזירה אַרויסצעטרייבן די אידן, איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו נעמען פיר טויזנט אידישע יונגעלייט און זיי אַוועקשיקן אויפן אינדזל סאַרדיניאַ, וואָס אויפן מיטללענדישן ים, זיי זאָלן זיך דאָרטן שלאָגן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס וויל זיך נישט אונטערוואַרפן דער רוימישער מאַכט.

אויב מ'האָט געקאָנט צונויפנעמען פיר טויזנט אידישע יונגע־לייט און זיי אָפּגעבן פאַר זעלנער, איז קלאָר, אַז די אידישע באַ־פעלקערונג אין רוים איז דאַן באַשטאַנען פון היפּשע עטלעכע טויזנט. אַנדערש וואָלט מען געווים נישט געקאָנט צונויפשטעלן אַזאַ גרויסן ספּעציעלן אידישן לעגיאָן, וואָס זאָל זיך שלאָגן פאַר דער רוימישער אימפּעריע.

אין דעם באַפעל אַוועקצושיקן די פיר טויזנט אידישע יונגעלייט אויפן אינדזל סאַרדיניאַ, איז געלעגן אַ סך רשעות; מ'איז דערמיט אויסן געווען זיי אַלע אומצוברענגען, ווייל חוץ דעם וואָס ס'איז געווען שרעקלעך שווער צו פירן אַ מלחמה מיט די איינוואוינער פונעם אינדזל, וועלכע זענען פון באַהעלטענישן אָנגעפאַלן אויף די

זעלנער וואָס רוים האָט געשיקט, איז דער קלימאַט דאָרטן געווען אַזאַ, אַז פרעמדע האָבן אים בכלל נישט געקענט אַריבערטראָגן, און די מערסטע פון די, וואָס מ׳האָט אהין פריער געשיקט, זענען דאָרט אויסגעשטאָרבן.

פאַר די אידישע איינוואוינער פון רוים איז די גזירה וועגן דעם גירוש געווען אַן איבעראַשונג. זיי האָבן זיך דערויף אינגאַנצן ניט גערעכט. דער קיסר טיבעריוס האָט גראָד ניט געהאַט קיין נאָמען פון קיין שונא־ישראל, און אין די ערשטע יאָרן, וואָס ער איז געזעסן אויפן טראָן פון דער רוימישער אימפּעריע, איז ער אין זיין באַציאונג צו אידן געגאַנגען אין די וועגן פון אויגוסטוס צעזאַר, וועלכער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן זיין גוטסקייט צום אידישן פאָלק. עס איז דעריבער בכלל שווער געווען צו פאַרשטיין פאַר וואָס טיבעריוס איז מיט אמאָל געוואָרן אַ שונא־ישראל און האָט מיט אמאָל אָנגעהויבן פאַרפאָלגן ניט נאָר דאָס אידישע פאָלק, נאָר אויך דעם אידישן גלויבן. ווארעם מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, וואָס אַ רוימישער צעזאַר האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה דעם אידישן גלויבן צו אונטערדריקן. די פריערדיקע הערשער פון רוים האָבן דאָס קיין מאָל נישט געטאָן; אין די אַלע לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער זייער שוץ, האָבן זיי די אידן געגעבן די פולע רעכט אָפּצוהיטן זייער גלויבן און דינען צו זייער גאָט אַזוי ווי זייער האַרץ גלוסט.

וואָס זשע האָט פאַרט געבראַכט דערצו, אַז טיבעריוס זאָל מיט אַ מאָל אַזאַ גזירה אַרויסגעבן?

אַן ענטפער דערויף קען מען געפינען אין דער גזירה אַליין. דאָרטן שטייט, אַז אַרויסטרייבן פון רוים זאָל מען נישט נאָר די אידן, נאָר אויך יענע רוימער, וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידישן גלויבן.

דאָס גיט דעם שליסל צו אַלץ.

דער אידישער גלויבן האָט דאַן מיט אַמאָל אָנגעהויבן ווערן אַ סכנה צו דעם גאַנצן גייסט פון דער רוימישער אימפּעריע. אין די העכסטע קרייזן פון רוים, צווישן די געבילדעטסטע און געלערנטסטע לייט, האָט זיך דאַן געהאַט אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג אַנצונעמען דעם אידישן גלויבן. די בעסערע און פיינערע מענטשן האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום דערויף, וואָס די רוימישע אימפּעריע גלויבט בלויז אינעם כח פון דער שווערד און זי אונטערדריקט קלענערע און שוואַכערע פעלקער און מאַכט זיי אונטער־

טעניק צו זיך; עס האָט זיי אויפגעהערט געפעלן דאָס פאַרשייטע צעלאָזענע לעבן, וואָס די רייכע און מעכטיקע האָבן געפירט; זיי האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויף די ווילדע וואַקכאַנאַליעס, וואו מ'האָט געשיכורט און געבראָכן און ווידער געשיכורט. עס האָט זיי אָנגעהויבן דערעסן אַזאַ לעבן; זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן עפּעס שענערס, וואָס זאָל זיי דערהויבן גייסטיק און וואָס זאָל זיי געבן אַ טיפערן אינהאַלט אין לעבן, און שטרעבנדיק צו אַזוינס, וואָס איז העכער און שענער, האָבן זיי דעם אידישן גלויבן אָנגענומען.

אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם האָט געוויס געשפּילט די „איבער־זעצונג פון די זיבעציק“. די אידישע תורה איז שוין דעמאָלט געווען איבערזעצט אויף גריכיש, און די געבילדעטע רוימער האָבן די גרי־כישע שפּראַך גוט געקאָנט, און זיי האָבן זיך דורך דער גריכישער איבערזעצונג באַקענט מיט דעם גייסט פון דער תורה און מיט דער הויכער מאָראַל פון די נביאים. דאָס האָט אויף זיי אַ גרויסע ווירקונג געהאַט. און אַ סך פון זיי זיינען צום אידישן גלויבן איבער־געגאַנגען.

אידישקייט איז געוואָרן אַ צייכן פון הויכער גייסטיקער אַנט־וויקלונג אין געוויסע קרייזן פון דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע, און ניט נאָר מאַנספּאַרשוינען, נאָר אויך פרויען, האָבן דעם אידישן גלויבן אָנגענומען. ביי זיי איז דאָס געוואָרן אַ מין „לעצטע מאָדע“; זיי האָבן זיך געגרויסט דערמיט וואָס זיי זענען שוין מער נישט קיין געצנדינערינס; דאָס האָט געהייסן, אַז זיי שטייען שוין העכער פון די אַנדערע, און ווי ס'איז געוויינלעך דער שטייגער פון פרויען, האָבן זיי זיך אין דעם מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן, און זיי האָבן געווירקט אויף זייערע מענער, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען אָנגעזעענע רוימישע סענאַטאָרן, אַז זיי זאָלן אין באַשטימטע צייטן שיקן געלט און טייערע מתנות פאַרן הייליקן טעמפּל אין ירושלים.

אַ סך גאָלד און זילבער איז דעמאָלט פון רוים אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין ירושלים איבער דעם וואָס רייכע און געלערנטע רוימער האָבן דעם אידישן גלויבן אָנגענומען. און דאָס איז געווען די אורזאַך פאַר וואָס טיבעריוס־קיסר האָט אַרויסגעגעבן די גזירה, אַז מ'זאָל אַרויסטרייבן די אידן פון רוים.

ער האָט זיך פּשוט דערשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ס'וועט ווייטער אַזוי גיין, וועט זיך דער אידישער גלויבן נאָך מער פאַרשפּרייטן צווישן די רוימער און מ'וועט נאָך מער גאָלד

און זילבער קיין ירושלים אַרויספירן. און דאָס האָט ער נישט גע־וואָלט, ווייל אַזאַ זאַך וואָלט נאָך אפשר געשטעלט אין געפאַר זיין אייגענע הערשאַפט און אויך די מאַכט פון דער רוימישער אימפּעריע.

טיבעריוס אַליין וואָלט זיך אפשר נישט דערטראַכט דערצו. אָבער דער הויפּט ראַטגעבער זיינער, לוציוס סעיאַנוס, וועלכער איז געווען דער צווייטער צו אים אין פירן די מלוכה, איז געווען אַ פאַר־ביסענער צורר היהודים; ער האָט פיינט געהאַט די אידן, זיי זענען אים שטענדיק געווען גרוים אין די אויגן, און ער האָט אַלע מאָל געזוכט אַן אויסרייד זיך נוקם צו זיין אין זיי. און ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט איינגערעדט טיבעריוסן די גזירה אַרויסצו־געבן.

די שנאה צו אידן איז ביי סעיאַנוסן געווען נים נאָר אַ געבאָ־רענע אייגנשאַפט, נאָר אויך אַ רעזולטאַט פון זיינע צו גרויסע פּאָ־ליטישע אַמביציעס; עס איז אים נישט געווען גענוג וואָס ער איז דער צווייטער צום צעזאַר אין דער מלוכה, ער האָט זיך פאַרמאָסטן אַליין צו ווערן אַ רוימישער צעזאַר, דער הערשער איבער דער גאַנצער גרויסער אימפּעריע, וואָס נעמט אַריין אַזוי פיל פעלקער און לענדער. און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אידן האַלטן זיך מיט אַזאַ פעסטער עקשנות אַן זייער גלויבן און ווילן אויף זיך קיין פרעמדן יאָך נישט נעמען, האָט ער זיי דערפאַר פיינט געהאַט און ער האָט זיי שוין באַצייטנס געוואָלט אונטערדריקן. פונקט ווי דער גריך אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, אַזוי האָט אויך דער רוימער לוציוס סעיאַנוס געוואָלט מאַכן פון אַלע פעלקער אין דער מלוכה איין פאָלק. דאָס איז ביי אים געגאַנגען אין איינעם מיט דעם טרוים צו ווערן דער צעזאַר איבער דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, און ער איז גע־ווען זיכער, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן און ער וועט זיך צושלאָגן צום טראָן, ווייל טיבעריוס איז שוין דאַן געווען אַ מאַן פון איבער זעכציק און זיין ווילדע צעלאָזנקייט האָט געקענט געבן האָפענונגען, אַז ער וועט לאַנג נישט לעבן.

צוליב דעם האָט סעיאַנוס שטילערהייט אָפּגעראַמט פונעם וועג דעם צעזאַרס איינציקן זון דרוסוס. אויף זיין באַפעל האָט מען דעם יונגן יורש פונעם טראָן געסמט. נאָך דעם זענען אויף אַ געהיימנים־פולן אופן געשטאָרבן די אַנדערע פונעם צעזאַרס משפּחה, און סע־יאַנוס האָט אין דעם גהאַט אַ האַנט. ער האָט געטאָן אַלץ פריי צו מאַכן פאַר זיך דעם וועג צום טראָן, און כדי דאָס צו דערגרייכן, זענען ביי אים אַלע מיטלען געווען כשר און ער האָט אומשולדיקע

מענטשן פון דער וועלט אומגעבראַכט; ער האָט אויך געזען, אַז טי־בעריוס זאָל פון הויף פאַרטרייבן זיין איינציקן זונס נאָענטסטן און בעסטן פריינד, דעם אידישן פרינץ אַגריפּאַ, אַן אייניקל פון דעם פאַרשטאָרבענעם אידישן קעניג הורדוס דעם גרויסן; פאַר אים, פאַר אַגריפּאַן, האָט סעיאַנוס מורא געהאַט, ווייל ער איז געווען זייער אַ קלוגער און זייער אַ פּעאיקער און עס איז געווען אַ סכנה, אַז ער זאָל זיך דערוויסן דעם אמת און זאָל דעם צעזאַר אַלעס דער־ציילן. דערצו האָט ער אים נאָך פיינט געהאַט דערפאַר וואָס ער איז אַ איד, און אידן האָט ער גלאַט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. אָבער ער איז סוף כל סוף דאָך אַריינגעפאַלן. דאָס איז געווען דאַן ווען ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג צו דער־הרגענען דעם צעזאַר טיבעריוס, וועלכער האָט אים אַזוי הויך דער־הויבן אין דער מלוכה. טיבעריוס האָט זיך פון דעם דערוואוסט, און ער האָט אים דערפאַר באַשטראָפט מיטן טויט.

עס איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז אויך אין די שרעקלעכע צרות, וואָס די אידן אין ארץ ישראל האָבן זיך אָנגעליטן אונטער דעם פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס, איז געווען שולדיק נישט קיין אַנדערער ווי סעיאַנוס. ביי אַזאַ מיינונג האַלט זיך דער היס־טאָריקער עמיל שירער, און ער פאַררופט זיך אין דעם אויף פילון האַלכסנדרוני, און ער באַגרינדעט דאָס דערויף וואָס נאָך סעיאַנוסעס טויט האָט טיבעריוס אויפגעהערט פאַרפאָלגן אידן, סיי אין רוים און סיי אין ארץ ישראל, און ער האָט זיי צוריק געגעבן די זעלבע רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט פריער אונטער די אַנדערע צעזאַרס. סעיאַנוס איז געווען דער, וואָס האָט פּילאַטוסן באַשטימט פאַר דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר אין ארץ ישראל און אַלץ, וואָס פּילאַטוס האָט געטאָן, איז געווען לויט זיין באַפעל. *)

צען יאָר האָט פּאָנטיוס פּילאַטוס געוועלטיקט אין ארץ ישראל און ער, דער „עקשן און בייזער רוצח, דער כּאַבאַרניק און שווינדלער, דער הפקר־יונג, וואָס האָט געקענט טרעטן מענטשן מיט די פיס און טויטן אָן אַ משפּט”, ווי דער אידישער דענקער פילון האַלכסנדרוני כּאַראַקטעריזירט אים **) — ער האָט אין ארץ ישראל איינגעפירט

---

*) A History of the Jewish People in the Time of Jesus Christ. באַנד 2 (ערשטע אָפּטיילונג), ז. 86.

**) פילון האַלכסנדרוני, המלאכות אל קאיוס, 38, 303, ז. 126. (העברעאישע איבערזעצונג פון ד״ר מנחם שטיין).

די שטראָף פון קרייציקן, כדי „איינצופירן אָרדענונג אין לאַנד״; אויף זיין באַפעל איז דאַן אויך געקרייציקט געוואָרן דער יונגער איד ישו פון נצרת, און שפּעטער האָבן די גרינדער און באַשעפער פון דעם קריסטלעכן גלויבן אַרויפגעוואָרפן די שולד פון זיין טויט אויף די אידן, ווייל ס׳האָט זיך זיי בעסער געלוינט זיך צו־צושמייכלען צו דער רוימישער מאַכט און דערמיט אויסנעמען ביי איר; ס׳האָט געדאַרפט הייסן, אַז ניט דער רוימישער פּראָקוראַטאָר איז געווען שולדיק אינעם טויט פון דעם מענטשן, וואָס האָט דער וועלט דעם קריסטלעכן גלויבן געגעבן, נאָר די כהנים גדולים, די ריכטער פונעם סנהדרין. און נאָך ביז היינטיקן טאָג ליידט דאָס אי־דישע פאָלק איבער דעם.

אַלץ איז געקומען פון סעיאַנוסן. און ווען ער וואָלט ניט גע־האַט אַזאַ טרויעריקן סוף, ווען טיבעריוס וואָלט אים ניט געוועזן באַשטראָפט מיטן טויט און ער וואָלט זיך טאַקע צוגעשלאָגן צום טראָן פון דער רוימישער אימפּעריע, וואָלטן אידן פון אים נאָך מער געווען געליטן. ער וואָלט זיכער געווען אַ רוימישער אַנטיוכוס עפּיפאַנעס. ער וואָלט זיך מיט אַלע כחות פאַרלייגט אויסצוראָטן דעם אידישן גלויבן. און ווער ווייסט צי קענגן אים וואָלטן אידן געקענט אַרויסגיין אין אַן אָפענער מלחמה אויפן פעלד, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין די צייטן פון אַנטיוכוסן. די מאַכט פון רוים איז געווען שווערער בייצוקומען, ווי די געשעע־נישן פון די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן דאָס באַוויזן. און דערפאַר האָבן זיך אידן אַזוי געפרייט, ווען זיי האָבן דערהערט די גרויסע בשורה, אַז טיבעריוס האָט זייער ביטערן שונא לוציוס סעיאַנוס פאַרמשפּט צום טויט.

אויגוסטוס־צעזאַר

קאַפּיטל צווײ

קאַליגולאַס ווײַבער און קעבס־ווײַבער

דרײ און צוואַנציק יאָר איז טיבעריוס געזעסן אויפֿן טראָן — פֿונעם 14טן ביזן 37טן יאָר פֿונעם ערשטן יאָרהונדערט. און נאָך זײַן טויט איז דער יונגער קאַיוס קאַליגו־לאַ געוואָרן דער הערשער פֿון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע.

עס איז פֿאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז טיבעריוס איז ניט גע־שטאָרבן מיט קײן נאַטירלעכן טויט, כאָטש ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען נײַן און זיבעציק יאָר. די מערסטע היסטאָריקער דריקן אויס די השערה, אַז ווען דער אַלטער צעזאַר איז קראַנק געוואָרן אויף דעם אינדזל קאַפּרי, וואו ער האָט אַזוי אָפּט פֿאַרבראַכט, האָט אים מאַקראָן, דער הויפּט פֿון דער קעניגלעכער באַוואָפֿנטער וואַך, שטילערהייט דערשטיקט אויף טויט, און אַז געטאָן האָט ער דאָס מיט דער צושטימונג פֿון דעם יונגן קאַיוס קאַליגולאַ, וועמען טיבעריוס האָט נאָך פֿריער געהאַט אויסגעקליבן פֿאַר זײַן נאָכפֿאָלגער, ווײַל דער אײנציקער זון, וואָס ער האָט געהאַט, איז שוין געווען טויט. און מאַקראָנען איז דאָס אַוודאי ניט אָנגעקומען שווער צו טאָן, ווײַל פֿון אַלע אַנדערע אין הויף איז ער געווען דער נאָענטסטער מענטש צום צעזאַר; ער האָט שוין דאַן געהאַט פֿאַרנומען דאָס פּלאַץ פֿון לוציוס סעיאַנוס, און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז בײַם יונגן יורש לוינט זיך אים בעסער אויסצונעמען ווי בײַם אַלטן צעזאַר, וואָס האַלט שוין סײַ ווי סײַ בײַם שטאַרבן.

פֿינף און צוואַנציק יאָר איז קאַיוס קאַליגולאַ אַלט געווען ווען ער האָט איבערגענומען די מאַכט פֿון דער גרויסער אימפּעריע, און מ׳קען אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז אין קײן לאַנד און בײ קײן פֿאָלק אין דער וועלט איז נאָך קײן מאָל אויף אַ טראָן ניט געזעסן אַזאַ משוגענער ווי ער איז געווען. אפֿילו דער משוגענער צאַר פּאַוועל, וועלכער איז געקומען מיט קנאַפּע אַכטצן הונדערט יאָר שפּעטער, נאָך אים, און וואָס האָט געהערשט איבער רוסלאַנד

פון 1796 ביז 1801, קען זיך מיט אים אין משוגעת ניט פארגלייכן, כאטש א געוויסע ענלעכקייט צווישן זיי ביידן איז יא פאראן.

זיך צוגעשלאגן צום טראן האט קאליגולא דורך חניפה און אונטערלעקעריי. נאר ווען טיבעריוס האט געלעבט, האט ער אים באדינט ווי אן אונטערטעניקער שקלאף; קיינער אין הויף האט זיך צו אים ניט געקענט פארגלייכן אין חניפה צום אלטן צעזאר. פונקט ווי עס האט זיך צו אים קיינער ניט געקענט פארגלייכן אין ברו־טאליטעט שפעטער ווען ער איז שוין אליין געווארן צעזאר. און ניט אומזיסט האט מען וועגן אים געזאגט, אז ס'איז שווער צו גע־פינען נאך איינעם, וואס זאל אזוי גוט קענען באדינען און אזוי שלעכט קענען רע־גירן ווי ער האט דאס געקענט. אזא ווערטל איז דאן ארום־געגאנגען אין רוים. און דאס דערציילט דער רוימישער היסטאריקער סיוטאניוס, וועלכער האט געלעבט אין יענער צייט.

***

ס'איז אויך פאראן א סברא, אז טיבעריוס האט אויסגעקליבן דווקא קאליגולאן פאר זיין יורש, ניט דערפאר וואס ער האט גע־גלויבט, אז ער איז דער פאסיקסטער, נאר ער האט געהאט גאר א גאנץ אנדער כוונה דערביי: אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן איז דער אלטער צעזאר געווען זייער פארביטערט און ער האט אפט גע־טאן אזעלכע זאכן, וואס האבן ארויסגערופן א האס צו אים. ער האט דאס געפילט, און וואס מער ער האט דאס געפילט, אלץ ערגער איז ער געווארן. און ווייל ער האט קאליגולאן גוט געקענט און ער האט געוואוסט, אז ער וועט זיין נאך ערגער פון אים, האט ער דערוי־בער באשלאסן אים צו מאכן פאר זיין יורש, ווייל ער איז געווען זיכער, אז שפעטער, ווען מ'וועט פארגלייכן קאליגולאס מעשים מיט זיינע, וועט מען מוזן צוגעבן, אז ער, דער אלטער צעזאר, איז געווען בעסער פון דעם יונגן . . .

אן אנצוהערעניש דערויף גיט דער רוימישער היסטאריקער קאסיוס דיא. און פון דעם וואס ער דערציילט וועגן טיבעריוסן אין זיין ווערק „רוימישע געשיכטע“, איז קלאר, אז בכלל האט ער ניט געטראכט וועגן דער צוקונפט פון דער רוימישער אימפעריע, און ס'איז אים ניט אנגעגאנגען אויסצוקלייבן דווקא אזא יורש, וואס זאל זיין ראוי צו פירן דעם טראן. ער פלעגט אפט זאגן, אז ס'ארט אים ווייניק אויב נאך זיין טויט וועט די גאנצע וועלט אוועק מיטן רויך. און צו קאליגולאן פלעגט ער אפט זאגן:

„דו וועסט הרגענען אַנדערע, און דער סוף וועט זיין, אז מ׳וועט דיך אויך דערהרגענען!״ . . .

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דעם וואָס פאַר אַ מענטש קאַיוס קאַליגולאַ איז געוועזן, אויף וואָס ער איז געווען פעאיק און ווי ער האָט זיך קיין מאָל ניט געגומען די מי איינצוצוימען זיינע ווילדע קאַפּריזן, משוגעתן און ליידנשאַפטן, איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף זיין באַציאונג צו פרויען. דאָס אליין איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך און עס שטעלט אַרויס דעם יונגן צעזאַר פון דער גרויסער רוי־מישער אימפעריע אין זיין ריכטיק געשטאַלט.

ער האָט געהאַט אַ סך ווייבער און קעבס־ווייבער, קאַיוס קאַלי־גולאַ. און מיטן אויסנאָם פון איינער האָט ער זיי אַלע באַהאַנדלט זייער גראָב און געמיין, און זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז אַנשטאָט צו האַלטן אים אויף אַ טראָן און אים לאָזן רעגירן איבער פעלקער און לענדער, האָט מען אים בעסער געדאַרפט פאַרשפאַרן אין אַ משוגעים־הויז, אָדער אין אַ געפענקעניש. אויף דער פריי האָט מען אים ניט געטאָרט האַלטן, ווייל דאָס איז געווען אַ געבוירענער פאַרברעכער און אַ שרעקלעך פאַרדאָרבענער מענטש.

די ערשטע ווייב זיינע איז געווען זשוניאַ קלאַוודיאַ, די טאָכ־טער פון דעם רוימישן נאָבלמאַן זשוניוס סילאַנוס, וועלכער האָט גע־שטאַמט פון זייער אַ געהויבענעם יחוס. מיט איר האָט ער חתונה געהאַט נאָך דאַן ווען טיבעריוס האָט געלעבט. דער אַלטער צעזאַר האָט זי פאַר אים אויסגעקליבן און קעגן זיין ווילן האָט ער זיך ניט געקענט שטעלן. ער האָט דאָס מיידל גאָרניט ליב געהאַט. און שפעטער, ווען זי איז געשטאָרבן אין קימפעט, האָט ער זיך שטאַרק געפרייט דערמיט און ער האָט זיך ניט געשעמט זיין פרייד אָפן אַרויסצואווייזן.

נאָך דעם האָט ער פאַרפירט אַ ליבע מיט מאַקראָנס ווייב, עניאַ. מאַקראָ אליין האָט אים מיט זיין ווייב צונויפגעפירט, און דאָס האָט געשטימט מיט דער מאָראַל, וואָס האָט בכלל געהערשט אינעם רוימישן הויף פון יענער צייט. דער הויפט פון דער קעניגלעכער באַוואָפנטער וואַך האָט דערמיט געוואָלט באַפעסטיקן זיין פּאָזיציע אויף שפעטער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ווען איין צעזאַר גייט אַראָפּ און אַן אַנדערער קומט אַרויף, פאַרטרייבט דער נייער פון זיך די אַלע פריינד פונעם אַלטן, און אַ מאָל גיט ער זיי נאָך אַ האַרבערע שטראָף. כדי אויסצומיידן פאַר זיך אַזאַ סכנה, האָט מאַקראָ דעם

יונגן יורש פונעם טראָן זיין אייגענע ווייב צוגעשאַרט. און אַזוי ווי זי איז געווען זייער אַ קלוגע און אַ שיינע און האָט זיך נאָך מער ווי איר מאַן פאַרמאָסטן צו שטייגן הויך, האָט זי קאָליגולאַן אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז ער האָט צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט איר ווען ער וועט נאָך טיבעריוסעס טויט איבערנעמען די מלוכה. זי האָט אים אָבער אויפן וואָרט ניט געגלויבט און ער האָט איר גע־מוזט געבן אַן אונטערשריפט, אַז ער וועט זי מאַכן פאַר זיין גע־זעצלעך ווייב. אָבער שפּעטער, ווען ער איז שוין געזעסן אויפן טראָן און איז געווען דער הערשער פון אַ האַלבער וועלט, האָט ער זיין וואָרט ניט געהאַלטן. און כדי ער זאָל פאַרגעסן אַן דעם וואָס ער האָט איר אַמאָל צוגעזאָגט, האָט ער זי פאַרמשפּט צום טויט. אויף זיין באַפעל האָט עניא געמוזט באַגיין זעלבסטמאָרד. און דאָס זעלבע האָט אויך געמוזט טאָן איר מאַן . . .

אין רוים איז דאַן געווען אַ געוויסע פרוי מיטן נאָמען פּיראַליס; זי איז געווען זייער אַ צעלאָזענע און מ'האָט אויף איר געזאָגט, אַז זי איז „אַלעמענס קעבס־ווייב“. אָנשטענדיקע לייט האָבן פון איר געוויכט. און דווקא זי האָט געפונען חן אין קאָליגולאַס אויגן, און ער האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין הויף און האָט מיט איר געלעבט און זיך פאַר קיינעם ניט געשעמט דערמיט, און ווען זי איז אים נמאס געוואָרן, האָט ער זי פון הויף פאַרטריבן.

זיין אייגענע שוועסטער דרוסילאַ, וועלכע איז שוין געווען פאַר־הייראַט, האָט ער צוגענומען ביים מאַן, און ניט שעמענדיק זיך פאַר קיינעם, האָט ער זי אַריינגענומען צו זיך אין הויף און געלעבט מיט איר ווי מיט אַ ווייב. און ווען זי איז געשטאָרבן, האָט ער אויפן עקלדיקסטן און לעכערלעכסטן אופן אַרויסגעוויזן ווי ער טרויערט נאָך איר ווי נאָך אַ געליבטער, און דערביי האָט ער געפּראַוועט אַזעלכע ווילדע און משוגענע שטיק, אַז מענטשן האָבן זיך געשעמט דאָס צו דערציילן.

אויך מיט די אַנדערע שוועסטער זיינע האָט ער געלעבט ווי מיט ווייבער. ער האָט זיי געצוואונגען דערצו, און ס'האָט אים ניט געאַרט וואָס אין רוים קוקט מען קרום דערויף. און ווי דאָס וואָלט געווען נאָך ניט גענוג, האָט ער זיי, די אייגענע שוועסטער זיינע, אויך איבערגעגעבן אין די הענט פון פונקט אַזעלכע געמיינע און פאַרדאָרבענע לייט ווי ער אַליין איז געווען, זיי זאָלן אויך לעבן מיט זיי ווי מיט ווייבער און זיך בייטן איינע מיט די אַנדערע, און נאָך דעם האָט ער זיי פאַרשיקט אויף וויסטע אינדזלען, און ס'האָט גע־

הייסן, אַז ער באַשטראָפט זיינע שוועסטער דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים פאַרשעמט מיט זייערע זינד, און דערביי האָט ער נאָך געהאַט די חוצפה צו זאָגן, אַז ער האָט פאַר זיי אין זיין אימפּעריע ניט נאָר וויסטע אינזולען, נאָר אויך שאַרפע מעסערס.

עס איז גאָרניט געווען קיין איין פאַרברעכן, צו וואָס דער יונגער משוגענער צעזאַר האָט זיך ניט געקענט דערטראַכטן. און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען געמיין, פאַרדראָבן, און ס'האָט אין דעם געשטעקט אַ קרענקלעכער צו־להכעיס. ער האָט הנאה געהאַט פון דעם, וואָס אַנדערע ליידן. עס איז אים צוגעקומען פאַרגעניגן פון דעם, וואָס ער פּייניקט אייגענע און פרעמדע. און כאָטש די רוימישע היסטאָריקער זאָגן, אַז ניט אַלץ וואָס קאַליגולאַ האָט געטאָן, קען מען דערציילן, דערמאָנט דאָך דער היסטאָריקער יוטראָפּיוס, אַז ער האָט פאַרגוואַלטיקט אַ קליין מיידעלע, די טאָכטער, וואָס זיינע אַן אייגענע שוועסטער האָט פון אים געבוירן . . .

דאָס איז שוין פון די „מילדערע זאַכן“, וואָס מ'מעג יאָ דערציילן. און מ'קען זיך שוין פאָרשטעלן יענע מעשים זיינע, וואָס די היסטאָריקער פון זיין צייט האָבן ניט געקענט און זיך געשעמט צו דערציילן . . .

די צווייטע געזעצלעכע ווייב קאַליגולאָס איז געווען ליוויא אָרעסטילאַ. מיט איר האָט ער חתונה געהאַט נאָך דעם ווי ער האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז נאָך זיין שוועסטער דרוסילאַ קען ער פאַר זיך קיין אַנדער ווייב ניט צוקלייבן. און עס איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי ער האָט זיך אין דער דאָזיקער ליוויאַ אָרעסטילאַ פאַרליבט און ווי אַזוי ער האָט זי פאַר זיין ווייב געמאַכט.

דאָס מיידל איז געווען די כלה פון אַ געוויסן יונגן רוימישן אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט געהייסן קאַלפּורניוס פּיסאָ. אינעם טאָג פון דער חתונה האָט דער יונגערמאַן געמאַכט אַ גרויסע סעודה, וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. צו דער סעודה האָט ער איינגעלאַדן אַ סך געסט פון די העכסטע קרייזן, און צווישן די איינגעלאַדענע געסט איז אויך געווען דער יונגער צעזאַר.

ווען די כלה איז צו דער סעודה געקומען און קאַליגולאַ האָט דערזען ווי יונג און שיין זי איז, האָט ער זיך גלייך פאַרליבט אין איר. דערצו האָט ער גלאַט ניט פאַרגונען דעם חתן אַזאַ שיינע כלה, און ניט טראַכטנדיק קיין סך, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ הויב אויף פונעם טיש און באַפעלנדיק דער כלה זי זאָל גיין נאָך

אים, האָט ער זי אַוועקגעפירט צו זיך אין הויף און זי געמאַכט פאַר זיין ווייב . . .

ער האָט זיך אָבער מיט איר לאַנג ניט געהאַלטן; זי איז אים שנעל נמאס געוואָרן און ער האָט זי פון הויף פאַרטריבן. און כדי צו זיין זיכער, אַז זי וועט איצט ניט חתונה האָבן מיט דעם יונגן מאַן, וואָס איז פריער געווען איר חתן, האָט ער זיי ביידן אויף צוויי באַזונדערע ווייטע אינדזלען פאַרשיקט.

עס איז אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן פון רוים ניט געווען קיין איין שיינע פרוי, וואָס קאַליגולאַ האָט ניט געצוואונגען צו ווערן זיין קעבס-ווייב. די אָנגעזעענסטע אַדלליט האָבן פאַר אים זייערע ווייבער ניט געקענט באַהאַלטן; ווי ער האָט נאָר געוואָרפן אַן אויג אויף איינער, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן, האָט זי שוין געמוזט ווערן זיינע. און ער האָט דווקא געוואָלט, אַז ווען אַ שיינע פרוי ווערט זיין קעבס-ווייב אויף אַ קורצער צייט, זאָל איר מאַן וויסן דערפון און ער זאָל זיך ערגערן און ס'זאָל אים פאַרדריסן וואָס ער קען גאָרניט טאָן קעגן דעם. און אָפט האָט ער געצוואונגען די מענער צו שטיין דערביי און קוקן ווי אַזוי ער דריקט אויס זיין ווילדע ליידנשאַפט צו זייערע ווייבער, און נאָך דעם האָט ער געלאַכט פון זיי און מיט די מיאוסטע און ערגסטע נעמען זיי אָנגערופן . . .

די דריטע געזעצלעכע ווייב זיינע איז געווען לאָליאַ פאַולינאַ, און זי האָט ער אויך צוגענומען ביי אַן אַנדערן.

לאָליאַס מאַן, מעמיוס רעגולוס, איז געווען דער רוימישער פּראָקוראַטאָר אין מאַקעדאָניען. דאָרטן האָט דאָס פאָר פאָלק געלעבט און זיי האָבן זיך ביידע זייער ליב געהאַט. אָבער דורך אַ צופאַל האָט זיך קאַליגולאַ דערוואוסט, אַז דער פּראָקוראַטאָר אין מאַקעדאָניען האָט זייער אַ שיינע ווייב. ער האָט גלייך געשיקט צו אים אַ באַפעל, אַז ער זאָל מיט איר קומען קיין רוים. און ווען דער יונגער צעזאַר האָט דערזען די שיינע ווייב פונעם פּראָקוראַטאָר, איז זי אים גלייך געפעלן געוואָרן, און ער האָט געצוואונגען דעם מאַן, ער זאָל זי אים אַוועקגעבן . . .

פאַר מורא האָט דער פּראָקוראַטאָר געמוזט פאָלגן. ער האָט נאָך געמוזט זיין אַ מחותן אויף זיין ווייבס חתונה און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער פרייט זיך שטאַרק דערמיט. לאָליאַ אָבער איז אים אויך שנעל נמאס געוואָרן, און ער האָט זי פון הויף פאַרטריבן און דערביי האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז זי זאָל מער קיין מאָל אין לעבן מיט קיינעם ניט חתונה האָבן . . .

אַזוי וויל ער! . . .

אַלץ, וואָס קאַיוס קאַליגולאַ האָט געטאָן, איז געווען אויסגע־רעכנט צו דערנידעריקן, צו באַליידיקן און ווײַ צו טאָן אַנדערע. און עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט זיך מיט אַלעמען געריצט: — זעט, איך קען מיט אײַך טאָן וואָס איך וויל, און קיינער קען מיר אין דעם ניט שטערן!

די פערטע געזעצלעכע ווײַב זײַנע איז געווען צעסאָניאַ, און אויך זי האָט ער צוגענומען בײַ אַן אַנדערן.

צעסאָניאַ איז שוין געווען אַ מוטער פון דרײַ קינדער ווען ער האָט זי פאַר זײַן ווײַב געמאַכט. און כאָטש זי איז ניט געווען אַזוי שיין און אויך ניט אַזוי יונג ווי די פריערדיקע ווײַבער און קעבס־ווײַבער זײַנע, איז ער איר דאָך געווען געטרײַ, און דאָס איז געווען אַזאַ וואונדער, אַז מענטשן האָבן געגלויבט, אַז ס'איז ניט אַנדערש נאָר זי האָט אים אָפּגעטאָן כּישוף און אַז זי ווייסט אַ סוד ווי אַזוי צו מאַכן פאַר אים אַזאַ באַזונדער ליבעס־געטראַנק, וואָס זאָל נאָך מער צערייצן זײַן ווילדע תּאווה צו איר . . .

נאָך ביז הײַנטיקן טאָג קען מען ניט דערקלערן פאַר וואָס דער ווילדער, צעלאָזענער קיסר, וועלכער האָט שטענדיק אַזוי נאָכגעגעבן זײַנע קרענקלעכע לײַדנשאַפטן צו פרויען, איז דער פערטער געזעצ־לעכער ווײַב זײַנער געווען אַזוי געטרײַ און איבערגעגעבן. עס איז אָבער פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז דאָס איז געווען דערפאַר וואָס חוץ דעם וואָס זי האָט געוואוסט ווי אַזוי און מיט וואָס אים צוצו־ציען צו זיך, איז זי געווען פונקט אַזוי ווילד און צעלאָזן ווי ער, און אויך פונקט אַזוי ברוטאַל און גרויזאַם ווי ער.

זיי האָבן זיך בײַדע איינע פאַר די אַנדערע געפּאַסט . . .

קיין איינע פון די פריערדיקע געזעצלעכע ווײַבער זײַנע האָט אים ניט נאָכגעגעבן אַזוי פיל ווי צעסאָניאַ; זי האָט זיך פון אים געלאָזט אַנטאָן ווי אַ זעלנער און זיך אויסמישן אינאיינעם מיט די באַוואָפנטע לײַט פון זײַן וואַך און זיך לוסטיק מאַכן אינאיינעם מיט זיי; זי האָט זיך ניט געשעמט צו פאָרן רײַטנדיק אויף אַ פערד אַזוי ווי אַ מאַן, און דאָס איז געווען אַ זאַך, אויף וואָס מ'האָט אין די רוימישע אַריסטאָקראַטישע קרײַזן פון יענער צײַט געקוקט קרום, און זי האָט זיך אויך ניט געשעמט ווען ער האָט איר געהייסן זיך אויסטאָן אינגאַנצן נאַקעט פאַר זײַנע פרײַנד און זיי ווײַזן וואָס פאַר אַ שיין לײַב זי האָט. אַלע מאָל, ווען ער האָט איר דאָס געהייסן טאָן, האָט זי אים געפאָלגט, און זי האָט שוין געוואוסט וואָס פאַר

א פּאָזע זי זאָל אָננעמען ווען זי טוט זיך אוים פּאָר זיינע פריינד; זי האָט שוין אויך געוואוסט, אַז ווען זי טוט דאָס, שטעלט ער זיך אַוועק לעבן איר און זאָגט, אַז ווען ער וואָלט נאָר אַרויסגערעדט איין וואָרט, וואָלט דער שיינער קאָפּ אירער גלייך אַרונטער געפאַלן אויף דער ערד, און נאָך דעם ווערט ער מיט אַ מאָל ווילד פון תאוה און גיט זיך אַ וואָרף צו איר און הייבט זי אָן האַלדזן און קושן . . .

ווען צעסאָניאַ האָט פון אים אַ טאָכטער געבוירן, האָט ער אַלעמען אין הויף פּשוט משוגע געמאַכט מיט דער ווילדער פרייד זיינער, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן. און די היסטאָריקער פון יענער צייט דערציילן, אַז ער האָט דאַן צונויפגענומען אַ גרויסן עולם מיט מענטשן און איז אַוועק מיט דעם קינד אין טעמפּל, וואו די סטאַטועס פון די געטער זענען געשטאַנען, און דאָרטן האָט ער דאָס מיידעלע אַוועקגעזעצט אויפן שויס פון דער געטין מינערוואַ, און ווענדנדיק זיך צום עולם, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס קינד האָט צ ו ו י י טאַטעס — ער איז איינער, און דער צווייטער איז דער גאָט יופּיטער, און זאָל דער עולם באַשליסן מיט וועלכן פון די צוויי טאַטעס דאָס קינד דאַרף זיך מער איבערנעמען . . .

קאַליגולאַ איז אָבער דאָך ניט געווען אינגאַנצן זיכער צי דאָס קינד איז טאַקע זיינס. ער האָט געטראַכט, אַז ס'קען דאָך זיין, אַז צעסאָניאַ איז געווען פאַלש צו אים און אַן אַנדער מאַן איז גאָר אפשר דער פאָטער פון דעם קינד. ערשט שפּעטער, ווען דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון ווילדקייט און משוגעת, איז ער געווען זיכער, אַז ע ר און ניט קיין אַנדערער איז דער טאַטע . . .

דאָס איז געווען קאַיום קאַליגולאַס באַציאונגען צו ווייבער און קעבס־ווייבער.

קאַליגולאַ

קאַפּיטל דריי

משוגעת מיט אַ חשבון

מ׳דאַרף זיין געדעכט צו קאַיום קאַליגולאַ און דערמאָנען דעם פּאַקט, אַז אין די ערשטע זיבן חדשים וואָס ער איז אויפן טראָן געזעסן, האָט ער אויפגעטאָן אַ סך גוטע זאַכן און זיך געהאַלטן אַזוי, אַז די פעלקער, וואָס זענען אונטערן שוץ פון רוים געשטאַנען, האָבן געהאַט אַ גרונט צו האָפן, אַז ער וועט הערשן מיט חסד און אַז אַלע וועלן אים בענטשן און לויבן דערפאַר.

ער האָט באַפרייט פון די געפענקענישן די אַלע מענטשן, וואָס טיבעריוס האָט דאָרטן געהאַלטן פאַרשפּאַרט; ער האָט אַרויסגע־וויזן גוטסקייט צו יענע, וועלכע האָבן פריער צו אים אָפענע שנאה אַרויסגעוויזן און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיי קיין מאָל קיין שלעכטס ניט טאָן; ער האָט אויך באַשטראָפט די שלעכטע פּראָקו־ראַטאָרס, וועלכע זענען געווען גרויזאַם צו דער באַפעלקערונג פון יענע לענדער, וואָס זענען געווען אַ טייל פון דער רוימישער אימ־פּעריע, און צווישן זיי איז אויך געווען דער רשע פּאָנטיוס פּילאַטוס, דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה, וואָס האָט די אידן געטאָן אַ סך שלעכטס און אונטער וועמעס הערשאַפט כריסטוס איז געקרייציקט געוואָרן. פּילאַטוס איז פאַרשיקט געוואָרן אויף אַן אינדזל און דאָרטן האָט ער אַליין געמוזט מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. *)

---

*) די השערה, אַז באַשטראָפט פּילאַטוסן האָט קאַליגולאַ קען מען בויען דערויף וואָס ס׳ווערט דערציילט אין יוסעביוסעס „געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירכע״ (בוך 2, קאַפּ. 7). יוסעביוס איז געווען אַ בישאָף אין דער שטאָט קיסריה און ער האָט געלעבט אין דריטן און אינעם פערטן יאָרהונדערט, וואָס לויט דר קריסטלעכער צייטרעכענונג. אין זיין ווערק, וואָס איז געבליבן פון יענער צייט, דערציילט ער, אַז פּאָנטיוס פּילאַטוס איז באַשטראָפט געוואָרן פון גאָט דערפאַר וואָס ער האָט געקרייציקט כריסטוסן, און ער האָט זיך אַליין געמוזט נעמען דאָס לעבן. און אַזוי ווי ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז פּילאַטוס האָט זיך אומגעקערט קיין רוים שוין

דער היסטאָריקער יוסיפוס פלאַוויוס, און אויך פילאָן דער אַלעקסאַנדריער, דערציילן, אַז ווען די אידן אין ארץ ישראל האָבן דערהערט, אַז דער אַלטער טיבעריוס איז שוין טויט און דער יונגער קאַיוס קאַליגולאַ איז אַרויף אויפן טראָן, איז זייער פרייד געווען זייער גרויס און זיי האָבן אויפן מזבח אינעם הייליקן טעמפּל מקריב געווען קרבנות פ אַ ר אים און געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אים געבן לאַנגע יאָרן. זיי זענען געווען זיכער, אַז מיטן אַרויפקומען פונעם יונגן צעזאַר, וועט זייער לאַגע אין לאַנד ווערן בעסער און זיי וועלן מער ניט דאַרפן ליידן אַזוי פיל פון די געלט־גייציקע און בלוט־דורשטיקע רוימישע פּראָקוראַטאָרס. און אַוודאי איז זייער האָפענונג נאָך גרעסער געוואָרן ווען זיי האָבן דערהערט, אַז אויף קאַיוס קאַליגולאַס באַפעל איז דער בלוטיקער צורר פּאָנטיוס פּילאַטוס פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. זיי האָבן אין דעם געזען דעם „פינגער פון גאָט“, ווי מ׳האָט דאָס דעמאָלט אָנגערופן; דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט אין זיי דעם גלויבן, אַז יעדער רשע, וואָס טוט די אידן שלעכטס, מוז האָבן אַ טרויעריקן סוף.

אויך אין רוים איז די פרייד געווען גרויס ווען קאַיוס קאַליגולאַ איז אַרויף אויפן טראָן. אַלע איינוואוינער האָבן די גרויסע געשעענייש געפייערט מיט גרויס פּאַראַד, און אין דריי חדשים צייט האָט מען אין די טעמפּלען אויסגעשאָכטן טויזנטער שאָף און רינדער ווי קרבנות צו די געטער, און אומעטום האָט מען געפּראַוועט סעודות און געבענטשט דעם נאָמען פון דעם נייעם יונגן צעזאַר.

עס איז אָבער מער ווי זיכער, אַז די גוטסקייט, וואָס קאַליגולאַ האָט אַרויסגעוויזן די ערשטע צייט איז ,געווען ניט מער ווי אַ מיטל צו פאַרשטעלן און פאַרדעקן זיין אמת געשטאַלט און דערמיט אָפּנאַרן אַלעמען. ער האָט זיך דאָן אַליין נאָך ניט געפילט אינגאַנצן

נאָך דעם ווי טיבעריוס איז געווען טויט, און ס׳איז באַוואוסט, אַז איינע פון די „באַליבטסטע“ שטראָפן, וואָס קאַליגולאַ האָט געגעבן, איז געווען צו הייסן דעם שולדיקן, אַז ער זאָל אַליין מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן, איז דעריבער פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז פּילאַטוס האָט געקראָגן זיין שטראָף אויפן באַפעל פון קאַליגולאַן. און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אויך דער אידישער קעניג, אַגריפּאַ (דער ערשטער), וועלכער איז די ערשטע צייט געווען קאַליגולאַס אַ נאָענטער פריינד, האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם. בכלל אָבער איז דער סוף פון דעם טרויעריק־באַרימטן פּראָקוראַטאָר איינגעהילט אין אַזוי פיל לעגענדעס, אַז ס׳איז שווער צו וויסן באַשטימט וואָס פאַר אַ סוף ער האָט טאַקע געהאַט. אַ סך איינצלהייטן וועגן דעם קען מען געפינען אין פרענק מאָריסאָנס ענגלישן בוך And Pilate said

זיכער אויפן טראָן; ער האָט נאָך ניט געקענט אַרויס פון דער חניפה, אין וועלכער ער האָט זיך געהאַט אַריינגעאַרבעט אין די צייטן ווען טיבעריוס האָט געלעבט; ער איז נאָך געווען צוגעוואוינט צו חנפענען די, וואָס האָבן אים געהאָלפן שטייגן, און ער האָט זיך דעריבער באַ-צויגן גוט צו אַלעמען.

אָבער ווי ער האָט זיך נאָר באַפעסטיקט אין דער מאַכט, אַדאַנק דעם וואָס ער האָט פאַר זיך ביים פאָלק געשאַפן דעם נאָמען פון אַ גוטן, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסווייזן דאָס אמתע געשטאַלט זיינס, און דאַן האָט מען פאַר זיך דערזען אַ שרעקלעך משוגענעם דעספּאָט אויפן טראָן.

אויפן אַכטן חודש נאָך דעם ווי קאַליגולאַ האָט איבערגענומען די מלוכה, איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן זייער ערנסט קראַנק, און די געלערנטע דאָקטוירים פון יענער צייט האָבן שוין געהאַט אויפ-געגעבן די האָפענונג, אַז ער זאָל בלייבן לעבן. די קראַנקהייט, דענקט מען, איז אים געקומען פון דעם וואָס ער האָט צו פיל גע-שיכורט, צופיל געהוליעט. אַזוי איז די מיינונג פון דעם גרויסן אי-דישן דענקער פילאָן האַלכסנדרוני, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט אים און וועלכער דערמאָנט דערביי, אַז אין זיין צע-לאַזנקייט האָט דער יונגער צעזאָר געהאַט געשלעכטלעכע באַציאונ-גען ניט נאָר מיט פרויען, נאָר אויך מיט מענער. דאָס צוכאַפּן זיך מיט אַזאַ ווילדן ברען צו דעם הפקרדיקן, צעלאָזענעם לעבן, פון וועלכן ער האָט פריער, אין די צייטן ווען טיבעריוס האָט נאָך געלעבט, בלויז געקענט טרוימען, האָט אים שטאַרק פאַרשאַדט; דאָס האָט אונטערגעגראָבן זיין געזונט און נאָך מער צערודערט זיין אַזוי אויך צערודערטן גייסט. און נאָך דעם ווי מ'האָט אים פון זיין קראַנקהייט דאָך אויסגעהיילט און ער האָט שוין געקענט אַרומגיין, האָט ער זיך אַזוי צעווילדעוועט, אַז ס'איז גאָר אוממעגלעך געווען אים איינצוצוימען.

ווי אַ ווילדער וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ קייט, האָט ער געהאַלטן אין איין באַשטראָפן מענטשן מיטן טויט. און צווישן די, וואָס ער האָט מיטן טויט באַשטראָפט, איז אויך געווען איינער פון זיינע געטרייסטע באַדינער, וואָס האָט זיך געשוואָרן, אַז ער וואָלט זיין לעבן אַוועקגעגעבן, אַבי דער יונגער קיסר זאָל ווערן געזונט. אַלע זענען געווען זיכער, אַז איצט, ווען קאַליגולאַ איז געזונט געוואָרן, וועט ער דעם געטרייען באַדינער אַוודאי גוט באַלוינען דערפאַר, וואָס ער איז געווען גרייט זיין לעבן אַוועקצוגעבן פאַר אים. אָבער

דער משוגענער צעזאר האט דאס גענומען אויף זיין אייגענעם שטייגער; ער האט דעם געטרייען באדינער געהייסן באשטראפן מיטן טויט. מ'מוז דאס טאן, האט ער געזאגט, אויב ניט, וועט דאך אויסקומען, אז דער דינער האט געשווארן פאלש, און אזוינס טאר בשום אופן ניט דערלאזט ווערן . . .

קיינער האט זיך גארניט געקענט דערטראכטן צו אזעלכע משוגעתן ווי ער, און צווישן די זאכן, וואס די רוימישע היסטאריקער פון יענער צייט דערציילן וועגן זיינע ווילדע משוגעתן, וואס האבן צו זיך קיין גלייכן ניט געהאט, איז די געשיכטע מיטן פערד . . .

ער האט געהאט א פערד, וואס ער האט א נאמען געגעבן אינסיטאטוס. ער האט דאס פערד ליב געהאט. איז אים מיט א מאל איינגעפאלן, אז אזא פערד וואלט מען געדארפט אפגעבן כבוד און עם דערהויבן העכער פון די אנדערע פערד. האט ער ארויסגע־געבן א באפעל, אז פון היינט אן און ווייטער ווערט דאס פערד א גלח, א גייסטלעכער אינעם טעמפל פון די געטער . . .

דאס איז געווען בלויז אן אנהייב פון דער גרויסקייט, וואס איז פארגעשטאנען דעם פערד, וואס האט געהאט די זכיה צו געפינען חן אין די אויגן פון דעם מענטשן, וואס איז געווען דער הערשער פון דער רוימישער אימפעריע. שפעטער האט ער דאס פערד אנ־געהויבן איינצולאדן צו זיך אין פאלאץ אויף סעודות און געהייסן מ'זאל אים געבן עסן פון א גאלדענער קארעטע. נאך דעם האט ער פאר אים אויסגעבויט א באזונדער פאלאץ, מיט די טייערסטע מעבל און כלים און ער האט באשטימט ספעציעלע באדינער, וואס זאלן אויפ־נעמען די אנגעזעענסטע לייט, וועלכע וועלן קומען צום פערד צו גאסט אויף די גרויסע סעודות, וואס מ'וועט דארט פראווען. און כדי צו באליידיקן די ראטגעבער פון דער מלוכה, האט ער זיי אנגעזאגט די גרויסע בשורה, אז אויף זיין באפעל איז שוין דאס פערד אויך בא־שטימט געווארן אלס א ראטגעבער אין דער מלוכה . . .

אליין א נידעריקער מענטש, האט ער דווקא געוואלט ווייזן, אז ער שטייט העכער פון אלע אנדערע מענטשן. און אין די נעכט, ווען ס'איז אויפן הימל געווען א פולע לבנה, האט ער זיך אוועקגע־שטעלט אין דרויסן און האט גערופן די לבנה, זי זאל גיין מיט אים שלאפן אין בעט, און ער האט געוואלט, אז אלע זאלן גלויבן, אז די לבנה איז זיין ווייב . . .

ער האט אויך געוואלט, אז אלע זאלן שטענדיק וויסן און געדענ־קען, אז זיי זענען ביי אים אין די הענט און אז ער קען מיט זיי טאן,

וואָס ער וויל. און איין מאָל האָט ער אין מיטן דער נאַכט געשיקט רופן צו זיך די אָנגעזעענסטע לייט פונעם סענאַט, און ווען זיי זענען צו אים געקומען אין גרוים איילעניש, מיינענדיק, אַז מ׳דאַרף אַוודאי גלייך אָפּהאַלטן זייער אַ וויכטיקע בעראַטונג, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט טאַנצן פאַר זיי. צוליב דעם האָט ער זיי דאָס ביינאַכט פון די בעטן אַרויסגעשלעפּט, כדי זיי צו ווייזן וואָס פאַר אַ גוטער טענצער ער איז . . .

ווי עס איז געוויינלעך דער שטייגער פון ווילדע דעספּאָטן, האָט קאַיוס קאַליגולאַ פריער פון אַלץ זיך גענומען אויסראָטן דווקא די מענטשן, וואָס האָבן אים געהאָלפן קומען צו דער מאַכט און וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר זייערן אַ פריינד. וואָס נעענטער אַ מענטש איז צו אים געשטאַנען אין הויף, וואָס העכער ער איז געווען אינעם אַמט וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער מלוכה, אַלץ גרעסער איז פאַר אים געווען די סכנה צו פאַלן אַ קרבן פון קאַליגולאַס גרויזאַמקייט.

דער ערשטער, וועמען קאַליגולאַ האָט זיך פאַרלייגט אָפּצוראַמען פונעם וועג, איז געווען דער יונגער פרינץ טיבעריוס, דאָס אייניקל פון דעם פאַרשטאָרבענעם צעזאַר, וועלכער האָט, לויט דער צוואָה, געדאַרפט זיין אַ שותּף אין דער מלוכה.

מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער האָט דאָס אינגל זייער ליב, האָט ער זיך אָפּט געשפּילט מיט אים, און ווען די נאָענטע מענטשן פון הויף זענען געווען דערביי, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער היט אים אָפּ ווי אַן אייגענער פאָטער און אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער מיט אים די מלוכה טיילן, ווייל אַזוי איז געווען דער ווילן פונעם אַלטן צעזאַר. אָבער מיט אַ מאָל האָט ער אים אָנגעקלאָגט אין פאַרראַט; ער האָט דערציילט אַ געשיכטע, אַז דאָס אינגל האָט פאַרטראַכט אים צו דערהרגענען און אַליין אַרויף אויפן טראָן; און כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ליגן, האָט ער אים פאַרמשפּט צום טויט.

פילאָן דערציילט, אַז לויט קאַליגולאַס באַפעל האָט דאָס אינגל זיך אַליין געדאַרפט אַריינשטעכן אַ מעסער אין האַרצן, ווען צוויי עלטסטע פון די באַוואָפנטע לייט שטייען דערביי, ווייל לויטן געזעץ האָט מען קיינעם פון דער קעניגלעכער משפּחה ניט געטאָרט דערהרגענען מיט קיין געווער. און ווען ס׳איז געקומען צו געזעץ, איז קאַליגולאַ געווען זייער אָפּגעהיט; באַגייענדיק די אומגעזעצלעכסטע זאַכן, האָט ער אויף זיי אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון גע-

זעץ. דערפאַר האָט דאָס איִנגל אַליין גערדאַרפט מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. ער האָט אָבער קיין געווער ניט געקענט האַלטן אין האַנט, ווייל ער איז נאָך געווען צו קליין. ער האָט גאָרניט געוואוסט ווי אַזוי מ׳באַגייט זיך מיט אַ שווערד, און ווען די צוויי עלטסטע פון די באַוואָפנטע לייט זענען געקומען צו אים, און ער האָט שוין געוואוסט זיין אורטייל, האָט ער אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און איז שוין געווען גרייט מ׳זאָל אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ, און ווען קאַליגולאַס צוויי שליחים האָבן דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָט ער אַליין גענומען אַ שווערד אין דער האַנט, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואו ער זאָל די שווערד אַריינשטעכן צו ברענגען אויף זיך שנעל דעם טויט, און דאַן האָט איינער פון די צוויי עלטסטע אים געוויזן ווי אַזוי דאָס צו טאָן, און דאָס איִנגל איז געפאַלן טויט. *)

נאָך דעם האָט קאַליגולאַ באַשלאָסן אָפּצערוימען פונעם וועג זיין נאָענטסטן פריינד מאַקראָן, דעם זעלבן מאַקראָ, וועלכער האָט אים נאָך פריער צוגעשאַרט זיין אייגענע ווייב און אים געהאָלפן ווערן דער הערשער פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, ווי ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן אינעם פריערדיקן קאַפּיטל. אים האָט ער אין אַלגעמיין ניט ליב געהאַט, ווייל יענער האָט אים אָפט שטי־לערהייט געזאָגט מוסר פאַר וואָס ער פירט זיך ניט אויף ווירדיקער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קיסר; ער האָט אים אָפט, אויף אַ סעודה אין הויף אויפגעוועקט ווען ער איז איינגעשלאָפן ביים טיש; אויף די שפּילן, וואו אַטלעטן האָבן זיך פּראָווט אין לויפן און אין שפּרינ־גען, האָט ער אויף אים געהאַלטן אַן אויג, און ווען ער האָט דערזען ווי ער, דער צעזאַר פון דער רוימישער אימפּעריע, הייבט אָן נאָכ־מאַכן די לויפענישן און די שפּרינגעגענישן אויף זיין אייגענעם משוגע־נעם שטייגער, האָט ער אים געזאָגט, אַז דאָס איז ניט שיין, אַז ס׳פּאַסט ניט. בכלל איז קאַליגולאַן ניט געפעלן וואָס מאַקראָ לערנט אים ווי אַזוי צו פירן שטאַט און ניט אַרויסווייזן זיין גראָבקייט און ווילדקייט, און ער האָט דעריבער באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון אים. און ווען ער האָט באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון אַ מענטשן, האָט שוין קיינער ניט געקענט העלפן אין דעם, און ער האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע וועגן ווי אַזוי דאָס צו טאָן; ס׳איז אין זיין משוגעת געווען אַ מעטאָדע, און ביים צונויפשטעלן אַ קלאָגע אויף איינעם, וואָס האָט זיך ביי אים מיט עפּעס פאַרזינדיקט, האָט ער אָפט צונויפגע־

*) המלאכות אל קאיוס, פרק חמישי, 28, 29, 30, 31.

מישט אמת און ליגן אַזוי קונציק, אַז מ'האָט ניט געקענט וויסן וואו ס'ענדיקט זיך דאָס ערשטע און וואו ס'הויבט זיך אָן דאָס צווייטע.

ער האָט אויף מאַרקאָן געבראַכט אַ קלאָגע, וואָס איז געווען האַלב אמת און האַלב ליגן. ער האָט דערציילט אַ געשיכטע, אַז מאַקראָ האָט זיך איין מאָל באַרימט, אַז ער האָט אים געהאָלפן זיך צושלאָגן צום טראָן. דאָס איז געווען אמת. דערביי האָט ער אָבער אויך דערציילט, אַז מאַקראָ האָט שטילערהייט צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג אים צו דערהרגענען. און דאָס איז געווען אַ ליגן.

אומיסטן צונויפגעמישט דעם אמת מיטן ליגן אינאיינעם, כדי אַנדערע זאָלן דאָס לייכט גלויבן. און דאַן האָט ער מאַקראָן פאַר־משפּט צום טויט. אויך זיין ווייב, די זעלבע, מיט וועלכע ער האָט אַ מאָל אַזאַ הייסע ליבע געפירט, האָט ער פאַרמשפּט צום טויט, אוןביידע האָבן אויף זיין באַפעל אַליין געמוזט מאַכן אַ סוף צו זייער לעבן . . .

אויך זיין שווער זשונים סילאַנוס, דעם פאָטער פון זיין ערשטער ווייב זשוניאַ קלאַוודיאַ, האָט ער פאַרמשפּט צום טויט. און ער איז ניט מיד געוואָרן צו זוכן נאָך און נאָך קרבנות. ס'איז געווען גענוג, אַז מ'זאָל אים דערציילן, אַז בשעת ער איז געווען קראַנק און מ'האָט זיך שוין ניט גערעכנט אַז ער וועט בלייבן לעבן, האָבן זיך די און די מענטשן באַגריסט איינע מיט די אַנדערע טרעפנדיק זיך אין גאַס, אָדער איינגעלאַדן געסט צו זיך אַהיים אויף אַ סעודה, האָט דאָס ביי אים אַרויסגערופן אַזאַ ווילדן צאָרן, אַז ער האָט זיך שוין ניט גע־קענט באַרואיקן ביז ער האָט זיי דערפאַר צום טויט פאַרמשפּט. אויך די, וואָס האָבן זיך געבעטן אין די צייטן ווען ער איז געלעגן קראַנק, האָט ער באַשטראָפט מיטן טויט. ס'האָט אים פאַרדראָסן פאַר וואָס מענטשן האָבן געלעבט און הנאה געהאַט פון לעבן אין דער צייט ווען ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. דאָס האָט אים אָנגעפילט מיט אַזוי פיל גיפט און גאַל, אַז ער האָט נאָך מער ווי פריער אָנגעהויבן האַסן אַלץ און אַלעמען.

„ניט נאָר דאָס, וואָס ער האָט אומגעבראַכט אַזוי פיל מענטשן איז געווען שרעקלעך. — שרייבט וועגן אים דער רוימישער היס־טאָריקער קאַסיוס דיאָ. — נאָר דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ ווילדע הנאה פון דעם, וואָס ער באַשטראָפט זיי מיטן טויט, און

דאָס, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געקענט שטילן זיין דורשט נאָך בלוט". *)

ווען ס'האָבן אין צירק אַ מאָל אויסגעפּעלט שאָף און רינדער פאַר די הונגעריקע ווילדע חיות אין די שטייגן, האָט ער געהייסן, מ'זאָל כאַפּן די מענטשן, וואָס זיצן אויף די נאָענטע בענק און זיי אַריינ־וואַרפן אין די שטייגן, אַז די ווילדע חיות זאָלן זיי אויפעסן, און כדי צו זיין זיכער, אַז זיי וועלן אים ניט שילטן דערפאַר, האָט ער געהייסן, אַז מ'זאָל זיי פריער אַרויסשניידן די צונגען פון די מיילער.

צו קיינעם האָט ער קיין רחמנות ניט אַרויסגעוויזן. ניט צו קיין פרעמדע און אויך ניט צו קיין אייגענע. און ס'איז וויכטיק אָנצואווייזן דערויף, וואָס ניט קוקנדיק אויף זיין משוגעת, וואָס מ'האָט געקענט זען אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, איז אין זיינע רציחות געווען אַן אייגנאַרטיקע לאָמפּישע קלוגשאַפט, און יעדער מאָרד איז ביי אים געווען אויסגערעכנט אַזוי, אַז ער זאָל דערפון שפּעטער האָבן נוצן.

מיטן פאַרמשפּטן צום טויט דעם יונגן פּרינץ טיבעריוס, איז ער אויסן געווען פּטור צו ווערן פון איינעם, וואָס האָט אַ רעכט אויפן טראָן, פּונקט אַזוי ווי ער.

מיטן פאַרמשפּטן צום טויט מאַקראָן, איז ער אויסן געווען אַרויפצוואַרפן אַ פּחד אויפן מיליטער.

און מיטן פאַרמשפּטן צום טויט סילאַנוסן, וועלכער איז געווען איינער פון די עלטסטע און חשובסטע סענאַטאָרן אין רוים, איז ער אויסן געווען אָנצושרעקן דעם סענאַט.

אַזאַ מיינונג דריקט אויס פילאָן האַלכסנדרוני, און פילאָן — דאַרף מען געדענקען — איז ניט געווען פון די, וואָס זעען בלויז דאָס שלעכטע אין מענטשן, נאָר פאַרקערט, ער האָט שטענדיק געזוכט דאָס גוטע אַפילו אין די ערגסטע רשעים, און אין די, וואָס ער האָט פיינט געהאַט; די אויגן זענען ביי אים ניט געווען פאַרבלענדט און ער האָט געקענט זאָגן אַ גוט וואָרט אַפילו אויף די גרעסטע שונאי ישראל, ווי מ'קען דאָס זען אין זיינע צוויי ווערק „קעגן פלאַקוסן" און „די דעלעגאַציע צו קאַיוסן".

מיטן פאַרמשפּטן צום טויט די נאָענטסטע פון דער אייגענער משפּחה און פון די אייגענע קרייזן אין הויף, איז קאַיוס קאַליגולאַ אויסן געווען פּטור צו ווערן פון די מענטשן, וועלכע געדענקען אים

*) רוימישע געשיכטע, בוך 59 (באַנד 7) זז. 289־291.

נאָך פון יענע צייטן, ווען ער איז געווען אַ גאָרניט, אַ חניפהניק און אַן אונטערלעקער. זייער גערזעלשאַפט האָט אים געשטאַכן די אויגן. און דערצו האָט ער גלאַט ניט געוואָלט האָבן אַרום זיך קיין מענטשן, פאַר וועלכע ער זאָל זיך דאַרפן שעמען מיט זיין פאַרגאַנגענהייט און מיט די מעשים, וואָס ער טוט איצט און וואָס ער קלייבט זיך ערשט צו טאָן.

און געקליבן האָט ער זיך צו טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין אַנדערער פאַר אים האָט דאָס נאָך ניט געטאָן — ער האָט זיך געקליבן ווערן אַ גאָט . . .

יוליוס צעזאַר

דער גרעסטער און בעסטער פון די רוימישע צעזאַרס. ער איז צו אידן געווען זייער גוט, און ווען ער איז געשטאָרבן, האָבן אידן אים באַוויינט.

קאַפּיטל פיר

קאַליגולאַס רציחות און זיין שנאה צו אַלץ און צו אַלעמען

קאַליגולאַ איז געווען אַזוי פאַרדאָרבן, אַז ער האָט באַטראַכט ווי אַ פּערזענלעכן שונא יעדן מענטשן, וואָס איז ניט געווען פאַרדאָרבן . . .

ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן קיין אַנדער מיינונג אויסער זיין אייגענע.

מ׳האָט געמוזט איינשטימען מיט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און מיט אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, און אויב מ׳האָט מיט אים ניט איינגעשטימט, האָט ער דאָס געהאַלטן פאַר אַ פאַרראַט קעגן דער מלוכה און ער האָט דערפאַר שטרענג באַשטראָפט.

ער איז געווען אַ נוקם ונוטר, און ווען איינער האָט זיך ביי אים מיט עפּעס פאַרזינדיקט, האָט דאָס געמעגט זיין אַפילו דער בעסטער פריינד, האָט ער יענעם דאָס ניט געקענט פאַרגעבן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, האָט ער זיך נוקם געווען דערפאַר.

אַלץ וואָס מ׳האָט לויטן געזעץ ניט געטאָרט טאָן און וואָס ס׳האָט פאַר לייטן ניט געפּאַסט צו טאָן, האָט ער יאָ געטאָן.

ער האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרטראַכט וועגן דעם וואָס ער פּייניקט אומשולדיקע מענטשן. וואָס ווייניקער שולדיק אַ מענטש איז געווען, אַלץ מער האָט ער אים באַשטראָפט, און צום טויט האָט ער מערסטנטייל פאַרמשפּט אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס ניט פאַרדינט.

אין מסירות און בלבולים איז ער שטענדיק געווען שטאַרק פאַרקאָכט, און ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, אַז אין הויף, אין סענאַט און אומעטום איבערן גאַנצן לאַנד זאָלן מענטשן מסרן איינע די אַנדערע און מאַכן בלבולים אויף וועמען עס פאַלט זיי נאָר איין.

אַפילו שקלאַפן האָבן אין זיין צייט געהאַט דאָס רעכט צו ברענגען מסירות אויף זייערע בעלי הבתים, און ווען אַ רוימישער אַריס-

טאַקראַט איז אויפן גרונט פון אַ מסירה פאַרשיקט געוואָרן אויף אַ ווייטן אינדזל, אָדער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, האָט דער שקלאַף, וואָס האָט אים געמסרט, געקראָגן אַן אַכטל און אַמאָל אַ פערטל פון זיין פאַרמעגן, און דאָס איבעריקע האָט מען צוגענומען פאַר די אוצרות פון דער מלוכה. און אַזוי ווי ס'איז געווען באַוואוסט, אַז קאַליגולאַ גלויבט אין יעדן בלבול, וואָס מ'ברענגט צו אים אויף אַנ־דערע, איז ניט שווער זיך פאַרצושטעלן ווי שטאַרק מסירות זענען געווען פאַרשפּרייט אין יענער צייט.

קאַליגולאַ האָט פון די טויט־אורטיילן געמאַכט אַ מסחר; וואָס מער מענטשן ער האָט צום טויט פאַרמשפּט, אַלץ מער גאָלד און זילבער איז אים אַריינגעפאַלן אין דער מלוכה, ווייל מ'האָט דאָך ביי די פאַרמשפּטע צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. און געלט האָט דער משוגענער צעזאַר געדאַרפט האָבן אַ סך, ווייל ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי די מלוכה צו פירן און זיך ניט געלאָזט לערנען פון אַנדערע ווי אַזוי זי צו פירן. אין ווייניקער ווי אַ יאָר האָט ער פאַרטאַכלעוועט אַלץ, וואָס דער אַלטער טיבעריוס האָט אים איבערגעלאָזט; ער האָט אויסגעגעבן אוצרות אויף גרויסע סעודות און פאַראַדן, וואָס זענען געווען איבעריק און אויף געביידעס און טעמפּלען, וואָס קיינער האָט ניט געדאַרפט און וואָס האָבן קיין נוצן ניט געבראַכט. און וויפל געלט מ'האָט ניט צוגענומען ביי די, וואָס מ'האָט צום טויט פאַרמשפּט, איז אַלץ ניט געווען גענוג, און מ'האָט געדאַרפט נאָך און נאָך.

אין דעם „מסחר" פון האַקן קעפּ איז דער משוגענער קיסר אַלע מאָל אויף אַ נייער המצאה געפאַלן ווי אַזוי שווערער צו מאַכן די ליידן פאַר אַנדערע און פאַרגרעסערן דעם פאַרמעגן פאַר זיך; אויף זיין באַ־פעל האָבן די טאַטעס פון די פאַרמשפּטע געמוזט שטיין און קוקן ווי מ'האָט די טויט־אורטיילן דורכגעפירט, און אויב אַ טאַטע האָט די אויגן פאַרמאַכט, האָט מען אים דערפאַר שטרענג באַשטראָפט. און איינמאָל, ווען אַ פאָטער פון אַ פאַרמשפּטן האָט ניט געקענט גיין צו דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל, ווייל ער איז געלעגן קראַנק, האָט מען אויף קאַליגולאַס באַפעל אים געבראַכט אויף אַ טראָג־בעטל, און ער האָט געמוזט קוקן ווי זיין זונס קאָפּ פאַלט. די וועכטער, וואָס האָבן אים אויפן טראָג־בעטל געהאַלטן, האָבן אַכטונג געגעבן, אַז ער זאָל די אויגן ניט פאַרמאַכן.

קאַליגולאַ האָט אויך איינגעפירט, אַז אין די טעג, ווען די טויט־אורטיילן ווערן דורכגעפירט, זאָלן די טאַטעס פון די פאַר־

משפטע אין אָוונט קומען צו אים אין הויף אַריין אויף אַ גרויסער סעודה. און אַלע האָבן געמוזט קומען. אַלע האָבן זיך געמוזט פרייען, כאָטש ס'איז געווען טרויעריק אויפן האַרצן. עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אַרויסצואווייזן אַפילו אַ סימן פון טרויער. מ'האָט דעם טיפן ווייטיק אין זיך געמוזט דערשטיקן און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מ'פילט זיך גליקלעך און מ'איז זייער צופרידן. און דער משוגענער צעזאַר האָט אַנגעקוואָלן פון דעם. עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ער פייניקט די טאַטעס פון די פאַרמשפּטע זין אויף אַזאַ ברוטאַלן און גרויזאַמען שטייגער, וואָס נאָר ער אַליין האָט געקענט צוטראַכטן.

קאַיוס קאַליגולאַ, — דערציילט פילאָן, — איז געווען אַ צעדרייטער אין אַלע זיינע אויפפירונגען. אויב ער האָט אַמאָל איינעם געטאָן גוטס, האָט ער גלייך חרטה געהאַט דערויף, און ווי ער וואָלט דווקא געוואָלט אָפּווישן דעם גוטן איינדרוק, האָט ער באַלד יענעם געטאָן נאָך מער שלעכטס. ער האָט געהאַט אַ טבע צו באַפרייען מענטשן פון געפענקעניש, כדי זיי זאָלן זיך שטאַרק דערפרייען דערמיט, און פונקט דאַן, ווען זיי זענען שוין געווען זיכער אַז זיי האָבן שוין ווידער געפונען חן אין קאַליגולאַס אויגן, האָט ער זיי ווידער צוריק פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש און דאַן האָבן זיי שוין מער ניט געקענט האָבן קיין האָפענונג אַרויסצוגיין פריי. ער האָט אויך געהאַט די געוואוינהייט צו פאַרשיקן מענטשן אויף ווייטע אינדזלען, אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן זיך מיט גאָרניט פאַרזינדיקט; נאָך דעם האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיי, און ווען ער האָט זיך אָן זיי יאָ אַמאָל דערמאָנט, האָט ער גלייך אַוועקגעשיקט אַהין באַוואָפנטע לייט מיט אַ באַפעל, מ'זאָל זיי איינציקווייז אָפּהאַקן די קעפּ. און די מערסטע פון די, וואָס ער האָט אויף די ווייטע אינדזלען פאַרשיקט און זיי דערנאָך די קעפּ אָפּגעהאַקט, זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פריער פאַרנומען הויכע אַמטן אין דער רעגירונג.

ווייטער דערציילט פילאָן, אַז קאַיוס קאַליגולאַ האָט געהאַט אַ טבע צו געבן מענטשן געלט אַלס אַ מתנה און הנאה האָבן פון דעם, וואָס זיי פרייען זיך דערמיט, און נאָך דעם האָט ער דאָס געלט ביי זיי געמאָנט — ניט ווי אַ חוב, נאָר ווי אַ גנבה, און האָט זיי געצוואונגען זיי זאָלן אים אַלס אַ שטראָף אָפּגעבן צוריק צוויי מאָל אַזוי פיל און דריי מאָל אַזוי פיל און אויב אַזאַ מענטש איז טאַקע

געווען רייך, האָט ער געמוזט אוועקגעבן אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט און איז געבליבן אַן אָרעמאַן.

עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס יעדער מענטש, וועמען קאַליגולאַ האָט אַרויסגעוויזן זיין „לייטזעליקייט" און אים געגעבן מתנות און באַלוינונגען פאַר די גוטע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן פאַר דער אימפּעריע, איז שטענדיק געווען אין דער מורא און איז קיין מאָל מיטן לעבן ניט געווען זיכער . . .

פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ גרעסערן אָדער אַ קלענערן נאָמען, איז קאַליגולאַס פריינדשאַפט ניט געווען קיין גליק, נאָר אַן אומגליק, ניט קיין ברכה נאָר אַ קללה. און ווען ער האָט אַמאָל אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט צו מענטשן פון מיטעלן שטאַנד, איז דאָס אויך ניט געווען פון גוטסקייט, נאָר עס איז געקומען פון דער כוונה, אַז יענע זאָלן זיך אויסברענגען אויף אים און זאָלן ווערן אָרעמע לייט. וואָרעם ווי נאָר ער האָט דערנעענטערט צו זיך אַ מענטשן פונעם מיטעלן שטאַנד, האָט זיך יענער שוין געמוזט אָנטאָן אַ כח צו האַלטן שטאַט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מענטשן, וואָס איז אַ פריינד פונעם צעזאַר, כאָטש ער האָט זיך דאָס ניט געקענט פאַרגינען; ער האָט געמאַכט רייזעס, וואָס האָבן אים אַריינגעטריבן אין גרויסע הוצאות; ער האָט געבאַרגט געלט אויף פּאַראַדנע און פייערלעכע אונטערהאַלטונגען וואָס ער האָט געמוזט מאַכן פאַר אַ גרויסן עולם, כדי דערמיט דעם צעזאַר פאַרגעניגן צו פאַרשאַפן. און דער סוף איז געווען — ער איז אַזוי טיף אַריינגעפאַלן אין חובות, אַז מ'האָט אים נאָך דעם דערפאַר פאַרשפאַרט אין געפענקעניש.

צו וועמען קאַליגולאַ האָט זיך נאָר צוגערירט, האָט ער גע־בראַכט אומגליק אויף אים, און דאָס האָט דעם משוגענעם צעזאַר גרויס פאַרגעניגן פאַרשאַפט, און אין דער געשיכטע ווערט דער־ציילט, אַז ער פלעגט אָפט ליב האָבן צו זאָגן, אַז זיין בעסטער וואונטש איז, אַז אַלע רוימער זאָלן האָבן איין קאָפּ און ער זאָל אים קענען אָפּהאַקן.

אַפילו אויף די פאַרוויילונגען און סעודות וואָס ער האָט גע־פראַוועט, דערציילט דער רוימישער היסטאָריקער ס ו ע ט אָ נ י ו ס; האָט ער זיין אכזריות אַרויסגעוויזן, און זייער אָפט, ווען ער איז אויף אַ סעודה געזעסן ביים טיש, האָט ער געהייסן מ'זאָל ברענגען צו אים די מענטשן, וואָס האָבן זיך ביי אים מיט עפּעס פאַרזינדיקט און מ'זאָל זיי פייניקן אויפן שרעקלעכסטן אופן, ווען ער זיצט און עסט. אין אַזעלכע פאַלן איז דער גרעסטער מחותן אויף דער

שמחה געווען אַ געוויסער רוימישער זעלנער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט אין אָפּהאַקן קעפּ מיט אַ שווערד. ער איז אין דעם געווען אַ מייסטער און פון אים האָט קאַליגולאַ אָנגעקוואָלן מער ווי פון אַלע אַנדערע תּלינים זיינע, און וואָס מער קעפּ יענער האָט אָפּגעהאַקט, אַלץ אַ גרעסערן אַפּעטיט האָט דער ווילדער קיסר געהאַט ביים עסן.

ער פלעגט זיך אָפט באַקלאָגן דערויף וואָס אין זיין צייט טרעפט זיך ניט קיין גרויסער אומגליק אין לאַנד. לויט זיין שכל איז אויס־געקומען, אַז אויב ס'וועט אַזוי ווייטער גיין און ס'וועט ניט געשען עפּעס אַן אומגליק, וואָס זאָל מאַכן אַ שטאַרקן גערודער אין לאַנד, וועט מען אים מיט יאָרן שפּעטער, נאָכן טויט, אינגאַנצן פאַרגעסן און קיינער וועט אים גאָר קיין מאָל ניט דערמאָנען, און ער האָט דעריבער זייער שטאַרק געוואָלט, אַז אין די יאָרן, וואָס ער וועט זיצן אויפן טראָן, זאָל אויסברעכן אַ הונגער, און אויב ניט קיין הונ־גער, זאָל פאַרקומען אַ פאַרפלייצונג אָדער אַן ערדציטערניש, און אויב דאָס איז אוממעגלעך זאָל זיך אַ מגפה פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד.

זיצנדיק איין מאָל ביי אַ פייערלעכער צערעמאָניע, וואָס מ'האָט געפּראַוועט אין הויף, האָט ער זיך אין מיטן דערינען שטאַרק צעלאַכט אויפן קול, און ווען די צוויי סענאַטאָרן, וואָס זענען געזעסן לעבן אים, האָבן געפרעגט פון וואָס ער לאַכט, האָט ער זיי געענטפערט: „איך לאַך פון דעם וואָס ווען איך וואָלט נאָר געגעבן איין שאָקל מיטן קאָפּ, וואָלט מען אייך ביידן דאָ גלייך איבערגעשניטן די העלדזער“.

אויפן פריערדיקן קיסר טיבעריוס, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַרן יורש פונעם טראָן, האָט ער ניט איין מאָל אויסגערעדט דאָס ערגסטע און אונטערגעגעבן מוט אַנדערע צו רעדן שלעכטס אויף אים, און נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן באַשטראָפן שווער די אַלע, וואָס האָבן אויף טיבעריוסן גערעדט שלעכטס. „איך, — האָט ער געזאָגט, — בין אַ קיסר און איך מעג אַלץ; איר אָבער טאָרט ניט רעדן קיין שלעכטס וואָרט אויף דעם, וואָס האָט אַ מאָל געהערשט איבער אייך“.

ס'איז אוממעגלעך געווען צו וויסן מיט וואָס מ'קען ביי אים אויסנעמען און ווי אַזוי מ'קען פאַר אים יוצא זיין, ווייל וואָס מ'האָט ניט געטאָן, כדי אים צו געפעלן, האָט ניט געטויגט. די מיטגלידער פון סענאַט זענען דעריבער שטענדיק געווען צעמישט און האָבן ניט געוואוסט וואָס זיי זאָלן טאָן איינצושטילן זיין גרימצאָרן, וואָרעם

וויפל כבוד זיי האָבן אים ניט אָפּגעגעבן, האָט דאָס אַלץ ניט גע־טויגט, און ס'איז ביי אים אויסגעקומען, אַז דאָס איינציקע וואָס ער קען טאָן זיי צו „באַלוינען" פאַר דעם כבוד וואָס זיי גיבן אים אָפּ, איז — זיי באַשטראָפן וואָס מער, ווייל אויב ניט וועט דאָך אפשר גאָר אויסקומען, אַז זיי האָבן די מאַכט אים העכער צו דערהויבן, און דאָס איז אַ באַליידיקונג פאַר אים . . .

אַליין אַ פּחדן, וואָס ציטערט שטענדיק פאַר זיין אייגענעם שאָטן, האָט ער דאָך געוואָלט מ'זאָל אים האַלטן פאַר אַ גרויסן העלד און פאַרן בעסטן קריגספירער, און צוליב דעם איז ער איין מאָל אַוועק מיט זיינע חיילות איבער די לענדער, וואָס זענען דאַן געווען טיילן פון דער גרויסער רוימישער אימפּעריע, און ווען ער איז צוגעקומען צום ברעג פונעם ים, האָט ער אויסגעשטעלט די לעגיאָנען אַזוי, אַז מ'האָט געקענט מיינען, אַז ער קלייבט זיך צו פאַרפירן אַ מלחמה אַקעגן בריטאַניע; די פויקן האָבן געקלאַפּט, די טרומפּייטן האָבן געשאַלט, און דאַן האָט קאַליגולאַ, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון גאָר אַ גרויסן קריגספירער, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער הויך, און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז . . .

אַז די רוימישע חיילות זאָלן ביים ברעג פונעם ים קלייבן ים־שיסעלעך! . . .

טויזנטער און טויזנטער ים־שיסעלעך האָט מען דאַן צונויפגע־קליבן, און נאָך דעם האָט קאַליגולאַ אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל צוריק אויסשטעלן די לעגיאָנען לויט דער מיליטערישער אָר־דענונג און מ'זאָל מאַרשירן צוריק . . .

מ'האָט די ים־שיסעלעך געפירט צוריק קיין רוים מיט אַזאַ פּאַראַד, אַז מ'האָט געקענט מיינען אַז דאָס פירט מען טויזנטער און טויזנטער קריגסגעפאַנגענע און אַז מ'קערט זיך אום אַהיים נאָך אַ גרויסן נצחון איבער די מחנות פונעם שונא. און איידער מ'איז קיין רוים אָנגעקומען, האָט מען אַהין געשיקט שטאַפעטן אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה פון דעם גרויסן נצחון, און דאַן זענען די מיטגלידער פונעם סענאַט געווען צעטומלט און האָבן ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען; זיי האָבן מורא גע־האַט, אַז אויב זיי וועלן אין סענאַט מאַכן אַ ווען דערפון ווי פון אַ גרויסן נצחון איבערן שונא, וועט מען זיי דערנאָך אפשר גאָר באַ־שטראָפן דערפאַר, וואָרעם ס'קען דאָך זיין, אַז דער קיסר קאַליגולאַ מאַכט דערפון אַ שפּאַס. און אויב זיי וועלן דערפון אין סענאַט ניט מאַכן קיין ווען, וועט מען זיי דערנאָך אפשר אויך באַשטראָפן דער־

פאר, ווייל ס׳קען דאך זיין, אז ביי אים, ביי קאליגולאן, איז דאס ניט קיין שפאס; ער מיינט אפשר טאקע, אז דערמיט וואס מ׳האט צונויפגעקליבן אזוי פיל ים־שיסעלעך, האט מען געהאט א גרויסן נצחון איבער בריטאניע . . .

ווען ער איז געקומען צוריק, האט עס שוין געהאלטן ניט ווייט דערפון, אז ער זאל שווער באשטראפן די מיטגלידער פונעם סענאט פאר וואס זיי האבן אים ניט אפגעגעבן אזוי פיל כבוד ווי מ׳גיט אפ א גאט פאר דעם „גרויסן נצחון" וואס ער האט געהאט איבערן שונא, ברענגענדיק אזוי פיל ים־שיסעלעך. מ׳האט קוים איינגע־שטילט זיין צארן, און דאן האט ער געהייסן צונויפרופן דאס פאלק אוןווארפן פאר זיי זילבערנע און גילדענע מטבעות, און דאס האט ער אויך געטאן מיט א געמיינער כוונה דערביי — ער האט געוואלט אז ס׳זאל ווערן אזא געדרענג צו כאפן די זילבערנע און גילדענע מטבעות, אז מענטשן זאלן איינע די אנדערע צעטרעטן מיט די פיס. און אזוי איז טאקע געווען; א סך מענטשן זענען דאן אומגעקומען, און אנדערע האבן זיך די הענט ביז בלוט צעשטאכן, ווייל אויף זיין באפעל האט מען צו די מטבעות צוגעטשעפעט שטעכעדיקע שפיל־קעס . . .

עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען קאליגולאס אלע ווילד־קייטן און משוגעתן. די היסטאריקער פון יענער צייט גיבן אליין צו, אז א סך מעשים זיינע האבן זיי זיך געשעמט צו דערציילן. אלץ, וואס ס׳איז נאר געווען אוממענטשלעך, האט ער געטאן. קיין גע־מיינהייט, קיין פארדארבנקייט, קיין פארברעכן איז פאר אים ניט געווען צו גרויס; ער איז געווען איינגעטונקען אין בלוט און אין זינד. און ער — דער מענטש, וואס איז גאר קיין מענטש ניט געווען, האט זיך איינגערעדט, אז ער איז א גאט און געוואלט, אז אלע זאלן צו אים דינען ווי צו א גאט! . . .

ער אליין האט ווירקלעך געגלויבט אין דעם. און זייער אפט פלעגט ער אריינגיין אין דעם טעמפל, וואו די סטאטועס פון די גע־טער זענען געשטאנען, און ער האט זיך דארט צווישן די סטאטועס אוועקגעשטעלט — א מאל אין דער פאזע פון אזא גאט, און א מאל אין דער פאזע פון אן אנדער גאט, און אלע האבן געמוזט פאר אים קניען און זיך בוקן. און פון אים אליין האט מען אויך גרויסע און קליינע סטאטועס געמאכט און זיי אין די טעמפלען אריינגעשטעלט, זיך געבוקט צו זיי און געבראכט קרבנות צו זיי. און ווי איז גע־ווען דעם, וואס האט אין קאליגולאס געטלעכקייט ניט געוואלט

גלויבן און זיך צו אים ניט געבוקט ווי צו אַ גאָט. פאַר אַזאַ פאַר־ברעכן איז מען באַשטראָפט געוואָרן מיטן טויט.

און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז ער, דער צעדרייטער מענטש, וואָס איז געווען אַזוי פאַרדאַרבן, אַזוי פאַרגלויבט אין זיך און אַזוי פיינט געהאַט אַלץ, וואָס איז נאָר מענטשלעך, האָט אויך פיינט גע־האַט אידן . . .

פאַרדאַרבנקייט און שנאה צו אַלץ וואָס איז גערעכט און מענטשלעך איז אַלע מאָל געווען ענג פאַרבונדן מיט שנאה צו אידן און צום אידישן גלויבן. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ באַשעפעניש, וואָס איז אַ שונא ישראל, אַן אַנטיסעמיט, און איז „אַזוי דווקא אַ וואוילער מענטש". און דאָס ווערט באַשטעטיקט מיט אָן אַ שיעור ביי־שפּילן אין דער געשיכטע פון אַמאָל, און אויך מיט ביישפּילן פון די געשעענישן אין דער איצטיקער צייט.

ווער ס׳האָסט מענטשלעכקייט, דער האָסט אויך אידישקייט.

דאָס איז אַ פעסטגעשטעלטער אמת.

פונקט אַזוי ווי ס׳איז געשיכטלעך פעסטגעשטעלט, אַז די מער־סטע פון די שונאי־ישראל, וואָס האָבן אידן געטאָן אַ סך שלעכטס און פאַרגאָסן אידיש בלוט אומזיסט, האָבן געהאַט אַ טרויעריקן סוף און זענען געבליבן ווי שווארצע, מיאוסע פלעקן אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווי מיר וועלן דאָס זען אין די ווייטער־דיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל פינף

אַגריפּאַ דער ערשטער

קאַליגולאַס שנאה צו אידן האָט אים דאָך ניט געשטערט צו זיין גוט באַפריינדעט מיט דעם אידישן פּרינץ אַגריפּאַ, וועלכער איז אין יענער צייט געווען אַן אייגענער מענטש אין די העכסטע קרייזן פון דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע און אַן אָפטער גאַסט אין קעניגלעכן הויף נאָך דאַן, ווען דער אַלטער טיבעריוס איז געזעסן אויפן טראָן. און דאָס איז ווירקלעך געווען אַ וואונדער; סיידן מ'זאָל אָננעמען, אַז קאַליגולאַ האָט אויף אַגריפּאַן ניט געקוקט ווי אויף אַ אידן.

אַגריפּאַ איז געווען אַן אייניקל פון דעם אידישן קעניג הורדוס דער ערשטער, וועלכן מ'רופט געוויינלעך „הורדוס דער גרויסער". זיין פאָטער איז געווען אַריסטאָבולוס, דער אינגערער פון די צוויי זין ,וואָס מרים די חשמונאית האָט געבוירן פונעם קעניג הורדוס, און זיין מוטער איז געווען בערעניקאַ, די טאָכטער, וואָס הורדוסעס שוועסטער שלומית האָט געבוירן פון איר צווייטן מאַן קאָסטאָבאַר.

דעם דאָזיקן יחוס אַגריפּאַס איז וויכטיק צו געדענקען, ווייל די אַלע נעמען, וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט, האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע, און יעדער איינער פון זיי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדער שאַרף אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער מיט גוטע און שלעכטע זייטן, און ס'איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז אַגריפּאַ האָט זייער אַ סך איבערגענומען ביי זיי, און דערפאַר איז ער געווען אַ מענטש מיט יענעם מין פאַרפּאָלנטערטע נשמות, וואָס ניט יעדער איינער קען פאַרשטיין, און ער האָט אָפט געהאַנדלט אַזוי, אַז אַמאָל האָט דאָס גוטע אין אים אַריבער געוואויגן דאָס שלעכטע און אַמאָל פאַרקערט.

דריי יאָר איז אַגריפּאַ אַלט געווען ווען זיין זיידע הורדוס האָט פאַרמשפּט צום טויט זיין פאָטער אַריסטאָבולוס. דאָס איז געווען זיבן יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. זיין מוטער, בערע-

ניקאַ, האָט, ווי עס שיינט, געדענקט, אַז דאָס קינד וועט זיין אַ סך זיכערער מיטן לעבן ווען ער וועט זיך ניט געפינען ביי הורדוסן אינעם קעניגלעכן הויף, און זי האָט אים דעריבער אַוועקגעשיקט פון ירושלים קיין רוים, און דאָרטן איז ער דערצויגן געוואָרן אונטערן אויפזיכט פון דער גרויסער רוימישער אַריסטאָקראַטקע אַנטאָניאַ, די טאָכטער פון דעם באַרימטן מאַרק אַנטאָני, וועלכער איז אַ סך יאָרן געווען דעם אידישן קעניג הורדוסעס אַ נאָענטער פריינד.

אַנטאָניאַ איז געווען אַ שוועגרין פונעם צעזאַר טיבעריוס און די מוטער פון קלאַוודיוסן, וועלכער איז שפּעטער, נאָך קאַליגולאַס טויט, אַרויף אויפן טראָן. זי איז געווען זייער אַ גוטע אין דער נאַטור, האָט ליב געהאַט אידן, געהאַט גרוים דרך ארץ פאַרן אידישן גלויבן און פאַר דער אידישער מאָראַל, און זי האָט אַגריפּאַן דערצויגן אַזוי, אַז ניט קוקנדיק אויף דער וועלטלעכער רוימישער און גריכישער קולטור וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט אין די יאָרן וואָס ער האָט אין רוים געלערנט, זאָל ער דאָך בלייבן אַ איד און זאָל זיין צוגעבונדן צו זיין פאָלק.

ווען אַגריפּאַ איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין די העכסטע אַריסטאָקראַטישע קרייזן פון רוים, און אויך אין קעניגלעכן הויף, האָט ער דאָרט ביי אַלעמען שטאַרק אויסגענומען מיט זיין שכל, מיט זיין שאַרפזין און אויך מיט זיינע מאַנירן. אויף אַלע גרויסע און פייערלעכע סעודות, וואָס מען האָט אין יענע הויכע קרייזן געפּראַוועט, איז ער געווען דער „לייב" אין דער געזעלשאַפט; אַלע האָבן ליב געהאַט צו הערן ווי אַזוי ער רעדט און וואָס ער זאָגט; אַלע האָבן וועגן זיין שאַרפזין וואונדער דערציילט, און אַפילו דעם קאַלטן און שטרענגן צעזאַר טיבעריוס איז ער אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אים פאַרטרויט דעם אויפזיכט איבער זיין איינציקן זון דרוסוס, און ביידע יונגע פּרינצן, דער אידישער און דער רוימישער, זענען געוואָרן די בעסטע גוטע פריינד און מען האָט זיי שטענדיק געזען אינאיינעם, און דער קעניגלעכער הויף אין רוים איז ביי אַגריפּאַן געוואָרן זיין צווייטע היים.

ערשט שפּעטער, ווען דער יונגער דרוסוס איז פּלוצעם געשטאָרבן און מען האָט שטילערהייט גערעדט צווישן זיך אַז שולדיק אין זיין טויט איז לוציוס סעיאַנוס, וועלכער איז געווען באַקאַנט ווי אַ ביטערער שונא פון אידן, האָט מען אַגריפּאַן פון הויף פאַרטריבן, און עס האָט געהייסן, אַז דער אַלטער צעזאַר טיבעריוס וויל ניט זען קיינעם פון זיין טויטן זונס פריינד, ווייל דאָס מאַכט נאָך גרעסער

זיין טרויער. עס איז אָבער גאָר קיין צווייפל ניט, אַז שולדיק אין דעם, וואָס מען האָט אַגריפּאַן פון הויף פאַרטריבן, איז געווען סעיאַ־נוס; ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט דאָס צו טאָן, ווייל דער אידישער פּרינץ אינעם רוימישן קעניגלעכן הויף איז אים די גאַנצע צייט געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן. און נאָך דרוסוסעס טויט האָט ער זיך אויף אַזאַ געלעגנהייט דערוואַרט.

דאָס לעבן אין די הויפן האָט אַגריפּאַן ביסלעכווייז אַלץ מער און מער פונעם וועג אַרונטערגעפירט; פון די קאָמפּלימענטן, וואָס מען האָט אים געמאַכט פאַר זיין שאַרפזין און פאַר די אַנדערע מעלות זיינע, איז ער שטאַרק צעבאַלעוועט געוואָרן און ער האָט זיך אָנגעהויבן פירן אויף אַ צו ברייטן שטייגער.

פון ירושלים האָט אים די מוטער צוגעשיקט גענוג געלט. אָבער ער האָט אָנגעהויבן אויסגעבן מער וויפל זי האָט אים צוגעשיקט, און אַזוי ווי ער האָט זיך אַלץ געוואָלט אויספיינען פאַר אַלעמען און זיי איבערראַשן מיט גרויסע סעודות און פּאַראַדנע אונטערהאַלטונגען, האָט ער געהאַלטן אין איין לייען געלט, ביי וועמען ער האָט נאָר געקענט, און ער איז אַלע מאָל געווען פאַרבאָדן אין חובות.

קיינער איז ניט געווען אַזאַ מייסטער צו קריגן געלט אַזוי ווי ער; ביי איינעם האָט ער גענומען, אַ צווייטן האָט ער געגעבן, און אַזוי האָט ער זיך געדרייט אַ לענגערע צייט און האָט אַלץ געפירט שטאָט און איז ביי אַלעמען געווען אַ בטוח, און מען האָט אים גע־טרויט און ער האָט אָפּגעגעבן. אָבער ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן, און ער האָט אויפגעהערט קריגן געלט פון ירושלים, איז אים געוואָרן זייער שלעכט; ער האָט די חובות מער ניט געקענט באַצאָלן; ער האָט זיך אָנגעהויבן שעמען צו ווייזן דאָס פּנים פאַר לייטן, און דאַן איז ער שטילערהייט אַוועק פון רוים, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די בעלי חובות.

קומען צוריק קיין ירושלים אין אַזאַ לאַגע האָט ער זיך געשעמט, איז ער דעריבער אַוועק אינעם לאַנד אדום און דאָרט האָט ער זיך באַזעצט מיט זיין ווייב אין אַ דאָרף, לעבן אַ פעסטונג. אָבער נאָכן לעבן אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי רוים, איז אים געווען זייער אָר־מעטיק אין דאָרף, און דאָס האָט אים אַריינגעטריבן אין אַזאַ פאַר־צווייפלונג, אַז ער האָט איין מאָל שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך אַליין צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. און ווען ניט זיין ווייב ציפּראָס, וואָלט ער דאָס געווים געטאָן, ווייל בטבע איז ער געווען פון די מענטשן וואָס באַשליסן שנעל אַ זאַך און פירן עס שנעל דורך.

ציפּראַס האָט געשטאַמט פון דער זעלבער משפּחה וואָס ער; זי איז געווען אַן אייניקל פון קעניג הורדוסעס עלטערן ברודער פּאַזאַעלוס, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט אין דער מלחמה אַנטקעגן אַנטיגאָנוסן, דעם לעצטן קעניג פון די חשמונאים. זי איז אָבער געווען געלאַסענער און איינגעהאַלטענער פון אים; זי האָט געוואוסט ווען מ׳דאַרף זיינע קאַפּריזן נאָכגעבן און ווי אַזוי מען קען אים איינצוימען, און זי האָט געפונען אַ וועג ווי אַזוי אים פון זיין פאַרצווייפלונג אַרויסצוציען.

קיין קעניג האָבן די אידן דעמאָלט ניט געהאַט, ווייל נאָכן טויט פון הורדוס דעם גרויסן איז די אידישע מלוכה זיך צעפאַלן אויף שטיקלעך און דאָס לאַנד איז געשטאַנען אונטערן שוץ פון רוים, און די פּראָקוראַטאָרס האָבן דאָרטן געהאַט די גאַנצע דעה. און איינער פונעם קעניג הורדוסעס זין, וועלכער האָט זיך גערופן הורדוס-אַנטיפּאַ, איז געווען דער טעטראַרך איבער אַ טייל פון דעם לאַנד, וואָס האָט אַריינגענומען דעם גליל און דער דרומדיקער זייט פונעם עבר הירדן. עס האָט כלומרשט געהייסן, אַז ער איז דער הערשער איבער צוויי לענדער, אָבער ער האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן די באַפעלן פון רוים, און ביידע „לענדער" זיינע זענען געווען זייער קליין, און דערצו זענען זיי נאָך געווען ווייט איינע פון די אַנדערע, און די באַפעלקערונג פון די שטעט, וואָס האָבן זיי אָפּגעטיילט, איז געווען דורכאויס אַ גריכישע. קיין אידן האָבן שוין דעמאָלט אין יענע שטעט ניט געוואוינט.

דאָס ווייב פון דעם טעטראַרך הורדוס-אַנטיפּאַ איז געווען אַגריפּאַס שוועסטער העראָדיאַ, און צו איר האָט זיך ציפּראַס געווענדט מיט אַ בקשה, זי זאָל פועלן ביי איר מאַן, דעם טעטראַרך פון גליל, אַז ער זאָל אין זיין מלוכה געפינען עפּעס אַן אַמט פאַר איר מאַן.

קיין באַזונדער גרויסע ליבשאַפט איינע צו די אַנדערע איז אין דער הורדוס-משפּחה ניט געווען. און אַנטיפּאַ און אַגריפּאַ זענען אין דעם ניט געווען קיין אויסנאַם. אָבער דער טעטראַרך פון גליל האָט זיך דאָך דערבאַרעמט אויף זיין אָרעמען פּלימעניק און שוואָגער און האָט אים געמאַכט פאַרן שטייערן-איינמאַנער אין דער שטאָט טבריה. אָבער ער האָט אים צופיל דעות געזאָגט ווי אַזוי ער זאָל טאָן זיין אַרבעט, און דאָס האָט אַגריפּאַ ניט געוואָלט ליידן. אין אַלגעמיין האָט ער פון אַנטיפּאַן ווייניק געהאַלטן, און עס איז אים ניט אָנגעשטאַנען, וואָס ער דאַרף אים דינען; ביי זיך אין הארצן

איז ער געווען זיכער, אז אנטיפא קומט ניט אפילו צו זיינע קנעכלען, און ער איז געווען גערעכט אויך, ווייל ער איז געווען קליגער און פעאיקער פון דעם טעטראַרך און אויך מער געלערנט. און איין מאל, אויף א גרויסער סעודה אין דער שטאט צור, ווען יענער האט אים פאר אלע געסט אין די אויגן געזאגט, אז ער דארף ניט זיין אזוי שטאלץ ביי זיך מיט זיין יחוס און מיט זיין געלערנטקייט, ווייל נאך אלעמען איז ער ניט מער ווי א באדינער ביי אים און ווען ניט ער, וואלט ער פשוט ניט געהאט וואס צו עסן, איז אגריפא געווארן זייער בייז; אזא בזיון האט ער ניט געקענט אריבערטראגן און ניט פארשווייגן, און כאטש זיין לאגע איז ווירקלעך געווען זייער א טרויעריקע און ער האט ניט געוואוסט וואס עס וועט מארגן זיין מיט אים, האט ער אנטיפאן אפגעענטפערט זייער שארף און איז אוועק פונעם טיש, און איז מער צוריק ניט געקומען.

דער צוזאמענשטויס מיטן שוואגער האט ביי אגריפאן ארויסגערופן א שטארקן פארלאנג אים צו ווייזן, אז ניט נאר דארף ער צו אים ניט אנקומען, נאר ער קען אויך שטייגן העכער פון אים. און פונקט דאן האט צו זיינע אויערן דערגרייכט די ידיעה, אז סעיאנוס איז אין רוים פארמשפט געווארן צום טויט, און ער האט דעריבער באשלאסן גלייך אוועקצופארן אהין און זיך שטעלן פארן צעזאר טיבעריוס.

פון דעם, וואס דער היסטאריקער יוסיפוס פלאוויוס דערציילט וועגן דעם צוזאמענשטויס פון די צוויי פון דער הורדוס־משפחה ביי דער סעודה אין צור, איז ניט אינגאנצן קלאר, וואס אגריפא איז אויסן געווען מיט זיין באשלוס צו פארן קיין רוים. עס איז אבער פאראן א גרונט צו גלויבן, אז ער האט דעמאלט פארטראכט אנצוקלאגן הורדוס־אנטיפאן פארן צעזאר אין פארראט, מיטן אויסזיכט, אז ער וועט יענעם דערפאר ארונטערזעצן און אים באשטימען אויף זיין ארט. אזא מיינונג דריקט אוים דער געלערנטער א. ה. מ. דזשאנס אין זיין בוך „די הורדוסעס פון יהודה". דזשאנס זאגט דארט: „אין זיין ערשטער כוונה, וואס איז געווען צו באשולדיקן אנטיפאן אין פארראט, האט ער קיין דערפאלג ניט געהאט. טיבעריוס האט ניט געוואלט הערן קיין קלאגעס קעגן זיין אלטן ליבלינג". *)

---

*) א. ה. מ. דזשאנס, The Herods of Judea, p. 188.

אָבער וואָס פאַר כוונות אַגריפּאַ האָט דעמאָלט ניט געהאַט — קיין געלט צו מאַכן אַזאַ ווייטע רייזע האָט ער געוויס ניט געהאַט.

איז אים איינגעפאַלן, אַז דער איינציקער מענטש ביי וועמען ער וואָלט איצט געקענט קריגן די נויטיקע סומע געלט, איז ניט קיין אַנדערער ווי דער רייכער איד אַלעקסאַנדער, וועמען די רוימישע מאַכט האָט באַשטימט פאַר דעם אַ ל אַ ב אַ ר ך אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, און וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער דעם איינצאָל פון שטייערן אויף אַלע סחורות, וואָס מען האָט אַריינגעפירט אין לאַנד און אַרויסגעפירט פון לאַנד. אַלעקסאַנדער איז דאַן געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע מענטשן און איינער פון די אָנגעזעענסטע אידן אין מצרים און אַ גרויסער חשוב ביי דער רוימישער מלוכה; ער איז אויך געווען אַ ברודער פון דעם גרעסטן אידישן דענקער און געלערנטן פון יענער צייט, פילון האַלכסנדרוני, און איז אַליין אויך געווען אַ געלערנטער — און צו אים האָט זיך אַגריפּאַ געלאָזט פאָרן, ער זאָל אים העלפן אין זיין גרויסער נויט.

אַ בריה צו קריגן געלט איז אַגריפּאַ געווען, האָט ער אויפן וועג געכאַפּט אַ הלוואה פון צוואַנציק טויזנט גילדענע דראַכמעס ביי איינעם פון זיינע אַלטע באַקאַנטע. דאָס איז אָבער ניט געווען גענוג פאַר דעם פּלאַן וואָס ער האָט פאַרטראַכט און ער האָט זיך געלאָזט פאָרן ווייטער. אָבער ווען ער איז אין דער שטאָט יבנה אָנגעקומען, האָט אים אַ שליח פון דער רוימישער רעגירונג פאַרהאַלטן און אים געוואָלט פאַרשפאַרן אין געפענקעניש פאַר אַן אַלטן חוב פון דריי הונדערט טויזנט גילדענע דראַכמעס, וואָס ער איז געווען שולדיק צו די אוצרות פון דער מלוכה.

אַגריפּאַ האָט זיך אָבער דערפאַר ניט דערשראָקן. ער האָט דעם רוימישן שליח פאַררעדט די ציין, אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט ניט אַוועקפאָרן פון דאַנען איידער ער וועט דעם חוב פון די דריי הונדערט טויזנט דראַכמעס באַצאָלן. אָבער ביינאַכט האָט ער איינגערעדט די באַוואָפנטע לייט, וואָס האָבן אים באַוואַכט, אַז זיי זאָלן אים אָפּלאָזן; ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען צוריק, און דאַן האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ שיף, וואָס ער האָט נאָך פריער געהאַט באַשטעלט, און ער איז אַוועק אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס אין מצרים.

אין אַלעקסאַנדריע האָט ער ביים אידישן אַלאַבאַרך אַלכסנדר געפּועלט, ער זאָל אים לייען צוויי הונדערט טויזנט גילדענע דראַכ-

מעס. ער האָט אויף אים מיט זיינע רייד אַזוי געווירקט, אַז יענער האָט אים ניט געקענט אָפּזאָגן, און האָט אים די פֿאַרלאַנגטע סומע געגעבן. ער האָט בלויז אָפּגעמאַכט מיט אים, אַז דערווייל גיט ער אים אין מזומן בלויז פופציק טויזנט דראַכמעס, און אויף די איבעריקע הונדערט און פופציק טויזנט גיט ער אים אַ כתב, אַזאַ וועקסל, וואָס ער וועט קענען אויסבייטן ערשט שפּעטער, ווען ער וועט שוין זיין אין רוים. דאָס גאַנצע געלט מיט אַמאָל האָט ער אים ניט געוואָלט געבן, ווייל ער האָט פּשוט מורא געהאַט, ער זאָל עס באַלד נישט צעפּטרן.

ווען אַגריפּאַ איז אָנגעקומען קיין רוים אַליין, אָן דער ווייב מיט די קינדער, האָט ער ביי זיין מוטערס אַלטער פריינדין, אַנטאָ־ניאַ, באַלד געכאַפּט אַ הלוואה פון דריי הונדערט טויזנט גילדענע דראַכמעס, און דאָס איז געווען אַ חשבון פון אַן ערך זעכציק טויזנט דאָלאַר, לויטן איצטיקן קורס פון אַמעריקאַנער געלט. ער האָט מיט דעם גלייך באַצאָלט דעם אַלטן חוב, וואָס מען האָט ביי אים געמאָנט פאַר די אוצרות פון דער מלוכה. און נאָך דעם האָט ער ביי אַן אַנדערן געכאַפּט אַ הלוואה פון אַ מיליאָן דראַכמעס אין גאָלד, און דאָס איז געווען אַ חשבון פון אַן ערך צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר, לויטן איצטיקן אַמעריקאַנער געלט. פון דעם מי־ליאָן האָט ער באַלד צוריק באַצאָלט אַנטאָניאַן די דריי הונדערט טויזנט דראַכמעס גאָלד, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן פירן שטאָט אויף גאָר אַ ברייטן שטייגער.

פון דעם אַליין, וואָס גאַנץ סאָלידע מענטשן אין רוים האָבן אַגריפּאַן געבאָרגט אַזעלכע גרויסע סומען געלט איז קלאָר, אַז אין די הויכע קרייזן האָט מען געזען ווי זיין שטערן הייבט שוין ווידער אַמאָל אָן אויפגיין, און אַז עס שטייט אים פאָר גאָר אַ גרויסע צוקונפט. אמת טאַקע, עס קען זיין, אַז רעדנדיק צו די מענטשן, וועלכע האָבן אים געלט געגעבן, האָט אַגריפּאַ פאַר זיי געמאָלן זיין צוקונפט אַ סך ליכטיקער ווי ער אַליין האָט זיך זי פאָרגעשטעלט; ער איז געווען געניגט צו פאַנטאַזירן און איז געווען געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פעאיקייט צו ווירקן אויף מענטשן און האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף זיי; מיט זיין קלוגשאַפט און מיט זיין פיינער באַנעמונג האָט ער אַלעמען באַצויבערט. אָבער דאָס אַליין איז געווען ניט געווען גענוג, אַז סאָלידע און אויסגערעכנ־טע מענטשן זאָלן אים מיט אַמאָל אָנהויבן געטרויען אַזוי פיל געלט, ווייסנדיק אַז ער איז שוין איין מאָל אַנטלאָפן פון זיינע בעלי־

חובות. עס ווייזט אָבער אויס אַז אין די הויכע און איינפלוסרייכע קרייזן האָט מען שוין באַשטימט געוואוסט אַז אין גיכן וועט אַגריפּאַ זייער הויך שטייגן. דאָס האָט מען געקענט זען פון דעם, וואָס דער אַלטער צעזאַר טיבעריוס האָט אים זייער וואַרעם אויפגענומען און אים ווידער געמאַכט פאַר איינעם פון זיינע נאָענטסטע מענטשן אין הויף.

אַגריפּאַ איז מיט פעסטע און זיכערע טריט געגאַנגען ווייטער אויף דעם וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט. דאָס וואָס טיבעריוס האָט פון אים ניט געוואָלט הערן קיין קלאַגע אויף זיין ליבלינג הורדוס-אַנטיפּאַ, דעם טעטראַרך פון גליל און עבר הירדן, האָט ביי אים דעם מוט ניט צוגענומען און נאָך שטאַרקער געמאַכט אין אים דעם פאַרלאַנג זיך אָפּצורעכענען מיט דעם מענטשן, וואָס האָט אים אַזוי מיאוס פאַרשעמט פאַר אַלעמען. און ווייל ער האָט גוט פאַרשטאַנען די לאַגע און קלאָר געזען וואָס אין הויף טוט זיך און ווי אַזוי די אַלע אינטריגעס וועבן זיך אין דער שטיל, האָט ער זיך ניט צוגעלאָזט צו נאָענט צום אַלטן צעזאַרס אייניקל, כאָטש יענער האָט אים אָנגעטאָן דעם כבוד צו שטעלן דעם יורש פונעם טראָן אונטער זיין אויפזיכט. אָנשטאָט דעם, האָט ער זיך גאָר צוגעלאָזט נאָענט צו קאַליגולאַן, ווייל ער האָט שוין דאַן געוואוסט, אַז נאָך טיבעריוסעס טויט וועט ער אַרויף אויפן טראָן, און ניט דאָס אייניקל, וואָס איז נאָך אינגאַנצן אַ אינגל.

קאַליגולאַ אַליין — ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן — האָט פיינט געהאַט אידן. אָבער אַגריפּאַן האָט ער דאָך ליב געהאַט און דאָס איז אוודאי געווען דערפאַר וואָס ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַן עכטן רוימער; ער האָט מיט אים אָפט פאַרבראַכט און איז מיט אים געווען נאָענט באַפריינדעט. ביידע האָבן אָפט, איינער לכבוד דעם אַנדערן, גרויסע און רייכע סעודות געפּראַוועט, און זייער אָפט האָט מען זיי אין רוים געזען פאָרן אין איין קאַרעטע איבער די גאַסן, און דאָס האָט נאָך מער באַשטעטיקט די קלאַנגען, אַז גאָר אין גיכן וועט דער אידישער פּרינץ אַגריפּאַ זייער הויך שטייגן.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין יענער צייט איז קאַליגולאַ נאָך געווען באַליבט ביי אַלעמען; אין די הויכע קרייזן האָט מען דאַן מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף דער שעה, ווען ער וועט אַרויף אויפן טראָן. און ווען מען האָט געזען ווי אַגריפּאַ איז זיין בעסטער און נאָענטסטער פריינד, האָט מען זיך צו אים אויך באַ-

צויגן מיט ליבשאַפט און אַרויסגעוויזן גרויס אַכטונג צו אים, און אויף דעם גרונט איז ער געוואָרן נאָך מער זיכער, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן און ער וועט אויספירן דאָס, וואָס ער האָט פאַרטראַכט . . .

אָבער מיט אַמאָל איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט ניט נאָר צעשטערט אַלץ, וואָס אַגריפּאַ האָט פאַרטראַכט, נאָר עס האָט אויך זיין לעבן אין אַ גרויסער סכנה געשטעלט. און געקומען איז דאָס אויף אים איבער דעם וואָס ווי די מערסטע מענטשן וואָס זענען שוין צו זיכער אין אַלץ, איז ער געווען ניט גענוג אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט.

איין מאָל, ווען ער איז צוזאַמען מיט קאַליגולאַן איבער די גאַסן פון רוים אין אַ קאַרעטע געפאָרן, האָט ער זיך צערעדט וועגן דער לאַגע אין דער רוימישער אימפּעריע, און דאַן האָט ער געגעבן אַ זאָג: „עס וואָלט שוין געווען צייט, אַז דער אַלטער טיבעריוס זאָל שטאַרבן און דו, קאַליגולאַ, מיין פריינד, זאָלסט ווערן צעזאַר".

געזאָגט האָט ער דאָס שטיל. אָבער דער אַנטרייבער פון די פערד האָט דאָס געהערט, און ער האָט דאָס אָפּגעטראָגן צו טי־בעריוסן, און דאַן האָט דער אַלטער צעזאַר אַרויסגעגעבן אַ באַ־פעל, אַז מען זאָל אַגריפּאַן שמידן אין קייטן און אים פאַרשפּאַרן אין תפיסה.

אַ האַלב יאָר איז אַגריפּאַ געווען אין תפיסה פאַרשפּאַרט און די גאַנצע צייט איז זיין לעבן געווען אין סכנה און ער האָט זיך יעדן טאָג געקענט ריכטן, אַז מען וועט אים פאַרמשפּטן צום טויט, און עס קען זייער זיין, אַז ווען דער אַלטער צעזאַר, וואָס איז שוין דאַן געווען אַ זקן פון ניין און זיבעציק יאָר, וואָלט ניט געהאַט די טבע אָפּצולייגן זאַכן און דערנאָך פאַרגעסן אָן זיי, וואָלט ער אים טאַקע געווען פאַרמשפּט צום טויט. אָבער גראָד דאַן, ווען אַגריפּאַ האָט זיך שוין מער אויף זיין לעבן ניט גערעכט, איז טיבעריוס קראַנק געוואָרן, און די פאַרשווערער אין הויף האָבן אים דערשטיקט אויף טויט. דאַן איז דער יונגער קאַיוס קאַליגולאַ אַרויף אויפן טראָן, און באַלד נאָך דעם האָט ער אַגריפּאַן פון תפיסה באַפרייט; ער האָט אים געשענקט אַ מתנה אַ גאָלדענע קייט, וואָס האָט גע־וואויגן פונקט אַזוי פיל ווי די אייזערנע קייט, וואָס ער האָט זעקס חדשים צייט אויף די הענט געטראָגן; און דאַן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דאָס וואָס אַגריפּאַ האָט פאַרטראַכט נאָכן צוזאַמענשטויס

מיט הורדוס-אַנטיפּאַ, דעם טעטראַרך פון גליל און עבר הירדן — קאַליגולאַ האָט אים געמאַכט פאַרן קעניג פון די אידן! . . .

צו דעם האָט אַגריפּאַ לאַנג געשטרעבט און דאָס האָט ער אויסגעפירט.

און זיין פרייד איז געווען גרויס, וואָס איצט וועט ער זיך אומקערן צוריק א היים ניט ווי א בעטלער וואָס דאַרף אַנקומען צו אייגענע און צו פרעמדע, נאָר ווי א קעניג.

ער איז נאָך דאַן געווען יונג, אַגריפּאַ דער ערשטער; ער איז אַלט געווען א יאָר זיבן און פערציק; זיך געפילט קרעפטיק, גע־האַט א סך מוט, א שטאַרקן ווילן, א טיפן פאַרשטאַנד. אויף אים האָט מען ווירקלעך געקענט זאָגן, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן צו זיין א קעניג. ער האָט אין זיך פאַראייניקט דאָס גוטע און אויך דאָס שלעכטע פון דער הורדוס-משפחה און פון דער חשמונאים־משפחה, און דאָס איז אפשר געווען די אורזאַך פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט שאַרף-אויסגעשפּראָכענע מעלות און שאַרף-אויסגע־שפּראָכענע חסרונות. און אויף זיין גורל איז שפּעטער אויסגעפאַלן צו פאַראייניקן די צעריסענע טיילן פון אידישן לאַנד און פאַר־שפּרייטן ווייטער די גרענעצן פון דער מדינה, נאָך מער ווי אין די צייטן פון זיין זיידן הורדוס דעם גרויסן. וואָרעם ווען ער האָט זיך אומגעקערט א היים מיט א קרוין אויפן קאָפּ, האָט זיין שוועס־טער העראָדיאַ, דאָס ווייב פון דעם טעטראַרך הורדוס-אַנטיפּאַ, אים שטאַרק מקנא געווען, און זי איז צוגעשטאַנען צו איר מאַן, אַז ער זאָל אויך פאָרן קיין רוים און פועלן ביים יונגן צעזאַר, אַז ער זאָל אים אויך דערהויבן און אים מאַכן פאַר א קעניג אין זיין טעט־ראַרכיע. אָבער אַגריפּאַ דער ערשטער האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז ניט גוט, אַז ארץ ישראל זאָל זיין צעטיילט אין חלקים און צעריסן אויף שטיקלעך. און אַדאַנק זיין איינפלוס האָט קאַליגולאַ אָפּגעזאָגט אַנטיפּאַס בקשה, און כדי נאָך מער אויסצונעמען ביי זיין פריינד, דעם אידישן קעניג, האָט ער דעם טעטראַרך פון גליל ווייט פאַרשיקט אינאיינעם מיט זיין ווייב, און די טיילן פון זיין לאַנד האָט ער אָוועקגעגעבן אַגריפּאַן, זיי זאָלן זיין איינגעשלאָסן אין דער אידישער מלוכה.

אַזוי איז הורדוס-אַנטיפּאַ באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר וואָס ער האָט אַגריפּאַן אַזוי מיאוס באַליידיקט פאַר מענטשן. און אַגרי־פּאַ האָט דערגרייכט דעם ציל, וואָס איז שטענדיק געווען זיין טרוים

— צו ווערן דער קעניג פון יהודה און צוריק פאראייניקן די צערי־סענע טיילן פון דעם אידישן לאנד.

די מערסטע אידישע היסטאריקער, און צווישן זיי אויך גרעטץ און דובנאוו, זענען ניט אינגאנצן גערעכט צו אגריפא דעם ערשטן ביים איבערגעבן די ראלע, וואס ער האט געשפילט אין דעם פאלן פון זיין שוואגער. זיי שטעלן זיך צופיל אפ דערויף, וואס ער האט געשיקט שלוחים קיין רוים אפצושלאגן אנטיפאס טענות און אים אנקלאגן אין דעם, אז ער האט א שטילן בונד מיט די שונאים פון רוים. די פאליטישע באדייטונג פון אגריפאס ארויפגיין אויפן טראן פון יהודה פארזעט מען אינגאנצן. און גראד דאס איז אין יענער צייט געווען זייער וויכטיק. דאס פאלק האט וויניק פאר־לארן פון דעם, וואס דער טעטרארך פון גליל און עבר הירדן איז געפאלן; ער איז סיי ווי געווען א מענטש אן א שטארקן ווילן, אן אמביציעס, אן א ברייטן פארנעם און ער האט קיין סך ניט אויפ־געטאן. דאס פאלק האט אבער א סך געוואונען פון דעם, וואס אגריפא איז געווארן קעניג. דאס אליין, וואס אונטער אים איז דאס לאנד מער ניט געווען צעריסן אויף שטיקלעך, איז שוין געווען א גרויסער אויפטו. און דאס פאלק האט טאקע געוואוסט ווי דאס צו שעצן. דער בעסטער באווייז דערויף איז געווען די ליבע, וואס מען האט צו אים איבערן גאנצן לאנד ארויסגעוויזן אין די יארן וואס ער איז אויפן טראן געזעסן.

קאַפּיטל זעקס

דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פלאַקוס און די אַנדערע שונאים פון די אידן אין אַלעקסאַנדריע

עס איז זיכער געווען נים מער ווי אַ צופאַל, וואָס קאַליגולאַ האָט גראָד געטאָן אַזאַ זאַך, וואָס איז געווען גוט פאַר אידן. אין זיין ניט-אויסגעהאַלטנקייט און ווילדער צעשויבערטקייט האָט ער אַמאָל געקענט טאָן אַזוינס, וואָס איז גראָד געווען גוט פאַר אַנדערע. אָבער דאָס גוטע, וואָס ער האָט אַמאָל געטאָן, איז אַרויסגעקומען צופעליק. דאָס שלעכטע, ווידער, איז געווען אויסגערעכנט, און ווען ער האָט אין זיין ווילדער משוגעת דערגרייכט די העכסטע מדרגה און זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גאָט, האָט ער דערמיט אויפן אידישן פאָלק דעם גרעסטן אומגליק געבראַכט.

אָנגעהויבן האָט זיך דער אומגליק אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, וואָס אין מצרים. און אַ סך שולדיק אין דעם איז געווען דער דאָרטיקער רוימישער פּראָקוראַטאָר אַוויליוס פלאַקוס, וועלכער האָט געזוכט וועגן צו געפינען חן אין די אויגן פון דעם נייעם צעזאַר קאַיוס קאַליגולאַ.

דעם הויכן אַמט פון פּראָקוראַטאָר איבער מצרים האָט פלאַקוס געקראָגן נאָך אין די צייטן פון טיבעריוסן. ער איז באַשטימט געוואָרן אויף זעקס יאָר. אָבער נאָך איידער די זעקס יאָר זענען אויסגעגאַנגען, איז דער אַלטער צעזאַר געפאַלן אַ קרבן פון דער פאַרשווערונג אין הויף, און קאַיוס קאַליגולאַ איז אַרויף אויפן טראָן; און ווען פלאַקוס האָט שפּעטער דערהערט, אַז דער נייער צעזאַר פאַרשיקט אויף ווייטע אינדזלען און פאַרמשפּט צום טויט די מענטשן וואָס טיבעריוס האָט אַמאָל דערהויבן אין דער מלוכה, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר זיין אייגן לעבן, און זוכנדיק מיטלען געפעלן צו ווערן קאַליגולאַן, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם לייכטסטן און זיכערסטן מיטל — פאַרפאָלגן און רודפן די אידן.

די אידישע באפעלקערונג אין מצרים איז געווען א גרויסע. לויט פילאנען האט זי דעמאלט דערגרייכט „ביז הונדערט ריבואס", און דאס מיינט אן ערך פון א מיליאן מענטשן. *) א היפשע צאל פון די אידן אין אלעקסאנדריע זענען געווען גרויסע סוחרים; אויך מיט קליין־האנדל האבן זיך די אידן אפגעגעבן. און אזוי ווי די גריכן וואס האבן דארטן געוואוינט, זענען אויך געווען א פאלק פון הענדלער, איז צווישן די צוויי פעלקער די קאנקורענץ געווען גרויס, און דאס האט ניט ווייניק געהאלפן אפצופרישן ביי די גריכן די אלטע שנאה וואס זיי האבן געפילט צו די אידן.

צו דעם זענען צוגעקומען נאך אנדערע אורזאכן, וואס האבן געהאלפן צעבלאזן דאס פייער. אונטער דער רוימישער מאכט האבן די אידן פון אלעקסאנדריע און אויך פון אנדערע שטעט אין מצרים געהאט געוויסע פריווילעגיעס, וואס די גריכן האבן ניט געהאט: די אידן האבן זיך געמעגט צונויפקומען אין זייערע שולן און בתי־מדרשים און דינען זייער גאט פריי; די גריכן אבער האבן קיין גרויסע פייערלעכע פארזאמלונגען אין זייערע טעמפלען ניט גע־טארט אפהאלטן, ווייל מען האט מורא געהאט, אז דאס וועט זיי געבן א מעגלעכקייט צוצוגרייטן א מרידה קעגן רוים.

די גריכן האבן געקוקט קרום דערויף, וואס מען לאזט די אידן אפהיטן זייערע שבתים און ימים טובים, און וואס מען רעכנט זיך אין דעם מיט זיי אזוי פיל, אז אין א טאג ווען עס פאלט אוים א שבת אדער א יום טוב, צווינגט מען ניט קיין אידן צו קומען אין געריכט עדות זאגן, אפילו ווען עס האנדלט זיך וועגן זייער א וויכ־טיקן משפט.

עס האט זיי אויך פארדראסן, וואס לויטן געזעץ נעמט מען ניט די אידן אין מיליטער, ווייל דארט וואלטן זיי ניט געקענט אפהיטן זייערע דינים און מנהגים.

און נאך מער ווי אלץ האט זיי פארדראסן פאר וואס די רוי־מישע מאכט לאזט די אידן ארויספירן פון לאנד דאס גאלד, וואס זיי זאמלען אן אין באשטימטע צייטן פון די שקלים, וואס אידן גיבן פארן הייליקן טעמפל אין ירושלים.

ארום און ארום האט זיך די שנאה צו די אידן אין אלעק־סאנדריע גענומען פון עקאנאמישע, פאליטישע און רעליגיעזע מאטיוון. און זי וואלט געווים ניט געווען אנגענומען אזא שארפע

*) פילון האלכסנדרוני, נגד פלאקוס, פרק ששי, 43.

פאַרמע און וואָלט ניט געבראַכט אַזוי פיל אומגליקן, ווען דער משוגענער צעזאַר קאַיוס קאַליגולאַ וואָלט זיך ניט איינגערעדט, אַז ער איז אַ גאָט, און ווען געמיינע העצער און פאַרלוימדער, וואָס שטופּן זיך צו די פאָדערשטע רייען מיט די עלנבויגנס, וואָלטן זיך ניט באַנוצט מיט דעם פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן.

אין אַלע צייטן און אין אַלע דורות האָבן אַזעלכע פאַרשוינען ניט אויסגעפעלט, ווען ס'האָט זיך נאָר געוויזן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויפצוּוואַרפן אויף אידן.

צווישן די גרעסטע העצער און פאַרלוימדער אין אַלעקסאַנדריע זענען געווען פיר, וועמעס נעמען ס'זענען פאַרבליבן אין דער געשיכטע. איינער פון זיי איז געווען דער שרייבער אַ פּ י אָ ן, וועמען יוסיפוס פלאַוויוס האָט געווידמעט אַ באַזונדער ווערק און אים געשטעמפּלט אַלס „פּשוטן בלבול-מאַכער“ און „געמיינעם שווינדלער“.*) און די אַנדערע דריי זענען געווען — ד י אָ נ י ס ו ס, אַ דעמאַגאָג, וואָס ווייסט מיט וואָס אויסצונעמען ביים פּראָסטן המון; ל אַ מ פּ ו נ י ו ס, אַ מסירה-שרייבער, וועמען מ'האָט גערופן „דער רוצח פון דער פעדער“, און א י ס י ד אָ ר ו ס, אַן אינטריגאַנט און אַ שיכור, וואָס האָט גלאַט ליב געהאַט אַז ס'זאָל זיך טומלען אין לאַנד און מענטשן זאָלן זיך איינע מיט די אַנדערע אַרומרייסן.

די דאָזיקע פיר פאַרשוינען האָבן מיט זיך צונויפגעשטעלט דאָס געזינדל, וואָס האָט אין אַלעקסאַנדריע געהעצט קעגן די אידן. אָבער ווען דער אַלטער צעזאַר טיבעריוס האָט נאָך געלעבט, האָבן זיי די קעפּ צו הויך ניט געקענט אויפהויבן. ערשט ווען קאַליגולאַ איז אַרויף אויפן טראָן און האָט זיך איינגערעדט אַז ער איז אַ גאָט און געוואָלט אַז מ'זאָל צו אים דינען ווי צו אַ גאָט, האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַ גוטע מעגלעכקייט זיך אַרויסצורוקן אין די פאָדערשטע רייען, און זיי זענען געווען די, וואָס האָבן איינגערעדט דעם פּראָקוראַטאָר פלאַקוס, אַז אויב ער וויל ראַטעווען זיין קאָפּ, זאָל ער זיך צוהערן צו זייערע רייד און צווינגען די אידן אין אַלעקסאַנדריע און אין די אַנדערע שטעט פון מצרים צו דינען צו קאַליגולאַן ווי צו אַ גאָט, ווייל נאָר מיט דעם וועט ער ביי אים אויסנעמען מער ווי מיט אַלץ אין דער וועלט.

---

*) נגד אַפּיון, ספר ב, א.

געמאכט האָבן זיי דערבײַ דעם אָנשטעל, אַז זיי גיבן אים אַזאַ עצה ניט נאָר דערפֿאַר וואָס זיי זענען זײַנע פּערזענלעכע פֿרײַנד, נאָר אויך דערפֿאַר וואָס זיי זענען פֿרײַנד פֿון רוים. עס האָט גע־זאָלט הייסן, אַז זיי האָבן זיך דערטראַכט דערצו דערפֿאַר וואָס זיי זענען עכטע רוימישע פּאַטריאָטן. אָבער אונטער דער מאַסקע פֿון פּאַטריאָטיזם האָבן זיי באַהאַלטן גאָר אַן אַנדער כוונה. זיי האָבן געוואָלט אַרויסרופֿן אַ בירגער־קריג אין מצרים, מיט דער האָפֿענונג, אַז די רוימישע מאַכט וועט דאָרט אפֿשר כאַפּן אַ מפּלה, און דאַן וועלן זיי ווערן די פֿירער פֿון אַ גריכיש־נאַציאָנאַ־לער באַוועגונג; זיי האָבן געוואָלט אומקערן צוריק די צײַטן פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס, ווי דאָס איז באַוויזן געוואָרן שפּעטער, ווען קאַליגולאַ איז שוין געווען טויט און קלאַודיוס איז אַרויף אויפֿן טראָן; דאַן זענען צוויי פֿון די פֿיר העצער און פּאַרלוימדער, איסידאָרוס און לאַמפּוניוס, אָנגעקלאָגט געוואָרן אַלס פֿאַררעטער און זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און די אידן פֿון יענער צײַט האָבן אין דעם ווידער געזען אַ צייכן, אַז ווער ס׳טוט זיי נאָר שלעכטס און באָדט זיך אין זייער בלוט, מוז האָבן אַ ווילדן סוף און באַשטראָפֿט ווערן פֿאַר זײַנע זינד.

אַפּיאָן און די אַנדערע דרײַ פֿון דעם אַנטיסעמיטישן געזינדל האָבן געוויס געהאַט אַ גרונט צו גלויבן, אַז ווען מ׳וועט די אידן אין אַלעקסאַנדריע און אין די אַנדערע שטעט פֿון מצרים צווינגען צו דינען צו קאַליגולאַן ווי צו אַ גאָט און לאָזן אַרײַנשטעלן זײַן געשטאַלט אין זייערע שולן און בתי מדרשים, וועלן זיי אוודאי אַרויסווײַזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און עס וועט ווערן אַ בירגער־קריג אין לאַנד. זיי האָבן אָבער ניט גענוג אָפּגעשעצט די כוחות פֿון דעם מיליאָן אידן אין מצרים, און האָבן גאָרניט געלערנט פֿון דער געשיכטע.

צווישן דער אידישער באַפֿעלקערונג אין אַלעקסאַנדריע זע־נען דעמאָלט געווען זייער אַ סך פֿאַרגריכישטע אידן; זיי האָבן מער ניט גערעדט די שפּראַך פֿון זייערע ברידער אין ארץ ישראל, נאָר די גריכישע שפּראַך; זיי האָבן זיך אויך גערופֿן מיט גריכישע נע־מען און זענען געווען גרויסע אָנהענגער פֿון דער גריכישער קול־טור. אין דער זעלבער צײַט אָבער האָט מען זיי בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרגלײַכן מיט יענע פֿאַרגריכישטע אידן, וועלכע האָבן געלעבט אין די צײַטן פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס און וועלכע האָבן אים געהאָלפֿן אַרויפֿצווינגען אַ פֿרעמדן גלויבן אויפֿן אידישן פֿאָלק

אין יהודה. עס איז צווישן זיי געווען אַ גרויסער אונטערשייד. זייער וועלטלעכקייט האָט גאָרניט געמינערט פון זייער אידישקייט.

די פאַרגריכישטע אידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ געלונגענע פאַראייניקונג צווישן דעם בעסטן פון דער אידישער תורה און דעם שענסטן פון דער גריכישער קול-טור. זיי זענען ניט געווען קיין אַסימילאַטאָרן נאָר אויפגעקלערטע, געבילדעטע לייט און גוטע, איבערגעגעבענע אידן. דער וויכ-טיקסטער פאָרשטייער זייערער איז געווען פילון האלכסנדרוני, איי-נער פון די גרעסטע דענקער און איינער פון די גלענצנדסטע שריפט-שטעלער פון יענער צייט. און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אומגליק, און דער קיום פונעם אידישן גלויבן, פון דער אידישער עטיק און פונעם אידישן פאָלק איז געווען אין אַ גרוי-סער סכנה, האָבן די פאַרגריכישטע אידן אַרויסגעוויזן פונקט אַזאַ מסירת נפש ווי די ניט-פאַרגריכישטע; זיי האָבן אינאיינעם מיטן פאָלק געליטן און אינאיינעם מיטן פאָלק געקעמפט. און ווען ס'איז געקומען צום אויסקלייבן שליחים, וואָס זאָלן פאָרן קיין רוים און פאָרברענגען די טענות פון די אידן פאַרן צעזאַר, איז דער פי-רער פון די שליחים געווען ניט קיין אַנדערער ווי פילאָן. אָבער וועגן דעם וועט אויסקומען צו רעדן ווייטער.

קאַפּיטל זיבן

די גרויסע שחיטה אויף אידן אין אַלעקסאַנדריע

אויפן וועג פון רוים קיין ירושלים האָט זיך דער אידישער קעניג, אַגריפּאַ דער ערשטער, אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע. דאָס איז געווען שוין אַ לענגערע צייט נאָך דעם ווי קאַליגולאַ האָט אים פאַר אַ קעניג געמאַכט, און ער איז ערשט איצט געפאָרן איבערנעמען זיין מלוכה. ער איז שוין דאַן געווען צוריקגעהאַלטענער און סאָלידער ווי אין די פריערדיקע יאָרן; געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ער טראָגט אויף זיך. און כדי ניט אויפצערייצן די אויגן פון די פאַרביסענע אידישע שונאים, האָט ער זיך מיט דער שיף אָפּגעשטעלט ביי די ברעגן פון אַלעקסאַנדריע ביינאַכט; אין שטאָט איז ער אריינגעקומען שטילערהייט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן. ער האָט ניט געוואָלט אַז מ'זאָל פאַר אים מאַכן אַ פּאַראַד. אָבער אויף מאָרגן, ווען ער איז אַרוים אין גאַס מיט זיינע באַגלייטער און מ'האָט אים דערזען אָנגעטאָן אין קעניגלעכע קליידער, האָבן די אידן זיך שטאַרק געפרייט דערמיט און אים גרויס כבוד אָפּגעגעבן. און ווען די שונאי-ישראל האָבן דאָס דערזען, זענען זיי געקומען צולויפן צום רוימישן פּראָקוראַטאָר פלאַקוס מיט אַ געוואַלד, אַז דאָס באַווייזט אַז די אידן זענען ניט איבערגעגעבן דעם לאַנד; זיי האָבן אים אויך איינגערעדט, אַז מיט זיין אריינקומען קיין אַלעקסאַנדריע, האָט אַגריפּאַ אים באַליידיקט, ווייל ער האָט פריער געדאַרפט בעטן ביי אים אַ דערלויבעניש דערויף. און פלאַקוס האָט זיך צוגעהערט צו זייערע רייד און האָט זיי געגעבן די רעכט צו טאָן וואָס זיי ווילן. און דאַן האָבן זיי גענומען איינעם אַ משוגענעם וואָס האָט געהייסן קאַראַבאַס, און האָבן אים אָנגעטאָן אַ פּאַפּירענע קרוין אויפן קאָפּ און איינגעהילט דאָס הוילע לייב זיינס אין גראָבע שמאַטעס, אָנשטאָט אַ מאַנטל פון פּורפּור; אין דער האַנט האָט מען אים געגעבן האַלטן אַ לאַנגן באַמבוקענעם רער, און דאָס האָט געדאַרפט הייסן

די גילדענע רוט, און יונגע בחורים מיט שטעקנס אָנשטאָט שפּיזן אויף די אַקסלען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים פון דער רעכטער זייט און פון דער לינקער זייט, און אַזוי האָט מען אים געפירט איבער די גאַסן פון דער שטאָט, און אַלע מאָל זענען פון ערגעץ אָנגעקומען אַנדערע פאַרשטעלטע לצים און האָבן זיך פאַר אים געבויגט און געבוּיגט, און דאָס האָט געהייסן, אַז חשוב'ע לייט זענען געקומען אים אָפּגעבן כבוד; אין שפּאַס, אויף אַ לצעוואַטן שטייגער, האָט מען צו אים גערעדט וועגן וויכטיקע מלוכה־ענינים, און ווען מ'האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ און אַרום און אַרום איז שוין דער עולם געווען גרויס, האָט מען אַלעמען גע־הייסן שרייען: „מאַרין!" וואָס אויף גריכיש מיינט עס דאָס זעלבע וואָס „האַר", אָדער „קעניג".

מיט דעם איז מען אויסן געווען צו באַליידיקן דעם אידישן קעניג, און דאָס האָט זיך פלאַקוסן און די אַנדערע פיר שונאי־ישראל איינגעגעבן מיט דעם מיאוסן ספּעקטאַקל, וואָס זיי האָבן געמאַכט, כדי צוצוציען דעם אומוויסנדן המון, וואָס האָט זיך גע־לאָזט פאַרפירן. אגריפּאַ האָט גלייך פאַרלאָזט אַלעקסאַנדריע; ער איז פון דאָרט אַוועק אויף דער זעלבער שיף, וואָס האָט אים אַהין געבראַכט, און ערשט נאָך דעם האָט זיך פאַר די אידן אין אַלעקסאַנדריע דער רעכטער אומגליק אָנגעהויבן.

דער היסטאָריקער גרעטץ דערציילט, אַז אַ טאָג נאָך דעם ווי אגריפּאַ איז אַוועק פון אַלעקסאַנדריע האָבן די גריכן זיך אַ לאָז געטאָן צו אַלע אידישע שולן און בתי מדרשים פון דער שטאָט און האָבן אַהין מיט געוואַלד אַריינגעשטעלט סטאַטועז און געשטאַלטן פונעם צעזאַר קאַיוס קאַליגולאַ, און דאָרט, וואו אידן האָבן אַרויס־געוויזן אַ ווידערשטאַנד און ניט געלאָזט פאַרשוועכן די הייליקייט פון זייערע טעמפּלען, האָט מען זיי אויסגעהרגעט. *) דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָגראָם אין דער געשיכטע פון די אידן. און פאָרגעקומען איז דאָס ביים סוף זומער פונעם 38סטן יאָר אין ערשטן יאָרהונדערט — מיט איבער ניינצן הונ־דערט יאָר צוריק!

---

*) דברי ימי ישראל (העבראישע איבערזעצונג פון שאול פנחס ראַבי־נאָוויץ) חלק שני, ז. 10.

און וואָס האָט געטאָן דער רוימישער פּראָקוראַטאָר אַווילוס פלאַקוס?

אויף אָט דער פראַגע ענטפערט פילאָן, וועלכער האָט דאָן אַלץ מיט זיינע אייגענע אויגן געזען:

„ער האָט געוואוסט, — שרייבט פילאָן וועגן דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר, — אַז די איינוואוינער פון דער שטאָט און פונעם גאַנצן לאַנד מצרים, צעטיילן זיך אויף צוויי: אידן און ניט־אידן, און אַז די צאָל פון די אידן, וואָס וואוינען אין אַלעקסאַנדריע און אין דער גאַנצער מדינה, גרייכט ביז הונדערט ריבואָס (אַ מיליאָן). ער האָט אויך געוואוסט, אַז דער אומגליק רירט אָן אַלע אידן און אַז איבער דעם וואָס מ׳אונטערדריקט די געזעצן פון זייערע אָבות וועט ליידן שאָדן דאָס גאַנצע לאַנד; אָבער ער האָט זיך מיט דעם ניט גערעכנט און האָט געלאָזט אַריינשטעלן די אָפּגעטער, כאָטש ער האָט געהאַט די מאכט דאָס אָפּצושטעלן און ער האָט געקענט אַרויסגעבן אַ באַפעל ווי אַ הערשער, אָדער געבן אַ גוטע עצה ווי אַ פריינד".

„ער אַליין, — דערציילט ווייטער דער אידישער געלערנטער, — האָט גענומען אָן אָנטייל אין די אַלע אומווירדיקייטן און האָט זיך באַנוצט מיטן כח פון זיין הערשאַפט נאָך שטאַרקער צו מאַכן די מהומה און צוגעבן נאָך און נאָך צרות, און ער איז געווען שולדיק אין דעם, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד איז שיעור ניט אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ בירגער־קריג". *)

ווען אַלע שולן און בתי מדרשים זענען שוין געווען פאַרשוועכט און אידן זענען מער ניט אַריינגעקומען אַהין, האָט פלאַקוס אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז אידן שטייען אויסערן געזעץ און אַז מ׳קען מיט זיי טאָן וואָס מ׳וויל; די גזירה האָט צוגענומען ביי די אידן פון אַלעקסאַנדריע אַלע בירגער־רעכט; מ׳האָט זיי געשטעמפּלט אַלס פרעמדע, כאָטש זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען דאָרט געבאָרן געוואָרן; זייערע לעבנס און זייערע פאַרמעגנס זענען געוואָרן הפקר; יעדער אויסוואורף האָט מיט זיי געקענט טאָן וואָס ער האָט נאָר געוואָלט; און אונטערגעהעצט פון די גריכישע שונאי־ישראל, וועלכע האָבן זיך געהילט אין די מאַנטלען פון רוימישע פּאַטריאָטן, האָט דער צערייצטער המון אַרויסגעטריבן די אידן פון די גאַסן און קווארטאַלן, וואו זיי האָבן די גאַנצע צייט געוואוינט,

*) נגד פלאַקוס ,פרק שביעי, 44-45.

און זיי פֿאַריאָגט אין אַ שמוציקן געגנט, וואו די ענגשאַפֿט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מענטשן זענען דאָרט שיעור ניט דערשטיקט געוואָרן.

אידן האָבן זיך געוואַלגערט ביים ברעג פֿון ים, אויף הויפֿנס מיסט און אויף די קברים פֿון די טויטע. און ווען די הייזער וואו זיי האָבן פֿריער געוואוינט, זענען געבליבן ליידיק, האָבן די ווילדע, צערייצטע גריכישע פּאָגראָמשטשיקעס זיך אַריינגעריסן אַהין און צוגענומען אַלץ, וואָס ס'איז דאָרט געווען און זיך צעטיילט דערמיט ווי אין די צייטן פֿון אַ מלחמה, און קיינער האָט זיי אין דעם ניט געשטערט. זיי האָבן אויך אויפֿגעבראָכן די אידישע קראָמען, וואָס זענען געשטאַנען פֿאַרשלאָסן און האָבן פֿון דאָרט אַלעם אַרויסגעשלעפּט אין גאַס און עס צעראַבעוועט. אָבער נאָך ערגער ווי דאָס ראַבעווען איז געווען דאָס, וואָס דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט . . . די ערד-אַרבעטער, די שיף־לייט, די סוחרים און די בעלי־מלאכות האָבן זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט זייערע באַשעפֿטיקונגען, ווייל ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל קויפֿן. און אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געליטן אין צווייען: מ'איז געבליבן נאַקעט און באָרוועס, באַראַבעוועט פֿון אַלץ, און מ'האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך ווידער צו נעמען צו די באַשעפֿטיקונגען, כדי מ'זאָל האָבן פֿון וואַנען צו לעבן.

אַזוי שילדערט דעם פּאָגראָם אין אַלעקסאַנדריע פֿילון — אַ מענטש, וואָס האָט אַלעם מיט זיינע אייגענע אויגן געזען.

אַ חודש נאָכאַנאַנד האָט דער פּאָגראָם אין אַלעקסאַנדריע געדויערט, און פֿאַר דער צייט האָט מען מער ווי פֿיר הונדערט אידישע הייזער אינגאַנצן חרוב געמאַכט און פֿאַרברענט און די וואָס מ'האָט ניט פֿאַרברענט, האָט מען אויסגעליידיקט, און צוגענומען אַלץ, וואָס ס'איז דאָרט געווען.

מ'האָט די אידן באַהאַנדלט אַ סך גרויזאַמער ווי מ'באַהאַנדלט אַ שונא אין אַ מלחמה. אין דעם ענגן, שמוציגן קוואַרטאַל, וואוהין מ'האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון די ערטער וואו זיי האָבן פֿריער געוואוינט, האָט מען זיי געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט ווי געפֿאַנגענע. און זיי האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט אין קויט און אין מיסט, נאַקעטע, באָרוועסע און אויסגעהונגערטע, און ס'האָט זיך ניט געפֿונען קיין איינער, וואָס זאָל זיך אויף זיי דערבאַרעמען. אַ סך פֿון די פֿאַרשפּאַרטע אידן האָבן שוין מער ניט געקענט צוזען ווי זייערע ווייבער און קינדער גייען־אויס פֿון הונגער, און זיי האָבן זיך שטילער־

הייט ארויסגעגנבעט צו קריגן ערגעץ א שטיקל ברויט, און ווען מ'האט אין גאס דערקענט, אז זיי זענען אידן, האט מען זיי גע־כאפט און זיי פארפייניקט צום טויט.

ווי מ'האט נאר ערגעץ דערזען א אידן אין גאס, האט מען זיך אויף אים ווי די ווילדע ארויפגעווארפן און מ'האט אים מיט שטעקנס און אייזנס געשלאגן, און די קלעפ האט מען געגעבן אזוי, אז ער זאל נישט שטארבן באלד אויפן ארט, נאר ער זאל אויסגיין פון ווייטיק ביסלעכווייז.

א סך אידן האט מען פארברענט לעבעדיקערהייט, און ווייל עס איז דעמאלט אין אלעקסאנדריע געווען א מאנגל אין האלץ, האט מען זיך באנוצט מיט פייכטע צווייגן, וואס ווען מ'האט זיי אנגע־צונדן איז געווארן זייער א געדיכטער רויך, און פון דעם זענען די יסורים פון די קרבנות געווען נאך גרעסער, ווייל פונעם געדיכטן רויך זענען זיי דערשטיקט געווארן נאך איידער זיי זענען פאר־ברענט געווארן.

די רוצחים האבן אפילו אויף פרויען און קליינע קינדער קיין רחמנות נישט געהאט, און זיי האבן זיי אנגעטאן די זעלבע מיתות ווי די מאנספארשוינען.

אין די גאסן האט מען אפט געזען ווי די רוצחים שלעפן ארויס פון די צעראבעוועטע הייזער אין דרויסן גאנצע אידישע משפחות, אלטע און יונגע מענער און פרויען און זיי מאכן א פייער פון די צעהאקטע טישן און בענק אוןווארפן אין די פלאמען די צעשרא־קענע און פארצווייפלטע אידן אוןווארטן ביז אלע ווערן פארברענט אויף טויט . . .

מ'האט אידן אנגעבונדן שטריק צו די פיס און מ'האט זיי געשלעפט איבער די גאסן, און ווילדע, צעיושעטע בויאנעס זענען נאכגעגאנגען און האבן זיי געשלאגן מיט שטעקנס, און וואס גרע־סער עס זענען געווען די יסורים פון די געפייניקטע, אלץ גרעסער איז געווען די פרייד פון די פייניקער.

אומעטום האבן זיך טויטע אידישע קערפערס געוואלגערט — צעברענטע, צעבלוטיקטע, צעקאליעטשעטע, און ווען מ'האט געזען ווי א פרוי דערקענט איר מאן צווישן די הרוגים און זי צע־וויינט זיך מיט א גרויס געוויין, האט מען זי דערפאר געשלאגן מכות רצח און מ'האט זי אויך פארפייניקט צום טויט.

און אין דער צייט, ווען מ'האט אזוי פיל אידיש בלוט פאר־גאסן, אין דער צייט, ווען אויף די גאסן האבן זיך געוואלגערט

הרוגים און אומעטום האָט מען געזען געקרייציקטע אידן הענגען, האָבן זיך די רוצחים געלאָזט וואוילגיין אין דעם גרויסן שטאָטישן שפּיל־הויז, וואו דער צורר פלאַקוס איז אויך געווען; אַהין האָט מען געבראַכט טויטע און האַלב־טויטע אידן און מ׳האָט זיי געשטופּט חזיר־פלייש אין מויל אַריין און זיך געמאַכט לוסטיק דערמיט; אויך אידישע ווייבער האָט מען אַהין געבראַכט און זיך געמאַכט לוסטיק איבער זיי; די פייניקער זענען אַלע מאָל אויף אַנדערע המצאות געפאַלן ווי אַזוי נאָך גרעסער צו מאַכן די ליידן און די שאַנד פון די אומגליקלעכע. און אין די שעהן ווען די קרבנות, וואָס מ׳האָט געבראַכט אינעם שפּיל־הויז, האָבן זיך געצאַפּלט אין אַנגסטן און זענען אַפּגעגאַנגען מיט בלוט, האָט דער עולם אַרום און אַרום געטאַנצט און געזונגען און די פרייד איז געווען גרויס.

אַזוי איז דאָס אַנגעגאַנגען טאָג איין טאָג אויס, פיר וואָכן נאָכאַנאַנד. *)

***

ווען אַלץ, וואָס אידן האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן אויפגעבויט אין אַלעקסאַנדריע איז שוין געווען חרוב און פאַרוויסט, ווען דער אומגליק איז געווען אַזוי גרויס, אַז די לעבעדיקע האָבן מקנא געווען די טויטע, האָט פלאַקוס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל כאַפּן די אַכט און דרייסיק אַלטע ריכטער פונעם אידישן בית־דין, און זיי ברענגען אין דעם גרויסן שפּיל־הויז, וואו הונדער־טער און טויזנטער פון די צערייצטע רוצחים זענען געווען שיכור פון וויין און פון בלוט. די אַכט און דרייסיק אַלטע און חשובע לייט זענען אין קיין זאַך ניט געווען שולדיק, און לויטן געזעץ האָט מען קעגן זיי קיין שום קלאַגע ניט געקענט אַרויסשטעלן. דאָך האָט מען אייניקע פון זיי, אויפן באַפעל פון דעם גרויזאַמען רוימישן פּראָקוראַטאָר, געשמידט אין קייטן, און אַנדערע האָט מען מיט

*) ווי שטאַרק ס׳זאָל ניט זיין אונדזער וואונטש צו שאַנעווען די נערוון פון די לעזער, איז דאָך אוממעגלעך זיך אָפּצוהאַלטן און ניט איבער־געבן די אַלע איינצלהייטן, וואָס זענען מיט בלוט פאַרשריבן אין אונדזער געשיכטע און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ שוואַרצן פלעק אין דער גע־שיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. מער ווי אַלע אַנדערע היסטאָריקער אונדזערע האָט זיך אויף די איינצלהייטן פון יענער גרויסער שחיטה אין אַלעקסאַנדריע אָפּגעשטעלט פילאָן אין זיין ווערק „קאָנטראַ פלאַקוס“, וואָס איז נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן דער ערשטער קוואַל, פון וואַנען אַלע אַנדערע האָבן געשעפּט. און פילאָן פאַרזיכערט, אַז ביים שרייבן האָט ער געפילט ווי דאָס האַרץ ווערט ביי אים איינגעשרומפּן.

שטריק און לעדערנע פאסן געבונדן, און ווען מ'האט זיי אין דעם גרויסן שפּיל־הויז געבראַכט, האט פלאקוס געהייסן מ'זאָל זיי אוים־טאָן אין גאַנצן נאַקעט פאַר אַלעמען אין די אויגן און זיי געבן שמיץ.

דער ווילדער המון האט געלאַכט און געהירזשעט, ווען ביי די אַלטע און בכבודיקע לייט האט זיך בלוט פון הארצן געגאָסן. און ס'האט זיך צווישן עולם ניט געפונען קיין איינער וואָס זאָל אוים־שרייען „געווּג!" ביי קיינעם האט זיך אפילו קיין סימן פון אַ מענטשלעכן געפיל אין הארצן ניט אויפגעוועקט. די ווילדע גע־לעכטערס אַרום און זענען וואָס אַ מאָל געוואָרן שטאַרקער און הילכיקער. און די מערסטע פון די אַכט און דרייסיק אַלטע לייט זענען אונטער די שמיץ און קלעפּ פון ווייטיק אויסגעגאַנגען און אַנדערע האָבן זיך נאָך דעם, צעבלוטיקטע און פאַרשעמטע, קוים דערשלעפּט אַהיים, און זיי זענען שפּעטער געשטאָרבן.

אַפילו דעם געבורטסטאָג פונעם צעזאַר קאַליגולאַ האט פלאקוס אין אַלעקסאַנדריע געפייערט מיט דעם וואָס ער האט געלאָזט קרייציקן אידן און אָנגעזאָגט, אַז מ'זאָל זיי פון די שטאַנגען ניט אַראָפּנעמען און זיי ניט ברענגען צו קבר ישראל.

אַפילו נאָך דעם ווי ס'איז שוין שטילער געוואָרן און מ'האט אין די גאַסן שוין מער נישט געשאָכטן און געפייניקט קיין אידן, איז פלאקוס געפאַלן אויף אַ נייער המצאה ווי אַזוי ווידער אויפ־צערייצן דעם המון; ער האט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אין דעם ענגן און שמוציקן קוואַרטאַל וואו מ'האט די אידן פאַרטריבן, זאָל מען אין זייערע ביידלעך זוכן געווער.

ווען אידן האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי דווקא געווען צו־פרידן דערפון. וואָרעם זיי האָבן דאָך געוואוסט אַז זיי באַהאַלטן ניט קיין געווער, און זיי האָבן געדענקט, אַז ווען מען וועט זיך איבערצייגן אין דעם, וועט מען זיי מער קיין שלעכטס ניט טאָן. אָבער דער פּראָקוראַטאָר, וואָס האט זיך געלאָזט פירן פון די גריכישע שונאי־ישראל, וועלכע האָבן געשפּילט די ראָלע פון פאַר־ברענטע רוימישע פּאַטריאָטן, איז מיט דעם באַפעל אויסן געווען צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז ניט נאָר זענען די אידן ווידערשפּעניקער, וואָס לאָזן ניט אַריינשטעלן דאָס געשטאַלט פונעם קיסר קאַליגולאַ אין זייערע שולן און בתי מדרשים, נאָר זיי זענען נאָך דערצו אויך שונאים פון דער רוימישער מאַכט און זיי גרייטן צו שטילערהייט אַ מרידה קעגן איר.

און ס'האָט אים ניט געאַרט וואָס מ'וועט קיין געווער ניט געפינען; ער האָט געקענט מאַכן אַ בלבול און זאָגן, אַז מ'האָט יאָ געפונען. קיינער האָט דאָך אים קיין דעה ניט געקענט זאָגן; ער איז אַליין געווען דער באַשולדיקער און אויך דער ריכטער, און וואָס ער האָט נאָר געוואָלט האָט ער געטאָן; עס האָט אים אויך ניט געאַרט וואָס די מלוכה ליידט פון דעם וואָס דער גאַנצער האַנדל, די גאַנצע אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער עיקר איז ביי אים געווען וואָס ער אַליין געווינט דערפון, ווייל ווי ס'איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָט ער זיך געטיילט מיט די פּירער פון די רויבער־באַנדעס, און דאָס האָט אים אַריינגעטראָגן זייער אַ סך.

ער האָט, אַפּנים, געהאַט פאַרגעסן, דער אַווילום פלאַקוס, וואָס דער אַלטער צעזאַר טיבעריוס האָט ליב געהאַט אָנצוזאָגן די פּראָקוראַטאָרס, וואָס ער האָט געשיקט אין די לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון דער רוימישער מאַכט, אַז פון שאָף איז גוט צו שערן די וואָל, אָבער עס לוינט זיך ניט זיי צו שעכטן צוליב דער פעל, וואָס מ'קען פון זיי אָפּשינדן. אפילו אָט דאָס קלוגע ביסל „רוימישע אנשטענדיקייט" האָט ער אין זיך ניט געהאַט, ווייל ער האָט מער פון אַלץ אין זינען געהאַט זיינע אייגענע אינטערעסן, און ניט די אינטערעסן פון דער מלוכה. און די שחיטה וואָס ער האָט געלאָזט מאַכן אויף די אידן אין אַלעקסאַנדריע, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיינע אייגענע קעשענעס מיט גאָלד און זילבער אָנצופילן.

דער באַפעל צו זוכן געווער האָט אויף די אידן נייע אומגליקן געבראַכט. די באַוואָפנטע לייט, וואָס האָבן זיך אין די אידישע הייזער אַריינגעריסן, האָבן צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר דאָרט געפונען. קיין זאַך, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ ווערט, האָבן זיי ניט איבערגעלאָזט. אויך אין די חדרים, וואו פרומע אידישע ווייבער און זייערע טעכטער האָבן זיך באַהאַלטן, האָבן די באַוואָפנטע לייט זיך אַריינגעריסן, און אַ סך אידישע פרויען, וועלכע האָבן אין זייער צניעות פריער קיין מאָל אויף קיין פרעמדן מאַנסביל נישט געקוקט, זענען געשענדעט געוואָרן, און אין אַלע אידישע הייזער איז דער צער געווען גרויס, און נאָך גרעסער פונעם צער איז געווען די בושה.

קאַפּיטל אַכט

דער סוף פונעם פּראָקוראַטאָר אווילִיוס פלאַקוס

א וויכטיקע ראָלע אין דעם וואָס די אידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן דאָך ניט אויפגעגעבן זייער גלויבן און ניט פארלאָרן די האָפענונג אויף בעסערע צייטן, האָט געשפּילט די ליטעראַטור, וואָס די אידן האָבן דעמאָלט געשאַפן אויף גריכיש. יענע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די אויפגעקלערטע פאַרגריכישטע אידן און וואָס איז לויט איר גייסט אין גרונט געווען אידיש, כאָטש זי איז געווען געשריבן אין אַ פרעמדער שפּראַך, האָט געשטאַרקט די הענט פונעם פאָלק און געקרעפטיקט אין אים דעם גלויבן, אַז די גערעכטע קומען, סוף כל סוף אַרויס מיט אַ נצחון, און די שלעכטע מוזן אַלע מאָל האָבן אַ ביטערן און אַ טרויעריקן סוף.

פון יענער ליטעראַטור איז כדאַי צו דערמאָנען אַ ווערק, וואָס איינער אַ פאַרגריכישטער איד, וועמעס נאָמען מ׳ווייסט ניט ביז היינטיקן טאָג, האָט אָנגעשריבן אין יענער צייט. דאָס ווערק איז באַקאַנט אַלס „דאָס דריטע ספר חשמונאים", און ס׳איז געשריבן — ווי גרעטץ דריקט זיך אויס — „מיט אַזאַ ליבער שפּראַך, מיט אַזעלכע טייערע ווערטער און מיט אַזוי פיל געשמאַק, אַז ס׳האָט געפונען אַ וועג צו די הערצער פון די וואָס האָבן דאָס געלייענט". *)

דער מחבר באַווייזט, אַז די, וואָס גייען אַוועק פון אידישקייט און פון דעם אידישן פאָלק אין אַזאַ צייט, זענען שלעכטע, פאַרדאָרבענע און פאַלשע לייט, וועלכע ווייסן ניט, אַז ביי מענטשן בכלל דאַרף דער פאַרשטאַנד הערשן איבער די געפילן און תאוות, און ניט פאַרקערט. אָבער דער עיקר צו וואָס דער מחבר צילט, איז, אַז מ׳דאַרף קיין מאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג, ווייל רעכט

---

*) ד"ר גרעטץ, דברי ימי ישראל (העברעיאישע איבערזעצונג פון שאול פנחס ראַבינאָוויץ), צווייטער באַנד, ז. 12.

שטייט העכער פון מאַכט און פאַר רשעות ווערט מען באַשטראָפט. און דערביי דערציילט ער אויף אַ פאַרשטעלטן אופן אַ געשיכטע, וואָס אַז מ׳וויל, האָט דאָס אויך געקענט געזאָגט ווערן אויף קאַליגולאַן, אויף פלאַקוסן, און אויף די אַלע אַנדערע וואָס זענען געווען שולדיק אין די בלוטיקע געשעענישן פון אַלעקסאַנדריע.

די געשיכטע איז זייער אַן אינטערעסאַנטע:

אַ קעניג פון מצרים האָט זיך אַמאָל אַריינגעדריסן אינעם קדשי-קדשים פון בית המקדש. האָט שמעון הצדיק געבעטן צו גאָט, און גאָט האָט דעם קעניג פון מצרים באַשטראָפט גלייך אויפן אָרט, און ער האָט אים געשלאָגן מיט צעמישונג, און דער קעניג האָט פאַרלאָרן זיין פאַרשטאַנד, און ס׳איז אויף אים אַרויפגעפאַלן אַ פחד און אַ אימה.

און עס איז געווען ווען דער קעניג איז געקומען צוריק אין זיין לאַנד, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידן פון זיין מדינה זאָלן דינען צו די אָפּגעטער, און די וואָס וועלן דעם באַפעל נית פאָלגן, וועלן שווער באַשטראָפט ווערן דערפאַר, און מ׳וועט זיי באַהאַנדלען ווי קנעכט. די אידן האָבן אָבער צו די אָפּגעטער נית געוואָלט דינען. בלויז דריי הונדערט פון זיי האָבן דעם קעניגס באַפעל געפאָלגט און זענען אַוועק פון זייער פאָלק; און זיי, אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע רשעים, האָבן גערעדט שלעכטס אויף די אידן אין די אויערן פונעם קעניג, און דאַן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל אַלע אידן פון זיין מדינה, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען און אויך קליינע קינדער בינדן און שמידן אין קייטן, און זיי ברענגען קיין אַלעקסאַנדריע.

און ווען מ׳האָט די אידן קיין אַלעקסאַנדריע געבראַכט, האָט דער קעניג געלאָזט אויסרופן אין די גאַסן, אַז ווער עס וויל נאָר זען ווי אַזוי מ׳פאַרטיליקט די אידן, זאָל קומען אין דעם גרויסן סטאַדיאָן, וואו מ׳מאַכט די געווועטן אינעם געיעג פון פערד, דאָרטן וועט מען אויף די געבונדענע אידן אָפּלאָזן אויסגעהונגערטע עלפאַנטן, און זיי וועלן זיי צעטרעטן מיט די פיס און אויפעסן.

און עס זענען אויף יענעם פלאַץ געקומען טויזנטער מענטשן דאָס אָנצוקוקן. און כדי די עלפאַנטן זאָלן זיין ווילד און שטאַרק אויסגעהונגערט, האָט מען זיי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד קיין עסן נית געגעבן, און די געבונדענע אידן האָט מען געהאַלטן פאַרשפאַרט, און מען האָט געוואַרט ביז דער קעניג וועט קומען און אַרויסגעבן דעם באַפעל, מ׳זאָל זיי וואַרפן צו די ווילדע חיות.

אָבער ס'איז אַוועק איין טאָג און דער קעניג האָט זיך ניט געאײַלט צו קומען. עס איז אַוועק נאָך אַ טאָג און ער האָט זיך ווידער ניט געאײַלט. און אויפן דריטן טאָג, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם. און דאַן האָט גאָט באַוויזן אַ נס און די עלפאַנטן זענען געוואָרן אַזוי ווילד, אַז זיי האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אויף דעם גרויסן עולם און האָבן צעטראָטן מיט די פיס און אויפגע־פרעסן אַ סך פון זיי. און ווען דער קעניג האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דעם גאָט, וואָס קריגט די קריג פון די אידן און ס'האָט אים שוין באַנג געטאָן דערויף וואָס ער האָט פריער פאַרטראַכט צו טאָן, און ער האָט ביי די אידן געבעטן זיי זאָלן אים פאַרגעבן, און ער האָט געזאָגט אַז ער גיט זיי דאָס רעכט צו טאָן מיט זייערע שונאים, וואָס זיי ווילן. און דאַן האָבן די אידן געפּראַוועט דעם באַפעל פונעם קעניג, און זיי האָבן פון זייערע שונאים געטויטעט דריי הונדערט מאַן . . . *)

דאָס איז אין קורצן דער אינהאַלט פון דער געשיכטע, וואָס דער מחבר פון יענעם ספרל האָט דערציילט. און די מאָראַל, וואָס ער איז אויסן געווען אַרויסצוברענגען, איז דאָ זייער קלאָר.

***

אָבער די אידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן זיך ניט פאַרלאָזט בלויז אויף נסים.

נאָך דעם ווי דער פּאָגראָם, וואָס האָט געדויערט וואָכן, איז שוין געווען איינגעשטילט, זענען די עלטסטע פון די אידן געקומען צו פלאַקוסן מיט אַ בקשה, ער זאָל זיי לאָזן שיקן אַ דעלעגאַציע קיין רוים פאַרצובערענגען זייערע טענות פאַרן צעזאַר, און אים געבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס זיי קענען ניט לאָזן אַריינשטעלן זיין געשטאַלט אין זייערע שולן און בתי מדרשים, און דינען צו אים ווי צו אַ גאָט.

אָבער דער רוימישער פּראָקוראַטאָר האָט זיי דערויף קיין דערלויבעניש ניט געוואָלט געבן.

אויך ווען זיי האָבן צו אים געבראַכט אַ צושריפט פון די טענות וואָס זיי ווילן פאַרברענגען פאַרן צעזאַר, האָט ער זיי קיין דערלויבעניש אויף צו שיקן אַ דעלעגאַציע ניט געוואָלט געבן. ווען

---

*) אַנדערע געלערנטע, און צווישן זיי אויך אַברהם כהנאַ, שטימען ניט איין מיט גרעטצן, אַז דאָס ספר „חשמונאים ג'" איז אָנגעשריבן געוואָרן אין די צייטן פון קאַיוס קאַליגולאַ. זע וועגן דעם כהנאַס „הספרים החיצונים", באַנד 2, ז. 236.

מ'האָט צו אים דעם צושריפט געבראַכט, דערציילט פילאָן, האָט ער אים פאַרזיכטיק איבערגעלייענט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו יעדן פונקט, און נאָך דעם האָט ער מיט אַ צופרידענעם שמייכל געזאָגט, אַז דאָס איז זייער פיין, עס געפעלט אים ווי אַזוי די אידן פאַרטיידיקן זייער גלויבן, אָבער קיין דעלעגאַציע קיין רוים וועט ער זיי דאָך ניט לאָזן שיקן — ער אַליין וועט דעם צושריפט צושיקן צום קיסר און וועט פון זיין זייט נאָך עפּעס צוגעבן.

עס איז איצט שוין אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז פלאַקוס האָט דעם צושריפט נ י ט צוגעשיקט. אַנשטאָט דעם האָט ער דעם קיסר גאָר געשריבן, אַז אידן זענען אַ פאָלק פון ווידערשפּעניקער, און אַז זיי ווילן ניט אנערקענען זיין געטלעכקייט דערפאַר וואָס זיי זענען בכלל שונאים פון רוים. דערביי האָט ער זיך אויך באַרימט מיט די „גרויסע מעשים", וואָס ער האָט אויפגעטאָן און מיט דער „העלדישקייט" וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביים פּרואוון אַרויפצוווינגען אויף די אידן דעם גלויבן אינעם קיסרס געטלעכקייט.

די לאַגע פון די אידן איז דאַן ווירקלעך געווען זייער אַ פאַרצווייפלטע. זיי האָבן יעדן טאָג געדאַרפט מורא האָבן פאַר נייע ווילדע אויסברוכן, און געמוזט זוכן הילף דאָרט, וואו זיי האָבן דאָס ניט געקענט קריגן. און פונקט אין יענער צייט איז אַגריפּאַ דער ערשטער ווידער אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע.

ביי קיינעם פון די היסטאָריקער ווערט ניט אַרויסגעבראַכט קלאָר צוליב וואָס דער אידישער קעניג איז ווידער אַ מאָל קיין אַלעקסאַנדריע געקומען. זיי דערמאָנען בלויז דעם פאַקט, אַז ער איז דאָרטן געווען. אָבער עס איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז זיין קומען אַהין אין אַזאַ צייט איז ניט געווען קיין צופאַל, און אַז דאָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט די געשעענישן פון פריער. אַגריפּאַ איז אָן צווייפל געקומען העלפן זיינע ברידער אין אַלעקסאַנדריע, און ער האָט אוודאי געגלויבט, אַז ער וועט זיי קענען העלפן. דאָס קען מען זען פון דער באַמערקונג, וואָס פילאָן מאַכט אינעם צוועלפטן קאַפּיטל פון זיין ווערק, אין וועלכן ער שילדערט די בלוטיקע געשעענישן אין אַלעקסאַנדריע. „דער קעניג אַגריפּאַ, — דערציילט ער דאָרט, — איז געקומען צו אונדז אין שטאָט, און מיר האָבן אים דערציילט וויפל שלעכטס פלאַקוס האָט אונדז געטאָן". *)

*) נגד פלאַקוס, פרק שנים עשר, 103.

פון דעם איז קלאָר, אַז אַגריפּאַ האָט זיך געזען מיט די אידן, וועלכע האָבן אַזוי פיל שרעקלעכע צרות אריבערגעטראָגן. ער האָט מיט זיי וועגן דעם גערעדט, און געווים נים בלויז אוים ניי־געריקייט אויסצוגעפינען איינצלהייטן, נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס ער האָט געזוכט מיטלען זיי צו העלפן אין דער גרויסער נויט. און ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיי קענען העלפן.

צוליב דעם איז ער קיין אַלעקסאַנדריע געקומען. און עס ווערט דערציילט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט זיך דאָרט מיט די אידן גע־זען, האָט ער ביי זיי גענומען דעם צושריפט צו קאַליגולאַן און געזאָגט, אַז ער אַליין וועט דאָס אריבערשיקן מיט אַ שליח קיין רוים. און ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט; צום צושריפט האָט ער נאָך צוגעגעבן אַ סך פון זיין זייט אויך. און כאָטש עס ווערט נים געזאָגט וואָס ער האָט צוגעגעבן, איז מער ווי זיכער, אַז ער האָט פלאַקוסן פאַרן צעזאר אָנגעקלאָגט און אים ארויסגעשטעלט אין זיין ריכטיק געשטאַלט, און דאָס האָט געווים, סוף כל סוף, גע־בראַכט דערצו, אַז פלאַקוס זאָל קריגן די שטראָף, וואָס ער האָט פאַרדינט . . .

ווי איינער וואָס האָט קאַליגולאַן גוט געקענט, האָט אַגריפּאַ געוואוסט, אַז אויב ער וועט אָנקלאָגן דעם פּראָקוראַטאָר אין דעם וואָס ער רודפט און פּייניקט די אידן אין אַלעקסאַנדריע, וועט יע־נער ביי אים דערמיט דעם חן אין די אויגן נים פאַרלירן, האָט ער בעסער אויסגערעכנט די אַנדערע חטאים און פאַרברעכנס זיינע, און דאָס איז אים נים אָנגעקומען שווער צו געפינען. ער האָט דאָס אָבער געדאַרפט פעסטשטעלן, וויסן ווי אַזוי דאָס מיט די בלוטיקע געשעענישן צו פאַרבינדן. און צוליב דעם האָט ער גע־מוזט קומען קיין אַלעקסאַנדריע.

און דאָס, גלויבן מיר, איז נים בלויז אַן השערה; דאָס גיט דעם שליסל צו פאַרשטיין בעסער די פּאַסירונגען וואָס זענען געקומען באַלד נאָך דעם. און אָן אַגריפּאַס אַנטייל איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי עס האָט גאָר געקענט קומען דערצו, אַז פלאַקוס זאָל אַזוי שנעל כאַפּן אַזאַ גרויסע מפּלה.

דערביי איז אפשר אויך נויטיק צוצוגעבן, אַז אויסער דעם וואָס אַגריפּאַ איז געווען צוגעבונדן צום פאָלק און איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן די אידן נים נאָר אין די גרענעצן פון זיין קעניג־רייך, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, איז ער בכלל נים געווען פון די מענטשן, וואָס קענען פאַרגעבן אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג; און

אויף פלאַקוסן האָט ער געהאַט אַ גוטן גרונט צו זיין זייער בייז דערפאַר וואָס ער האָט אים מיט אַ קורצער צייט צוריק אַזוי מיאוס באַליידיקט און דערלאָזט דערצו, אַז מ'זאָל אַ משוגענעם אַנטאָן אַ פּאַפּירענע קרוין אויפן קאָפּ און אים פירן איבער די גאַסן, כדי דערמיט צו מאַכן חוזק פון אים, פון דעם ניי-געקרוינטן אידישן קעניג. אַגריפּאַ האָט גוט געוואוסט, אַז פלאַקוס איז שולדיק אין דעם, און ער האָט דאָס אים ניט געקענט פאַרגעבן. און דאָס איז געווים געווען איינע פון די אורזאַכן וואָס ער האָט אויסגענוצט די ערשטע און בעסטע געלעגנהייט צו נעמען נקמה אין אים.

אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי אַגריפּאַ האָט דעם צושריפט קיין רוים אַוועקגעשיקט, איז אין אַלעקסאַנדריע געשען אַזוינס, אויף וואָס קיינער האָט זיך פריער אינגאַנצן ניט געריכט:

אין אַ נאַכט, ווען אַווילום פלאַקוס איז געווען דער הויפּט-גאַסט אויף אַ גרויסער סעודה, וואָס די גריכישע שונאי ישראל האָבן פאַר אים געמאַכט, פּונקט דאַן ווען אַלע געסט האָבן געטרונקען פאַר זיין געזונט און אים געלויבט פאַר זיינע מעשים אין דער צייט פון די שחיטות אויף אידן, זענען מיט אַמאָל אַריינגעקומען עטלעכע באַוואָפנטע לייט, שליחים פון רוים, וואָס זענען שטילערהייט אָנגעקומען אויף אַ שיף; דער עלטסטער איבער זיי איז געווען דער קריגסמאַן באַסוס, זייער אַ שטרענגער און זייער אַ קאַלטער מענטש, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי איינער פון די, וועמען קאַליגולאַ שיקט ווען ער דאַרף באַשטראָפן אַ הויכגעשטעלטן מענטשן פון דער מלוכה; פלאַקוס האָט אים גוט געקענט, און ווי ער האָט אים נאָר דערזען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, און די גלאָז ווייַן איז ביי אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט . . .

אויף באַסוסעס באַפעל האָבן אַלע באַוואָפנטע לייט די שווערדן פון די שיידן אַרויסגעצויגן. און דאָס האָט אַרויפגעוואָרפן אַ מורא אויף אַלע געסט, און זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן. אָבער דאָס הויז איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון די באַוואָפנטע לייט, וואָס זענען שטילערהייט פון רוים געקומען. באַסוס האָט קיינעם פון די געסט ניט געוואָלט אַרויסלאָזן, ווייל ער האָט געדענקט, אַז זיי קענען אין שטאָט מאַכן אַ מהומה און פּרואוון אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד. און ווענדנדיק זיך צו פלאַקוסן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ דערשראָקענער, האָט ער צו אים געזאָגט:

— קום מיט אונדז!

פלאקוס האָט קיין וואָרט ניט גערעדט און געטאָן וואָס באַסוס האָט אים געהייסן.

געפּאָלגט פאַר מורא.

און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט אַלעקסאַנדריע צעשפּרייט די נייעס, אַז פלאַקוס איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געפענקעניש און אַז מאָרגן פירט מען אים אַוועק אויף אַ שיף קיין רוים.

געשען איז דאָס גראָד דאַן ווען ס'איז ביי אידן אויסגעפאַלן סוכות. דער יום־טוב איז אין אָנפאַנג געווען אַ פאַרשטערטער, ווייל עס איז ניט געווען קיין איין משפחה, וואו מ'זאָל ניט באַוויינען אַ טויטן, און וואו מ'זאָל זיך ניט שרעקן פאַר דעם וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. און ווען זיי האָבן ביינאַכט דערהערט אַז פלאַקוס איז שוין פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש און אַז מ'פירט אים אַוועק קיין רוים, האָבן זיי אין אָנפאַנג ניט געגלויבט; זיי האָבן געמיינט, אַז אַ שונא האָט דאָס אומיסטן אויסגעטראַכט, כדי צו מאַכן חוזק פון זיי. ערשט אין דער פרי, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז טאַקע אמת, האָבן זיי איינער דעם אַנדערן די גוטע בשורה אָנגעזאָגט, כאָטש אַלע האָבן דאָס שוין געוואוסט. און פילאָן דערציילט, אַז דאַן האָבן זיי „געזונגען אַ לויב צו גאָט, וואָס זיינע אויגן זענען אָפן אויף די מעשים פון מענטשן", און דאָס, זאָגט ער, זענען געווען זייערע רייד:

„האר פון אַלע וועלטן, מיר פרייען זיך ניט מיט דעם וואָס אַ שונא איז געפאַלן, וואָרעם דיינע הייליקע דינים האָבן אין אונדזערע הערצער איינגעפלאַנצט מענטשלעכע געפילן. אָבער ס'איז רעכט דיר צו דאַנקען דערפאַר וואָס דו האָסט זיך אויף אונדז דערבאַרעמט און געמאַכט זיסער די לאַנגע און שטענדיקע צרות אונדזערע."

ווייטער דערציילט פילאָן, אַז ווען דער מאָרגן־שטערן איז אויפגעגאַנגען, האָבן זיך אַלע אידן צונויפגעקליבן ביים ברעג ים, ווייל זיי האָבן שוין דאַן קיין שולן ניט געהאַט, און דאָרט האָבן זיי אויסגעקליבן אַ ריין אָרט, און אַלע אינאיינעם האָבן געזאָגט אַ תפילה, וואָס איינער פון זיי האָט צונויפגעשטעלט. און דאָס איז

די תפילה וואָס זיי האָבן דאַן געזאָגט. מיר גיבן זי דאָ איבער אַזוי ווי פילאָן האָט זי פאַרשריבן:

„גרויסער האַר, וואָס הערשט איבער די וואָס לעבן און אי־בער די וואָס שטאַרבן. מיר זענען אַהער געקומען רופן צו דער יבשה און צום ים, צו די ווינטן און צום הימל, צו די טיילן פון דער גאַנצער וועלט, אָפּצוגעבן כבוד צו דיין אָנדענק. דאָס איז דאָך אַלץ וואָס ס'איז אונדז געבליבן, ווייל מיר זענען דאָך פאַר־טריבן געוואָרן פון די אַלע ערטער וואו מענטשן וואוינען, און מיר האָבן מער ניט קיין חלק אין שטאָט, ניט דאָרט, וואו אַלע קענען קומען און ניט דאָרט, וואו בלויז געציילטע קענען קומען. פון די אַלע מענטשן, וואָס אונטערן הימל, זענען מיר די איינציקע וואָס זענען געבליבן אָן אַ שטאָט און אָן אַ היים. און אַלץ איבער דער רשעות פון דעם בייזן הערשער. דו האָסט אונדז געגעבן אַ צייכן אויף גוטע האָפענונגען און אויף דער אויסלייזונג פון די וואָס זענען פון אונדז נאָך געבליבן ביים לעבן. דו האָסט צוגעבויגן דיין אויער צו אונדזער געבעט. אין איין אויגנבליק האָסטו אומ־געוואָרפן דעם מענטשן וואָס האָט געפּייניקט דאָס גאַנצע פאָלק אונדזערס, וואָס איז אין אַלע אונדזערע אומגליקן געווען שולדיק, און וואָס האָט דעם קאָפּ הויך פאַררייסן און געמיינט, אַז דורך דעם וועט ער ווערן גרויס און באַרימט. עס איז אויף אים געקומען אַ מפלה, און געקומען איז זי ניט ווייט, נאָר דאָ אויפן אָרט, כדי די מענטשן וואָס האָבן פון אים אַזוי פיל געליטן, זאָלן דאָס מיט זייערע אייגענע אויגן זען און ניט נאָר הערן דערפון. כמעט פאַר די אויגן פון די וואָס ער האָט געפּייניקט, איז ער געפאַלן, און דאָס איז געווען כדי מ'זאָל די שטאַרקייט פון דיין האַנט דערזען פלוצעם, ווען קיינער האָט זיך דערויף ניט געריכט." *)

דאָס איז דער פולער נוסח פון דער תפילה, ווי פילאָן האָט זי פאַרשריבן. און ווען מ'לייענט זי איבער פאָרזיכטיק, קען מען זען, אַז זי איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַן אויפגעקלערטן פאַרגרי־כישטן אידן, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט געווען איבער־געגעבן צו זיין פאָלק און צו זיין גלויבן.

די שנעלקייט מיט וועלכער דאָס איז צוגעגאַנגען, באַשטעטיקט נאָך מער די מיינונג, וואָס מיר האָבן דאָ פריער אויסגעדריקט, און דאָס איז, אַז דער אידישער קעניג, אַגריפּאַ דער ערשטער, האָט

*) נגד פלאַקוס, פרק אַרבעה עשר.

געהאט א האנט אין דעם. נאך מער ווערט די דאזיקע מיינונג באַ־שטעטיקט ווען מ'נעמט אין אכט דעם פאקט, אז מ'האט זיך ניט באנוגנט מיט דעם וואס מ'האט פלאקוסן פון זיין הויכן אמט ארונ־טערגעזעצט, נאר מ'האט אים אויך געשטעלט צום משפט ווי אן אנגעקלאגטן.

דער משפט איבער פלאקוסן אין רוים איז געווען א קורצער. ווען די בלוטיקע שחיטות, וואס ער האט געמאכט אויף די אידן אין אלעקסאנדריע, איז אין דער קלאגע גארניט דערמאנט געווארן; מ'האט אים אנגעקלאגט אין פארראט צום קיסר און אין נעמען געלט ביי דער באפעלקערונג, איבער וועלכער ער האט געהערשט; און פלאקוס איז די גאנצע צייט געזעסן א נידערגעשלאגענער, א צע־דריקטער, און האט נאך געמוזט צוזען ווי צוויי פון זיינע אמאליקע גריכישע פריינד, לאמפוניום און איסידאריוס, טרעטן ארויס אלס עדות קעגן אים, און דאס האט אים אויך שטארק ווי געטאן; די זעלבע מענטשן, וועלכע האבן זיך פריער פאר אים אין דרייען געבויגן, האבן איצט אויף אים דאס ערגסטע אויסגערעדט, און גע־טאן האבן זיי דאס, כדי דערמיט זייער אייגענע שולד צו פארדעקן. און נאך דעם ווי מען האט די עדות אויסגעהערט און פלאקוסעס שולד איז באוויזן געווארן, האט מען אים פארשיקט אויף א וייטן אינדזל. און די געשיכטע דערציילט, אז דארטן האט ער אפט פאר נאענטע מענטשן גערעדט וועגן יענע צייטן, ווען ער איז געווען דער מעכטיקער רוימישער פראקוראטאר אין אלעקסאנדריע; ער האט דערמאנט די בלוטיקע שחיטות אויף אידן, וואס מ'האט דארט געמאכט, און איין מאל האט ער זיך אויסגעדריקט, אז ערשט איצט האט ער זיך איבערצייגט אין דעם, אז ס'איז אמת וואס אידן גלויבן, אז ווער נאר עס טוט זיי שלעכטס, מוז האבן א טרויעריקן סוף און שווער באשטראפט ווערן דערפאר; ער האט אנגעהויבן גלויבן, אז דער גאט פון די אידן רעכנט זיך אפ מיט די שונאים פון זיין פאלק. און ווי דעם בעסטן באווייז דערויף האט ער אנגעוויזן אויף זיך אליין.

אבער דאס איז ערשט געווען בלויז אן אנפאנג פון פלאקוסעס ליידן. מיט א צייט שפעטער איז געקומען א נאכט, ווען דער צע־זאר קאליגולא האט ניט געקענט שלאפן. און ווי דער שטייגער איז געווען אין די נעכט, ווען ס'האט זיך צו אים קיין שלאף ניט גענומען, האט ער געהייסן מען זאל אים ברענגען דאס צעטל מיט די נעמען פון די אנגעזעענע הויפלייט, וואס מ'האט אויף זיין

באַפעל אויף די ווייטע אינדזלען פאַרשיקט. און ווען מ'האָט פאַר אים די נעמען פאַרגעלייענט, האָט ער אויסגעקליבן די גאַר אָנגעזעענע, וועלכע האָבן אַמאָל אין דער מלוכה גאַר הויכע פּאָסטנס פאַרנומען, און ער האָט געהייסן אַרויסשיקן אַהין באַוואָפנטע לייט, און זיי איינציקווייז אָפּהאַקן די קעפּ. און צווישן די, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, איז געווען אַ ווי ל ו ם פ ל אַ ק ו ם.

ווען די באַוואָפנטע לייט פון רוים זענען אויפן אינדזל אָנגעקומען און פלאַקום האָט זיי דערזען האָט ער אָנגעהויבן אַנטלויפן. אָבער ווייט לויפן האָט ער ניט געקענט, ווייל דאָס אינדזל איז דאָך געשטאַנען אין מיטן ים. די שליחים פון רוים האָבן אָבער ניט געוואָלט ער זאָל זיך אין וואַסער אַריינוואַרפן, ווייל דער באַפעל פונעם קיסר איז געווען, אַז מ'זאָל אים דעם קאָפּ אָפּהאַקן. זענען זיי אים נאָכגעלאָפן און האָבן אים געכאַפּט. און ווען ער האָט דערזען ווי אייניקע פון די באַוואָפנטע הויבן שוין אָן גראָבן אַ גרוב פאַר אים, האָט ער זיך גענומען ראַנגלען מיט די, וואָס האָבן אים ביי די הענט געהאַלטן; ער האָט זיך פון זיי מיט אַלע כחות געריסן; ער האָט מיט באַנומענע קולות געשריען; ער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּהאַקן דעם קאָפּ, און זיך אַזוי געוואָרפן, אַז זיי האָבן אים קיין מעסער אין האַרצן ניט געקענט אַריינשטעכן, אָבער מיט די שווערדן האָבן זיי אים אַ סך וואונדן געמאַכט, און דאָס בלוט האָט זיך פון אים געגאָסן; ביז די לעצטע כוחות וואָס ער האָט נאָך אין זיך געהאַט, האָט ער זיך געראַנגלט, און ווען ער איז געבליבן ליגן טויט, איז דאָס פּנים און דאָס לייב געווען ביי אים אַזוי צעשלאָגן און צעבלוטיקט, אַז ס'איז גאַר אוממעגלעך געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז אַמאָל געווען אַווילום פלאַקום, דער מעכטיקער רוימישער פּראָקוראַטאָר אין אַלעקסאַנדריע. און דאַן האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין דעם גרוב, וואָס מ'האָט נאָך פריער געהאַט אויסגעגראָבן, און מ'האָט אים פאַרשאָטן און אַפילו קיין צייכן ניט איבערגעלאָזט ווער עס ליגט דאָרטן באַגראָבן.

אַזאַ סוף הט געהאַט דער מענטש, וואָס איז געווען שולדיק אין די בלוטיקע שחיטות אויף אידן אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע — אין דעם ערשטן פּאָגראָם אין דער אידישער געשיכטע!

„זיין טרויעריקער סוף איז געווען אַ באַווייז און אַ צייכן, אַז גאָטס השגחה האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פונעם פאָלק ישראל" — אַזוי ענדיקט פילאָן זיין ווערק, אין וועלכן ער שילדערט וואָס די אידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן אַריבערגעטראָגן אין די צייטן, ווען אַווילום

פלאַקוס איז דאָרט געווען דער רוימישער פּראָקוראַטאָר. אין זיין פרומקייט האָט דער גרויסער אידישער געלערנטער געגלויבט, אַז אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין, אַז דער גרויסער שונא־ישראל האָט געמוזט האָבן אַזאַ סוף. אָבער מ׳דאַרף ניט זיין דווקא פרום צו גלויבן, אַז פאַר רשעות און פאַרדאַרבנקייט ווערט מען, סוף כל סוף, באַשטראָפט; די שטראָף איז אָפט דער נאַטירלעכסטער אויסגאַנג — ס׳מוז זיין אַזוי; ווייל אינעם פאַרברעכן איז שוין בּאַ ציַיטנס צוגעגרייט די שטראָף.

טיבעריוס

קאַפּיטל נײַן

ווען אַ פאָלק און אַ קעניג זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַ גלויבן

פון די מענטשן אין הויף זענען צו קאַליגולאַן נעענטער ווי אַלע אַנדערע געשטאַנען צוויי — אַפּעלעס און העליקאָן. און ביידע זענען געווען ביליקע און געמיינע פאַרשוינען, און זיי האָבן קיינמאָל קיין ערנסט וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן און קיין ערנסטן געדאַנק ניט געקענט באַנעמען. דער ערשטער האָט געשטאַמט פון אַ נידעריקער משפחה; ביים פאַך איז ער געווען אַן אַקטיאָר, פון יענעם מין אַקטיאָרן, וואָס שפילן ניט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אין לעבן, און אין חניפה האָט זיך קיינער צו אים ניט געקענט פאַרגלייכן. און דער צווייטער איז גלאַט געווען אַ ליץ, וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַן אַקטיאָר; ער האָט געהאַט אַ טבע נאָכצומאַכן אַלעמען, כדי קאַליגולאַ זאָל האָבן פון וואָס צו לאַכן, און צו דעם איז ער נאָך געווען אַ פאַטשטשןטרעגער, אַ רכילות-טרייבער און אַ מסור. און ער איז ניט אָפּגעשטאַנען פונעם ערשטן אין חניפה און אין אונטערלעקעריי.

די דאָזיקע צוויי פאַרשוינען זענען דאָס געווען די נעענטסטע פריינד פון דעם קיסר, וועלכער האָט איבער אַ האַלבער וועלט געהערשט. זיי האָט ער העכער פון אַלע אַנדערע מענטשן אין הויף דערהויבן. זיי זענען זיינע ראַטגעבער געווען.

און ווען די אַנדערע אין הויף האָבן געזען, אַז חניפה איז דאָס בעסטע מיטל דערהויבן צו ווערן, האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַ ווילדער געיעג, און איינער האָט דעם אַנדערן געפּרוּווט איבערשטייגן אין דעם. און דער גאַנצער הויף איז פול געוואָרן מיט חניפהניקעס און אונטערלעקער, וועלכע האָבן קיין מאָל ניט געזאָגט דאָס וואָס זיי האָבן געמיינט, און קיין מאָל ניט געמיינט דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט. און די פאַלשקייט האָט זיך צעוואַקסן אַזוי גרויס, אַז זי האָט דעם אמת אינגאַנצן דערשטיקט. און עס איז ניט געווען קיין איין געמיינהייט וואָס קאַליגולאַ האָט געטאָן,

אַז דאָס געזינדל פון חניפהניקעס זאָל דעפאַר ניט לויבן און רימען זיין נאָמען.

אויף די גרעסטע פאַרברעכנס זיינע האָבן זיי געפונען אַ זכות.

ווען ער האָט פאַרמשפט צום טויט דאָס אייניקל פונעם אַלטן צעזאַר טיבעריוס, וואָס האָט אינאיינעם מיט אים געדאַרפט טיילן די מלוכה, האָט מען געזאָגט, אַז ס'איז גוט אַזוי, אַז ער האָט דאָס אוודאי געטאָן אין די אינטערעסן פון דער רוימישער אימפּעריע, וואָרעם ווען צוויי מענטשן האָבן די מאַכט, געפינען זיך אַמאָל אין לאַנד אַזעלכע, וואָס האַלטן מיט איינעם, און אויך אַזעלכע וואָס האַלטן מיטן צווייטן; און דאָס ברענגט געוויינלעך צו אַ קריג צווישן די בירגער פון לאַנד, און דאַן קענען זיך נאָך די שונאים פון דרויסן באַנוצן דערמיט און פאַרפירן אַ מלחמה, וואָס וועט שטעלן דאָס פאָטערלאַנד אין אַ סכנה.

ווען קאַליגולאַ האָט פאַרמשפט צום טויט זיין עלטסטן ראַט־געבער מאַקראָן, וועלכער האָט אים געהאָלפן אַרויף אויפן טראָן, האָט מען געזאָגט, אַז אַזוי האָט ער אוודאי געמוזט טאָן, ווייל מאַקראָ האָט זיך שוין צו פיל איבערגענומען, געריידט צום קיסר ווי אַן עלטערער צו אַ אינגערן, און אין די אינטערעסן פון דער מלוכה האָט מען אַזאַ מענטשן געדאַרפט ברענגען פאַר אַ קרבן.

און ווען קאַליגולאַ האָט זיין אייגענעם שווער סילאַנוס פאַר־משפט צום טויט, האָט מען אים אין דעם אויך געגעבן גערעכט; מ'האָט געזאָגט, אַז דער אַלטער האָט דעם צעזאַר צו פיל דעות געזאָגט, זיך צו פיל אין דער מלוכה געמישט, און דאָס האָט אוודאי ניט געפּאַסט, און ס'איז געווען בעסער פאַר דער מלוכה, וואָס מ'האָט אים פון וועג אַפּגערעמט.

אין די קנאַפּע פיר יאָר, וואָס קאַיום קאַליגולאַ איז אויפן טראָן געזעסן, איז גאָרניט געווען קיין שיעור און קיין ערך צו די פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען, און פאַר אַלץ האָבן די חניפהניקעס אים געלויבט און גערימט און געזונגען שבחים צו אים. און די העכסטע מדרגה פון חניפה און פאַלשקייט האָבן זיי דערגרייכט דאַן, ווען ער האָט זיך מיט אַמאָל איינגערעדט, אַז ער איז גאָרניט קיין שטערבלעכער, אַזוי ווי אַלע אַנדערע מענטשן, נאָר אַ גאָט . . .

עס האָט זיך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל האָבן דעם מוט אים צו זאָגן, אַז דאָס איז אומזין. פאַרקערט, זיי האָבן געמאַכט

דעם אַנשטעל, אַז זיי גלויבן טאַקע אין דעם, און זיי האָבן זיך פאַר אים געבוקט ווי פאַר אַ גאָט.

און אַזוי איז געווען ניט נאָר אין הויף, ניט נאָר אין רוים, נאָר אין די אַלע שטעט פון די לענדער וואָס זענען אונטערן שוץ פון דער רוימישער אימפּעריע געשטאַנען. אומעטום האָט מען דעם משוגענעם צעזאָר געהנפעט און אומעטום האָט מען אין די טעמפּ־לען זיינע סטאַטועס אַוועקגעשטעלט.

די איינציקע, וואָס האָבן קאַליגולאַן ניט אָנערקענט אַלס אַ גאָט און ניט געוואָלט אַריינגעמען די סטאַטועס פון זיין געשטאַלט אין זייערע טעמפּלען, זענען געווען די אידן. דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, און דאַן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פּובּ־ליוס פּעטראָניוס, דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר אין סיריען, אַז ער זאָל צונויפנעמען אַ סך חיילות און אַריינקומען קיין ירושלים, און דאָרט זאָל ער אַריינשטעלן אַן אויסגעהאַקטע סטאַטוע פון זיין געשטאַלט אינעם בית המקדש. אינעם באַפעל איז אויך געשטאַנען, אַז אויב די אידן וועלן זיך שטעלן אַנטקעגן און וועלן ניט לאָזן אַריינשטעלן די סטאַטוע פונעם צעזאָר אין זייער הייליקן טעמפּל און דינען צו אים ווי צו אַ גאָט, זאָל מען אָנהויבן אַ מלחמה קעגן זיי און ניט אויפהערן ביז זיי וועלן זיך אונטערגעבן.

עס האָבן זיך אומגעקערט צוריק די ביטערע צייטן פון אַנטיו־כוס עפּיפאַנעס. און דאָס מאָל איז דער אונטערדריקער געווען ניט קיין גריך, נאָר אַ רוימער, און פּונקט ווי דער ערשטער, האָט ער אויך געוואָלט צווינגען די אידן זיי זאָלן אויפגעבן זייער גלויבן און אויפהערן צו זיין אַ פאָלק.

דער פּראָקוראַטאָר פּעטראָניוס איז אָבער געווען אַ גוטער מענטש מיט איידעלע געפילן און ער איז אויך געווען אַ פריינד פון אידן. דעם צעזאָרס באַפעל איז אים גאָרניט געווען צום האַרצן, און ער האָט גוט געוואוסט צו וואָס דאָס קען פירן. אָבער ער האָט דאָך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווייל ניט פאָלגן קאַ־ליגולאַס אַ באַפעל האָט געמיינט איינשטעלן דאָס לעבן.

פלאַוויוס דערציילט, אַז אַריינגעקומען קיין יהודה איז פּעט־ראָניוס מיט צוויי רוימישע לעגיאָנען און מיט נאָך זייער אַ סך חייל, וואָס איז באַשטאַנען פון געדונגענע זעלנער. און אַזוי ווי אַ רוימישער לעגיאָן אין יענער צייט איז באַשטאַנען פון פיר טויזנט ביז זעקס טויזנט מאַן, איז אויב מ'זאָל אָננעמען, אַז דאָס געדונגענע חייל איז געווען ניט קלענער אין צאָל, קומט אויס, אַז

די רוימישע ארמיי, וואס האט ארייננעמארשירט קיין יהודה ארייצושטעלן די סטאטוע פונעם משוגענעם צעזאר אינעם בית המקדש, איז אוודאי באשטאנען פון איבער צוואנציק טויזנט מאן, פוסגייער און רייטער, און דאס איז אין יענער צייט געווען זייער א גרויסע ארמיי.

אז פעטראניוס האט ניט געהאט קיין חשק די אומאנגענעמע שליחות דורכצופירן — דאס איז קלאר פון דעם, וואס אלע היס־טאריקער פון יענער צייט גיבן איבער; ער האט זיך ניט געאיילט, און אלע מאל האט ער געפונען אן אנדער תירוץ דאס אפצולייגן. עס איז אויך קלאר, אז ער האט זיך וועגן דעם באראטן מיט אג־ריפאן און דער אידישער קעניג האט אים געגעבן עצות ווי אזוי זיך פון דעם ארויסצודרייען. עס ווערט דערציילט, אז ביידע האבן זיך דאן אין דער שטאט טבריה געטראפן און לאנג גערעדט וועגן דעם וואס מען דארף טאן.

ווען פעטראניוס איז אנגעקומען אין דער שטאט עכו, האט ער דערזען אזוינס, וואס זיינע אויגן האבן פריער קיין מאל ניט געזען:

פון אלע וועגן און שטעגן האבן זיך אין לאנגע רייען געצויגן אידן; זיי זענען געקומען מיט זייערע ווייבער און קינדער פון די שטעט און דערפער, וואו זיי האבן געוואוינט; אין די טויזנטער און טויזנטער זענען זיי געקומען; די גאנצע שטאט איז געווען פול מיט זיי, און ס׳איז אין ערגעץ מער קיין ליידיק פלאץ ניט געבליבן, און דאן האבן זיי זיך צעטיילט אין זעקס כיתות, וואס האבן זיך אין צוויי זייטן אויסגעשטעלט: אין איין זייט זענען געשטאנען די עלטערע מאנספארשוינען, און לעבן זיי — בחורים און איינג־לעך. און פון דער אנדערער זייט זענען געשטאנען די עלטערע ווייבער, און לעבן זיי — די דערוואקסענע מיידלעך און די קליינע מיידלעך; און ווען פעטראניוס איז ארויסגעקומען צו זיי, האבן זיי אלע פארלייגט די הענט אויף די רוקנס און מיט לאנגזאמע און גע־מאסטענע טריט און מיט געבויגענע קעפ האבן זיי זיך געלאזט גיין צו אים. און דאן האט איינער פון די עלטערע לייט אויפגע־הויבן זיין קול, און ווענדנדיק זיך צום פראקוראטאר, האט ער געזאגט:

„פעטראניוס, שלעכטע מענטשן האבן אויף אונדז א בלבול געמאכט, אז מיר זענען געקומען אהער זיך שלאגן, אבער דו זעסט דאך, אז מיר זענען ניט געקומען אהער מיט קיין געווער. אויף צו שלאגן זיך מיט אנדערע האט גאט געגעבן דעם מענטשן הענט, און

ווי דו זעסט, האָבן מיר די הענט אויף אונדזערע רוקנס פאַרלייגט. און דאָס איז אַ צייכן, אַז מיר האָבן אַפילו נים געטראַכט וועגן מלחמה".

אַזוי האָט דער אַלטער אָנגעהויבן, און אַלע אַרום זענען געשטאַנען שטיל און האָבן געהערט. אויך פעטראָניוס האָט געהערט. און דער אַלטער האָט ווייטער גערעדט:

„מיר האָבן פאַרלאָזט אונדזערע שטעט און אונדזערע היי־זער, און מיר זענען אַלע געקומען אַהער מיט אונדזערע ווייבער און קינדער, און מיר זאָגן דיר, פעטראָניוס, מיטן גאַנצן האַרצן וועלן מיר אוועקגעבן פאַר די אוצרות פון דער מלוכה אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, און מיר וועלן דערפאַר אַפילו קיין דאַנק נים פאַר־לאַנגען. אָבער איין זאַך בעטן מיר דיך, און דאָס איז, אַז מ'זאָל נים פאַרשוועכן אונדזער הייליקן טעמפּל און אונדז לאָזן אָפּהיטן די געזעצן פון אונדזער תורה און דעם גלויבן פון אונדזערע אָבות. און אויב דו וועסט זיך צו אונדזער געבעט נים צוהערן, וועלן מיר זיך דאָ אַלע לאָזן אויסשעכטן. בלויז דאַן וועסטו אונדזער הייליקן טעמפּל קענען פאַרשוועכן. לעבעדיקערהייט וועלן מיר דאָס נים לאָזן!"

אויף פעטראָניוסן האָבן די רייד פון דעם אַלטן שטאַרק גע־ווירקט. דאָס גאַנצע בילד וואָס ער האָט פאַר זיינע אויגן געזען, האָט אויף אים אַ טיפן איינדרוק געמאַכט; ער האָט נים געקענט אָפּרייסן די בליקן פון די טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, האַלטנדיק די הענט פאַרלייגט אויף די רוקנס, און ווענדנדיק זיך צו זיי האָט ער געזאָגט:

„ווען איך וואָלט געווען דער קיסר און וואָלט געקאָנט טאָן וואָס איך וויל, וואָלט איך אוודאי איינגעזען, אַז איר זענט גערעכט. אָבער געדענקט אַז איך בין בלויז אַ שליח; געשיקט אַהער צו אייך האָט מיך דער צעזאַר, און איך מוז זיין באַפעל דורכפירן, אויב נים, וועט ער מיך אומברענגען".

אַזוי, דערציילט פלאַוויוס, האָט פעטראָניוס געזאָגט צו די אידן, און פון דעם איז קלאָר ווי טיף גערירט ער איז געווען פון דעם וואָס ער האָט דאַן געהערט און געזען. בלויז דערמיט קען מען דערקלערן וואָס ער איז גלייך מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי אָפּנ־האַרציק.

די אידן האָבן אים פאַרשטאַנען; זיי האָבן גלייך געזען, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קיין פאַנטויום פּילאַטוס, נאָר מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט אַ האַרץ וואָס פילט, און זיי האָבן צו אים אָנגעהויבן רעדן נאָך ווייכער ווי פריער; זיי האָבן אים באַוויזן ווי זיי זענען שטענדיק געווען דאַנקבאַר דער רוימישער מאַכט דערפאַר, וואָס זי האָט אויף זיי קיין מאָל קיין פרעמדן גלויבן ניט אַרויפגעצוואונגען, און זיי געלאָזט אָפּהיטן זייער תורה און זייערע געזעצן; זיי האָבן אים אויך געזאָגט, אַז אויב ער מוז פאָלגן דעם באַפעל פונעם קיסר, מוזן זיי פאָלגן די באַפעלן פון גאָט, און אַז ער, פּעטראָניוס אַליין, וועט דאָך צוגעבן אַז גאָט שטייט העכער פונעם קיסר.

אין זיין ווערק וועגן קאַיוס קאַליגולאַ דערציילט פילאָן, אַז ביי דער באַגעגעניש צווישן די אידן און פּעטראָניוסן אין דער שטאָט עכו, זענען ביי אַ סך פון זיינע ראַטגעבער געשטאַנען טרערן אין די אויגן, און מ'האָט געקענט זען ווי זיי באַטייליקן זיך אין דעם גרויסן צער פון דעם אָרעמען פאָלק. דאָס איז געווען אַ בילד, וואָס האָט זיך ביי אַלע שלוחים פון רוים טיף אין מוח איינגעקריצט. אַלע מאָל, ווען דער זקן, וואָס איז אַקעגן פּעטראָניוסן געשטאַנען, האָט געענדיקט זיינע רייד, האָבן זיך פון אַלע זייטן געהערט אויסרופן:

— זאָל מען אונדז אַלע אויסשעכטן!

— זאָל מען אונדז אַלע אויסהרגענען!

— דאָס בית המקדש וועלן מיר ניט לאָזן פאַרשווועכן!

— מיר וועלן ניט פעלשן אונדזער גלויבן!

אויך דאָן, ווען פּעטראָניוס איז קיין טבריה אָנגעקומען און זיך דאָרט מיטן אידישן קעניג אַגריפּאַ באַגעגנט, האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט, און נאָך מיט מער שטאַרקייט, מיט מער עקשנות. אויך אַהין זענען טויזנטער און טויזנטער אידן אָנגעקומען, מיט זייערע ווייבער און קינדער, און זיי האָבן געבעטן פּעטראָניוסן, ער זאָל זען, אַז דער צעזאַר זאָל די גזירה צוריקרופן. דאָס גאַנצע פאָלק איז ווי איין מענטש אויפגעשטאַנען קעגן דעם; די צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך מערסטנטייל אַרומגעריסן צווישן זיך, די צדוקים און די פרושים, האָבן זיך פאַראייניקט, אַפילו די גרויסע הורדוס־משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרגריכישטע אידן, איז צוגעשטאַנען צו די וואָס זענען געווען גרייט זייערע לעבנס אַוועקצוגעבן פאַר זייער גלויבן און פאַר זייער פאָלק. און ווען פּעטראָניוס האָט דאָס דערזען און ער האָט געפרעגט ביי די אידן צי זיי זענען

גרייט צו אַ מלחמה קעגן צעזאַר, האָבן אים די אידן געענטפערט:
„מיר גרייטן זיך ניט צו קיין מלחמה, מיר זענען אָבער גרייט צו שטאַרבן פאַר אונדזער גלויבן!"

און זאָגנדיק דאָס, האָבן זיי זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, און אויסשטרעקנדיק די העלדזער האָבן זיי געשריען, אַז זיי וועלן זיך לאָזן אויסשעכטן און אַז בלויז דאַן, ווען דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיין טויט, וועט מען קענען אַריינשטעלן דאָס געשטאַלט פונעם צעזאַר אינעם הייליקן טעמפּל פון ירושלים.

דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער פּאַסיווער ווידערשטאַנד, וואָס אַ פאָלק האָט אַרויסגעוויזן. און וואָס אַ מאָל איז די צאָל פון די, וואָס זענען קיין טבריה אָנגעקומען, געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער; פון אַלע ווייטע און נאָענטע שטעט און דערפער האָט מען אַהין געשטראָמט, און פערציק טעג נאָכאַנאַנד זענען זיי אַזוי אין די גאַסן אויף דער ערד געלעגן, און אַלע האָבן געהאַלטן די העלדזער אויסגעשטרעקט און זענען געווען גרייט מ'זאָל זיי אויס־שעכטן.

אַ גאַנץ פאָלק איז געווען גרייט צו גיין אויף קידוש השם, זיך לאָזן אומברענגען פאַר אַ גלויבן. און דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס מ'האָט נאָך ביז דאַן ביי קיין אַנדער פאָלק ניט געזען.

ווי שטאַרק דאָס האָט געווירקט אויף פּעטראָניוסן קען מען זיך פאָרשטעלן פון דעם, וואָס ער האָט נאָך דעם פאַררופן צו זיך די עלטסטע פון די אידן און האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט גע־פינען מיטלען ווי אַזוי די גזירה אָפּצושטויסן, און דערביי האָט ער צו זיי גערעדט אַזעלכע רייד, וואָס האָבן אים זייער הויך אויפגע־הויבן אין זייערע אויגן. ער האָט, דערציילט פלאַוויוס, צו זיי געזאָגט:

„אויב קאַיוסן (קאַליגולאַן) וועט דאָס פאַרדריסן און ער וועט אויף מיר אויסגיסן זיין ווילדן צאָרן, וועל איך זיך בעסער שטעלן אין אַ סכנה און נעמען אויף זיך אַלץ, וואָס ס'וועט קומען אויף מיין גוף און אויף מיין נשמה, איידער זען ווי אַזוי פיל פון אייך ווערן אומגעבראַכט אין דער צייט ווען איר האַנדלט אַזוי שיין און איידל. און איך בעט אייך, קערט זיך אום צוריק צו אייערע היי־מען און צו אייערע באַשעפטיקונגען, באַאַרבעט די ערד, און איך אַליין וועל מיט אַ שליח צושיקן אַ צושריפט קיין רוים, און אין איינעם מיט מיינע פריינד וועל איך אייך דינען אין אַלץ".*)

*) קדמוניות היהודים, בוך 18, קאַפּ. 8. זע אויך: מלחמות, ב, ו, ה.

און פעטראָניוס האָט געהאַלטן זיין צוזאָג. מיט זיין גוט הארץ און מיט זיין אויסגערעכנטקייט האָט ער פאַר די אידן אויפגעטאָן זייער אַ סך. און מ'קען זאָגן, אַז ווען ניט ער, וואָלטן דאַן אין ארץ ישראל פאַרגאָסן געוואָרן טייכן אידיש בלוט.

ווייל פעטראָניוס האָט געוואוסט, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן צו רעדן צו קאַליגולאַן וועגן מענטשלעכע געפילן און פּרואוון אַרויסרופן ביי אים רחמנות, האָט ער אין דעם צושריפט, וואָס ער האָט מיט אַ שליח קיין רוים צוגעשיקט, אָנגערירט גאָר אַן אַנדער פּונקט; ער האָט דאָרט געשילדערט דעם אויסערגעוויינלעכן פּאַסיון ווידערשטאַנד, וואָס די אידן ווייזן אַרויס; ער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אויב מ'וועט דעם באַפעל דורכפירן, וועט מען מוזן אומברענגען טויזנטער און טויזנטער מענטשן; דערביי האָט ער אָנגעוויזן דערויף, אַז אויב מ'וועט דאָס טאָן, וועט די רוימישע אימפּעריע דערפון האָבן אַ גרויסן שאָדן; עס וועט ניט זיין ביי וועמען די שטייערן אויפצומאָנען, ווייל שוין איצט, נאָך איידער מ'האָט די גזירה אָנגעהויבן דורכפירן, זענען די אידן אַיבער דעם אַזוי צערודערט, אַז דאָס גאַנצע לעבן אין לאַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, מענטשן האָבן אויפגעגעבן אַלע זייערע אַרבעטן, קיינעם ליגט ניט אין זינען צו טאָן עפּעס און דאָ איז שוין די צייט פון שניט, די תבואה אויף די פעלדער איז פאַרטיק און קיינער נעמט זי ניט אַראָפּ און באַלד וועלן זיך אָנהויבן די רעגנס און די תבואה וועט אינגאַנצן פאַרפוילט ווערן.

ער איז געווען זייער פּראַקטיש פעטראָניוס. אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט אינעם צושריפט געפּרואווט באַווייזן דעם משוגענעם קיסר, אַז די גזירה וועט ברענגען אַ סך שאָדן דער מלוכה, האָט ער אויך געשריבן, אַז ער האָט דאָס דערווייל בלויז אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ווייל ער וויל, אַז די אידן אין לאַנד זאָלן זיך בארואיקן און אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער; דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז מיט דעם איז ער פריער פון אַלץ אויסן די טובה פון דער רוימישער מאַכט, וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די שטייערן פון די תבואות, און ניט די טובה פון די אידן, אויף וועמען ער האָט ווירקלעך גרויס רחמנות. און כדי צו האָבן כאָטש אַ שטיקל האָפענונג, אַז ביי קאַליגולאַן וועט זיך ניט אָנצינדן דער צאָרן פאַר וואָס מ'האָט נאָך ביז איצט זיין באַפעל ניט דורכגעפירט, האָט ער צום שלום דערמאָנט, אַז ער מאַכט שוין אַלע צוגרייטונגען דעם באַפעל דורכצופירן און אַז ער האָט

שוין באַשטעלט אַ גרויסע סטאַטוע פונעם צעזאַר ביי די מייסטערס פון צידון.

דאָס איז טיילווייז געווען אמת אויך; פעטראָניוס האָט שוין טאַקע געהאַט באַשטעלט אַזאַ סטאַטוע אין צידון, אָבער ער האָט די מייסטערס אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך מיט דער אַרבעט ניט איילן. און דאָס איז געווען גוט אויסגערעכנט, ווייל אין דער זעלבער צייט וואָס מ'האָט געטאָן אַלעס צו געווינען צייט, איז דער קעניג אַגריפּאַ אַוועקגעפאָרן קיין רוים און ער האָט שוין גע־האַט זיינע אייגענע פּלענער ווי אַזוי אויסצונוצן זיין פריינדשאַפט מיט קאַליגולאַן און ווירקן אויף אים אַזוי, אַז ער זאָל די גזירה צוריקרופן.

דאָס וואָס ס'ווערט דערציילט ביי פילאָנען וועגן אַגריפּאַס ראָלע אין יענע געשעענישן, שטימט ניט אין איינציקע פּרטים מיט דעם וואָס ס'ווערט דערציילט ביי פלאַוויוסן; לויט פילאָנען קומט אויס, אַז אַגריפּאַ האָט זיך ערשט אין רוים דערוואוסט וועגן דער גזירה, און לויט פלאַוויוסן קומט אויס, אַז ער האָט וועגן דעם גע־וואוסט נאָך פריער און אַז דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן פאַר וואָס ער איז אין אַזאַ אייליניש אַוועק קיין רוים. עס איז אָבער פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז פילאָן האָט דאָ עפּעס גע־דאַרפט פאַרשטעלן וועגן דער ראָלע, וואָס אַגריפּאַ האָט געשפּילט דערביי, און דאָס איז אַוודאי געווען צוליב געוויסע אומשטענדן אין יענער צייט. נישט אַלץ האָט מען דאַן געקענט אויפדעקן, ווייל אויב אימעצער איז אַמאָל געווען אין אַ פאַרלעגנהייט אי־בער דעם וואָס ער מוז דאָך טראָגן אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו אַ הערשער, וואָס איז אַ שונא פון זיין פאָלק, איז דאָס געווען אַגריפּאַ. ניט אַלץ, וואָס דער אידישער קעניג האָט געטאָן אויס־צומיידן אַן אומגליק, האָט מען דאַן געקענט דערציילן. פלאַוויוס אָבער, וועלכער האָט זיינע ווערק געשריבן אַ סך שפּעטער, שוין נאָכן חורבן פון בית המקדש, האָט ניט געדאַרפט פאַרשטעלן דאָס וואָס פילאָן האָט געמוזט, און ער האָט אַגריפּאַס ראָלע געשילדערט אַ סך קלאָרער, און דאָס שטימט מער מיט דער ווירקלעכקייט, ווען מ'נעמט אין אַכט די צייט פון די געשעענישן אין עכו און אין טבריה מיט דער צייט ווען אַגריפּאַ האָט געמאַכט די רייזע קיין רוים. עס איז דעריבער זיכער, אַז גראָד אין דעם פּרט קען מען זיך מער פאַרלאָזן אויף פלאַוויוסן ווי אויף פילאָנען, אָבער מיר וועלן זיך דאָ דאָך באַנוצן מיט דעם וואָס ביידע דערציילן.

אין רוים האָט קאַליגולאַ דעם אידישן קעניג זייער וואַרעם אויפגענומען, אָבער דער אידישער קעניג איז געווען זייער פאַר־זיכטיק און ער האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש גאָרניט גע־רעדט וועגן דער גזירה אויף אידן. ער איז נאָך ניט געווען אין גאַנצן זיכער אין דעם צי קאַליגולאַ וועט אים אויסהערן, און דעריבער האָט ער באַשלאָסן אַז ער וועט אים בעסער צושיקן אַ בריוו וועגן דעם. בלויז אויף אַזאַ שטייגער, האָט ער גערעכנט, וועט ער קענען אויסדריקן אַלץ, וואָס ער וויל, און געפילט האָט ער, אַז איצט מוז ער דעם יונגן הערשער פון דער רוימישער אימ־פעריע זאָגן אַ סך, זייער אַ סך.

דער בריוו, וואָס דער אידישער קעניג האָט דאַן געשריבן דעם רוימישן צעזאַר, איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע היס־טאָרישע דאָקומענטן פון יענער צייט; ס׳איז אין אים דאָ אַ סך חכמה און אויך אַ סך מוט, כאָטש דאָ און דאָרט ווערט דער מוט צוגעדעקט מיט העפלעכקייט און אַמאָל אויך מיט אַ טאָן פון אונטערטעניקייט. ס׳איז אַ לאַנגער בריוו, וואָס מ׳דאַרף איבער־לייענען מיט גרוים אויפמערקזאַמקייט, ווייל יעדער וואָרט איז אויסגערעכנט צו טרעפן פונקט דאָרט וואו מ׳דאַרף און מאַכן דעם איינדרוק, וואָס איז נויטיק צו מאַכן. מיר וועלן דעריבער דעם בריוו דאָ איבערגעבן וואָרט אין וואָרט, ווי פילאָן האָט אים פאַר־שריבן אין זיין ווערק „המלאכות אל קאיום“:

„האַר, שרעק און אַכטונג האָבן מיך אָפּגעהאַלטן פון קומען צו דיר מיט אַ געבעט. די שרעק איז געקומען פון דעם, וואָס דו ביזט מעכטיק, און די אַכטונג — פון דעם, וואָס דו ביזט גרוים און דער־הויבן. און דערפאַר שיק איך דיר צו מיין געבעט אין שריפט אַנ־שטאָט צו קומען אַליין צו דיר.

„גרויסער הערשער! דו ווייסט, אַז אין האַרצן פון יעדן מענטשן איז טיף איינגעוואָרצלט אַ ליבע צו זיין פאָטערלאַנד און אויך אַכטונג צו די געזעצן פון זיינע אָבות; דיך דאַרף איך דאָס ניט לערנען, מחמת דו אַליין האָסט ליב דיין פאָטערלאַנד מיטן גאַנצן האַרצן און דו האָסט אויך ליב די געזעצן פון דיינע אָבות. ביי אַלע מענטשן אין די אויגן זענען די געזעצן פון זייער לאַנד די בעסטע אין דער וועלט, אַפילו ווען דער אמת איז, אַז זיי זענען ניט די בעסטע, וואָרן דער שטייגער איז אין אַזאַ פאַל צו אורטיילן ניט נאָר לויטן פאַרשטאַנד, נאָר לויטן געפיל פון ליבשאַפט, וואָס

איז ביי זיי איינגעוואָרצלט אין הארצן, און דאָס שטייט העכער פונעם פאַרשטאַנד.

„איך, ווי דו ווייסט, בין אַ איד פון מיין געבוירן. און מיין געבורטס-שטאָט איז ירושלים וואו דער טעמפּל צו גאָט דעם אויבערשטן שטייט הויך דערהויבן. מיינע עלטערן און אויך מיינע עלטערנס עלטערן זענען געווען קעניגן. אויך אַזעלכע, וואָס מ'האָט גערופן כהנים גדולים זענען צווישן זיי געווען, און אין זייערע אויגן איז די קרוין פון דער כהונה געשטאַנען העכער פון דער קרוין פון דער מלוכה, מחמת זיי האָבן געגלויבט, אַז אַזוי ווי גאָט שטייט העכער פון אַ מענטשן, אַזוי שטייט די כהונה העכער פון דער מלוכה. כהונה איז געטלעכע דינסט און מלוכה מיינט אכטונג געבן אויף די מעשים פון מענטשן.

„און ווייל דאָס פאָלק, אין וועמעס נאָמען איך רעד, איז מיינס, און די געבורטס-שטאָט און דער הייליקער טעמפּל וואָס איך האָב דערמאָנט, זענען אויסגעפאַלן אויף מיין חלק, בעט איך רחמים אויף זיי.

„אויפן פאָלק זאָלסטו זיך דערבאַרעמען, כדי זיי זאָלן אויף דיר ניט טראַכטן אַזוינס, וואָס איז ניט אמת, וואָרן פון אייביק אָן האָבן זיי געהאַט אַ גוט האַרץ אויף דעם הויזגעזינד, פון וועלכן דו שטאַמסט און זיי זענען געווען געטריי און ערלעך דער אויגוסטוס-משפחה, און ווייל דאָס אָפּגעבן כבוד דעם הויזגעזינד פון אויגוסטוס איז רעכט לויט אונדזערע געזעצן, איז אונדזער פאָלק אין דעם אוודאי ניט אָראָפּגעפאַלן פון די אַלע אַנדערע פעלקער אין אַזיע און אייראָפּע, ווען ס'איז געקומען צוביישטייערונגען, צו געשאַנקען פון הייליקע כלים און צו קרבנות, וואָס מ'איז מקריב אין הייליקן טעמפּל יעדן טאָג.

„פון דעם קען מען זען, אַז ניט נאָר אין דער אָפן, מיט מויל און ליפּן, דריקן די אידן אויס זייער געטריישאַפט צו די קיסרים פון רוים, נאָר זיי פילן דאָס אויך אין די פאַרבאָרגענישן פון זייערע הערצער, אויב אַפילו זיי שרייען דאָס ניט אויס אויפן קול.

„אויך וועגן דער הייליקער שטאָט וויל איך רעדן אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר איר. ס'איז מיין געבורט-שטאָט, און זי איז די הויפּטשטאָט ניט נאָר פון יהודה אַליין, נאָר אויך פון נאָך אַ סך אַנדערע לענדער, וואָרן אָפט קלייבן זיך פון איר אַ סך מענטשן אַריבער אין די לענדער, וואָס געפינען זיך ניט ווייט, ווי למשל: קיין מצרים, קיין פיניציע, קיין סיריע און אין די אַנדערע נאָענטע

ערטער. אויך אין די ווייטע לענדער קלייבן זיך אריין אידן, ווי למשל: קיין פאמפיליא, קיין קיליקיא און אין אנדערע ערטער אין אזיע, ביז ביטיניא און ביז די פארווארפענע ווינקלען אין פאנטוס (די איצטיקע קרים), און אויך קיין איראפע, ווי למשל: קיין טי־סאליא, קיין ביאטיא, קיין מאצעדאניע, קיין איטאליא, קיין אטיקא קיין אגרוס, קיין קארינטוס און צו די טיילן פון פעלאפאנעסוס, וואס זענען גרויס אין צאל און וואס זייער נאמען גייט ווייט.

„און ניט נאר אין די לענדער, וואס אויף דער יבשה זענען פאראן א סך אידן, נאר אויך אויף די אינדזלען, וואס זענען בא־רימט, ווי למשל: יובעא, קפריסין (איצטיקע סאיפראס) און כפתור (איצטיקע קריט), שוין ניט רעדנדיק פון די לענדער, וואס געפינען זיך אויף דער אנדערער זייט פונעם טייך פרת (יעפרא־טעס). אין די אלע ערטער — מיט א קליינעם אויסנאם — וואוי־נען אידן, ווי אין בבל און אין די אלע שטעט פון די לענדער, וואו די ערד ארום און ארום איז א פרוכטבארע. און ווייל ס'איז אזוי, איז ווען דו ועסט ארויסווייזן גנאד צו מיין פאטערלאנד, וועסטו דערמיט טאן גוטס ניט נאר צו איין שטאט, נאר צו צענדליקער אנדערע שטעט, וואס געפינען זיך אומעטום, אין איראפע, אין אזיע און אין לוב (איצטיקע ליביע), סיי אין די מדינות פון דער יבשה און סיי אויף די אינדזלען, ביי די ברעגן פון די ימים און ווייט אויפן לאנד. און ס'פאסט זיך צו דיין גרויסקייט ארויסצו־ווייזן גנאד צו איין שטאט און מיט דעם טאן גוטס צו צענדליקער אנדערע שטעט, פונוועגן דעם, אז דיין נאמען זאל זיין געלויבט און מ'זאל פון דיין כבוד וועגן זינגען א לויב אומעטום.

„ס'איז דיר וואוילגעפעלן צו גיבן צו גאנצע מדינות דאס רעכט פון רוימישע אלט־געזעסענע, צוליב דעם וואס אייניקע פון דיינע פריינד קומען פון יענע לענדער. די וואס זענען פריער געווען קנעכט, האבן זיך דערהויבן צו זיין הערשער איבער יענעם. אבער נאך מער פון די, וואס ווערן באגליקט פון דיין גרויסן גנאד, אדער ניט ווייניקער ווי זיי, פרייען זיך דערמיט יענע, וואס האבן ביי דיר ארויסגערופן אזוי פיל גנאד. און אויך איך בין פון די מענטשן, וואס ווייסן, אז זיי האבן א האר און א הערשער. אבער איך ווייס אויך, אז מיין ארט איז צווישן דיינע פריינד און אז איך שטיי ניט נידעריקער פון זיי און אז אין מיין פריינדשאפט צו דיר קען איך זיך מיט זיי פארגלייכן, אויב איך בין אין דעם ניט דער ערשטער אין דער ריי. און כאטש דו האסט מיך הויך דערהויבן מיט דיין

גרויס גנאָד און איך וואָלט זיך געקענט אָננעמען מיט מוט און בעטן פאַר מיין פאָטערלאַנד, אַז דו זאָלסט עס אינגאַנצן מאַכן פריי, אָדער אַראָפּנעמען די צינזן און אפשר אויך גיבן דאָס רעכט פון רוימישע געבירטיקע, בין איך דאָך צו דיר קיין מאָל מיט אַזאַ בקשה ניט געקומען. איין זאַך אָבער בעט איך ביי דיר, און דאָס איז, אַז דו זאָלסט זיין גנעדיק צו מיין פאָטערלאַנד. דער גנע־דיקער וועט דערפון ניט ליידן, און דער באַגנעדיקטער וועט פון דעם ווערן באַגליקט. קיין גרעסערער גליק ווי די לייטזעליקייט פון אַ הערשער איז ביי קיין אונטערטאַן גאָר נישטאָ.

„האר! ירושלים איז געווען די ערשטע שטאָט, וואָס אַהין האָט דערגרייכט די גוטע בשורה וועגן דיין אַרויפגיין אויפן טראָן, און פון דער הייליקער שטאָט האָט זיך די גוטע בשורה נאָך דעם צעשפּרייט איבער אַנדערע לענדער, און דערפאַר אַליין האָט אונד־זער לאַנד פאַרדינט צו זיין ביי דיר בילכער פון אַנדערע. וואָרן אַזוי ווי אין אַ הויזגעזינד איז דאָס עלטסטע קינד בילכער צוליב דעם, וואָס פון זיין מויל האָבן די עלטערן דאָס ערשטע מאָל דער־הערט ווי מ׳רופט זיי טאַטע און מאַמע, אַזוי האָט אונדזער שטאָט פאַרדינט צו זיין בילכער ביי דיר דערפאַר וואָס זי איז צווישן אַלע אַנדערע שטעט אין מזרח געווען די ערשטע דיך צו רופן מיטן נאָמען איינציקער הערשער, און דו דאַרפסט צו איר דעריבער אַרויסווייזן, אויב ניט מער, איז אַוודאי ניט ווייניקער גנאָד ווי צו אַנדערע שטעט.

„און איצט, נאָך דעם ווי איך האָב געגעבן דעם גרונט און געבראַכט פאַר דיר מיין געבעט וועגן מיין פאָטערלאַנד, וויל איך אויך ברענגען פאַר דיר מיין געבעט וועגן אונדזער הייליקן טעמפּל. אין דעם דאָזיקן טעמפּל, קאַיוס מיין האַר, איז קיין מאָל ניט אָוועקגעשטעלט געוואָרן קיין געשטאַלט, וואָס אַ מענטש קען מאַכן מיט דער האַנט, וואָרן ס׳איז פון אייביק אָן באַשטימט, אַז דאָרט זאָל רוען דער אמתער גאָט. די אויסגעמאָלטע, אויסגע־שניצטע, אָדער אויסגעהאַקטע געשטאַלטן, וואָס מענטשן קענען מאַכן מיט די הענט, זענען דאָך די אָפּבילדער פון די געטער, וואָס מ׳קען זען מיט די אויגן, און ביי מיינע עלטערן איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ זינד אויסצומאָלן, אָדער אויסצושניצן דאָס גע־שטאַלט פון אונדזער גאָט, וואָס מ׳קען מיט די אויגן ניט זען.

„ווען דיין זיידע אַגריפּאַ איז אָנגעקומען קיין ירושלים האָט ער אָנגעטאָן כבוד אונדזער הייליקן טעמפּל. אַזוי האָט אויך גע־

טאָן דער צעזאַר אויגוסטוס. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל די אידן גיבן דאָס רעכט צו שיקן אַהין זייערע באַשטימטעביישטייערונגען פון אַלע לענדער. ער האָט אויך געהייסן, אַז מ׳זאָל פון זיינע רייכטימער גיבן אויף קרבנות, וואָס מ׳ברענגט צו גאָט אין אונדזער טעמפל. אויך דיין באָבע האָט אַזוי געטאָן. און פון דעמאָלט אָן האָט קיין גריך און קיין געצנדינער, קיין האַר און קיין קעניג, קיין פריינד און קיין אונטערדריקער, קיין צעמי־שעניש און קיין מלחמה, קיין נצחון און קיין חורבן, אָדער קיין שום אַנדער געשעעניש ניט געבראַכט דערצו, אַז מ׳זאָל פאַרשוועכן אונדזער הייליקן טעמפל מיט אַריינשטעלן אַהין אָן אויסגעמאָלע־נע, אָן אויסגעשניצטע, אָדער אָן אויסגעהאַקטע געשטאַלט, וואָס אַ מענטש קען מאַכן מיט דער האַנט.

„און ווען ס׳האָבן זיך צווישן אונדזערע פיינד געפונען אַזעל־כע וואָס האָבן געהאַסט די איינוואוינער פון אונדזער לאַנד, האָט די ערפורכט און אויך די שרעק זיי דאָך אָפּגעהאַלטן פון טאָן אַזוינס ווי ברעכן אַ געזעץ פון די געזעצן, וואָס זענען שוין פון לאַנג אָן געמאַכט געוואָרן פאַרן כבוד פון דעם וואָס האָט די גאַנצע וועלט באַשאַפן און וואָס איז דער פאָטער פון אַלע באַשעפענישן. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב זיי וועלן טאָן אַזוינס, וועלן זיי דערמיט ברענגען אויף זיך גרויסע און שרעקלעכע אומגליקן ווי אַ שטראָף פון גאָט. און דערפאַר האָבן זיי זיך אָפּגעהאַלטן פון טאָן שלעכטס, וואָרן זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן פאַר דעם באַצאָלן טייער און זיי וועלן אינגאַנצן אָפּגעווישט ווערן פונעם פּנים פון דער ערד.

„אָבער צו וואָס זאָל איך ברענגען פאַר עדות פרעמדע, ווען איך קען ברענגען פאַר עדות אַזעלכע, וואָס זענען דיר זייער נאָענט? ווען אַגריפּאַ, דיין זיידע פון דער מוטערס צד, איז אָנגעקומען אין דעם לאַנד יהודה אין די צייטן ווען מיין זיידע הורדוס איז געווען קעניג, און ס׳איז דיין זיידן וואוילגעפעלן אָנצוקוקן אונדזער שטאָט ירושלים, איז ער פאַרגאַפט געוואָרן ווען ער האָט דערזען דעם הייליקן טעמפל, דעם פּראַכט פון די כהנים און די הייליקייט פון די איינוואוינער, און אין זיין האַרצן האָט זיך געשטאַרקט דער געפיל, אַז זיינע אויגן האָבן געזען אַזאַ שיינקייט און אַזאַ פּראַכט, וואָס קיין לויב אין דער וועלט איז ניט גענוג פאַר דעם, און צו די פריינד וואָס האָבן אים באַגלייט, האָט ער גערעדט נאָר גוטס וועגן דעם הייליקן טעמפל און וועגן אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געזען, און די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געוויילט אין אונדזער שטאָט,

צוליב זיין פריינדשאַפט צום קעניג הורדוס, האָט ער באַזוכט דעם הייליקן טעמפּל און געגאַפט פון דער געביידע, פון דעם ווי מ׳איז דאָרט מקריב קרבנות און פון דער גאָטעסדינסט, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן און פון דעם כהן גדול ווען ער איז אַרויסגעקומען אָנגע־טאָן אין זיינע שיינע קליידער. נאָך דעם האָט דיין זיידע געגעבן פאַרן הייליקן טעמפּל אַזעלכע מתנות, וואָס מ׳מעג נעמען לויט אונדזערע געזעצן, און פאַר די איינוואוינער פון אונדזער לאַנד האָט ער געמאַכט אייניקע פאַרלייכטערונגען, וואָס ברענגען ניט קיין שאָדן דער מלוכה פון רוים, און ער האָט געבענטשט דעם קעניג הורדוס, און דער קעניג הורדוס האָט אים געבענטשט און אויך מתנות אים געגעבן, און נאָך דעם האָט מען אים באַגלייט ביז צום ברעג פונעם ים, און ניט נאָר די איינוואוינער פון איין שטאָט זענען אַרויס אים צו באַגלייטן, נאָר אַלע איינוואוינער פון לאַנד זענען אים נאָכגעגאַנגען, און מ׳האָט געשפּרייט בלומען אויף זיין וועג און מ׳האָט אים געלויבט און געריממט פאַר זיין גוטסקייט.

„און דאָס זעלבע קען מען דאָך אויך זאָגן וועגן טיבעריוסן, דיין זיידן פונעם פאָטערס צד. אין די דריי און צוואַנציק יאָר, וואָס ער איז געזעסן אויפן טראָן, האָט ער אָפּגעהיט דעם סדר פון אונדזער גאָטעסדינסט אינעם הייליקן טעמפּל, ווי ס׳איז ביי אונדז איינגעפירט פון אייביק אָן, און ער האָט קיין זאַך ניט אָפּגעשאַפט און גאָרניט געענדערט.

„און רעדנדיק וועגן טיבעריוסן, דאַרף איך דערמאָנען נאָך אַ פאַל, וואָס באַווייזט זיין גרויסמוטיקייט, כאָטש ער האָט מיר ביי זיין לעבן אַ סך ליידן פאַרשאַפט: ער האָט פּילאַטוסן באַשטימט פאַרן פּראָקוראַטאָר איבער יהודה. און דאַן האָט פּילאַטוס אַוועק־געשטעלט אָפּגעגילדעטע טאָוולען אינעם קעניג הורדוסעס פּאַלאַץ, וואָס אין דער הייליקער שטאָט, און געטאָן האָט ער דאָס ניט פון טיבעריוסעס כבוד וועגן, נאָר כדי דערמיט ווייי צו טאָן דעם אידישן פאָלק. אויף די טאָוולען זענען ניט געווען קיין געשטאַלטן און קיין אַנדער זאַך, וואָס איז פאַרבאָטן, נאָר בלויז אַ פּאַסיקער אויפשריפט מיט צוויי נעמען, דער נאָמען פון דעם, וואָס האָט גע־געבן די מתנה און דער נאָמען פון דעם, לכבוד וועמען די מתנה איז געגעבן געוואָרן. אָבער ווען דאָס האָט דערגרייכט צו די אויערן פונעם פאָלק, האָבן זיי זיך געווענדט צו די פיר זין פונעם קעניג, וואָס זענען געווען געגליכן צו קעניגן לויט זייער געהויבענעם שטאַנד; אויך צו די אַנדערע פונעם קעניגס משפחה האָבן זיי זיך

געוועגדט, און צו די הארן פון פאלק און זיי האבן געבעטן, מ'זאל פארריכטן דעם פעלער, וואס מ'האט געמאכט מיט די באגילדעטע טאוולען, און מ'זאל זען ניט צו פארשוועכן די מנהגים פון זייערע אבות, וואס זענען אפגעהיט געווארן פון דור צו דור און וואס קיין קעניג און קיין קיסר האט ביז איצט נאך קיין מאל ניט פארשוועכט.

„פילאטוס איז אין זיין טבע געווען א גרויסער עקשן, א בעל גאווה, אן איינגעשפארטער מענטש, וואס גיט קיינעם ניט נאך, און ער האט זיך דעריבער ניט צוגעהערט צו דעם וואס מ'האט ביי אים געבעטן; ער האט געענטפערט מיט גראבקייט, אז ער וועט די באגילדעטע טאוולען ניט ארויסנעמען. אבער די אידן האבן צו אים געשריגן: „רוף ניט ארוים קיין צעמישעניש און ברענג ניט צו קיין קריג, און צעשטער ניט דעם שלום! מיט דעם וואס דו וועסט דא פארשוועכן אונדזערע אלטע געזעצן, וועסטו דעם קיסר קיין כבוד ניט פארשאפן. זאל דעם קיסרם כבוד ביי דיר ניט זיין קיין אויסרייד ווי צו טאן דעם אידישן פאלק. ס'איז ניט דער ווילן פונעם קיסר אפצושאפן אפילו קיין איין געזעץ פון אונדזערע געזעצן. און אויב דו וועסט זאגן, אז ס'איז ניט אזוי, איז ווייז אונדז א שריפטלעכן באפעל, וועלן מיר אויפהערן צו האבן תרעומות צו דיר און מיר וועלן שיקן שלוחים צום קיסר (קיין רוים) און אים בעטן, ער זאל צו אונדז זיין גנעדיק".

„דאס האט דעם פראקוראטאר פילאטוס שטארק פארדראסן, ווארן ער האט טאקע מורא געהאט, אז אויב די אידן וועלן שיקן שלוחים (קיין רוים), וועלן זיי דארט שוין אויך אויפדעקן די אנדערע מעשים זיינע, וואס ער האט געטאן ווי דער פראקוראטאר אין לאנד; זיי וועלן דערציילן ווי ער נעמט כאבאר, ווי ער בארויבט מענטשן, ווי ער באליידיקט, ווי ער פארגיסט אפט בלוט אן א דין און אן א משפט און ווי ער איז שרעקלעך גרויזאם.

„ער, דער מענטש, וואס איז אין זיין טבע געווען זייער א בייזער, איז געווען שטארק אין כעס און ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טאן, מחמת ס'איז אים ניט אנגעשטאנען ארויסצונעמען די באגילדעטע טאוולען נאך דעם ווי ער האט אליין זיי געהייסן אוועקשטעלן דארט. ער האט ניט געוואלט, אז ס'זאל הייסן, אז ער בויגט זיך פאר די הארן פונעם פאלק. און חוץ דעם האט ער נאך געוואוסט, אז דער קיסר טיבעריוס איז שטארק אין זיין ווילן ווען ס'קומט צו אזעלכע זאכן.

„פאַר די עלטסטע פונעם פאָלק איז דעמאָלט געווען קלאָר, אַז פילאַטוס האָט שוין חרטה דערויף וואָס ער האָט געטאָן, נאָר ער וויל דאָס ניט צוגעבן. האָבן זיי זיך געווענדט מיט אַ שריפטלעכער בקשה צו טיבעריוסן, און ווען טיבעריוס האָט זיך דערוואוסט וואָס פילאַטוס האָט געטאָן, איז זיין צאָרן געווען גרויס, כאָטש ער איז אין זיין טבע ניט געווען פון די, וואָס ווערן באַלד אין כעס. און וועגן דעם וואָס ס'איז ווייטער געשען, דאַרף מען לאַנג ניט דערציילן, וואָרן די מעשים אַליין זענען די בעסטע עדות דערויף: ניט אָפּלייגנדיק דאָס אויף מאָרגן, האָט דער קיסר טיבעריוס גלייך אַרויסגעשיקט אַ שריפטלעכן באַפעל און ער האָט פילאַטוסן געזאָגט האַרבע שטראָף-רייד דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער פאַר אים האָט ניט געטאָן; ער האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל גלייך אַרויסנעמען די באַגילדעטע טאָוולען און זיי איבערפירן פון ירושלים אין דער שטאָט קיסריה, וואָס שטייט ביים ברעג פונעם ים און וואָס ווערט אָנגערופן סעבאַסטיאַ אויפן נאָמען פון דיין זיידן, און מ'זאָל זיי אַוועקשטעלן אינעם טעמפל פון אויגוסטוסן. און אַזוי האָט מען געטאָן, און דערמיט האָט מען פאַרשאַפט כבוד דעם קיסר און אַרויסגעוויזן אַכטונג צו די אַלטע מנהגים פון אונדזער שטאָט.

***

„און דעמאָלט האָט זיך עס געהאַנדלט בלויז וועגן טאָוולען, וואָס אויף זיי איז ניט געווען קיין געשטאַלט; און איצט — אַן אויסגעהאַקט געשטאַלט, וואָס איז אַזוי ריזיק-גרויס! און נאָך מער: דעמאָלט האָט מען די טאָוולען אַוועקגעשטעלט אין דעם פּאַלאַץ, וואו די פּראָקוראַטאָרן האָבן געוואוינט. איצטער אָבער וויל מען אַוועקשטעלן דאָס אויסגעהאַקטע געשטאַלט אינעם קדשי-קדשים, וואוהין אַפילו דער כהן גדול אַליין קען אַריינקומען ניט מער ווי איין מאָל אין יאָר, און בלויז אין דעם טאָג, וואָס ווערט אָנגערופן דער טאָג פון פאַסטן, און ער קומט אַהין אַריין צו רויכערן ווייראויך און טאָן תפילה צו גאָט לויט די מנהגים פון אונדזערע אָבות, און ער בעט ביי גאָט אויף אַ גוטער שפע, אויף זעט און אויף שלום פאַר אַלע מענטשן.

„קיין אַנדער איד, אויב אַפילו ער קומט פון אַ משפחה פון כהנים, טאָר אינעם קדשי-קדשים ניט אַריינקומען — ניט נאָר אַליין, נאָר אַפילו ניט אינאיינעם מיטן כהן גדול. נאָך מער: ווען אַפילו דער כהן גדול אַליין וואָלט אַהין אַריינגעקומען אין צוויי

טעג פון יאָר, אָדער אפילו ווען ער וואָלט אין דעם איינעם טאָג (אין יום־כיפור) ארייננעקומען אהין דריי מאָל, אָדער פיר מאָל, וואָלט ער געווען חייב מיתה דערפאַר.

„דער וואָס האָט געשאַפן אונדזערע געזעצן האָט די הייליקייט פונעם קדשי־קדשים געשטעלט אַזוי הויך, אַז פון אַלע אַנדערע הייליקע ערטער האָט ער בלויז אהין פאַרבאָטן אַריינצוקומען. איצט שטעל זיך פאָר וויפל מיתות ס'זענען גרייט צו נעמען אויף זיך די מענטשן, וואָס האָבן אַלע יאָרן אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט דעם פאַרבאָט! איך גלויב, אַז ווען זיי וועלן זען ווי מ'טראָגט אַריין דאָס אויסגעהאַקטע געשטאַלט אינעם קדשי־קדשים פונעם טעמפל, וועלן זיי טויטן גאַנצע משפחות; זיי וועלן אויסהרגענען זייערע ווייבער און קינדער און נאָך דעם וועלן זיי זיך אַליין מקריב זיין. דאָס האָט דער קיסר טיבעריוס אויסגעמיידט. און וואָס האָט געטאָן דיין זיידע, דער בעסטער פון אַלע הערשער אין אַלע דורות, דער וואָס איז אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען סעבאַסטוס (אויגוסטוס), פאַר די גרויסע מעלות, וואָס ער האָט געהאַט; דער וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ס'זאָל הערשן שלום אין אַלע לענדער, אויף דער יבשה און אויך אויפן ים? ווען ס'איז אים געוואָרן באַוואוסט דער אייננפיר אין אונדזער הייליקן טעמפל, אַז ס'געפינט זיך דאָרט ניט קיין געשטאַלט, וואָס אַ מענטש קען מאַכן מיט דער האַנט און וואָס מ'קען זען מיט די אויגן און אָננעמען פאַר אַן אָפּבילד פון גאָט, וואָס קיין מענטש קען מיט די אויגן ניט זען, האָט ער דאָס באַוואונדערט און האָט אָפּגעגעבן כבוד זיין גרויסן נאָמען. און אויגוסטוס איז ניט געווען פון די, וואָס האָבן בלויז אַ ביסל פאַרזוכט דעם טעם פון וויסן. ער האָט געהאַט אַ סך וויסן. ס'איז ביי אים קיין מאָל ניט אַוועק קיין איין טאָג ער זאָל ניט לערנען, ער זאָל ניט שעפּן פון דעם קוואַל פון וויסן. ער האָט אָפט אַ סך נאָכגעטראַכט פון דעם, וואָס ער האָט פריער געלערנט און שוין געהאַט גוט באַנומען מיטן שכל און ער האָט אויך אָפט געפירט געשפּרעכן מיט די געלערנטע, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום אים, און ווען ער איז נאָר געזעסן צווישן אַזעלכע לייט, האָט ער דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט געווידמעט צו חכמה, צו אויפגעקלערטקייט, און ער האָט שטענדיק געוואָלט, אַז ניט נאָר דער גוף, נאָר אויך די נשמה זאָל באַקומען די גייסטיקע שפּייז.

***

„איך וואָלט דיר דאָ געקענט ברענגען אַ סך ביישפּילן צו באַווייזן ווי גוט דער קיסר אויגוסטוס האָט זיך באַצויגן צו אונדז אידן, אָבער איך וועל זיך באַנוגענען מיט בלויז צוויי:

„ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן די שטערונגען וואָס מ׳מאַכט די אידן ביים זאַמלען די ביישטייערונגען פאַרן בית המקדש, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די פּראָקוראַטאָרן אין אַלע מדינות פון אַזיען, אַז בלויז די אידן זאָל מען געבן דאָס רעכט זיך צו פאַרזאַמלען אין די שולן (איינצוזאַמענען די ביישטייער־רונגען). וואָרן אויף די פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן דאָרט צו־נויפגערופן, פּראַוועט מען ניט קיין סעודות, וואו מ׳עסט אַ סך און וואו מ׳טרינקט זיך אָן און מ׳ווערט שיכור, אויך קיין פאַרשווע־רונגען מאַכט מען דאָרט ניט אונטערצעגראָבן די יסודות פון שלום, נאָר פאַרקערט, מ׳קומט זיך צונויף אַהין צו הערן ווי די געלערנטע לייט פּרעדיקן די מידות פון עניוות און גערעכטיקייט. אַהין ברענ־גען די אידן די ביישטייערונגען זייערע יעדן יאָר און מ׳שיקט דאָס אַוועק פאַרן בית המקדש דורך מענטשן, וואָס נעמען אויף זיך די גרויסע מצווה. אויגוסטוס האָט דאָס געוואוסט און דערפאַר האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל די אידן ניט שטערן צונויפרופן פאַר־זאַמלונגען אין די שולן צו קלייבן געלט אַוועקצושיקן קיין ירושלים, לויט די געזעצן פון זייערע עלטערן. און ער האָט זיך ניט באַ־נוגנט בלויז מיט ווערטער, נאָר ער האָט געזען, אַז דער באַפעל זאָל דורכגעפירט ווערן. און צו ווייזן דיר, מיין האַר, אַז וואָס איך זאָג דאָ, איז דער ריינער אמת, ברענג איך דיר דאָ אַ געשרי־בענעם באַפעל, וואָס דער פּראָקאָנסול קאַיוס נאָרבאַנוס פלאַקוס האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן, און דאָס וועט פאַר דיר מאַכן קלאָר דעם תוך פון דעם באַפעל, וואָס דער קיסר האָט אים דאַן צוגעשיקט. איך גיב דיר דאָס איבער וואָרט אין וואָרט: „פון קאַיוס נאָרבאַ־נוס פלאַקוס, דעם פּראָקאָנסול — צו די האַרן פון עפעסוס אַ גערוס! דער קיסר האָט מיר געשריבן אַז ס׳איז זיין ווילן צו געבן די אידן דאָס רעכט אומעטום זיך צו פאַרזאַמלען אין זייערע געבעט־הייזער לויטן אַלטן מנהג, און זאַמלען געלט צו שיקן קיין ירושלים. ס׳איז מיין וואונטש, אַז מ׳זאָל זיי אין דעם ניט שטערן, און דערום שרייב איך דאָס צו אייך, כדי איר זאָלט וויסן, אַז ס׳דאַרף זיין אַזוי לויט מיין באַפעל״. איז דאָס, מיין האַר, ניט קיין קלאָרער באַווייז דערויף, אַז דער קיסר אויגוסטוס האָט געהאַט די בעסטע כוונות און אַז ער האָט צוגעטיילט כבוד אונדזער הייליקן טעמפּל? וואָס קען נאָך זיין מער באַווייז דערויף ווי דאָס, וואָס ער האָט די פאַר־

זאַמלונגען פון אידן אויסגעטיילט פון די אַנדערע פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען לויטן געזעץ געווען פאַרבאָטן?!

„און נאָך אַ ראיה, וואָס באַווייזט ווי אויגוסטוס האָט הויך געשעצט אונדזער הייליקן טעמפּל, איז דאָס, וואָס ער האָט אָנגע־זאָגט, אַז מ׳זאָל אויף זיין חשבון יעדן טאָג, לויטן סדר, ברענגען קרבנות צו אונדזער גאָט דעם אויבערשטן, און די דאָזיקע קרבנות אין זיין נאָמען ברענגען מיר נאָך ביז היינטיקן טאָג אויף אונדזער מזבח: צוויי לעמעלעך און אַן אָקס. מיט דעם האָט דער קיסר גע־וויזן זיין הויכאַכטונג צו אונדזער מזבח אין הייליקן טעמפּל, בעת ער האָט גוט געוואוסט, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין געשטאַלט, ניט אָפן און ניט פאַרבאָרגן. ער, דער גרויסער הערשער, וואָס איז אין חכמה געשטאַנען אַזוי הויך, האָט טיף אין הארצן געגלויבט אַז אויף דער וועלט מוז זיין אַ באַשטימטע פּלאַץ, וואו ס׳זאָל שטיין אַ טעמפּל פאַר דעם גאָט, וואָס קיין מענטש קען מיט די אויגן ניט זען, און אין דעם טעמפּל זאָל זיך ניט געפינען קיין געשטאַלט, וואָס מ׳קען מיט די אויגן יאָ זען. ער האָט אויך געגלויבט, אַז דאָס וועט דערוועקן גוטע האָפענונגען אין די הערצער פון מענטשן און ס׳וועט ברענגען אַ סך גליק אויף דער וועלט.

„די געהרעכטיקייט פון יענעם גרויסן מענטשן איז געווען אַ מוסטער פאַר דיין באָבע יוליאַ אויגוסטאַ. אויך זי האָט הויך געשעצט אונדזער הייליקן טעמפּל און זי האָט געשענקט גילדענע כלים און אַנדערע טייערע מתנות. און וואָס האָט זי דען געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל דאָס טאָן, ווען זי האָט געוואוסט, אַז אינעווייניק געפינט זיך ניט קיין געשטאַלט, צו וועלכן מ׳בוקט זיך ווי צו אַ גאָט? ווייבער טראַכטן דאָך ניט טיף, זיי באַגרייפן דאָך בלויז אַזעלכע זאַכן וואָס מ׳דערפילט מיטן חוש, און ניט אַזעלכע וואָס מ׳קען באַנעמען בלויז מיטן שכל. אָבער ווי אין אַלע אַנדערע זאַכן איז יוליאַ אויגוסטאַ אויך אין דעם געשטאַנען העכער פון אַלע אַנדערע פרויען. זי האָט פון אַלץ אַ סך געלערנט און זי האָט אין חכמה דערגרייכט צום שטאַנד פון אַ מאַנספּאַרשוין. איר שכל האָט זיך אַזוי אויסגעשליפן, אַז שכלדיקע זאַכן זענען איר געווען פּונקט אַזוי לייכט צו פאַרשטיין ווי ממשותדיקע זאַכן. די לעצטע זענען ביי איר געווען די שאָטנס פון די ערשטע.

***

„און וויל דו, מיין האַר, האָסט אַזעלכע ביישפּילן פון ליב־שאַפט און אַכטונג צו אונדזער פאָלק פון מענטשן וואָס זענען אַלע

געווען דיינע נאָענטע און אייגענע, און פון זיי זענען אַרויסגעקומען דיינע עלטערן און וועגווייזער, און זיי האָבן דיך דערצויגן ביז דו ביסט געוואָרן גרויס, דאַרפסטו אין דעם אויך גיין אין זייערע וועגן און טאָן דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן געטאָן. זיי זענען געווען די וואָס האָבן געזאָגט גוטס אויף אונדזערע געזעצן; פון הערשער צו הערשער און פון קיסר צו קיסר איז דאָס איבערגעגאַנגען; טאַטעס און זיידעס האָבן דאָס איבערגעגעבן די קינדער און די אייניקלעך; און אַלע אינאיינעם שטעלן זיי זיך אַוועק פאַר דיר און זיי עפענען די מיילער און זאָגן צו דיר: „זאָלסט ניט שטערן די געזעצן, וואָס זענען ביז איצט אַפּגעהיט געוואָרן מיט אונדזער ווילן און אונדזער וואונטש!" און אויב אַפילו דאָס שטערן די געזעצן פון די אידן וועט אויף דיר איצטער קיין שום אומגליק ניט ברענגען, איז אָבער די צו־קונפט איינגעהילט אין פינצטערניש און אַפילו דער מוטיקסטער קען ניט זיין אינגאַנצן זיכער, סיידן ער לייקנט אינגאַנצן אינעם כוח פון גאָט.

„ס'וואָלט מיר גענומען טעג און טעג אויסצורעכענען די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דו האָסט פאַר מיר געטאָן. חוץ דעם איז אויך ניט רעכט איבערצוגיין פון גרויסע זאַכן צו קלייניקייטן. אָבער אויב אַפילו איך זאָל שווייגן, וועלן די מעשים אַליין עפענען דאָס מויל און וועלן זאָגן אויפן קול: דו האָסט פון מיר אַראָפּגענומען די אייזערנע קייטן. ווער ווייסט דאָס דען ניט? אָבער איך בעט ביי דיר, מיין הערשער, טו מיר ניט אָן קיין נאָך שווערערע קייטן. יענע קייטן, וואָס דו האָסט פון מיר אַראָפּגענומען, האָבן געהאַלטן געשמידט בלויז אַ טייל פון מיין גוף, אָבער די קייטן, וואָס דו ווילסט מיר איצטער אָנטאָן, וועלן האַלטן געשמידט מיין נשמה און זיי וועלן מיך אינגאַנצן דערשטיקן.

„דו האָסט פון מיר פאַרטריבן די שרעק פון טויט, וואָס האָט געשוועבט איבער מיין קאָפּ. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן פאַר שרעק, האָסטו אין מיר דעם אָטעם פון לעבן אַריינ־געבלאָזן. דו האָסט מיך געמאַכט פון טויט לעבעדיק, איז ווייז ווי־דער אַרויס דיין גנאָד צו מיר און זע, אַז איך, דיין אַגריפּאַ, זאָל ווייטער קענען בלייבן לעבן. אויב דו וועסט דאָס ניט טאָן, וועלן מענטשן נאָך זאָגן, אַז דו האָסט מיך באַפרייט פון געפענקעניש ניט כדי צו ראַטעווען מיין זעל, נאָר כדי איך זאָל דאַרפן אַריבער־טראָגן נאָך גרעסערע צרות און אומגליקן ווי פריער און איך זאָל שטאַרבן פון גרויס באַרימטקייט.

„דו ביסט געווען אזוי גוט מיר צו געבן אזא גרויסע מתנה ווי א מלוכה. האסט מיך געמאכט פאר א קעניג, און פריער האסטו מיר צוגעטיילט איין מדינה, נאך דעם האסטו מיר צוגעגעבן נאך א גרעסערע מדינה, ארגוב (א געגנט אין עבר הירדן) און גליל. בעט איך דיך, מיין האר, שנייד ניט פון מיר דאס נויטיקסטע אין לעבן, נאך דעם ווי דו האסט מיר געגעבן אזוי פיל איבעריקע זאכן. ווארף מיך ניט אריין אין דעם חושכדיקן טאל פון טויט, נאך דעם ווי דו האסט מיך ארויסגעצויגן פון דער פינצטערניש צו ליכטיקייט.

„איך בין גרייט זיך אפצוזאגן פון דעם גרויסן שטאנד, צו וועלכן דו האסט מיך דערהויבן און איך וועל מיט ליבשאפט ווײַטער נעמען אויף זיך דאס ארעמע לעבן פון פריער. אלץ וועל איך אויסבייטן פאר איין זאך: אפהיטן אונדזערע געזעצן!

„ווארן וואס וועלן אויף מיר זאגן די קינדער פון מיין פאלק און וואס וועלן אויף מיר זאגן אנדערע מענטשן? מ'וועט דאך מוזן זאגן אויף מיר איינס פון די צוויי: אדער אז איך בין א פאררעטער צו מיין פאלק, אדער — איך בין ביי דיר מער ניט פאררעכנט פאר קיין פריינד. און ביידע זאכן זענען אן אומגליק — ווארעם אויב איך בין ביי דיר נאך פאררעכנט פאר א פריינד, וועט די שאנד פון פארראט באדעקן מיין פנים, אויב איך וועל ניט אפהיטן מיין פאטערלאנד פון אן אומגליק און אונדזער הייליקן טעמפל פון פארשוועכונג.

„ביי די גרויסע פון דער וועלט איז דער שטייגער צו ראטעווען די גוטע פריינד, וואס שיצן זיך אינעם שאטן פון זייער אומבאגרענעצטער מאכט. און אויב ביי דיר אין הארצן באהאלט זיך א פארבארגענע שנאה צו מיר, בעט איך ביי דיר, אז דו זאלסט מיך ניט שמידן אין קייטן, ווי טיבעריוס האט געטאן; איך בעט ביי דיר אויך, אז דו זאלסט ביי מיר צונעמען די מורא, אז מ'וועט מיך אפשר ווידער פארשפארן אין געפענקעניש, און דו זאלסט בעסער ארויסגעבן א באפעל, אז מ'זאל מיך גלייך באשטראפן מיטן טויט. ווארן וואס טויג מיר מיין לעבן. בלויז דיין גנאד איז דער קוואל פון מיין האפענונג".

***

ווען קאליגולא האט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז ער אין אנפאנג געווארן בייז. ס'האט אים פארדראסן פאר וואס אגריפא שטעלט אוועק די אידן אזוי הויך. אבער נאך דעם איז ער געווארן

ווייכער און רעדנדיק וועגן דעם, האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט קען שרייבן בלויז איינער, וואָס איז נישט קיין געוויינלעכער מענטש, און שפּעטער האָט ער אין דעם עפּעס ווי אינגאַנצן פאַרגעסן און מ׳האָט ניט געקענט וויסן וואָס ער וועט ווייטער טאָן. און דאַן האָט אַגריפּאַ געמאַכט אַ גרויסע סעודה, איינע פון יענע סעודות זיינע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַזוי פיל גלאַנץ, רייכקייט און געשמאַק, אַז אַפילו דער צעזאַר אַליין האָט זיך צו אים אין דעם ניט געקענט פאַרגלייכן.

געמאַכט האָט ער די סעודה לכבוד קאַליגולאַן, און צווישן די איינגעלאַדענע געסט זענען געווען די אָנגעזעענסטע לייט פון רוים און די גרעסטע מענטשן פון דער מלוכה, און אַגריפּאַ אַליין האָט ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, מער ווי אַלע אַנדערע געגלאַנצט מיט זיין שאַרפזין און מיט זיין פיינער האַלטונג; ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו זיין פריילעך, כאָטש אַ טיפער טרויער האָט געגאָגט זיין האַרץ, און ווען ער האָט געזען ווי קאַליגולאַ איז שוין זייער פריילעך און ווי ער לויבט פאַר אַלעמען אַזוי שטאַרק דעם גלאַנץ און די רייכקייט פון דער סעודה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון זיין כבוד וועגן, איז ער צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ בעכער וויין אין דער האַנט צו טרינקען פאַר זיין געזונט.

און ס׳איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס דער אידישער קעניג האָט געפילט דערביי, ווען ער האָט געדאַרפט טרינקען פאַרן געזונט פון דעם גרעסטן אידישן שונא, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט.

עס איז אים דאַן געווען גוט אויפן האַרצן, דעם משוגענעם צעזאַר; ער האָט זיך דעמאָלט שוין געהאַט אומגעקערט צוריק פון גאַליאַ, וואָס איז דער דרום-טייל פון דער איצטיקער פראַנקרייך, וואו די רוימישע לעגיאָנען האָבן פאַרכאַפּט נאָך לאַנד; די גרענעצן פון דער גרויסער אימפּעריע האָבן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער געשפּרייט, און די מאַכט פונעם הערשער איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואַקסן און מ׳האָט אים שוין אומעטום אָפּגעגעבן דעם כבוד פון אַ גאָט און זיך געקניט און געבוקט צו אים. און ווייל ער איז איצט געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, איז ער געוואָרן נאָך פריילעכער ווען אַגריפּאַ איז צו אים מיטן בעכער וויין אין האַנט צוגעקומען צו טרינקען פאַר זיין געזונט, און דאַנקענדיק אים פאַר אַלץ, וואָס ער, דער איצטיקער אידישער קעניג, האָט פאַר אים געטאָן נאָך אין די צייטן, ווען דער אַלטער צעזאַר טיבעריוס האָט

געלעבט, האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבן רעדן וועגן זיין אייגענער אומדאַנקבאַרקייט, אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז ער האָט נאָך ביז איצט אַזאַ גוטן פריינד נישט גענוג באַלוינט; עס איז אים מיט אַמאָל אָנגעקומען דער פאַרלאַנג צו ווייזן אַלעמען ווי ער קען אָפּשעצן אמתע פריינדשאַפט, און ער האָט צו אַגריפּאַן געזאָגט אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן:

„איצט, מיין פריינד, וויל איך אויסבעסערן דעם פעלער, וואָס איך בין קענגן דיר באַגאַנגען, און איך בין גרייט צו טאָן פאַר דיר אַלץ, וואָס קען דיר ברענגען גליק און פרייד — אַלץ, וואָס ס'איז נאָר אין מיינע כוחות".

קאַליגולאַ איז געווען זיכער, אַז אַגריפּאַ וועט זיך באַנוצן דער־מיט און ער וועט אַוודאי בעטן, ער זאָל אים צוגעבן נייע טיילן לאַנד און נאָך שטעט און דערפּער צו די גרענעצן פון זיין מלוכה, און ער איז שוין געווען גרייט אים דאָס צו געבן. אָבער אַגריפּאַ האָט אים געענטפערט:

„ניט צוליב באַלוינונגען האָב איך צו דיר פריער אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אַכטונג, ווען דאָס איז געווען קעגן די באַפעלן פון טי־בעריוסן. אויך מיט אַלץ, וואָס איך טו איצט פון דיין כבוד וועגן בין איך ניט אויסן, אַז דו זאָלסט מיך מיט מתנות באַלוינען דער־פאַר. אַלץ, וואָס דו האָסט פאַר מיר ביז איצט געטאָן, איז אפשר געווען ווייניק פאַר דער גרויסער מאַכט, וואָס דו האָסט אין דיין האַנט צו טאָן, עס איז אָבער געווען מער ווי איך האָב דערוואַרט און עס האָט מיינע גרעסטע האָפענונגען אַריבערגעשטיגן, און ס'איז פאַר מיר גענוג".

אויף אַזאַ ענטפער האָט זיך קאַליגולאַ אינגאַנצן ניט געריכט. ער איז געבליבן שטיין אַן איבערראַשטער, און באַלד איז ער ווידער צוגעשטאַנען צו אַגריפּאַן, ער זאָל דאָך עפּעס פאַרלאַנגען, און אים דאָ, פאַר אַלעמען אין די אויגן, געבן די מעגלעכקייט צו ווייזן זיין גנעדיקייט און פאַרריכטן דעם פעלער פון פריער. און דאַן האָט זיך דער אידישער קעניג אָנגענומען מיט מוט, און קוקנדיק דעם צעזאַר גלייך אין די אויגן, האָט ער געזאָגט:

„אויב דו, מיין האַר, ווייזט אַרויס אַזאַ גרייטקייט מיר צו געבן אַ באַלוינונג, און דו ביזט זיכער, אַז איך האָב דאָס ביי דיר פאַרדינט, דאַן וועל איך ביי דיר ניט בעטן קיין זאַך פאַר מיין אייגענער גליקזעליקייט, וואָרעם דאָס וואָס דו האָסט שוין פאַר מיר ביז איצט געטאָן, האָט מיך שוין גענוג גרויס געמאַכט. איך

וועל אָבער פאַרלאַנגען אַזוינס, וואָס וועט דיר דערהויבן ביי אַנ־דערע פאַר דיין גאָטספאַרכטיקייט און ברענגען די געטלעכקייט צו דער הילף פון אַלץ, וואָס דו האָסט פאַרטראַכט, און וואָס וועט זיין אַ כבוד פאַר מיר צווישן די וואָס ווינטשן דאָס, ווייל עס וועט זיין אַ צייכן, אַז דו האָסט מיר קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט וואָס איך האָב פון דיר פאַרלאַנגט".

קאַליגולאַ האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, און ער איז געווען נייגעריק ווייטער צו הערן. אָבער פונקט דאָ האָט זיך אַגריפּאַ אָפּגעשטעלט, און געענדיקט האָט ער ערשט אין אַ ווײַלע אַרום:

„מיין בקשה צו דיר איז, — האָט ער געזאָגט, — אַז דו זאָלסט צוריקרופן דעם באַפעל, וואָס דו האָסט אַרויסגעגעבן פּעט־ראָניוסן אַריינצושטעלן די סטאַטוע פון דיין געשטאַלט אינעם אידישן הייליקן טעמפּל אין ירושלים!"

פלאַוויוס דערציילט, אַז אַגריפּאַ האָט מיט דעם איינגעשטעלט זיין לעבן. און דאָס איז געווים ניט איבערגעטריבן. וואָרעם עס האָט זייער לייכט געקענט טרעפן, אַז דער משוגענער צעזאָר קאַ־ליגולאַ זאָל אויף אים ווערן אַזוי בייז דערפאַר, אַז ער זאָל אים גלייך אויפן אָרט שטעמפּלען אַלס אַ ווידערשפּעניקער און אים פאַרמשפּטן צום טויט. אַגריפּאַ איז אָבער געווען גרייט זיין לעבן מקריב צו זיין. ער האָט איינגעשטעלט, און עס איז גראָד אַרויס־געקומען אַזוי, אַז ער האָט אויסגעפירט, וואָס ער האָט געוואָלט.

וואָרעם עס האָט דאָך ניט געפּאַסט, אַז אַזוי פיל מענטשן, די אַלע אָנגעזעענע געסט אויף דער סעודה, זאָלן זען, אַז דער צעזאָר האַלט ניט קיין וואָרט. אַגריפּאַס האַנדלונג זיך ניט צו באַנוצן מיט אַזאַ זעלטענער געלעגנהייט און זיך אָפּזאָגן פון אַלע באַלוינונגען פאַר זיך און אַרויסקומען מיט אַזאַ בקשה פאַר זיין פאָלק, איז געווען אַזוי שיין און איידל, אַז זי האָט אויף אַלע געסט זייער אַ טיפן איינדרוק געמאַכט. ער האָט דעם צעזאָר אַוועקגע־שטעלט אין אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן. עס האָט אים ניט געפּאַסט.

און דאַן האָט קאַליגולאַ דורך אַ שליח צוגעשיקט פּעטראָ־ניוסן אַ צושריפט, אַז אויב ער האָט די סטאַטוע שוין אַריינגע־שטעלט אין דעם אידישן הייליקן טעמפּל אין ירושלים, זאָל זי דאָרט שטיין. און אויב ער האָט זי נאָך ניט אַריינגעשטעלט, זאָל ער דאָס אויפגעבן און פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון די אידן אינאיינעם

מיט די לעגיאָנען. זאָל שוין זיין אזוי ווי ס'איז פריער געווען.
„און דאָס, — האָט ער אינעם בריוו צו פּעטראָניוסן געשריבן, —
האָב איך געטאָן צוליב אַגריפּאַן, דעם מאַן, וואָס איך שעץ זייער
הויך און וועמען איך קען ניט אָפּזאָגן ווען ער פאַרלאַנגט עפּעס
פון מיר". *)



דאָס בית המקדש וואָס שלמה המלך האָט געבויט

*) קדמוניות היהודים, י"ח, ח, ח.

קאַפּיטל צען

די באַגעגעניש צווישן פילון האלכסנדרוני און קאַיוס קאַליגולאַ

די הילף וואָס איז געקומען ווי דורך אַ נס, איז געווען בלויז אויף אַ קורצע ווײַלע. קאַליגולאַס צוזאָג האָט דאָך קיין גרויסע באַדייטונג ניט געהאַט, ווי די אַלע אַנדערע צוזאָגן זײַנע. אין דעם זעלבן בריוו, וואָס ער האָט צו פּעטראָניוסן צוגעשיקט און צוריקגערופן די גזירה, האָט ער אים אויך געשריבן, אַז לאָזן צורו זאָל מען בלויז די שטאָט ירושלים, אָבער אויב אין די אַנדערע שטעט און ערטער וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס ווילן אַרײַנשטעלן סטאַטועס פון זײַן געשטאַלט אין די אידישע שולן און בתי מדרשים, און די אידן וועלן זיך שטעלן אַקעגן, זאָל מען זיי דערפאַר שטרענג באַשטראָפן אויפן אָרט, אָדער מ׳זאָל זיי כאַפּן און שמידן אין קייטן און זיי אָוועקשיקן קיין רוים און דאָרט וועט מען זיי משפטן ווי ווידערשפּעניקער.

דאָס האָט געמיינט — אונטערגעבן מוט די שונאי ישראל אומעטום, אַז זיי זאָלן ווײַטער אָנגיין מיט זייער אַרבעט און טאָן דאָס זעלבע, וואָס די גריכן האָבן געטאָן צו די אידן אין אַלעקסאַנדריע.

מיט דעם האָט זיך עס נאָך ניט געענדיקט. באַלד נאָך דעם, ווען ער האָט פון פּעטראָניוסן געקראָגן אַ פאַרשפּעטיקטן בריוו, אין וועלכן דער פּראָקוראַטאָר האָט אויסגעדריקט זײַן מיינונג, אַז ס׳וועט זײַן זייער שווער בײַצוקומען דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס די אידן ווײַזן אַרויס, האָט זיך אין אים ווידער שטאַרק צעברענט דער צאָרן און ער האָט פעסט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז די סטאַטוע פון אים מוז אָוועקגעשטעלט ווערן אינעם הייליקן טעמפּל פון ירושלים. און צו פּעטראָניוסן האָט ער געשריבן, אַז דערפאַר וואָס ער האָט נאָך ביז איצט ניט דורכגעפירט דעם באַפעל, פאַרמשפּט ער אים צום טויט — דער פּראָקוראַטאָר זאָל אַליין מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן, און „דערמיט דינען ווי אַ מוסטער פאַר דער הײַנטיקער צייט און אויך פאַר די דורות,

וואָס וועלן קומען שפּעטער, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן ניט צו פאָלגן די באַפעלן פון אַ קיסר". אַזוי האָט קאַליגולאַ גע־שריבן צו פּעטראָניוסן אין דעם נייעם בריוו, וואָס ער האָט צו אים ווידער אַרויסגעשיקט מיט אַ שליח.

אין יענער צייט איז קיין רוים אָנגעקומען אַ אידישע דעלעגאַ־ציע פון אַלעקסאַנדריע. דער הויפּט פון דער דעלעגאַציע איז געווען דער דענקער און שריפטשטעלער פילאָן, און ווי ער אַליין דערציילט אינעם באַזונדערן ווערק, וואָס ער האָט וועגן דעם אָנ־געשריבן, זענען אינאיינעם מיט אים געווען נאָך פיר אָנגעזעענע אידן. זייערע נעמען אָבער ווערן ניט אָנגעגעבן. אויך די גריכי־שע באַפעלקערונג פון אַלעקסאַנדריע האָט קיין רוים צוגעשיקט אַ דעלעגאַציע, און דער פירער איז געווען דער באַוואוסטער שונא־ישראל אַפּיאָן. ביידע צדדים האָבן געדאַרפט פאַרברענגען זייערע טענות פאַרן צעזאַר און וואַרטן אויף זיין אורטייל.

דאָ איז וויכטיק צו געדענקען, אַז ווען די דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין רוים, איז שוין געווען צוויי יאָר נאָך די בלוטיקע געשעענישן אין אַלעקסאַנדריע, און דאָס באַווייזט, אַז אפילו נאָך דעם ווי דער פּראָקוראַטאָר אַווילוס פלאַקוס איז שוין געווען אַרונטערגעזעצט, איז די לאַגע פון די אידן נאָך אַלץ ניט געווען קיין באַשטימטע, און שולדיק אין דעם איז געווען קאַליגולאַ, ווייל מיט זיין האַנדלונג האָט ער אונטערגעגעבן מוט די שונאי ישראל אין אַלע שטעט, אַז זיי זאָלן פאַרפאָלגן די אידן דערפאַר וואָס זיי לאָזן ניט אַריינשטעלן די סטאַטועס פון זיין געשטאַלט אין זייערע שולן און בתי מדרשים און ווילן צו אים ניט דינען ווי צו אַ גאָט.

עס איז געווען נויטיק, אַז דער צעזאַר זאָל אויסהערן די טענות פון די אידן, און ווייל עס איז געווען זייער וויכטיק, אַז די טענות זאָלן אַרויסגעבראַכט ווערן קלאָר און זיי זאָלן זיין גוט באַגרינדעט, האָט מען דעריבער אויסגעקליבן פילאָנען, וועלכער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער דענקער, נאָר אויך אַ גוטער רעדנער.

פילאָן האָט זיך צו דער שליחות גוט צוגעגרייט, און עס איז מער ווי זיכער, אַז ווען מ'וואָלט אים נאָר געגעבן די מעג־לעכקייט אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט צו זאָגן, וואָלט אין אונדזער געשיכטע אַריינגעשריבן געוואָרן נאָך אַ קאַפּיטל פון גערעכטע אידישע טענות, אויסגעדריקט פון אַ קלוגן,

געלערנטן מענטשן און פון אַ גוטן און איבערגעגעבענעם אידן. אָבער קאַליגולאַ האָט דעם גרויסן אידישן געלערנטן אזא מעג־לעכקייט ניט געגעבן. ער האָט פון דעם גאַנצן ענין געמאַכט אַ חוזק־שפּיל.

„ווי מיר זענען נאָר אַריינגעקומען, — דערציילט פילאָן, — האָבן מיר אין זיין קוק און זיינע תנועות דערקענט, אַז מיר שטייען ניט פאַר קיין ריכטער, נאָר פאַר אַ טייוול, וואָס פאַרפאָלגט אונדז נאָך מער ווי די, מיט וועמען מיר קריגן זיך״. *)

די אידישע שלוחים האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז ווען דער קיסר וועט זיי אויפנעמען, וועט ער זיצן אויף אַ שטול; אַרום אים וועלן זיצן זיינע בעסטע ראַטגעבער; מ׳וועט אויסהערן די טענות פוןביידע צדדים; מ׳וועט דעם גאַנצן ענין גוט אויספאָרשן; דער קיסר וועט זיך גוט צוהערן צו די רייד פון ביידע צדדים; ער וועט זיך האַלטן אַן עצה מיט די קליגסטע לייט, און נאָך דעם וועט ער אַלעם וועגן און מעסטן און וועט אוודאי אַרויסגעבן אַ גערעכטן משפּט.

„עס איז דאָך געווען אַן ענין, וואָס מ׳האָט ניט אָנגערירט גאַנצע פיר הונדערט יאָר״ — מאַכט פילאָן דערביי אַ באַמערקונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם צי מ׳קען אין אַ לאַנד נעמען מענטשן, וואָס זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען דאָרט גע־באָרן און זיי מיט אַמאָל שטעמפּלען ווי פרעמדע און צונעמען ביי זיי דאָס רעכט. עס האָט זיך אויך געהאַנדלט וועגן דעם אונ־טערשייד פון גלויבן אין איין גאָט, „וואָס האָט ניט קיין גוף און קיין געשטאַלט פון אַ גוף״ ביז גלויבן אין אַ סך אָפּגע־טער, וואָס ווערן געמאַכט פון שטיין און פון האָלץ, אָדער אין אַ מענטשן, וואָס רעדט זיך איין, אַז ער איז אַ גאָט.

וועגן דעם האָט פילאָן געוויס געקענט אַ סך טיפע געדאַנ־קען אַרויסזאָגן. אָבער קאַליגולאַ האָט אים גאָרניט געלאָזט רעדן.

אויפגענומען די אידישע שלוחים האָט ער ניט אין הויף, נאָר אין דרויסן, אין איינעם פון זיינע גיטער, ניט ווייט פון רוים. ער האָט דאָן, אין דער באַגלייטונג פון דעם לץ העליקאָן, גע־שפּאַצירט אין גאָרטן. און ביידע האָבן זיך געקליבן באַטראַכטן די נייע געביידעס, וואָס מען האָט נאָך געהאַלטן אין בויען, און

*) המלאכות אל קאיוס, פרק ארבעים וארבעה, 349־350.

דערביי זענען אויך געווען די בורמייסטערס; זיי זענען נאכגעגאנגען דעם קיסר פוסטריט און זענען געווען גרייט צו הערן וואס ער וועט באפעלן און וואס עס וועט אים געפעלן און וואס ניט.

ווען קאליגולא האט דערזען די אידישע שלוחים, האט ער גלייך אנגעהויבן מאכן חוזק פון זיי. ער האט מיט א גאליק גע־לעכטערל געזאגט:

„איר זייט דאס די אידן, די פאראאסטע פון די געטער, די וואס גלויבן ניט, אז איך בין א גאט, ווען עס איז שוין פאר אלעמען קלאר אז איך בין דאס? איר זייט דאס די, וואס גלויבן אין דעם גאט, וואס מען טאר זיין נאמען ניט ארויסרעדן?"

און דערביי, דערציילט פילאן, האט קאליגולא אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל און ארויסגעבראכט פון מויל אזעלכע ווער־טער וואס עס איז געווען א בזיון צו הערן און וואס מען קען ניט איבערגעבן . . .

די גריכישע דעלעגאטן, וואס זענען אויך געווען דערביי, האבן שטארק אנגעקוואלן דערפון; אין זייער פאלשקייט האבן זיי געמאכט דעם אנשטעל, אז זיי זענען באגייסטערט פון קאלי־גולאס חכמות, און איינער פון זיי, דער שונא־ישראל איסידארוס, האט זיך אנגערופן:

„דער צעזאר וועט די אידן נאך מער האסן, די וואס שטייען איצט דא פאר אים און אויך די אנדערע זין פון זייער פאלק, ווען ער וועט זיך דערוויסן ווי פיינט זיי האבן אים און ווי זיי פאר־שוועכן זיין נאמען. ווארעם אין דער צייט ווען אלע אנדערע פעלקער שעכטן צום צעזאר קרבנות, זענען זיי די איינציקע, וואס זאגן זיך אפ דאס צו טאן. אזוי זענען זיי, די אידן".

דאן האבן די אידישע שלוחים פון אלעקסאנדריע צו אים געזאגט:

„קאיוס, אונדזער האר! מען מאכט דא א בלבול אויף אונדז. ווארעם דער אמת איז, אז מיר האבן יא געשאכטן קרבנות פאר דיר, און געטאן האבן מיר דאס ניט אזוי ווי אנדערע, וואס בא־נוגענען זיך דערמיט וואס זיי שפריצן דאס בלוט, פון דעם גע־שאכטענעם קרבן אויפן מזבח און דאס פלייש נעמען זיי אהיים צו מאכן א סעודה; די קרבנות, וואס מיר האבן פאר דיר גע־שאכטן, האבן מיר אינגאנצן אויפן הייליקן פייער פארברענט, און געטאן האבן מיר דאס ניט איין מאל, נאר דריי מאל: דאס ערשטע מאל — ווען דו ביזט אויפן טראן ארויף; דאס צווייטע מאל

— ווען דו ביזט געזונט געוואָרן פון דיין קראַנקהייט; דאָס דריטע מאָל — ווען מיר האָבן אַרויסגעקוקט פול מיט האָפענונג, אַז דו זאָלסט בייקומען די גערמאַנער".

אַזוי האָבן די אידן גערעדט צו אים, און דערויף האָט ער זיי געענטפערט:

„אויב עס איז אַפילו אמת, אַז איר האָט געשאָכטן קרבנות, קומט מיר דערפון אויך גאָרניט אַרויס, ווייל איר האָט דאָך די קרבנות געשאָכטן צו אַן אַנדער גאָט פ א ר מ י ר , אָבער ניט צ ו מ י ר".

דאָ האָט ער ווידער אַנגעהויבן באַנוצן אַזעלכע רייד, וואָס איז געווען אַ בזיון צו הערן; ער האָט באַליידיקט די אידן, זייער גלויבן, זייערע געזעצן און זייער גאָט; וואָס עס איז אים נאָר געקומען אין מויל אַריין, האָט ער אויפן אידישן פאָלק און אויפן אידישן גלויבן אויסגערעדט, און רעדנדיק אַזוי, איז ער אויף אַן אָרט ניט איינגעשטאַנען, נאָר אַרומגעלאָפן איבערן גאָרטן און אַלע האָבן אים געדאַרפט נאָכלויפן. און ווען ער איז פאַר־טיק געוואָרן מיטן אַרומלויפן איבערן גאָרטן, האָט ער גענומען לויפן איבער די ניט פאַרענדיקטע געביידעס; פון איין חדר אין אַנדערן איז ער געלאָפן, פון איין שטאָק אויפן אַנדערן איז ער געשפּרונגען, און לויפנדיק אַזוי, האָט ער צו די בוימייסטערס אַלע מאָל אַן אַנדער באַפעל אַרויסגעגעבן, אַן אַנדער באַמערקונג גע־מאַכט; אַט האָט ער געשריען, און אָט האָט ער גערעדט שטיל; אַט האָט ער געלאַכט; און די אידן, צעמישטע, צעטומלטע און פאַרשעמטע זענען אים נאָכגעלאָפן און האָבן ניט געוואוסט וואָס זיי זאָלן טאָן; אַלע מאָל, ווען איינער פון די אידן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, איז ער געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווייל נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, איז שוין דער משוגענער קיסר געווען ערגעץ אַנדערש; ער האָט זיך געהאַלטן אין איין יאָגן און מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ, און אויסדרייענדיק זיך מיטן פּנים צו די אידן, האָט ער זיי געשטעלט אַ פראַגע:

„פאַר וואָס עסט איר ניט קיין חזיר?"

קיין גרויסע חכמה איז אין דעם ניט געווען. אָבער די גריכישע דעלעגאַטן, די חניפהניקעס, האָבן זיך פון דעם צע־לאַכט אויפן קול, כדי דערמיט אים גרויס פאַרגעניגן צו פאַר־שאַפן. און ווען די אידן האָבן אים דערויף געענטפערט, אַז יעדער

פאָלק האָט זיך זיינע געזעצן וועגן דעם וואָס מען מעג יאָ עסן און וואָס ניט, און אַז צווישן ניט־אידן זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס עסן ניט קיין שעפּסן־פלייש, כאָטש דאָס איז ניט שווער צו קריגן, האָט קאַליגולאַ זיך צעלאַכט אויפן קול:

„זיי זענען גערעכט, — האָט ער געזאָגט, — שעפּסן־פלייש איז ניט געשמאַק“.

ער האָט, אַפּנים, ווירקלעך געמיינט, דער צעזאָר קאַליגולאַ, אַז יעדער וואָרט וואָס ער ברענגט אַרויס אויף די ליפּן איז אַ גרויסע חכמה, און אַז זיין שאַרפזין האָט גאָרניט קיין ברעג. און מיט אַמאָל איז ער גאָר געוואָרן ערנסט, און ווענדנדיק זיך צו די אידן, האָט ער זיי געפרעגט:

„אויף וועלכן גרונט פאַרלאַנגט איר דאָס רעכט פון בירגער?“

דאַן האָט פילאָן געמיינט, אַז ענדלעך איז געקומען די געלעגנהייט, אויף וועלכער ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט, און ער וועט איצט קענען באַגרינדן די אידישע טענות וועגן זייערע רעכט אַלס בירגער פון דער שטאָט אַלעקסאַנדריע; ער האָט אָנגעהויבן רעדן ווירדיק און מיט טיפן פאַרשטאַנד, און עס האָט זיך געדוכט, אַז קאַליגולאַ הערט זיך צו צו אים. אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל; קאַליגולאַ האָט אפשר גאָר ניט פאַרשטאַנען וואָס דער גרויסער געלערנטער האָט צו אים גערעדט, און ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ שווערער ענין, צו וואָס מען מוז צולייגן קאָפּ, האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז און אָנגעהויבן לויפן, און באַלד איז ער שוין געווען אין אַ גרויסן זאַל אין איינער פון די ניט פאַרענדיקטע געביידעס, און ווען ער איז אַריין אַהין, האָט ער זיך גענומען דרייען ביי די ווענט אַרום און אַרום; דרייענדיק זיך אַזוי, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אין די פענצטער אַריינשטעלן דורכזיכטיקע שטיינער, וואָס זענען אוים ווי ווייסע גלאָז און וואָס פאַרשטעלן ניט די שיין און באַשיצן פון דעם ווינט און פון דער היץ. נאָך דעם האָט ער פּלוצעם גענומען שפּאַנען פּאַמעלעך און צוקומענדיק צו פילאָנען, האָט ער אים רואיק און לייטיש געפרעגט:

„וואָס האָסטו פריער געזאָגט?“

האָט פילאָן ווידער אָנגעהויבן רעדן, געוואָלט באַגרינדן די אידישע טענות אַזוי ווי ער האָט געקענט. אָבער מער ווי צו די ערשטע עטלעכע ווערטער האָט זיך קאַליגולאַ ניט צוגעהערט, און באַלד איז ער שוין געווען אין אַן אַנדער גרויסן זאַל פון דער

געביידע, און פון דאָרט האָט ער געשריען מען זאָל דאָ אוועק־שטעלן געוויסע אַלטע בילדער און סטאַטועז כדי עס זאָל אויס־זען שיין.

די אידישע שלוחים זענען געווען צעשראָקן און צעטומלט. קיין האָפענונג אַז זיי וועלן ביי קאַליגולאַן געפינען גערעכטיקייט, האָבן זיי שוין ניט געהאַט. און געענדיקט האָט זיך דער „משפט" מיט דעם, וואָס קאַליגולאַ האָט ווידער געזאָגט אַ חכמה.

„איך דענק, — האָט ער געזאָגט, — אַז עס איז אויף די דאָזיקע מענטשן פשוט אַ רחמנות; זיי זענען אַזוי נאַריש, אַז זיי פאַרשטייען אפילו ניט אַזאַ קלאָרע זאַך, אַז איך בין אַ גאָט".

מער האָט ער מיט די אידישע שלוחים ניט געוואָלט רעדן, און ער האָט זיי געהייסן גיין.

און די באַליידיקטע אידישע שלוחים זענען אוועק מיט אַ שווער געמיט און האָבן ניט געקענט וויסן וואָס פאַר אַן אורטייל קאַליגולאַ וועט אַרויסגעבן שפּעטער, און צי ער וועט בכלל אַרויס־געבן אַן אורטייל. וואָס האָבן זיי שוין געקענט דערוואַרטן פון אַ הערשער, וואָס האָט זיי אפילו ניט אויסגעהערט און זיי גע־מאַכט צו שפּאָט און צו שאַנד? און נאָך גרעסער איז דער ווייטיק פון זייער האַרץ געוואָרן ווען זיי האָבן שפּעטער דערהערט, אַז קאַליגולאַ האָט שוין באַשטעלט אין רוים צו מאַכן אַ גרויסע סטאַטוע פון זיך און זי באַדעקן מיט גאָלד און נאָך דעם אויף אַ שיף זי אוועקפירן קיין אַלעקסאַנדריע, וואוהין ער קלייבט זיך צו פאָרן, און פון דאָרט זי אַריבערפירן קיין ירושלים און זי אוועקשטעלן אין בית המקדש און צווינגען די אידן צו דינען צו איר ווי צו אַ גאָט.

דאָס האָט די אידישע שלוחים שטאַרק צערודערט און זיי אין גרויס פאַרצווייפלונג אַריינגעטריבן. אָבער פילאָן האָט זיי גע־טרייסט און זיי צוגעגעבן מוט און האָפענונגען.

„מיר דאַרפן זיך שטאַרקן, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — עס איז אמת, אַז דער קיסר האָט אונדז באַליידיקט און אונדז געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט, עס איז אָבער אויך אמת, אַז מיט דעם, וואָס ער טוט, האָט ער קענן זיך אַרויסגערופן גאָטס צאָרן".

ווי שטענדיק האָבן אידן געהאָפט, אַז דער סוף פון דעם, וואָס טוט זיי שלעכטס, וועט זיין אַ טרויעריקער.

קאַפּיטל עלף

די פאַרדינטע שטראָף

עס איז אין רוים געווען איינגעפירט פון דורות, אַז יעדן פרימאָרגן, ווי דער צעזאַר שטייט נאָר אויף פון שלאָף, זאָל דער הויפּט פון דער וואַך אין הויף אַריינקומען צו אים נאָכן נייעם פּאַסיר-וואָרט פונעם טאָג און דאָס דערנאָך איבערגעבן די אַנדערע שטילערהייט. דאָס איז געווען זייער נויטיק, ווייל אָן דעם האָט מען קיינעם צום צעזאַר ניט צוגע־לאָזט, אַפילו ניט די גאָר נאָענטע מענטשן.

אונטער די פריערדיקע צעזאַרס, אויגוסטוס און טיבעריוס, האָט מען פון דעם געווינלעך אַ פייערלעכע צערעמאָניע גע־מאַכט. דאָס פּאַסיר-וואָרט פון טאָג איז געווען אַ הייליקייט, ווייל חוץ דעם וואָס עס האָט געדינט ווי אַ שמירה קעגן מעג־לעכע פאַרשווערונגען אין הויף, האָט דאָס אויך געוויזן וואָס עס איז געווען דעם צעזאַרס ערשטער געדאַנק ווען ער איז אין דער פרי פון שלאָף אויפגעשטאַנען. דעריבער האָט יעדער צעזאַר אַלעמאָל פאַרן פּאַסיר-וואָרט פון טאָג אויסגעקליבן אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט ווירדיקייט און הייליקייט.

אַזוי איז געווען פריער. אָבער ווען קאַיוס קאַליגולאַ איז אַרויף אויפן טראָן, האָט ער פון דעם, ווי פון אַ סך אַנדערע פייערלעכע צערעמאָניעס אין הויף, געמאַכט אַ ביליקע, מיאוסע און וואולגאַרע חוזק-שפּיל. ער האָט אַלע מאָל פאַרן פּאַסיר־וואָרט פון טאָג אויסגעקליבן אָן אַנדער שמוציק וואָרט, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט געשלעכטלעכע באַציאונגען צווישן מענער און פרויען. און דאָס איז, ווי עס שיינט, געווען דער ערשטער געדאַנק אין זיין פאַרדאַרבענעם מוח אַזוי שנעל ווי ער האָט אין דער פרי נאָר די אויגן געעפנט. וועגן קיין אַנדערע זאַכן האָט ער ניט געקענט טראַכטן . . .

דער הויפּט פון דער וואַך אין הויף איז דעמאָלט געווען כ ע ר ע אַ , אַ רוימישער אַריסטאָקראַט פון דור-דורות און

ער האָט זיך געפילט שרעקלעך באַליידיקט פון דעם, וואָס ער מוז יעדן טאָג ביי אַלעמען האָבן אַ פּנים פון אַ הויף־לץ, ווען ער גיט זיי איבער שטילערהייט איינציקווייז דעם צעזאָרס פּאַסיר־וואָרט פאַרן טאָג . . .

קאַליגולאַ האָט שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. בכלל האָט ער הנאה געהאַט פון דעם, וואָס ער דערנידעריקט און באַליידיקט מענטשן. צו דעם האָט ער נאָך געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, אַז אפילו די, וואָס זענען געשטאַנען זייער נאָענט צו אים, זאָלן האָבן מער שונאים, און צוליב דעם האָט ער ניט איין מאָל געהייסן כערעאַן ער זאָל פּייניקן אָן רחמנות די, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, און נאָך דעם האָט ער אַליין די זעלבע מענטשן באַגנאַדיקט, און זיי טייערע מתנות געגעבן, און עס האָט געדאַרפט הייסן, אַז שולדיק אין אַלץ איז כערעאַ, און ער, דער צעזאַר אַליין, איז גוט און גנעדיק.

צו אַ נאָענטן פריינד, מיט וועמען ער האָט גערעדט אין געהיים וועגן קאַליגולאַן און זיינע ווילדע מעשים, האָט כערעאַ איין מאָל געזאָגט:

„אין דער צייט, ווען עס איז אין אונדזער מאַכט צו מאַכן אַ סוף צום לעבן פון דעם מענטשן, וועלכער טוט אָן אַזעלכע צרות זיינע בירגער און אונטערטאַנען, באַשיצן מיר אים נאָר אין זיין גרויזאַמקייט. אַנשטאָט צו זיין זעלנער, זענען מיר נאָר תליונים, דאָס געצייג פון זיינע שרעקלעכע רציחות. און דאָס געווער וואָס מיר טראָגן, איז ניט צו באַשיצן אונדזער פרייהייט, אויך ניט צו באַשיצן די רוימישע מאַכט, נאָר א י ם , דעם מענטשן, וואָס האָט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרשקלאַפט אין קערפּער און אין גייסט; און מיר ווערן יעדן טאָג אַלץ מער און מער איינגע־ריכט אין דעם בלוט וואָס מיר פאַרגיסן און אין די פּייניקונגען, וואָס מיר טוען אָן אַנדערע; און אַזוי וועט דאָס גיין ביז קאַיוס וועט געפינען נייע מענטשן, וועלכע וועלן טאָן צו אונדז דאָס וואָס מיר האָבן פריער אויף זיין באַפעל געטאָן צו אַנדערע. און געדענק מיינע ווערטער, אַז ער האַלט אונדז אין זיין דינסט ניט דערפאַר וואָס ער איז צו אונדז אַזוי פריינדלעך, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט אַ חשד אויף אונדז, און אויך דערפאַר וואָס ער האָט שוין פאַרטראַכט, אַז נאָך דעם ווי ער וועט אומברענגען פון דער וועלט, מיט אונדזער הילף, נאָך און נאָך אַ סך מענטשן,

וועט ער אונדז גלייך מאכן פאר די קרבנות פון זיין צארן, ווארעם דו ווייסט דאך, אז צו זיין צארן איז ניטא קיין גרענעץ, און אז אלץ וואס ער טוט, איז ניט פון גערעכטיקייט, נאר פון זיין פאר־געניגן וועגן און עס איז דעריבער קלאר, אז אין דער זעלבער צייט וואס עס איז אונדזער חוב צו ברענגען זיכערקייט און פרייהייט פאר אלעמען, דארפן מיר אויך געדענקען, אז מיט דעם וועלן מיר זיך אליין אויך באפרייען פון דער סכנה אומגעבראכט צו ווערן".

אזוי האט גערעדט א מענטש, וואס איז אין די אויגן פון פאלק געווען איינער פון די זיילן, אויף וועלכע עס האט זיך געשטיצט דער רעזשים פון א גרויזאמען דעספאט און דיקטאטאר, וועלכער האט אומגעבראכט טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע מענטשן און געבראכט אומגליק אויפן גאנצן פאלק. און עס איז גאר קיין צווייפל ניט, אז ווען עס וואלט זיך בערעאן ניט איינ־געגעבן דורכצופירן דאס וואס ער האט פארטראכט און מען וואלט באצייטנס אויפגעדעקט זיין פלאן, וואלט אים קאיוס קאליגולא פארמשפט צום טויט ווי א פאררעטער צום לאנד און עס וואלטן זיך אין הויף און אויך צווישן פאלק געפונען אזעלכע, וואס וואלטן דאס געגלויבט און וואלטן נאך אפשר דעם נאמען פונעם משוגענעם צעזאר געלויבט און גערימט דערפאר. אבער ווייל עס האט זיך בערעאן שפעטער יא איינגעגעבן דורכצופירן דאס, וואס ער האט פארטראכט, איז ער אריין אין דער געשיכטע ווי א העלד, וואס האט אויפגעטאן א גרויסע זאך פאר זיין פאלק, פאר זיין לאנד און אויך פאר דער גאנצער מענטשהייט פון יע־נער צייט . . .

***

קאליגולא האט ליב געהאט צו בויען א סך. אין די קנאפע פיר יאר, וואס ער האט איבער דער רוימישער אימפעריע גע־הערשט, האט ער אנגעבויט אזוי פיל, אז ביי אן אנדערן אויף זיין ארט וואלט דאס גענדארפט נעמען א פאר צענדליק יאר. און אלץ איז געמאכט געווארן אזוי, אז עס זאל זיין ריזיק, פעסט, שטארק, און זאל ציען די אויפמערקזאמקייט פון אייגענע און פרעמדע און ער איז אין דעם געווען אזוי פארקאכט, ווי ער וואלט מיט דעם בויען געוואלט פארשטעלן די גרויסע רציחות, וואס ער באגייט . . .

איבער דעם וואָס ער האָט אַזוי פיל געבויט און געפירט אַזאַ שרעקלעך צעלאָזן לעבן און געדאַרפט אויסהאַלטן אַזוי פיל לעגיאָנען אין די אַלע טיילן פון דער גרויסער אימפּעריע, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט צו מלחמה, האָט ער געמוזט האָבן אַ סך געלט; ער האָט אויסגעליידיקט אַלע אוצרות פון דער מלוכה און געדאַרפט האָבן נאָך און נאָך, און דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן פאַר וואָס ער האָט אַזוי פיל מענטשן אויף ווייטע אינדזלען פאַרשיקט און צום טויט פאַרמשפּט, ווייל ביי די אַלע פאַרשיקטע און פאַרמשפּטע האָט מען צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, פאַר די אוצרות פון דער מלוכה.

ער האָט דעם רויב געמאַכט „געזעצלעך" דורך מאָרד.

און וואָס רייכער אַ מענטש איז געוואָרן אין יענער צייט, וואָס העכער ער האָט זיך דערהויבן אין שטאַנד און אין דער מלוכה, אַלץ גרעסער איז געווען די סכנה פאַר זיין לעבן; און די צאָל פון קאַליגולאַס בלוטיקע פאַרברעכנס האָט דערגרייכט אין די טויזנטער; און מיט אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געזייט אַרום זיך שנאה און האַס; און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט געווען, וואָס נאָענטע און ווייטע מענטשן, אַפילו די, וואָס האָבן צו אים שבחים געזונגען און געלויבט און געריממט זיין נאָמען, האָבן אַרויסגעקוקט אויף זיין טויט.

אין הויף אַליין האָבן דריי פאַרשיידענע גרופּעס שטילערהייט צוגעגרייט פאַרשווערונגען אים צו דערהרגענען, און איינע האָט פון דער אַנדערער ניט געוואוסט; די מורא איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די בעסטע פריינד האָבן זיך ניט געטרויט.

די דריי גרופּעס פאַרשווערער האָט מען געקענט צעטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס — עס זענען צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט נעמען נקמה אין קאַיוס קאַליגולאַ דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרמשפּט צום טויט זייערע נאָענטע פריינד און אייגענע, און עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן קיין פּערזענלעכע קריוודעס ניט געהאָט און דער עיקר איז ביי זיי געווען צו באַפרייען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד פון דעם שרעקלעכן טיראַן און דעספּאָט, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גאָט.

מ'האָט נאָר געדאַרפט האָבן אַ שטאַרקן מענטשן, וואָס זאָל זיי אַלע פאַראייניקן און וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ גוטן פּלאַן ווי אַזוי די פאַרשווערונג דורכצופירן, און אַזאַ מענטש איז געווען כערעאַ, דער הויפּט פון דער וואַך אין קאַליגולאַס הויף.

ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט מוט צו רעדן מיט יעדן איינציקן פון די פאַרשווערער באַזונדער; ער האָט זיי אַלע פאַראייניקט; ער האָט מיט זיי בּאַראַטונגען אָפּ־געהאַלטן, און עס האָט זיך אים איינגעגעבן צוצוציען נאָך און נאָך מענטשן, וועלכע זענען געווען גרייט מקריב צו זיין זייער לעבן אַבי קאַליגולאַן פונעם וועג אָפּצערעמען און באַפרייען די גרויסע רוימישע אימפּעריע פון זיין ווילדער הערשאַפט. און בּיסלעכווייז האָט זיך אים איינגעגעבן אריינצוציען אין דעם ניט נאָר די מערס־טע הויפליים, נאָר אויך אַ סך פון די סענאַטאָרן און אויך פון די עלטסטע אין דער אַרמיי, און דאַן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דעם אָנפאַל אויף קאַליגולאַן זאָל מען מאַכן אין די טעג, ווען עס וועלן זיך אין דעם גרויסן צירקוס, וואָס ביים הויף, אָנהויבן די שפּילן און די פאַרשטעלונגען, צו וועלכע עס קומען געוויינלעך טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

עס איז ניט אינגאַנצן קלאָר פאַר וואָס די פאַרשווערער האָבן באַשלאָסן צו טויטן דעם משוגענעם צעזאַר דווקא אין אַזעלכע טעג, ווען זיי האָבן דאָס געקענט דורכפירן שטילער און אפשר טאָקע מיט וויניקער איינשטעלעניש אויך, ווייל אַ סך פון זיי האָבן דאָך צו אים אַ נאָענטן צוטריט געהאַט. עס שיינט אָבער, אַז זיי האָבן פון דעם געוואָלט מאַכן אַ גרויסן פאָלקס־ יום טוב. און חוץ דעם זע־נען די פאָלקס־שפּילן, וואָס זענען געוויינלעך פאָרגעקומען אין אַ באַשטימטער צייט, אויסגעפאַלן גראָד דאַן ווען דער פּלאַן צו טויטן קאַליגולאַן איז געוואָרן פאַרטיק, און גלייך נאָך דעם האָט ער גע־דאַרפט אוועקפאָרן קיין אַלעקסאַנדריע און מיטנעמען מיט זיך אויף דער שיף די גרויסע סטאַטוע פון זיין געשטאַלט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט גאָלד און וואָס ער האָט זיך געקליבן אַריינצושטעלן אינעם בית המקדש אין ירושלים. מ'האָט דאָס דעריבער ווייטער ניט געקענט אָפּלייגן.

דער אידישער קעניג אַגריפּאַ איז דעמאָלט אויך געווען אין רוים. אָבער לײדער ווערט ביי קיינעם פון די היסטאָריקער פון יענער צייט ניט דערמאָנט וואָס פאַר אַן אָנטייל ער האָט אין דעם גענומען און צי ער האָט בכלל אין דעם געהאַט אַן אָנטייל. זיי דערמאָנען בלויז, אַז נאָך דעם ווי קאַיוס קאַליגולאַ איז שוין געווען טויט, האָט אַגריפּאַ געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע ביים אַרויפ־זעצן קלאַוודיוסן אויפן טראָן און אים מאַכן פאַרן רוימישן צעזאַר

אויף קאַליגולאַס אָרט און קריגן ביי אים צוריק פאַר די אידן די אַלע רעכט, וואָס מ'האָט ביי זיי פריער צוגענומען. עס איז אָבער שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז אַגריפּאַ האָט אין רוים אינגאַנצן פון דער פאַרשווערונג ניט געוואוסט. ס'איז דאָ אַ גרונט צו גלויבן, אַז ער האָט וועגן דעם יאָ געוואוסט, און וואָס שייך דער ראָלע, וואָס ער האָט אין דעם געשפּילט קען מען קיין באַשטימטע מיינונגען ניט אַרויסזאָגן, ווייל דאָס וואָלט צו ווייט פאַרפירט . . .

ווען דער ערשטער טאָג פון די צירקוס-פאָרשטעלונגען איז אַוועק, און די פאַרשווערונג איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, האָט כע־רעאַ צונויפגערופן זיינע פריינד און גערעדט צו זיי שאַרפע רייד פאַר וואָס מ'לייגט דאָס אַלץ אָפּ אויף שפּעטער; ער האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב מ'וועט די איצטיקע פאַרשווערונג אויפדעקן און אַלעמען באַשטראָפן מיטן טויט, וועט קאַליגולאַ ווערן נאָך ווילדער און ער וועט אויף אַלעמען אַרויפוואַרפן אַזאַ מורא, אַז ס'וועט זיך שוין גאָר קיין מאָל ניט געפינען קיינער, וואָס זאָל וואַגן אַ נייע פאַרשווערונג צו מאַכן און אַלע איינוואוינער פון דער גרויסער אימפּעריע וועלן נאָך יאָרן און יאָרן מוזן ליידן פון דעם גרויזאַמען הערשער, ווייל ער איז דאָך נאָך יונג, אינגאַנצן ניין און צוואַנציק יאָר אַלט, און ער קען נאָך לעבן ווער ווייסט ווי לאַנג.

און ווען דער לעצטער טאָג פון די גרויסע צירקוס-פאָרשטע־לונגען איז געקומען און ס'איז ווידער אַלע מאָל אַן אַנדער שטערונג געווען, האָט כערעאַ די געדולד אָנגעהויבן פאַרלירן, און צו־נויפגערופנדיק ווידער די פריינד, וואָס זענען מיט אים געווען אין אַ בונד האָט ער זיי דערמאָנט אָן דעם וואָס קאָיום קאַליגולאַ קלייבט זיך אַוועקצופאָרן קיין אַלעקסאַנדריע און אָנקוקן דאָס לאַנד מצרים, און ווען אייניקע האָבן אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס קען זיין, אַז אין דעם ווייטן לאַנד וועט זיך געפינען אימעצער, וואָס וועט אים טויטן, האָט כערעאַ ביי זיי געפרעגט:

„איז דאָס פאַר אייך אַ כבוד אַרויסצולאָזן פון די הענט דעם מאַן, וואָס איז אַן אומגליק פאַר די מענטשן פון דער גאַנצער וועלט און אים לאָזן אַרויספאָרן מיט גרויס פּאַראַד און נצחון איבער דער יבשה און איבערן ים? ווילן מיר זיך ניט דאַרפן שעמען פאַר זיך אַליין, ווען ניט קיין רוימער, נאָר עפּעס איינער אַ מצרי, וואָס וועט זיך איינשטעלן פאַר גערעכטיקייט וועט אים דערהרגענען? איך ווייס ניט וואָס איר טראַכט וועגן דעם, וועגן זיך אָבער וויל איך זאָגן, אַז איך וועל מער ניט דערלאָזן, אַז מ'זאָל דאָס אַלץ אָפּלייגן

אויף שפעטער. נאָך היינט וועל איך איינשטעלן מיין לעבן און איך וועל מיט פרייד נעמען אויף זיך אַלץ וואָס עס וועט מיט מיר גע־שען; מעג די סכנה פאַר מיין לעבן זיין ווי גרוים — לענגער וואַרטן וועל איך ניט! פאַר אַ מענטשן מיט פאַרשטאַנד און מוט קען ניט זיין קיין גרעסערער ווייטיק און קיין גרעסערע שאַנד ווי דער גע־דאַנק, אַז אין דער צייט ווען ער לעבט, האָט אַן אַנדערער צוגענומען ביי אים דעם כבוד צו טאָן אַזאַ גערעכטע זאַך ווי דערהרגענען קאַיוסן! *)

אַזוי האָט כערעאַ גערעדט, און מיט זיינע רייד האָט ער זיי אַלעמען אָנגעצונדן ,און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מער זאָל מען דאָס ניט אָפּלייגן — היינט מוז דאָס געשען!

ניט נאָר די וואָס זענען געווען פאַרמישט אין דער פאַרשוועְ־רונג האָבן דעם גרויסן סוד געוואוסט, נאָר אויך אַנדערע, וואָס זע־נען געשטאַנען נאָענט צו די קרייזן פון הויף, האָבן עס געוואוסט. דאָס קען מען זען פון דעם, וואָס פלאַוויוס דערציילט, אַז ווען צוויי מיטגלידער פונעם רוימישן סענאַט האָבן זיך אין יענעם טאָג גע־טראָפן אין צירקוס, און איינער האָט ביים אַנדערן געפרעגט וואָס מ'וועט היינט שפילן, האָט אים יענער געענטפערט שטילערהייט: „דער טויט פון טיראַנען". אָבער קיינער פון די זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן דעם גרויסן סוד געוואוסט, האָט ניט געפונען פאַר נוי־טיק דאָס דעם קיסר צו דערציילן. אַלע האָבן אַרויסגעקוקט דערויף, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער געשען, און מ'זאָל פּטור ווערן פון דעם מענטשן, וואָס איז אַן אומגליק פאַר אַלעמען.

פון אין דער פרי אָן האָבן די פאַרשווערער אַרויסגעקוקט אויף דעם מאָמענט, ווען קאַליגולאַ וועט אַרוים פונעם צירקוס און וועט זיך לאָזן גיין צו דעם אָרט, וואו ער באָדט זיך יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער שטונדע. כערעאַ האָט אַלע זיינע מענטשן אויף יענעם וועג אויסגעשטעלט און זיי זענען געווען גרייט אויף קאַלי־גולאַן אָנצופאַלן ווי ער וועט זיך נאָר דאַרט באַווייזן. אָבער ווי אויף צו־להכעיס האָט זיך קאַליגולאַ אין יענעם טאָג ניט געאיילט צו גיין אין באָד אַריין; ער איז גראָד שטאַרק פאַרקאָכט געוואָרן אין אַ שפיל, וואו מ'האָט פאָרגעשטעלט ווי מ'קרייציקט דעם פירער פון אַ רויבער־באַנדע און ווי ס'גיסט זיך פון אים דאָס בלוט; ער האָט די אויגן פון דער שפיל ניט געקענט אָפּרייסן, ווייל ער האָט זייער

*) קדמניות היהודים, י"ט, א, י"ב.

ליב געהאַט בלוט, אַפּילו ווען דאָס איז געווען בלויז אין אַ פאָרשטעלונג. און כאָטש עטלעכע פון די פאַרשווערער, אַנגעזעענע לייט פון הויף, וועלכע זענען לעבן אים די גאַנצע צייט אין צירקוס געזעסן, האָבן אים עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז עס איז שוין צייט ער זאָל זיך גיין באָדן, האָט ער זיך דאָך ניט געאײלט, און ווען כערעאַ האָט געזען, אַז ס'גייט אַוועק אַ שעה און נאָך אַ שעה און קאַליגולאַ איז נאָך אַלץ פאַרקאַכט אין דער שפּיל, איז ער שוין געווען גרייט אָנצופאַלן אויף אים דאָ אין צירקוס, פאַר אַלעמען אין די אויגן, און אים דערהרגענען מיט דער שווערד, אָבער די אַנדערע האָבן אים דאָס ניט געלאָזט טאָן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס קען נאָך אַרויסרופן אַ גרויסע מהומה צווישן די טויזנטער מענטשן וואָס געפינען זיך דאָ, און ס'וועט פאַרגאָסן ווערן אַ סך אומשולדיק בלוט.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז מ'האָט קאַליגולאַן דאָך איינגערעדט, אַז ער זאָל זיך גיין באָדן און נאָך דעם קומען צוריק און זען די אַנדערע טײלן פון דער גרויסער שפּיל, און ווי ער איז נאָר אַרויס, האָבן זיך עטלעכע פון די פאַרשווערער, וואָס זענען די גאַנצע צייט געזעסן אינעווייניק, געלאָזט גיין נאָך אים, אָבער געטאָן האָבן זיי דאָס זייער פאַרזיכטיק, ווייל פאַרן עולם האָט דאָס געדאַרפט הייסן, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאַר די וואַך פונעם צעזאַר. אַרויסגייענדיק, האָבן זיי זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס, אָבער די גאַנצע צייט האָבן זיי קאַליגולאַן נאָכגעקוקט, צו זען אויף וואָס פאַר אַ וועג ער פאַרקירעוועט זיך צו גיין אין דער באָד, ווייל ער האָט אַהין געקענט גיין מיט עטלעכע וועגן; זיי האָבן אויך געהאַלטן אַן אויג אויף די באַוואָפנטע זעלנער, וואָס זענען אויף די אַלע וועגן געווען אויסגעשטעלט, ווייט איינע פון די אַנדערע; מ'האָט געדאַרפט זיין גרייט אָנצופאַלן אויף זיי, אויב אימעצער וועט זיך לאָזן לויפן צו ראַטעווען דעם משוגענעם צעזאַר פון די הענט פון די פאַרשווערער. אויף אַלץ האָט מען געדאַרפט זיין גרייט. און ווען מ'האָט דערזען, אַז קאַליגולאַ לאָזט זיך גיין אויף דעם באַזונדערן געהיימען וועג, וואָס פירט צו דער באָד, האָט זיך כערעאַ אַליין, דער ערשטער אַ לאָז געטאָן נאָך אים.

קאַליגולאַ האָט כערעאַן אין קיין זאַך ניט חושד געווען, און ווען ער האָט אים דערזען, האָט ער צו אים אָנגעהויבן שמייכלען.

דאַן האָט כערעאַ צו אים געזאָגט, ער זאָל אים געבן אַ נייַ פּאַסיר-וואָרט פאַר דער וואַך אין הויף, און ווען קאַליגולאַ האָט זיך

צעלאַכט און אים, ווי שטענדיק אין אַזאַ מאָמענט, געגעבן איינע פון זיינע שמוציקע ווערטער, האָט כערעאַ אים אָנגעהויבן זידלען דערפאַר, און אין איין אויגנבליק האָט ער געגעבן אַ כאַפּ אַרויס די שווערד און מיט אַלע כוחות אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ.

קאַליגולאַ איז אומגעפאַלן, אָבער ער איז נאָך ניט געווען טויט. די שווערד האָט אים געטראָפן איבערן נאַקן, אָבער ביים אַקסל האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אָן ביין, און די וואונד איז ניט געווען קיין געפערלעכע, אָבער ער איז פון דעם געוואָרן אַזוי צעמישט, אַז ער האָט אַפילו קיין געשריי ניט אַרויסגעלאָזן. און מיט אַ מאָל, פּונקט אין דעם אויגנבליק ווען כערעאַ האָט זיך אויף אים ווידער פאַר־מאָסטן מיט דער שווערד, האָט ער זיך געגעבן אַ הויב אויף און האָט אָנגעהויבן לויפן.

לויפן ווייט האָט ער ניט געקענט. דער געהיימער וועג, וואָס האָט געפירט צו דער באָד, איז געווען אַ שמאָלער און ער האָט פון דאָרט ניט געקענט אַרויס. און ווי ער איז אַזוי געלאָפן, אַ צעבלו־טיקטער, האָט אים קאָרנעליוס סאַבינוס, איינער פון די אָנגעזעענע לייט אין הויף, פאַרשטעלט דעם וועג און אים געגעבן אַזאַ קלאַפּ, אַז ער איז אומגעפאַלן אויף די קני, און דאַן זענען גלייך צוגעלאָפן די אַנדערע און האָבן אים אָנגעהויבן שלאָגן מיט די שווערדן איבערן קאָפּ און וואו עס האָט זיך נאָר געמאַכט. און עס ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז שלאָגנדיק דעם משוגענעם קיסר וואָס האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אין דער מורא אַלע פעלקער און לענדער פון דער גרויסער אימפּעריע, האָבן די הויפלייט איינער דעם אַנדערן אונטערגעגעבן מוט צו קלאַפּן שטאַרקער און נאָך שטאַרקער, און זיי האָבן די שווערדן צוריק אין די שיידן ניט אַריינגעלייגט ביז ער איז געבליבן ליגן טויט.

אַזאַ סוף האָט געהאַט קאַיוס קאַליגולאַ, וועלכער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גאָט און געוואָלט צווינגען די אידן, אַז זיי זאָלן אַוועקשטעלן אַ סטאַטוע פון זיין געשטאַלט אין בית המקדש און דינען צו אים.

און גערעכט איז געווען דער מוטיקער כערעאַ, ווען ער האָט שפּעטער, אין אַ רעדע פאַרן סענאַט, אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז די גרויסקייט פון טיראַנען געדויערט ניט לאַנג; זיי מוזן האָבן אַ טרויעריקן סוף, ווייל מיט זייערע מעשים מאַכן זיי זיך פאַרהאַסט ביי אַלע מענטשן, וועלכע האָבן אַ חוש פאַר גערעכטיקייט; און זיי

אַליין זענען זייערע אייגענע פאַרשווערער, זיי אַליין ברענגען אויף זיך דעם טויט . . .

אַזוי האָט געענדיקט דער מוטיקער רוימער, וואָס האָט דערהרג-עט קאַליגולאַן, וועלכער האָט אָנגעטאָן די אידן אַזוי פיל צרות און וואָס איז געווען אַן אומגליק פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט. און דאָס שטימט מיט דעם וואָס איז שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז די שטראָף ליגט אין דעם פאַרברעכן; זי איז דער נאַטירלעכער און לאָגישער אויסגאַנג פון פאַרדאָרבנקייט און בלוטיקע מעשים.

***

דערהרגעט געוואָרן איז קאַיוס קאַליגולאַ דעם 29סטן יאַנואַר, פון דעם יאָר 41, לויט דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג. און דאָס איז אַ וויכטיקע דאַטע אין דער רוימישער און אויך אין דער אי-דישער געשיכטע. ער איז דאַן אינגאַנצן אַלט געווען ניין און צוואַנציק יאָר, און אין די קנאַפע פיר יאָר וואָס ער איז געווען דער הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע, האָט ער געגנוג אומשלו-דיק בלוט פאַרגאָסן. און נאָך זיין טויט איז דער הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע געוואָרן קלאַוודיוס, און אין דעם האָט דער אידישער קעניג אַגריפּאַ, וועלכער איז דאַן נאָך געווען אין רוים, זייער אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט; ער האָט געפירט די אונטער-האַנדלונגען צווישן קלאַוודיוסן און דעם רוימישן סענאַט; ער האָט ביידע צדדים אויסגעגליכן און אַדאַנק אים איז ניט געקומען צו קיין בירגער-קריג אין רוים. און ווען קלאַוודיוס איז געוואָרן צע-זאַר, האָט ער אַגריפּאַן באַלוינט דערפאַר; ער האָט צוריקגעגעבן די אידן די רעכט, וואָס מען האָט ביי זיי שוין געהאַט צוגענומען; ער האָט פאַרמשפּט צום טויט עטלעכע פון די שונאי ישראל, וועל-כע האָבן פריער געהעצט קעגן אידן, און צווישן זיי איז אויך געווען דער פאַרדאָרבענער העליקאָן, וועלכער איז געווען ניט ווייניק שולדיק אין דעם וואָס קאַליגולאַ האָט אַזוי מיאוס באַליידיקט פילאָנען און די אַנדערע פון דער אידישער דעלעגאַציע פון אַלעק-סאַנדריע; קלאַוודיוס האָט אויך ברייטער געמאַכט די גרענעצן פון דער אידישער מלוכה און געמאַכט אַגריפּאַן פאַרן קעניג פון גאַנץ יהודה; די אָפּגעריסענע שטיקער פון ארץ ישראל זענען צוריק גע-וואָרן פאַראייניקט, און דאָס לאַנד איבער וועלכן דער אידישער קעניג האָט געהערשט, איז געווען נאָך גרעסער ווי אין די צייטן פון הורדוס דעם גרויסן, און ווען אַגריפּאַ איז נאָך דעם קיין ירושלים אָנגעקומען, האָט דאָס פאָלק אים אויפגענומען מיט גרויס פרייד-

מען האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, דעם קעניג, וואָס האָט זיך אין רוים אַזוי פיל פאַר זיין פאָלק איינגעשטעלט. און איין מאָל, ווען מען האָט אין ירושלים געפייערט דעם יום טוב סוכות, און דער קעניג האָט אין בית המקדש פאַרן פאָלק געלייענט די תורה, ווי עס איז געווען איינגעפירט ביי אידן אין יענע צייטן, ווען זיי זענען געווען אַ פאָלק מיט אַן אייגן לאַנד, האָט ער זיך מיט אַמאָל צע־וויינט ווען ער איז צוגעקומען צו דעם פסוק אין דברים (י״ז, טו) „כי מקרב אחיך תשים עליך מלך לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא״ (פון צווישן דיינע ברידער זאָלסטו מאַכן איבער דיר אַ קעניג, זאָלסט ניט אַרויפזעצן איבער דיר אַ פרעמדן, וואָס איז נישט דיינער אַ ברודער).

ער האָט ניט געקענט צוריקהאַלטן די טרערן, דער אידישער קעניג אַגריפּאַ, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז צווישן די גאָר פרומע לייט געפינען זיך נאָך אַלץ אַזעלכע, וואָס קוקן אויף אים ווי אויף אַ פרעמדן דערפאַר וואָס ער שטאַמט פון דער הורדוס-משפּחה, וואָס איז געקומען פון אדום. דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן און ער האָט דעריבער געוויינט ווען ער איז צו יענעם פסוק אין דער תורה צוגעקומען. און ווען די אידן אין בית המקדש האָבן דאָס דערזען, האָט דאָס זיי שטאַרק גערירט, און פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט קולות:

— וויין ניט, אַגריפּאַ!

— דו ביסט אונדז ניט קיין פרעמדער!

— אונדזער ברודער ביסטו!

דאָס פאָלק האָט געוואוסט ווי אָפּצושעצן די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער גוטער און קלוגער אידישער קעניג, אַגריפּאַ דער ערשטער, האָט פאַר זיי געטאָן.

דער געהיימע דורכגאַנג, וואָס די צעזאַרס האָבן באַנוצט גייענדיק פון פּאַלאַץ צו די בעדער. דאָ האָט מען דער־הרגעט קאַליגולאַן.



טיטוס הרשע

בוך דריי

3. טיטוס הרשע

אינהאלט:

ערשטער קאפיטל

א רשע א בעל־תשובה — — — — — — — — — — — — — — 195—202

צווייטער קאפיטל

די געהיימניש ארום דעם טויט פון אגריפא דעם ערשטן — 203—212

דריטער קאפיטל

דער איד טיבעריוס אלעקסאנדער, איינער פון די ערשטע צוויי רוימישע פראקוראטארס אין יהודה — — — — — — — — 213—221

פערטער קאפיטל

די קנאים און די סיקאריער—רעכטע און לינקע — — — — 222—231

פינפטער קאפיטל

קריג, בירגער־קריג און סאציאלע רעוואלוציע — — — — — 232—246

זעקסטער קאפיטל

דאס פאלק צעריסן און דאס לאנד אין פלאמען — — — — — 247—256

זיבעטער קאפיטל

דער גרויסער איבערברוך אין דער געשיכטע פון רוים און ירושלים — — — — — — — — — — — — — — — 257—271

קאַפּיטל איינס

אַ רשע אַ בעל־תשובה

אין דער געשיכטע פון דער רוימישער אימפעריע פאַרנעמט טיטוס זייער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ און ער ווערט דאָרט פאַרגעשטעלט ניט נאָר ווי אַ גרויסער קריגספירער, ווי אַ העלד, וואָס איז אויפן שלאַכטפעלד שטענדיק געווען דער ערשטער אין פייער, נאָר אויך ווי אַ גוטער מלאך אינעם געשטאַלט פון אַ מענטשן.

די גרעסטע רוימישע היסטאָריקער — און צווישן זיי אויך אַזעלכע ווי טאַציטוס און סיוטאָניוס, וועלכע האָבן געלעבט אין זיין צייט — האָבן אים אין זייערע ווערק ביז צום הימל דערהויבן, און ס׳איז גאָר נישטאָ קיין שיעור און קיין ערך צו די שבחים, וואָס זיי האָבן פאַר אים געזונגען.

צווישן די טויזנט און איין מעלות, וואָס די רוימישע היסטאָריקער האָבן טיטוסן צוגעשריבן, האָבן זיי אויך דערציילט, אַז חוץ דעם וואָס ער איז געווען זייער אַ שיינער, חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון קונסט, איז ער דערצו נאָך געווען זייער אַ גוטער אויך; ער האָט ליב געהאַט צו געבן מתנות און שטאַרק הנאה געהאַט צו טאָן טובות די מענטשן, וואָס קומען אָן צו אים: ער האָט קיין מאָל קיינעם גאָרניט אָפּגעזאָגט; און אין דעם, דערציילן זיי, איז ער געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען ס׳איז אַמאָל אַוועק אַ טאָג און קיינער האָט ביי אים גאָרניט געבעטן, האָט ער זיך פאַר זיינע נאָענטע ראַטגעבער און פריינד געקלאָגט, אַז ער האָט היינט אַ טאָג פון זיין לעבן אינגאַנצן פאַרלאָרן.

עס איז גאָר אוממעגלעך אויסצורעכענען די אַלע זעלטענע מעלות, וואָס די רוימישע היסטאָריקער האָבן אין טיטוסן געזען; פון דעם ווי זיי שילדערן אים קומט אוים, אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אָפענער האַנט צו געבן און מיט אַן אָפן האַרץ מיטצופילן; זיי רופן אים „טיטוס דער גוטער", און דער היסטאָריקער סיוטאָניוס

גייט אין דעם נאָך ווייטער פון אַלע אַנדערע; ער שרייבט, אַז טיטוס איז געווען „דער ליבלינג און דער נחת פון דער מענטשהייט“.*)

אָבער אין וואָס פאַר אַ ליכט די רוימישע היסטאָריקער זאָלן טיטוסן ניט אַרויסשטעלן, ווי הויך עס זאָלן ניט קלינגען די שבחים, וואָס זיי זינגען צו אים — אין דער אידישער געשיכטע און אויך אינעם זכרון פונעם גאַנצן אידישן פאָלק, וועט ער אויף אייביק בלייבן — טיטוס הרשע.

אידן קענען ניט און ווען קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז מיט טיטוסעם נאָמען איז פאַרבונדן דער גרעסטער אומגליק, וואָס זיי האָבן ווען ס'איז איבערגעלעבט ווי אַ פאָלק — דער חורבן פונעם צווייטן בית המקדש!

דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער זעלבסשטענדיקייט פונעם אידישן פאָלק; אידן האָבן פאַרלאָרן זייער לאַנד און זיינען געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און אומעטום האָט מען זיי מיט די פיס געטראָטן און זייער לעבן איז געוואָרן הפקר און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי; אין ערגעץ האָבן זיי פאַר זיך קיין היים ניט געהאַט; וואו נאָר אַ צרה ערגעץ אין אַ לאַנד, זענען זיי געווען די ערשטע צו ליידן דערפון; אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער איז אַלע מאָל ערגעץ אויפגעשטאַנען אַ רשע, וואָס האָט זיך פאַרלייגט זיי צו פאַרטיליקן און אויסצעראָטן; פון אומעטום האָט מען זיי געטריבן און זיי האָבן ניט געהאַט וואוהין צו לויפן. און עס איז שוין באַלד ניינצן הונדערט יאָר זינט ס'איז אַזוי. עס ציט זיך פון דאַן אָן איין קייט אַ לאַנגע — פון טיטוסן ביז היטלערן.

און פונקט ווי היטלער איז פאַר אונז ניט דער „שיינער אַדאָלף“, ווי זיינע אָנהענגער שטעלן אים פאָר, אַזוי איז פאַר אונדז טיטוס ניט דער „ליבלינג און דער נחת פון דער מענטשהייט“, ווי די רוימישע היסטאָריקער שטעלן אים פאָר. מיר אידן האָבן פון אים זייער ווייניג נחת געהאַט. פאַר אונדז איז ער געבליבן — טיטוס הרשע.

מיט זייער גאַנצן ווילן פאַרצושטעלן טיטוסן ווי די פאַרקערפערונג פון גוטסקייט און לייטישקייט, מוזן אַפילו די רוימישע

*) סיוטאָניוס, דאָס לעבן פון די צוועלף צעזאַרס. (ענגלישע איבערזעצונג) טיטוס, ז. 361.

הויף-היסטאָריקער צוגעבן, אַז בלויז אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז אויפן טראָן געזעסן — פונעם יאָר 79 ביזן יאָר 81 — האָט ער זיך אויפגעפירט גוט און לייטיש, און איז ניט געווען אַזוי ברוטאַל און גרויזאַם ווי די אַנדערע צעזאַרס, וואָס זיינען געווען פאַר אים. זיין גוטסקייט איז אָבער ניט געווען קיין איינגעבאָרענע אייגנשאַפט, נאָר די גוטסקייט פון אַ רשע, וואָס ווערט אַ בעל תשובה, ווען ער הויבט זיך אָן שרעקן פאַר דער שטראָף, וואָס קען קומען אויף אים איבער די שלעכטע מעשים, וואָס ער האָט געטאָן.

טיטוס איז אין די אינגערע יאָרן זיינע געווען שרעקלעך ווילד און צעלאָזן; ער איז געווען אַ שכור און אַן אויסוואורף; גאַנצע נעכט פלעגט ער הוליען און טרינקען מיט פאַרשוינען, וועלכע זענען געווען פונקט אַזעלכע שיכורים און אויסוואורפן ווי ער; ער האָט זיך געחברט מיט די ערגסטע און פאַרדאָרבנסטע מענטשן אין רוים; ליבעם האָט ער געפירט ניט נאָר מיט פרויען, נאָר אויך מיט מאַנס-פאַרשוינען, ווי עס איז געווען דער שטייגער פון אַ סך צעלאָזענע און פאַרדאָרבענע לייט אין די קרייזן פון דער רוימישער אַריסטאָ-קראַטיע פון יענער צייט; ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ סך סריסים און שיינע יונגעלייטלעך, וועלכע האָבן זיך צו אים פאַרקויפט אויף ביינאַכט פאַר געלט, און צו די אַלע „מעלות" איז ער נאָך געווען אַזוי גרויזאַם און ברוטאַל, אַז מ'האָט מורא געהאַט, ער זאָל נאָך ניט זיין קיין צווייטער נירון-קיסר ווען ער וועט אַרויף אויפן טראָן.

מענטשן וואָס האָבן אים געקענט, האָבן זיך גאַנץ ערנסט גע-שראָקן דערפאַר; אין די הויכע קרייזן האָט מען גאַנץ אָפן גערעדט, אַז ווען אספּאַסיאַנוס-קיסר וועט שטאַרבן און טיטוס זיין זון וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ, וועט מען אין דער רוימישער אימפּעריע אוודאי דאַרפן אויסשטיין פון אים ניט ווייניגער צרות און אומ-גליקן ווי פון דעם ווילדן צעזאַר נירון, וועלכער האָט דערהרגעט זיין אייגענע מוטער, זיינע אייגענע ווייבער און פאַרפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד מיט בלוט. עס איז געווען אַ גרונט מורא צו האָבן דערפאַר, און ניט קיין אַנדערער ווי טיטוס אַליין האָט דעם גרונט דערויף געגעבן. אַזוי דערציילט סיוטאָניוס אַליין; דער זעלבער רוימישער היסטאָריקער, וואָס האָט טיטוסן אַזוי פיל שבחים געגעבן, האָט דעם אמת דאָך ניט געקענט פאַרשווייגן. ער דערציילט אויך, אַז ווען ס'האָט זיך טיטוסן אַמאָל אויסגעוויזן, אַז זיינער אַ נאָענטער פריינד האָט אַ באַגער צו זיין געליבטער, האָט ער אים פאַרבעטן צו זיך אויף אַ סעודה; ער האָט מיט אים דעם גאַנצן אָוונט פאַר-

בראכט אזוי ווי צוויי גוטע פריינד פארברענגען געוויינליך, און שפעטער, ווען יענער האט שוין געהאלטן ביים אוועקגיין, האט טיטוס שטילערהייט אים נאכגעשיקט איינעם פון זיינע באוואפענטע לייט, און מ׳האט דעם גוטן פריינד דערשטאכן אויף טויט. און ווען מ׳האט טיטוסן אנגעזאגט, אז דער באפעל איז דורכגעפירט, האט ער זיך אויפגעהויבן און איז רואיק אוועק פון טיש, און כדי אפ־צווישן דעם שלעכטן איינדרוק, וואס אזא זאך קען מאכן האט ער נאך דעם אויסגעטראכט א בלבול אויף דעם גוטן פריינד, אז ער האט געוואלט ארויסרופן אן אויפשטאנד אין דער ארמיי.*)

מיט דעם האט ער געוואלט פארדעקן זיין געמיינע און גרויזאמע האנדלונג, און דאס איז ביי אים געווען ניט דער איינציקער פאל פון געמיינקייט און גרויזאמקייט. אזעלכע און ענלעכע פאלן זענען אין זיין לעבן געווען א סך. בכלל האט ער זיך אויפגעפירט ווי א ווילדער אכזר אפילו אין די צייטן ווען זיין פאטער אספאסיאנוס האט נאך געלעבט, און ניט אומזיסט ווערט אומעטום ארויסגעבראכט דער פאקט, אז קיינער פון די פריערדיקע צעזארם איז ביים איבער־נעמען די מאכט פון דער רוימישער אימפעריע ניט געווען אזוי פארהאסט ביים פאלק ווי טיטוס איז דאס געווען.

מ׳דארף ניט פארגעסן, אז אין די אויגן פון דעם רוימישן פאלק האט טיטוס, נאך אלעמען, דאך געדארפט און געמוזט זיין א נא־ציאנאלער העלד; זיינע פארדינסטן פאר דער רוימישער אימפעריע זענען געווען גרויס; ער האט זיך שטארק אויסגעצייכנט אלס קריגס־פירער און מ׳האט זייער געלויבט זיינע העלדישקייטן אויף די שלאכטפעלדער אין גערמאניע און אין בריטאניע, דערצו איז ער נאך געווען דער באזיגער פון יהודה, און דאס איז פאר דער רוימי־שער אימפעריע געווען זייער וויכטיק, ווייל פון די אלע לענדער, וואס זענען געשטאנען אונטער דער הערשאפט פון רוים, האט קיין לאנד ניט ארויסגעוויזן אזא ווידערשטאנד ווי דאס לאנד יהודה; עס איז געווען גרויס די סכנה, אז אויב די אידן וועלן ארויסקומען מיט א נצחון און עס וועט זיך זיי איינגעבן ארונטערצוווארפען פון זיך דעם פרעמדן יאך, וועלן די אנדערע פעלקער נאכטאן דעם זעלבן ביישפיל און דאן וועט זיך די רוימישע אימפעריע אויף שטיק־לעך צעפאלן און איר מאכט וועט זיין געבראכן. דער נצחון איבער ירושלים האט פאר רוים געהאט זייער א גרויסע באדייטונג, און

---

*) סיועטאניוס, דאס לעבן פון די צוועלף צעזארס, טיטוס, 5, ז. 364.

עס האָט דאָך געדאַרפט זיין ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז דערפאַר וואָס טיטוס איז געווען דער, וואָס האָט געבראַכט דעם גרויסן נצחון, זאָל מען אים אַ סך זאַכן פאַרגעבן, זאָל מען אַ סך חסרונות זיינע פאַרזען, ווי ס׳איז געוויינלעך דער שטייגער אין אַזאַ פאַל אין דער געשיכטע פון לענדער און פעלקער. און אויב אַזאַ היסטאָריקער ווי סיוטאָ-ניוס, אַ גרויסער אָנהענגער פון טיטוסן, גיט דאָך צו, אַז פון די פריערדיגע צעזאָרס איז ביי דעם איבערנעמען די מאַכט קיינער ניט געווען אַזוי פאַרהאַסט ביים פאָלק ווי טיטוס, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר מעשים ער האָט אָפּגעטאָן און ווי גרויזאַם ער איז געווען איידער ער איז אַרויף אויפן טראָן.

דער אונטערשייד צווישן טיטוסן און קאַליגולאַן באַשטייט, אין אַ געוויסן זין, אין דעם, וואָס בעת קאַליגולאַ איז די ערשטע צייט געווען גוט און איז שפּעטער געוואָרן שלעכט, איז מיט טיטוסן גע-ווען פונקט פאַרקערט — ער איז אין די ערשטע צייטן געווען שלעכט און איז שפּעטער געוואָרן גוט. יאָרן און יאָרן איז ער געווען אַ רשע, אַ צעלאָזענער און זייער אַ פאַרדאָרבענער מענטש; ער איז געווען גרויזאַם ניט נאָר אויפן שלאַכטפעלד; ער איז בכלל געווען אַן אכזר, ער איז אין אַלגעמיין געווען שרעקלעך ברוטאַל; ער האָט געטאָן זאַכן וואָס בלויז בלוטדורשטיקע מענטשן קענען טאָן; איינער פון זיינע גרעסטע פאַרגעניגנס איז געווען צו נעמען קריגסגעפאַנגענע און זיי אַריינוואַרפן אין די שטייגן פון אויסגעהונגערטע ווילדע חיות, ער האָט דאָס ליב געהאַט צו זען, דער „נחת פון דער מענטש-הייט“, דאָס האָט אים אַ סך פרייד פאַרשאַפט; אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געווען אוממענטשלעך, ווילד און פאַרדאָרבן האָט ער געטאָן; ער האָט נאָכגעגעבען אַלע זיינע ליידנשאַפטן און קאַפּריזן; ער האָט זיך באַנוצט מיט זיין מאַכט אין דער פולער מאָס און ס׳האָט אים ניט געאַרט וואָס איבער דעם וועלן אומקומען ניט נאָר שולדיקע, נאָר אויך טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע מענטשן; ער האָט זיך געיאָגט נאָך כבוד, און קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן, אַז ער האָט שטילערהייט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג קעגן דעם אייגענעם טאַטן, דעם צעזאַר אספּאַסיאַנוס, אים אַרונטערצו-זעצן פונעם טראָן. און נאָך און נאָך שרעקלעכע זאַכן האָט ער געטאָן און איז געווען גרייט צו טאָן. און אַזוי האָט ער זיך געפירט ביז דער עלטער פון ניין און דרייסיק יאָר. ערשט שפּעטער, ווען ער איז אינעם יאָר 79, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייטרעכנונג, געוואָרן דער הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע, ווען ער איז

נאָכן טויט פון זיין פאָטער ארויף אויפן טראָן, איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן אַ בעל תשובה, און ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז כדי צו זיין זיכער אין דעם, אַז ער וועט מער ניט איינשמירן זיינע הענט אין בלוט, האָט ער זיך אַליין געמאַכט פאַרן „פּאָנטיפעקס מאַקסימוס״, פאַרן העכסטן גייסטלעכן אין דער מלוכה, און דאַן האָט ער געגעבען אַ שבועה, אַז ער וועט קיין מאָל ניט פאַרמשפּטן קיין מענטשן צום טויט.

ער האָט אפנים מורא געהאַט, דער ניי־געקרוינטער צעזאַר, אַז איצט, ווען ער האָט שוין נאָך מער מאַכט ווי דאַן ווען ער איז בלויז געווען דער יורש פונעם טראָן, וועט אים זיין שווער ניט נאָכ־צוגעבן זיין בלוטדורשטיקייט, און ער האָט זיך צוליב דעם געמאַכט פאַרן העכסטען גייסטלעכן אין דער מלוכה. ער האָט געוואָלט לייטערן זיין זינדיקע נשמה אונטערן מאַנטל פונעם „פּאָנטיפעקס מאַקסימוס״, און מ׳מוז צוגעבן, אַז אין די צוויי יאָר מיט צוויי חדשים און צוואַנציק טעג, וואָס ער איז אויפן טראָן געזעסן, האָט ער זיך ווירקלעך אויפגעפירט פיין און לייטיש. אָבער עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צי ער וואָלט טאַקע אַזוי געבליבן ווען זיין הערשאַפט וואָלט געדויערט לענגער.

***

אין דער געשיכטע פון דער רוימישער אימפּעריע קען מען געפינען אַ סך פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן אונדזער השערה. ניט איין צעזאַר איז די ערשטע צייט געווען גוט און גנעדיק און שפּעטער איז ער געוואָרן שלעכט און גרויזאַם. מיר ווייסן וועגן קאַליגולאַן, ווי ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, ווען ער איז אַרויף אויפן טראָן איז אין רוים די פרייד געווען גרויס. אויך אין די אַנדערע לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן שוץ פון רוים, האָט מען זיך געפרייט דערמיט, וואָס דער יונגער קאַיוס קאַ־ליגולאַ איז געוואָרן קיסר. אָבער נאָך דעם האָט ער זיך אַזוי צעד־ווילדעוועט, אַז ווען מ׳האָט אים, ענדלעך, דערהרגעט, איז די פרייד געווען נאָך גרעסער, און ער איז אַריין אין דער געשיכטע ווי „דער משוגענער צעזאַר״.

אַפילו נירון־קיסר האָט אָנגעהויבן ווי אַ גוטער און גנעדיקער הערשער. ווען דער עלטסטער פון דער באַוואָפענטער וואַך אין הויף איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו אים נאָכן פּאַסיר־וואָרט פון טאָג, האָט דער ניי־געקרוינטער צעזאַר קיין אַנדער פּאַסיר־וואָרט ניט

געקענט צוטראַכטן ווי „ד י ב ע ס ט ע מ אַ מ ע". מיט דעם איז ער אויסן געווען צו ווייזן וואָס פאַר אַ געטרייער זון ער איז און ווי ליב ער האָט די מאַמע; אָבער שפּעטער, ווען ער האָט איינגעזען, אַז די מאַכט פון אַ רוימישן קיסר האָט ניט קיין גרענעץ, האָט ער די אייגענע מאַמע פון דער וועלט אומגעבראַכט און אָפּגעטאָן אַזוי פיל ווילדע און בלוטיקע מעשים, אַז ווען מ'האָט אים דערהרגעט, איז די פרייד געווען נאָך גרעסער ווי דאַן, ווען מען האָט אים געקרוינט.

עס איז געווען אַזאַ צייט, אַז יעדער מאָל, ווען אַ צעזאַר אין רוים איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ פאַרשווערונג, האָט מען זיך געפרייט דערמיט, וואָס מ'איז פּטור געוואָרן פון אַ טיראַן, און במילא איז שוין אויך אויסגעקומען אַזוי, אַז מ'פרייט זיך אויך מיט דעם ניי-געקרוינטן קיסר.

אָבער ווען טיטוס איז אַרויף אויפן טראָן, איז אַפילו דאָס אויך ניט געווען. אין רוים האָט מען זיך דערמיט ניט געפרייט, ווייל ער האָט נאָך פון פריער געהאַט אַ נאָמען פון אַ שרעקלעך בלוטדורשטיקן אַכזר און פון אַ צעלאָזענעם, פאַרדאָרבענעם מענטשן. מ'האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיין אַ צווייטער נירון-קיסר. און ס'איז זייער מעגלעך, אַז ווען ער וואָלט געבליבן אויפן טראָן לענגער, ווען ער וואָלט ניט געהאַט אַזאַ שנעלן סוף, וואָלט ער טאַקע געוואָרן אַ צווייטער נירון; ער האָט דאָס געקענט ווערן, ווייל ער האָט אין זיך געהאַט גענוג רשעות, און דאַן וואָלטן די רוימער אים דערזען אין דעם זעלבן ליכט ווי די אידן האָבן אים געזען, און ער וואָלט אין זייער געשיכטע ניט פאַרשריבן געוואָרן ווי „דער ליבלינג און נחת פון דער מענטשהייט", נאָר אַזוי ווי ער איז פאַרשריבן אין אונדזער געשיכטע — ט י ט ו ס ד ע ר ר ש ע!

זיי וואָלטן אים אפשר אפילו דאַן ניט געהאַסט אַזוי פיל ווי אידן האַסן אים נאָך ביז היינטיקן טאָג; מיט זיין גאַנצער רשעות, סיי מיט דער, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, און סיי מיט דער, וואָס ער האָט אין זיך דערשטיקט, האָט ער, נאָך אַלעמען, אויף רוים דאָך ניט געקענט ברענגען אַזאַ אומגליק ווי אויף ירושלים. און אויב די שנאה פון אידן צו אים איז אין דעם משך פון קנאַפּע ניינצן הונדערט יאָר ניט געוואָרן קלענער, איז דאָס ניט אומזיסט, וואָרים ער האָט אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס אידן זענען געבליבן אַ פאָלק אָן אַ לאַנד נאָך ביז היינטיקן טאָג, און דאָס מיינט, אַז ער האָט אויך

אַ גרויסן חלק אין די אַלע צרות און אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן דאָס אידישע פאָלק אין די יאָרען וואָס זענען געקומען נאָכ׳ן חורבן.

מ׳דאַרף אָבער דאָך ניט מיינען, אַז טיטוס איז געווען דער איינ־ציקער, וואָס איז אין דעם געווען שולדיק. אויף די קעפּ פון נאָך און נאָך מענטשן פאַלט אַ היפּשער חלק פון דער שולד. אויף די קעפּ פון אייגענע און פון פרעמדע. אויך די אומשטענדן פון יענער צייט האָבן אין דעם זייער אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט, ווי עס וועט אַרויס־געבראַכט ווערן ווייטער. און כדי דאָס זאָל זיין קלאָר און מ׳זאָל זיך קענען פונאַנדערפּלאָנטערן אינעם קנויל פון די אַלע געשעעענישן און פּאַסירונגען, מוזן מיר זיך דאָ אומקערן צו דער צייט ווען אַגריפּאַ דער ערשטער איז געשטאָרבן. דאָס איז זייער וויכטיק, ווייל עס וואַרפט אַ ליכט, און ס׳גיט דעם שליסל צו דעם וואָס ס׳איז געשען שפּעטער און צו דעם וואָס ס׳האָט געפירט צום חורבן.

טיטוס

קאַפּיטל צוויי

די געהיימניש אַרום דעם טויט פון אַגריפּאַ דעם ערשטן

אַגריפּאַ דער ערשטער איז געשטאָרבן אינעם יאָר 44 פונעם ערשטן יאָרהונדערט, וואָס לויט דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג, און מיט זיין טויט האָט זיך אינעם אידישן לעבן פון יענער צייט אויסגעלאָשן דאָס לעצטע ליכט, וואָס האָט שוין אַזוי אויך מער ניט געברענט, נאָר געצאַנקט. און מ׳קען זאָגן אַן אַ גוזמא, אַז די געשעענישן וואָס זיינען געקומען נאָכדעם, אין די זעקס און צוואַנציק יאָר, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיטן חורבן פונעם צווייטן בית המקדש, זענען געווען רינגעלעך פון דער גרויסער קייט, וואָס די פרעמדע רוימישע אַריינדרינגער האָבן אינאיינעם מיט די איינגעזעסענע גריכן אין יהודה לאַנג געשמידט מיט גרויס עקשנות צו דערשטיקן דאָס אידישע פאָלק און זיי פאַרטרייבן פון זייער לאַנד.

פון דעם וואָס דער היסטאָריקער יוסיפוס פלאַוויוס דערציילט, און אויך פון דעם וואָס ס׳ווערט וועגן דעם איבערגעגעבן אין נייעם טעסטאַמענט, אין די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלן“, איז דאָ זייער אַ גוטער גרונט צו גלויבן, אַז אַגריפּאַ דער ערשטער איז נישט געשטאָרבן מיט קיין נאַטירליכן טויט, נאָר ע ר א י ז ג ע ו ו ע ן א ק ר ב ן פ ו ן א ג ע ה י י מ ע ר פ א ר ש וו ע ר ו נ ג , וו א ָ ס מ׳ה א ָ ט ש ט י ל ע ר ה י י ט ג ע מ א כ ט ק ע ג ן א י ם. די זעלבע השערה דריקט אויך אויס גרעטץ מיט אַ קורצער אָנדייטונג, און ער פאַרגלייכט דערביי דעם טויט פון אַגריפּאַ דעם ערשטן מיטן טויט פון מלך יאשיהו, וועלכער איז פאַרן חורבן פונעם ערשטן בית המקדש געווען דער לעצטער ערלעכער קעניג, וואָס איז געגאַנגען אין גאָטס וועגן, און וועמען ירמיהו הנביא האָט באַקלאָגט. אויך דר. יוסף קלויזנער, אין זיין ווערק „ה י ס ט ו ר י ה י ש ר א ל י ת“ דריקט אויס די זעלבע השערה און ער בויט דערויף אַ סך. און אַז דאָס קען אָנגענומען ווערן ניט בלויז ווי אַן השערה, וועלן מיר דאָ באַלד באַווייזן.

פלאוויוס דערציילט, אַז ווען דער אידישער קעניג איז אָנגע־קומען אין דער שטאָט קיסריה צו די פאָלקס־שפּילן, וואָס די גריכישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט האָט געמאַכט לכבוד דעם רוימישן צעזאַר קלאַוודיוס, איז ער איין מאָל אין דער פרי געקומען אין דעם אָפענעם סטאַדיאָן, וואו אַ גרויסער עולם איז שוין געווען פאַר־זאַמלט; ער איז געקומען אַהין אָנגעטאָן אין אַ קעניגלעכן מאַנטל, וואָס איז געווען געמאַכט אינגאַנצן פון זילבער; די זון האָט דעמאָלט העל געשיינט; אירע שטראַלן זענען אויף דעם קעניגס זילבערנעם מאַנטל געפאַלן, און אַלע האָבן אויף אים מיט ברייט צעעפענטע אויגן געקוקט און האָבן פון אים די בליקן נישט געקענט אָפּרייסן; מיט אַ מאָל האָבן זיך צווישן דעם עולם דערהערט קולות; מענטשן האָבן געשריגן, אַז דער אידישער קעניג אַגריפּאַ איז אַ גאָט און ניט קיין געוויינלעכער שטערבלעכער; און ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן צום עולם, האָבן זיך אַלע צו זיינע רייד צוגעהערט, און נאָך דעם האָבן די גריכישע אונטערלעקער אים אָנגעהויבן חנפענען נאָך מער ווי אַלע מאָל; זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב זיי האָבן אים ביז איצט אָפּגעגעבן כבוד ווי אַ מענטשן, וועלן זיי אים פון היינט אָן און ווייטער אָנהויבן אָפּגעבן כבוד ווי אַ גאָט און זיי האָבן אים גע־בעטן, ער זאָל זיין גנעדיק און באַרמהערציק צו זיי. אַגריפּאַ — דערציילט פלאַוויוס — האָט זיי דערויף גאָרניט געענטפערט, און דאָס איז אַוודאי געווען דערפאַר וואָס ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן די זיסע רייד פון די גריכישע חניפהניקעס, און ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך, האָט ער אויף אַ שטריק דערזעען אַ סאָווע, און דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז נאָך מיט יאָרן צוריק, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ קעניג ביי אידן, און ער איז אין רוים פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געפענקעניש אויפן באַפעל פונעם צעזאַר טיבעריוס, האָט אים דאָרט אַ טרעפער פאָראויסגעזאָגט, אַז ווען ער וועט דערזען איבער זיך אַ סאָווע זאָל ער וויסן, אַז זיין סוף איז נאָענט.

אַזוי דערציילט יוסיפוס פלאַוויוס, אויף דעם תמימותדיקען שטייגער, ווי מ׳האָט בכלל געשריבן אין יענער צייט, און ווייטער דערציילט ער, אַז ווען אַגריפּאַ דער ערשטער האָט זיך אין דעם דערמאָנט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער מרה שחורה, און באַלד האָט ער דערפילט אַ „שרעקלעכן ווייטיק אין בויך״, און מ׳האָט אים געמוזט אַוועקטראָגן צוריק אין זיין פּאַלאַץ; די וויי־

טיקן אין בויך זענען וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ שאַרפער; אין שטאָט האָט מען שוין אָפן גערעדט דערפון, אַז דער אידישער קעניג האַלט ביים שטאַרבן, און מענטשן האָבן זיך, לויט דעם מנהג פון יענע צייטן, אַנגעטאָן אין זעק און געבעטן פאַר זיין געזונט. אָבער גלייך נאָך דעם ווי ער איז אויפן פינפטן טאָג געשטאָרבן, האָבן די גריכן פון קיסריה דעם טויטן אידישן קעניג אַזוי באַליידיקט, אַז „עס איז אַ בזיון צו דערציילן", ווי דער היסטאָריקער דריקט זיך אויס. און ניט נאָר די גריכן האָבן אַזוי געהאַנדלט, נאָר אויך די רוימער זעלנער וואָס זענען אין דעם ניט אָפּגעשטאַנען; די רוימישע זעלנער וואָס זענען געשטאַנען אין שטאָט, האָבן זיך אַריינגעריסן אינעם פּאַלאַץ פונעם פאַרשטאָרבענעם אידישן קעניג, אַרויסגעטראָגן פון דאָרט די פון שטיין-אויסגעהאַקטע געשטאַלטן פון זיינע דריי טעכטער, בערעניקע, מרים און דרוסילאַ, און זיי פאַרשלעפּט אין די הייזלעך פון זונות און דאָרט האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט אויפן דאַך און פאַר אַלעמען אין די אויגן געטאָן צו זיי אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען „צו אומאַנשטענדיק, אַז מ'זאָל זיי קענען דערציילן". *)

דאָס איז אין קורצן, וואָס דער אידישער היסטאָריקער דערציילט וועגן טויט פון אַגריפּאַ דעם ערשטן.

אין דער עוואַנגעליע ווידער, אין די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלן", איז דער נוסח בלויז אַביסל אַנדערש; דאָרט ווערט אויך דערציילט אַז אַגריפּאַ איז אין קיסריה געשטאָרבן פּלוצעם; אָבער די געשיכטע מיט דער סאָווע ווערט אינגאַנצן ניט דערמאָנט, און אַנשטאָט דעם ווערט דאָרט געזאָגט, אַז אַ „מלאך פון גאָט" האָט דעם אידישן קעניג „דערשלאָגן", און אַז דאָס איז געווען אַ שטראָף דערפאַר וואָס ער האָט באַשטראָפט מיטן טויט דעם אַפּאָסטאָל דזשעימס (יעקב בן זבדי), וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע תלמידים פון ישו הנוצרי (כריסטוס), און אויך דערפאַר וואָס ער האָט פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש דעם אַפּאָסטאָל פּעטער (שמעון) און איז שוין געווען גרייט אים אויך צו פאַרמשפּטן צום טויט. **)

וואַרפן מיר אָפּ דאָס לעגענדאַרישע, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין ביידע קוואַלן, און עס בלייבט בלויז דער פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אַגריפּאַ דער ערשטער, דער אידישער קעניג, וואָס האָט זייער אַ סך אויפגעטאָן פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד, איז געשטאָרבן פּ ל ו צ ע ם, און אַז געשען איז דאָס אין דער שטאָט

*) קדמוניות היהודים, י"ט, ח, ב.

**) די מעשים פון די אַפּאָסטאָלן, קאַפּ. 12.

קיסריה, וואו א גאנץ היפשער טייל פון דער באפעלקערונג איז באשטאנען פון גריכן.

אז א מענטש זאל שטארבן פלוצעם — דאס איז ניט קיין נייעס. אבער ווען מ׳נעמט אין אכט וואס ס׳איז דערביי פארגעקומען פריער און אויך נאך דעם, דאן ווערט די געשיכטע וועגן אגריפא דעם ערשטענס טויט זייער שטארק פארדעכטיקט, און מען מוז קומען צום שלוס, אז דא האט זיך געהאנדעלט וועגן א שטילער פאר־שווערונג.

מיט דער חניפה צו דעם אידישן קעניג, וואס איז געקומען קיין קיסריה צו די פאלקס־שפילן לכבוד דעם רוימישן צעזאר קלאוודיוס, מיט די זיסע רייד, אז ער איז ניט קיין געוויינלעכער שטערבלעכער נאר א גאט, זענען די אנגעזעענע לייט פון דער גריכישער באפעל־קערונג געווים אויסן געווען עפעס צו פארשטעלן; אזוי איז בכלל געווען דער שטייגער פון די געצנדינער אין די מזרח־לענדער; ווען זיי האבן עפעס געדארפט פארשטעלן און פארדעקן, האבן זיי זיך באנוצט מיט חניפה. און אז דאס איז געווען דער פאל ביי דעם קבלת פנים, וואס זיי האבן געגעבן אגריפאן, ווען ער איז צו זיי אין קיסריה אינעם אפענעם סטאדיאן געקומען, איז קלאר פון דעם וואס גלייך נאך דעם ווי ער איז „פלוצעם" געשטארבן, האבן זיי געטאנצט אין די גאסן פאר פרייד, געהוליעט און געשיכורט פאר גרויס שמחה, און זיך אריינגעריסן אינעם קעניגס פאלאץ און ארויסגעטראגן פון דארט די פון שטיין אויסגעהאקטע געשטאלטן פון זיינע דריי טעכטער און זיי פארשלעפט אין א הייזל פון זונות, און אויפן דאך פאר אלעמען אין די אויגן געטאן צו זיי אזעלכע מיאוסע זאכן, וואס זענען „צו אומאנשטענדיק, אז מ׳זאל זיי קענען דערציילן".

אויך די „שרעקלעכע ווייטאקן אין בויך", וואס פלאוויוס דער־מאנט, פירן צו דער זעלבער השערה, אז דא איז געווען א שטילע פארשווערונג. עס איז גאר קיין צוויפל ניט, אז ביי די פארשווערער אין קיסריה איז אלעס פון פריער געווען צוגעגרייט און אויסגערעכנט; דער אידישער קעניג, וואס איז געווען אזוי בא־ליבט ביי זיין פאלק, איז זיי געווען גרוים אין די אויגן די אלע זיבן יאר, וואס ער איז אויפן טראן געזעסן, און ביי דער ערשטער מעג־לעכקייט וואס זיי האבן געהאט, האבן זיי אים פאר־סמט.

די געשיכטע מיט דער סאווע אויפן שטריק איז ניט מער ווי א לעגענדע, וואס פלאוויוס האט אוודאי ערגעץ געהערט. אזעלכע

לעגענדעס זענען געשאפן געוואָרן אַ סך אין יענער צייט ביי אַזוינע און אויך ביי ענלעכע פאלן, און אויך אין דער היינטיקער צייט ווערן זיי געשאפן צווישן מענטשן, וואָס זענען גענייגט צו דערקלערן זאַכן דורך אַבערגלויבענס איידער מיטן פשוטן שכל. און וואָס איז שייך דעם „מלאך” אין דער עוואַנגעליע, האָט דער מחבר אים געווים אַליין אויסגעטראַכט פאַר די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלן”, כּדי דערמיט צו באַווייזן ווי שווער אַגריפּאַ איז באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן שלעכטס צו די תלמידים פון ישו דעם נוצרי, דער באַשעפער פון דער קריסטלעכער רעליגיע.

געמאַכט די פאַרשווערונג אומצוברענגען דעם אידישן קעניג האָבן די גריכן אין קיסריה געווים ניט אָן דער צושטימונג פון דעם רוימישן הערשער אין סיריען, וויביוס מאַרסוס. אָן זיין צושטימונג וואָלטן זיי דאָס זיכער מורא געהאַט צו טאָן, און מאַרסוס האָט לאַנג אויף אַזאַ געלעגנהייט אַרויסגעקוקט, ווייל ער האָט גע-האָט אַ גרונט חושד צו זיין, אַז דער אידישער קעניג טראַגט זיך אַרום מיטן געדאַנק איינגאַנצן צו באַפרייען יהודה פונעם רוימישן יאָך און מאַכן פון איר אַן אמת זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

דער חשד איז ניט געווען אומזיסט. אַגריפּאַ דער ערשטער האָטווירקלעך געטרוימט וועגן אַזאַ מעגלעכקייט; ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט דאָס צוצוגרייטן באַצייטנס, און אין דעם קען מען זאָגן איז ער געגאַנגען אין די וועגן פון זיין זיידן, הורדוס דעם גרויסן, וועלכער האָט אויך וועגן אַזאַ מעגלעכקייט געטרוימט, און וועלכער איז, ליידער, שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן פון די אידן ניט נאָר אין זיין צייט, נאָר אויך אין די צייטן, וואָס זענען געקומען מיט דורות און דורות שפּעטער.

פונקט ווי זיין זיידע, וועלכער האָט געלעגט דעם באָדן פאַר אַ נייער קעניגלעכער דינאַסטיע ביי אידן, איז אַגריפּאַ דער ערשטער אויך געווען אַ מענטש פון גרויסן פאַרנעם; ער איז אָבער געווען טאַקטישער, אויסגערעכנטער, ניט אַזוי היציק און ניט אַזוי גרויזאַם ווי יענער; און דערצו האָט אים נאָך צוגעשפּילט דאָס וואָס אין זיין צייט זענען שוין די אידן געווען וועלטלעכער, אויפגעקלערטער; די בעסערע זייטן פון דער גריכישער קולטור האָבן אין זיין צייט שוין געהאַט געלאָזן טיפע וואָרצלען אינעם אידישן לעבן; זאַכן אויף וועלכע מ'האָט פריער געקוקט ווי אויף אַ גרויסער זינד, ווי אויף אַ ווידערשפּרוך צום גייסט פון אידישקייט, זענען געוואָרן גאַנץ געוויינלעכע, און דאָס וואָס מען האָט הורדוסן בשום אופן ניט גע-

קענט מוחל זיין, האָט מען אגריפאַן יאָ מוחל געווען; מ׳האָט אים ניט באַשולדיקט אין ניט אָפּהיטן די דינים פון דער תורה אפילו דאַן, ווען ער האָט געלאָזט אויסקריצן זיין געשטאַלט אויף די מטבעות, וואָס ער האָט געמאַכט, און מ׳האָט אים אויך ניט באַשולדיקט, אַז ער האָט זיך אָפּגעקערט פון גאָט און גייט אין די וועגן פון די אַנדערע פעלקער, כאָטש ער איז זיכער געווען ניט ווייניקער וועלטלעך־פאַר־גריכישט פון זיין זיידן.

די צייטען זענען שוין דאַן געווען אַנדערע, און דאָס פאָלק האָט אויפן קעניג שוין אַנדערש געקוקט, און צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט וואָס געשטאַמט האָט דער קעניג ניט נאָר פון דער הורדוס־משפחה, וואָס איז געווען פאַרהאַסט ביים פאָלק, נאָר אויך פון דער חשמונאים־משפחה, וואָס איז ביים פאָלק געווען באַליבט.

אַגריפּאַ האָט די רוימער זייער גוט געקענט; עס איז אים אויסגעקומען צו זיין נאָענט באַפריינדעט מיט דריי צעזאַרס, מיט טיבעריוסן, מיט קאַליגולאַן און מיט קלאַוודיוסן, די דערפאַרונג האָט אים געלערנט, אַז כל־זמן די אידן וועלן שטיין אונטערן „שוץ״ פון דער רוימישער אימפּעריע, וועט זייער לאַגע קיין מאָל ניט זיין קיין געזיכערטע; אונטער אַ גוטן צעזאַר, וואָס איז גראַד ניט געמיין און פאַרדאָרבן, וועלן די אידן קענען אָטעמען אַביסל פרייער, אָבער אונטער אַ שלעכטן צעזאַר, וואָס איז יאָ געמיין און פאַרדאָרבן און וואָס איז נאָך דערצו אַ שונא ישראל אויך, וועט זייער לאַגע זיין זייער אַ טרויעריקע.

פון זיין נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט די אינטריגעס אַרום דעם רוימישן טראָן, האָט אַגריפּאַ געוואוסט, אַז דאָרט קען מען זיך אַלע מאָל ריכטן אויף אַן איבערקערעניש וואָס וועט אפשר אינגאַנצן צעברעכן די מאַכט פון דער גרויסער אימפּעריע און זי וועט זיך צעפאַלן אויף שטיקלעך — און צו דעם האָט ער זיך געגרייט.

דאָס קען מען זען פון אַ סך זאַכען, וואָס ער האָט געטאָן אין די יאָרן וואָס ער איז געווען דער קעניג פון יהודה, און דערויף וועלן מיר זיך דאָ איצט אָפּשטעלן.

אין יענער צייט זענען שוין די אידן אויך געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט; אין די אַזוי־גערופענע „גלות־לענדער״ איז די צאָל פון די אידישע איינוואוינער געווען גרויס, און גרעסער ווי אומעטום איז זייער צאָל געווען אין מצרים און אין בבל.

די אַלע אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין די לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן שוץ פון רוים, זענען גייסטיק געווען צוגעבונדן

צו ארץ ישראל. די שטאָט ירושלים, וואו דער הייליקער טעמפּעל איז געשטאַנען האָט געהייסן „ירושלים עיר הקדושה“ און אַהין זענען א סך אידן פון אַנדערע לענדער יעדן יאָר געגאַנגען עולה רגל זיין; דאָרט האָבן זיי גאָר אַנדערש, מיט מער פייער און פרייד, געפּראַוועט זייערע ימים טובים, און ווי עס ווערט דערציילט אין דער גמרא, פלעגט מען דאַן זאָגן, אַז ווער ס'האָט ניט געזען ווי אידן פרייען זיך שמחת בית השואבה אין ירושלים, האָט קיין מאָל אין זיין לעבן קיין שמחה ניט געזען, און ווער ס'האָט ניט געזען דאָס בית המקדש, וואָס הורדוס האָט אויסגעבויט, האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן קיין שיינעם בנין ניט געזען.*)

אָבער ניט נאָר גייסטיק זענען די אידן פון די אַנדערע לענדער געווען פאַרבונדן מיט זייער היימלאַנד, — זיי האָבן אויך בייגע-שטייערט געלט פאַר דער אידישער מלוכה; עס איז געווען איינגע-פירט, אַז יעדער איד דאַרף אַלע יאָר צושיקן זיין ביישטייערונג קיין ירושלים פאַרן הייליקן טעמפּעל. דאָס איז געווען די איינצאָלונג פון די שקלים און האַלבע שקלים אין זילבער, און אַרום דעם זענען אָפט מאָל פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן; די שונאי ישראל האָבן געקוקט קרום דערויף וואָס די אידן פון די אַנדערע לענדער שיקן אַריין קיין ירושלים פאַרן הייליקן טעמפּל זייערע שקלים-איינ-צאָלונגען; דעמאָלט איז דאָס געשאַפן געוואָרן די לעגענדע וועגן דעם „אידישן גאָלד“, אין וואָס די שונאים פון אידישן פאָלק אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, כאַפּען זיך אָן ביז היינטיקן טאָג; רוימישע פּראָקוראַטאָרס האָבן אָפט פאַרבאָטן די אידן פון די אַנדערע לענדער צו שיקן זייערע יערלעכע ביישטייערונגען קיין ירושלים. אויך די גריכן פון דער באַפעלקערונג האָבן אין דעם א סך שטערונגען געמאַכט, און אָפט מאָל זענען זיי אָנגעפאַלן אויף די שליחים וואָס האָבן דאָס געלט געפירט, און האָבן זיי באַראַבעוועט; ניט איין מאָל זענען איבער דעם פאָרגעקומען משפּטים אין רוימישן סענאַט, און ווען אַגריפּאַ איז געווען דער קעניג פון יהודה, האָט ער ביים רוימישן צעזאַר קלאַוודיוס געפּועלט, אַז מען זאָל אָפּשאַפן די גזירה, און דאַן האָבן די אידן פון די אַנדערע לענדער ווידער געקראָגן דאָס

*) סוכה, דף נ"א, עמוד ב. דאָרטן שטייט: „תנו רבנן מי שלא ראה שמחת בית השואבה, לא ראה שמחה מימיו. מי שלא ראה ירושלים בתפארתה, לא ראה כרך נחמד מעולם. מי שלא ראה בית המקדש בבנינו, לא ראה בנין מפואר מעולם. מאי היא אמר אביי ואיתימא רב חסדא זה בנין הורדוס“.

רעכט צו שיקן זייערע יערלעכעביישטייערונגען פארן הייליקן טעמפל אין ירושלים.

דאס איז פארן אידישן קעניג געווען זייער וויכטיק. דער זיג האט געהאט ניט נאר א פאליטישע באדייטונג, נאר אויך אן עקא־נאמישע. דאס האט אגריפא דעם ערשטן געגעבן א מעגלעכקייט צו האבן אין די אוצרות פון דער מלוכה א גרויסן רעזערוו פון גאלד און זילבער, וואס מ׳קען דארפן אין דער צייט פון א נויט.

אגריפא האט אויך אנגעהויבן בויען א פעסטונג דארט, וואו עס איז לויט זיין מיינונג, געווען א גרויסע סכנה פאר ירושלים אין פאל פון א מלחמה, און פון דעם קען מען אויך זען, אז ער האט די לאגע גוט פארשטאנען, און אז נאך איידער מ׳האט טיטוסעס נאמען גע־הערט, האט ער שוין פאראויסגעזען, אז סוף כל סוף וועט דאך אויס־ברעכן א מלחמה צווישן רוים און ירושלים.

געבויט די פעסטונג האט אגריפא ארום דעם נייעם טייל פון דער שטאט, וואס האט אין ירושלים געהייסן „ביצעתא“ אדער „בית־זיתא“, ווייל דארט האבן געוואקסן איילבירטן, ווי דער היס־טאריקער עמיל שירער וויל האבן. יענער טייל פון שטאט איז ניט געווען באשיצט פון דער אלטער פעסטונג און מ׳האט דעריבער געדארפט מורא האבן, אז אין פאל פון א מלחמה, וועט דער שונא זיך גרינג קענען אריינרייסן אהין. דאס האט דעם קעניג אגריפא ניט געלאזט רוען, און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וואס ער האט נאר געהאט, האט ער דארט אנגעהויבן בויען א שטארקע פעסטונג, און געבויט האט ער אזוי, אז מ׳האט שפעטער געזאגט, אז ווען ער וואלט זי געענדיקט, וואלט טיטוס מיט זיינע חיילות זיך קיין מאל ניט געקענט אריינרייסן קיין ירושלים.

אגריפא האט אבער די פעסטונג ניט געענדיקט. פונקט דאן ווען מ׳האט שוין געהאלטן ווייט אין דער ארבעט, האט וויביוס מארסוס, דער רוימישער הערשער אין סיריען, זיך דערוואוסט וועגן דעם; קענענדיק אגריפאן, האט ער גלייך פארשטאנען וואס זיין כוונה איז דערביי, און ער האט דאס גלייך געלאזט וויסן דעם צעזאר אין רוים, און דאן איז אנגעקומען א באפעל, אז מ׳זאל די פעסטונג ווייטער ניט בויען.

אגריפא האט אויך געפלאנעוועט א מין „קליינע אנטאנטע“, וואס זאל קענען דינען אלס א שוץ אין פאל פון א מלחמה. ער האט געוואלט שליסן א בונד מיט די אלע מלכים פון די קליינע שכנהשע לענדער, וואס זענען געשטאנען אונטערן שוץ פון רוים, זיי זאלן

אַלע אינאיינעם זיין גרייט זיך צו באַפרייען פון דעם פרעמדען יאָך, ווען עס וועט קומען צו אַזאַ איבערקערעניש וואָס וועט קענען צעברעכן די פעסטע מאַכט פון רוים. צוליב דעם האָט ער זיי, די מלכים פון די קלענערע לענדער, און אויך זיין ברודער הורדוס, דעם קעניג פון כאַלקים, איינגעלאַדן קיין טבריה, אין דער הויפּט-שטאָט פון גליל; דאָרט האָט ער זיך מיט זיי שטילערהייט צונויפגערעדט וועגן אַ געהיימען בונד; אַלע האָבן געדאַרפט זיין פאַר-אייניקט זיך פון דעם פרעמדן יאָך צו באַפרייען ווען די שעה וועט שלאָגן און די זיילן פון דער רוימישער אימפּעריע וועלן זיך אָנהויבן וואַקלען; אַלע האָבן זיך געדאַרפט אייניקן אויף דעם פּלאַן ווי אַזוי זיך צו גרייטן דערצו און ווי אַזוי איינער דעם אַנדערן צו העלפן, און כדי קיינער זאָל ניט וויסן דעם אמת צוליב וואָס זיי זענען זיך קיין טבריה צונויפגעקומען, האָט עס געדאַרפט הייסן, אַז זיי זענען זיך געקומען באָדן אין די וואַרעמע בעדער.

אָבער אויך דאָס מאָל האָט וויביוס מאַרסוס דעם גאַנצן פּלאַן צעשטערט. דורך זיינע אויספּירער, וועלכע האָבן לויט זיין באַפעל שטענדיק געהאַלטן אַן אויג אויף דעם אידישן קעניג, וואָס איז ביים פאָלק געווען אַזוי שטאַרק באַליבט, האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דער פאַרזאַמלונג פון די קעניגן אין טבריה, און ער איז אַליין גלייך געקומען אַהין און האָט זיי, אויף אַן „איידעלן אופן", געהייסן, אַז זיי זאָלן זיך שוין אומקערן צוריק, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

איבער דעם וואָס מאַרסוס האָט אַגריפּאַן שטענדיק חושד געווען, אַז ער זוכט אַ וועג ווי אַזוי צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק און דאָס אידישע לאַנד פון דעם רוימישן יאָך, האָט ער ניט איין מאָל גע-פּרואווט אים צו פאַרמיאוסן אין די אויגן פונעם צעזאַר קלאַוודיוס, אָבער דאָס האָט זיך אים קיין מאָל ניט איינגעגעבן, ווייל דער צעזאַר האָט דעם אידישן קעניג ליב געהאַט און ער האָט ניט געקענט פאַר-געסן, אַז ער האָט אים נאָכן טויט פון קאַיוס קאַליגולאַ, געהאָלפן ווערן דער הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע. ער איז אים דערפאַר געווען זייער דאַנקבאַר און ער האָט אויף אים קיין שלעכטס ניט געוואָלט גלויבן. און ווען מאַרסוס האָט געזען, אַז ער קען אַגריפּאַן אין די אויגן פונעם צעזאַר ניט פאַרמיאוסן, האָט ער גע-האַלטן פאַר זיין פליכט אַלס רוימישער פּאַטראָט אים שטילערהייט אומצוברענגען. און ער האָט דאָס געטאָן אויף זיין אייגענער אחריות, און מיט דער פולער זיכערקייט, אַז אַזוי דאַרף ער טאָן, ווייל קלאַוודיוס אַליין איז אַ גרויסער נאַר און ער פאַרשטייט ניט וואָס ס'איז גוט פאַר רוים און וואָס ניט.

אַן דער צושטימונג פון וויביוס מאַרסוס וואָלטן די גריכן אין קיסריה זיכער ניט געוואַגט אַזאַ זאַך צו טאָן. ער האָט זיי אוודאי צוגעזאָגט זיין שוץ און זיי האָבן געוואוסט, אַז אויף אים קענען זיי זיך פאַרלאָזן.

אַזוי און נאָר אַזוי קען מען דערקלערן פאַר וואָס אַגריפּאַ דער ערשטער איז אַזוי „פּלוצעם געשטאָרבן" אין דער שטאָט קיסריה, ווי עס ווערט דערציילט ביי פלאַוויוסן און אויך אין דער עוואַנגעליע, אין „די מעשים פון די אַפּאָסטאָלן". און אַז די גריכן האָבן זיך אין דעם געקענט פאַרלאָזן אויף דעם רוימישן הערשער פון סיריע, קען מען זען פון דעם, וואָס ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז נאָך דעם ווי דער צעזאַר קלאַוודיוס האָט געהאַט באַשלאָסן צו באַשטראָפן די שולדיקע פאַר די מיאוסע מעשים, וואָס זיי האָבן געטאָן אינעם טאָג פון אַגריפּאַס טויט, האָט ער זיין באַשלוס גע-ענדערט און האָט זיי ניט באַשטראָפט. דאָס איז אוודאי געווען דערפאַר, וואָס וויביוס מאַרסוס האָט אים ענדלעך, דאָך באַוויזן, אַז דער אידישער קעניג האָט שטילערהייט צוגעגרייט אַלץ צו באַ-פרייען יהודה פון רוימישן יאָך.

מ׳קען דאָס אויך זען פון דעם, וואָס נאָכן טויט פון אַגריפּאַ דעם ערשטן, האָט דער רוימישער צעזאַר זיך ניט געאיילט אַרויפצוזעצן אויפן טראָן פון יהודה זיין זון, אַגריפּאַ דעם צווייטן. דער אויסרייד איז געווען, אַז דער יורש פונעם פאַרשטאָרבענעם אידישן קעניג איז נאָך צו יונג; ער איז אינגאַנצן זיבעצן יאָר אַלט און ער וועט אוודאי נאָך ניט קענען פירן די מלוכה.

דאַן — און דאָס איז געווען אינעם יאָר 44 פונעם ערשטן יאָר-הונדערט — איז אינגאַנצן געקומען אַ סוף צו דער פּאָליטישער פרייהייט וואָס אידן האָבן געהאַט ווי אַ פאָלק מיט אַן אייגן לאַנד. ארץ ישראל איז געוואָרן אַ רוימישע פּראָווינץ, און עס האָט זיך דאָרט ווידער אָנגעהויבן די הערשאַפט פון די פּראָקוראַטאָרס, וועל-כע האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט, און דאָס האָט געפירט צו דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער, אין די צייטן פון עספּאַסיאַנוס און טיטוס, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם חורבן פון צווייטן בית-המקדש.

קאַפּיטל דריי

דער איד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, איינער פון די ערשטע צוויי רוימשע פּראָקוראַטאָרס אין יהודה

פונעם יאָר 44 ביזן יאָר 66 פונעם ערשטן יאָרהונדערט, דאָס הייסט, אין די צוויי און צוואַנציק יאָר וואָס זענען אַוועק פון נאָך אַגריפּאַ דעם ערשטנס טויט ביזן אויסברוך פון דעם גרויסן אויפשטאַנד, וואָס נירון־קיסר האָט געשיקט עספּאַסיאַנוסן און טיטוסן צו אונטערדריקן, האָבן איבער יהודה געהערשט זיבן רוימישע פּראָ־קוראַטאָרס, און ווען מ׳קלייבט זיך פונאַנדער אין דעם, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אין די צייטן פון זיין הערשאַפט געטאָן צו די אידן, קומט אויס ווי זיי וואָלטן צווישן זיך געהאַט אַ געוועט ווער וועמען עס וועט אַריבערשטייגן אין רשעות און אין שנאה צום אידישן פאָלק און צום אידישן גלויבן.

קיין איינער פון די זיבן פּראָקוראַטאָרס האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו האַנדלען אַזוי, אַז די אידן זאָלן פילן, אַז נאָך אַלעמען איז דאָס לאַנד זייערס און אַז די אויפגאַבע פון רוים איז בלויז זיי צו באַשיצן, אָבער ניט זיי צו אונטערדריקן. קיינער פון זיי האָט זיך ניט גענומען די מי אויסצוקומען מיט זיי מיט גוטן און אַרויס־ווייזן אַביסל איינזעעניש. קיינער פון זיי האָט קיין מאָל ניט גע־פרואווט מאַכן די מינדסטע אָנשטרענגונג צו פאַרשטיין דעם גייסט פונעם אידישן פאָלק און זיך רעכענען דערמיט וואָס זיי זענען ניט אַזוי ווי די אַלע אַנדערע פעלקער וואָס דינען צו אַ סך אָפּגעטער, נאָר אַ פאָלק וואָס דינט צו איין גאָט און וואָס האַלט הייליק די הויך־מענטשלעכע מאָראַל, וואָס ווערט אַזוי שאַרף אונטערגעשטראָכן אין דער תורה.

זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, די רוימישע פּראָקוראַטאָרס, אַז אין דער אמתן זענען די אידן גאָרניט אַזוי פאַרקאַכט אין דעם, אַז זיי זאָלן דווקא האָבן אַן אייגענעם געקרוינטן הערשער, אַ קעניג, ווי ס׳איז איינגעפירט ביי די אַנדערע פעלקער, און אַז וואָס זיי ווילן יאָ, איז — אַז מ׳זאָל זיי לאָזן אָפּהיטן זייערע דינים און מנהגים

און זיי זאָלן פריי און אומגעשטערט קענען אָנהאַלטן זייער גלויבן און ניט זיין געצוואונגען צו גיין אין די וועגן פון די אַנדערע פעלקער.

דער אידעאַל פון די אידן אין יענער צייט — קען מען זאָגן — איז געווען צו שאַפן אין זייער לאַנד אַ מין גייסטיקע רעפּובליק, מיטן באַשעפער פון אַלע וועלטן אַלס פּרעזידענט און מיט דער תורה אַלס קאָנסטיטוציע. זיי האָבן געטרוימט וועגן אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש". זיי האָבן מיט זייערע גוטע מעשים געוואָלט דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער, געטרוימט וועגן די גוטע צייטן וואָס וועלן קומען „אינעם סוף פון די טעג", ווען „אַ פאָלק אַקעגען אַ פאָלק וועט מער ניט אויפהויבן קיין שווערד" און ס'וועלן מער קיין מלחמות ניט זיין. דאָס איז געווען לויטן גייסט פון דער הויכער מאָראַל, וואָס דער נביא ישעיה און די אַנדערע נביאים האָבן גע־פּרעדיגט נאָך אין די צייטן ווען דאָס ערשטע בית המקדש איז געשטאַנען. דעם אידישן גייסט איז אינגאַנצן געווען פרעמד דער באַגריף פון פּאָליטישער מאַכט. זיי האָבן ניט געוואָלט אונטער־דריקן קיין אַנדערע, און זיי האָבן אויך ניט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן זיי אונטערדריקן. און זייער באַגריף וועגן דעם וואָס מען רופט איצט אָן „וועלט-הערשאַפט", איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן טיף געגלויבט, אַז סוף כל סוף וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע אַנדערע פעלקער וועלן דאָך איינזען די שיינקייט און די עכטע מענטשלעכקייט אין דעם וואָס די נביאים האָבן געפּרעדיקט, און דאַן וועלן זיי זיך אָפּזאָגן פון זייערע אָפּגעטער און וועלן אָנהויבן דינען צו איין גאָט, דאָס הייסט, זיי וועלן ווערן בעסער און לייטי־שער און וועלן מער ניט שניידן איינע די אַנדערע די גאָרגלען צו פאַרכאַפּן נאָך אַ שטיק לאַנד און נאָך אַ שטיק לאַנד.

דאָס האָבן די רוימישע פּראָקוראַטאָרס ניט פאַרשטאַנען; זיי האָבן ניט געוואָלט און ניט געקענט זען דעם זין פון דער אידישער עקשנות, וואָס לאָזט זיך ניט בויגן. און אַלץ וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געטאָן אין די צייטן, וואָס ער האָט געהערשט איבער יהודה ווי דער פאַרטרעטער פונעם רוימישן צעזאַר, האָט געמוזט ברענגען די געדולד פון די אידן און צוגיסן נאָך מער בוימל צו דעם פייער, וואָס האָט זיך שפּעטער אַזוי צעפלאַקערט איבערן גאַנצן לאַנד.

**
*

דער ערשטער רוימישער פּראָקוראַטאָר איז געווען ק ו ס פּ י ו ס פּ אַ ד ו ס . ער האָט געהערשט איבער יהודה ניט מער ווי צוויי

יאָר — פון 44טן ביזן 46טן פון ערשטן יאָרהונדערט. אים האָט פון רוים געשיקט דער צעזאַר קלאַוודיוס גלייך נאָך אַגריפּאַ דעם ערשטנס טויט, ווען מ׳האָט אים איינגערעדט, אַז אַגריפּאַ דער צווייטער, דער געזעצלעכער יורש פונעם פאַרשטאָרבענעם אידישן קעניג, איז נאָך צו יונג צו קענען פירן „אַזאַ גרויסע מלוכה״. און אין דער קורצער צייט, וואָס פּאַדוס האָט איבער יהודה געהערשט, האָט ער די אידן אַ סך צרות אָנגעטאָן.

גלייך ביים אָנקומען אין יהודה האָט דער ערשטער פּראָקוראַטאָר קוספּיוס פּאַדוס שוין אַרויסגעוויזן אַז ער האַלט מיט די וואָס זענען קעגן די אידן. דאָס אַז גראָד געווען אין אַ צייט, ווען די אידישע איינוואוינער אין עבר הירדן האָבן געהאַט אַ סכסוך מיט די גריכישע איינוואוינער פון דער שטאָט רבת-בני-עמון, איבער די גרעניצן, וועגן וועלכע ביידע צדדים האָבן זיך ניט געקענט אויסגלייכן. פּאַדוס האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון די גריכן; אויף זיין באַפעל האָט מען איינעם פון די דריי אידישע פירער פאַרמשפּט צום טויט און די אַנדערע צוויי האָט מען אַרויסגעטריבן פון לאַנד. ער האָט אויך געהייסן באַשטראָפן מיטן טויט אַן אַנדער אידישן פירער, איינעם אַ ת ל מ י, דעם עלטסטן פון אַ אידישער מחנה, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט די אַראַבער און מיט די אדומים, און נאָך דעם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ נייע גזירה, אַז די קליידער וואָס דער כהן גדול טראָגט יום טוב אין הייליקן טעמפּל, זאָלן זיך ניט געפינען אין די הענט פון די אידן, ווי ס׳איז געווען איינגעפירט ביז איצט, נאָר אין די הענט פון די רוימער.

לפנים קען זיך דוכטן, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט. אָבער די כוונה איז דאָך געווען זייער אַ בייזוויליקע; דער רוימישער פּראָקוראַטאָר איז דערמיט אויסן געווען צו ווייזן די אידן, אַז ניט נאָר קיין פּאָליטישע פרייהייט האָבן זיי מער ניט אין זייער אייגן לאַנד, נאָר אויך קיין רעליגיעזע פרייהייט האָבן זיי מער ניט. און דאָס איז אַלע מאָל געווען דער געפערלעכסטער פּונקט. וואָרעם ווי אידן האָבן נאָר דערפילט, אַז געצענדינער רירן אָן זייער גלויבן, זענען זיי געווען גרייט דאָס לעבן איינצושטעלן דערפאַר.

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז מיט דער גזירה וועגן די הייליקע קליידער פונעם כהן גדול, איז קוספּיוס פּאַדוס אויסן געווען צו פאַרשאַרפן די לאַגע אַזוי, אַז עס זאָל קומען צו אַן אָפענער מרידה, און ער האָט אַוודאי געגלויבט, אַז רוים וועט ניט האָבן קיין גרויסע שוועריקייטן די מרידה צו אונטערדריקן און דערמיט אָנלערנען די אידן

אזוי, אז זיי זאָלן מער קיין מוט ניט האָבן דעם קאָפּ אויפצוהויבן. און ס'וואָלט זיכער געווען געקומען צו אזא אויפשטאַנד, ווען דער רוימישער שני למלך פון סיריע, קאַסיוס לאָנגינוס, וואָלט זיך ניט אַריינגעמישט אין דעם און געמאַכט אַ פּשרה, אַז די אידן זאָלן שיקן שליחים קיין רוים און דאָרטן פאַרברענגען זייערע טענות פאַרן צעזאַר.

ווען די אידישע שליחים פון ירושלים זענען קיין רוים אָנגעקומען, האָט זיך פאַר זיי איינגעשטעלט דער יונגער אַגריפּאַ; ער האָט ביי קלאַוודיוסן געפּועלט, אַז ס'זאָל בלייבן אַזוי ווי ס'איז געווען פריער — די הייליקע קליידער פונעם כהן גדול זאָלן בלייבן אין אידישע הענט און ניט אונטער דעם אויפזוכט פונעם רוימישן פּראָקוראַטאָר.

שפּעטער איז געשען אַן ערנסטערער צוזאַמענשטויס, אין וועלכן קוספּיוס פּאַדוס האָט געוויזן זיין שטאַרקע האַנט, און דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט די פאַלשע משיחים, וואָס האָבן זיך דאַן אַזוי געמערט ביי אידן איבער דעם וואָס ס'איז שוין אַזוי שווער געווען אַריבערצוטראָגן די צרות, אַז מ'האָט זיך געמוזט איינרעדן אַז ס'וועט אוודאי געשען אַ נס און ס'וועט פון ערגעץ קומען די ישועה.

אין יענער צייט איז שוין געהאַט אַוועק אַן ערך פון אַ צען יאָר נאָך דער קרייציקונג פון דעם יונגן אידן ישוע בן יוסף, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן באַרימט אַלס יעזוס כריסטוס, וואָס דאָס מיינט — ישו דער משיח; זיינע תלמידים אין יהודה און אין גליל, זענען געווען זייער טעטיק צו פאַרשפּרייטן זיין „נייע תורה" צווישן אידן און אויך צווישן ניט־אידן, און זיי האָבן געפּרעדיקט דעם גלויבן, אַז ער, דער געקרייציקטער ישו בן יוסף פון נצרת, איז געווען דער אמתער משיח און אַז ער איז פון טויט לעבעדיק געוואָרן צו ברענגען די גאולה פאַרן אידישן פאָלק און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. און אין דער זעלבער צייט וואָס די תלמידים פון ישו הנוצרי האָבן אַזוי געפּרעדיקט אומעטום, און דערמיט אַריינגעבראַכט צעריסנקייט אינעם אידישן פאָלק, האָבן זיך אויך געפונען אַנדערע „משיחים", וואָס האָבן געפּרואווט איינרעדן דעם פאָלק, אַז זיי וועלן ברענגען די גאולה, אַז זיי וועלן אויסלייזן די אידן פון די הענט פון זייערע שונאים, און עס איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז די מערסטע פון זיי האָבן דאָס טאַקע געמיינט ערנסט. זיי זענען געווען ערלעך און האָבן אין דעם געגלויבט.

צווישן די „משיחים", אויף וועמעס גורל עס איז ניט אויסגעפאַלן אַריינצוגיין אין דער געשיכטע אַלס דער „אויסלייזער" און דער באַ-

שעפער פון א נייער רעליגיע, איז אויך געווען איינער א איד מיטן נאָמען ת ו ד ו ס (אָדער אפשר תודרוס), און ער האָט אין די צייטן ווען קוספיוס פאַדוס איז געווען דער פּראָקוראַטאָר אין יהודה, צונויפגענומען עטלעכע הונדערט אידן, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און שטאַרק געגלויבט אין אים, ווייל זיי זענען שוין געווען שטאַרק פאַרצווייפלט פון די צרות וואָס זיי האָבן געהאַט; ער האָט זיי אַלע אַוועקגעפירט צום ירדן און זיי האָבן זיך פון אים געלאָזט פירן, ווייל ער האָט זיי איינגערעדט, אַז ער וועט באַווייזן אַ נס און וועט מיט אַ שפּרונג שפּאַלטן דעם ירדן און זיי אַלע וועלן אַריבער אויף דער טריקעניש, ווי ס׳ווערט דערציילט אין חומש וועגן משה רבינו, ווען ער האָט אַרויסגעפירט די אידן פון מצרים און געשפּאָלטן פאַר זיי דעם ים-סוף.

דאָס האָט געדאַרפט זיין דער נס צו באַווייזן, אַז ער, דער תודוס, איז טאַקע דער אמתער משיח, וואָס וועט אויסלייזן די אידן פון די הענט פון זייערע שונאים.

אָבער די רוימער האָבן אויף די אַלע „משיחים" ביי אידן געקוקט מיט גרוים חשד; זיי האָבן זיי געהאַלטן פאַר ווידערשפּעניקער, וואָס העצן אויף זייער שטייגער, דאָס פאָלק זיך צו באַפרייען פונעם פּרעמדען יאָך. און ווען קוספיוס פאַדוס האָט דערהערט וועגן דעם „משיח" תודוס און דער גרויסער צאָל אידן וואָס ער האָט צום ירדן אַוועקגעפירט, האָט ער גלייך אַרויסגעשיקט אַהין אַ מחנה באַוואָפנטע רייטער אָנצופאַלן אויף זיי. אַ סך אידן זענען דאָן געפאַלן טויט. אַ סך זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. און תודוס אַליין איז אויך געפאַלן טויט, און מ׳האָט זיין אָפּגעהאַקטן קאָפּ געבראַכט קיין ירושלים, כדי דערמיט אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויף אַנדערע, וועלכע וועלן זיך אפשר אויך איינרעדן, אַז זיי זענען „משיחים".

דאָס איז אין קורצן וועגן די מעשים פונעם ערשטן רוימישן פּראָקוראַטאָר, וועמען אונדזער היסטאָריקער יוסיפוס פלאַוויוס האָט געפּראַוווט אָנטאָן דעם מאַנטל פון אַ מלאך,*) און אויף וועמען פּראָפעסאָר עמיל שירער זאָגט, אַז „ער האָט ליב געהאַט גערעכטי-קייט", אָבער ער האָט „ניט געהאַט קיין אכטונג פאַר די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון אידישן פאָלק".**)

---

*) תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, ב, י"א, ו.

**) די געשיכטע פון אידישן פאָלק אין די צייטן פון יעזוס כריסטוס (ענגליש). באַנד 2 (פון דער ערשטער אָפּטיילונג), זייט 167.

דער צווייטער וואָס איז געקומען נאָך אים, איז געווען טיבע־ריוס אלעקסאנדער. ער איז געווען אַ איד פון דער שטאָט אלעקסאנדריע וואָס אין מצרים, און האָט געשטאַמט פון זייער אַ געהויבענעם יחוס; זיין פאָטער, אַלעקסאַנדער ליזימאַכוס, האָט נאָך מיט יאָרן צוריק פאַרנומען זייער אַ הויכן אַמט אין דער רוימישער רעגירונג, און איז געווען דער אַלאַבאַרך אין מצרים און געהאַט דעם אויפזוכט איבער די סחורות, וואָס מ'שיקט אַרויס פון לאַנד און וואָס קומען אַריין אין לאַנד; אין די צייטן פון טיבעריוס צעזאַר און אויך אין די צייטן פון קאַליגולאַ, האָט ער זייער אַ וויכ־טיקע ראָלע געשפּילט, ווי ס'איז שוין דערציילט געוואָרן פריער, און ער איז אויך געווען דער ברודער פון דעם דענקער און שריפטשטעלער פילון האלכסנדרוני.

אָבער כאָטש טיבעריוס אלעקסאנדער האָט געשטאַמט פון אַזאַ אָנגעזעענער אידישער משפחה און איז געווען אַ פּלימעניק פון דעם גרויסן אידן פילון האלכסנדרוני, האָט ער אין דעם אידישן לעבן פון יענער צייט זייער ניט קיין שיינע ראָלע גע־שפּילט, און מיט זיין נאָמען זענען פאַרבונדן די טרויעריקסטע קאַ־פּיטלען אין דער אַלטער געשיכטע פונעם אידישן פאָלק. ער האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע קאַריערע דערמיט וואָס ער האָט די אידן אָנגעטאָן גרויסע צרות, און שפּעטער איז ער אין דער רוימישער אַרמיי, וואָס האָט באַלאַגערט ירושלים און חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש, געווען טיטוסעם הויפּט ראַטגעבער. ער האָט אין יענער אַרמיי פאַרנומען דעם אַמט, וואָס איז היינטיקע צייטן דאָס זעלבע ווי דער שעף פונעם גענעראַל־שטאַב; ער איז לויט זיין אַמט געווען דער צווייטער צו טיטוסן, און ער האָט אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן ווי אַזוי מ'זאָל די שטאָט ירושלים באַלאַגערן און בייקומען די אידן. אָבער וועגן דעם וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן שפּעטער און זיך אָפּשטעלן דערויף לענגער.

עס איז, ליידער, זייער ווייניק באַקאַנט וועגן דעם, וואָס טיבע־ריוס אלעקסאַנדער האָט געטאָן פריער און וואָס פאַר אַ מענטש ער איז געווען איידער ער האָט זיך דערדינט צו ווערן דער רוימישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. וואָס מ'ווייסט יאָ וועגן אים פון יענער צייט איז, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פונעם אידישן גלויבן און איז געוואָרן אַ רוימישער געצנדינער, און דאָס האָט ער אוודאי געטאָן, כדי צו שטייגן הויך אין זיין פּאָליטישער און מילי־טערישער קאַריערע. ער איז געווען, קען מען זאָגן, דער ערשטער

משומד פון וועמען דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַט אַ סך צרות אויסצושטיין. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז ווי עס שיינט איז ער געווען זייער אַ פעאיקער מענטש מיט אַ שטאַרקן, פעסטן כאַראַקטער.

ניט מער ווי צוויי יאָר איז טיבעריוס אַלעקסאַנדער געווען דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה — פונעם 46טן ביזן 48טן יאָר, פונעם ערשטן יאָרהונדערט, און פון דעם אַליין וואָס אין זיין צייט האָט זיך מער ווי פריער געשטאַרקט די באַוועגונג פון די קנאים, וועלכע זענען געווען גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן אינעם קאַמף קעגן די פרעמדע אונטערדריקער, איז קלאָר, אַז ער האָט געטאָן אַ סך רשעות און אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די אידן.

אמת, דער היסטאָריקער פלאַוויוס, וועלכער איז אַזוי דווקא ניט קאַרג אויף ווערטער און שילדערונגן, איז זייער איינגעהאַלטן ביים איבערגעבן די מעשים פון טיבעריוס אַלעקסאַנדער אין די צוויי יאָר וואָס ער איז געווען דער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. ער באַנוגנט זיך בלויז מיט עטלעכע שורות; ער דערזאָגט ניט מער ווי ער זאָגט. אָבער דאָס דאַרף קיינעם ניט וואונדערן; דער היסטאָריקער איז מיטן משומד פון אַלעקסאַנדריע געווען נאָהענט באַפריינדעט, און ער האָט אים דעריבער אוודאי ניט געוואָלט אַרויסשטעלן אין קיין צו שווארצן ליכט.

ביי פלאַוויוסן איז דאָס ניט געווען די איינציקע זינד.

אָבער אַפילו אין זיין איינגעהאַלטנקייט קען פלאַוויוס דאָך דעם אמת אינגאַנצן ניט פאַרדעקן, און ער דערציילט דאָך, אַז אויפן באַפעל פון טיבעריוס אַלעקסאַנדער האָט מען געכאַפּט די צוויי זין פון יהודה הגלילי, יעקב און שמעון, און מען האָט זיי ביידן געקרייציקט.

דאָס אַליין איז שוין גענוג. קרייציקן אַ מענטשן איז געווען די ערגסטע שטראָף אין יענער צייט, און דאָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן גרוים צאָרן, ווייל יעקב און שמעון זענען ביים פאָלק געווען זייער באַליבט און זיי האָבן געשטאַמט פון אַ משפחה, וואָס האָט אין אַ משך פון דריי דורות אַרויסגעגעבן קנאים, עכטע אידישע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער פרייהייט פונעם אידישן גלויבן; זייער זיידע , חזקיה הגלילי, האָט פאַרלאָרן זיין לעבן אין קאַמף נאָך אין די צייטן, ווען יוליוס צעזאַר האָט געמאַכט הורדוסן פאַרן טעטראַרך פון גליל; זייער פאָטער, יהודה הגלילי, האָט אָנגעפירט אַן אויפשטאַנד נאָך אינעם 6טן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, ווען מ׳האָט אויפן באַפעל פון אויגוסטוס-צעזאַר פאַרשיקט אין גלות דעם אידישן קעניג אַרכעלעאוס, דעם זון פון הורדוס

דעם גרויסן, און צום ערשטן מאָל געמאַכט פון ארץ ישראל אַ רוימי־שע פּראָווינץ, וואו עס זאָלן הערשן די פּראָקוראַטאָרס, און די צוויי ברידער, יעקב און שמעון, זענען געגאַנגען אין די וועגן פון זייער זיידן און פון זייער פֿאַטער; זיי זענען אויך געווען קנאים, איבער־געגעבענע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן ליב געהאַט דאָס פֿאָלק און דאָס לאַנד, און זיי האָט טיבעריוס אַלעקסאַנדער פֿאַרמשפּט צום טויט, און מ׳האָט זיי אויף זיין באַפֿעל געקרייציקט.

עס איז זייער מעגלעך, אַז טיבעריוס אַלעקסאַנדער האָט אין די צוויי יאָר, וואָס ער איז געווען דער פּראָקוראַטאָר אין יהודה, געטאָן צו די אידן נאָך אַ סך רשעות, וואָס פלאַוויוס האָט ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו דערציילן. דער אַפּטריניקער איד, וועלכער איז שפּעטער געווען אַזוי באַפריינדעט מיט דעם היסטאָריקער, האָט זיך בכלל צו פיל געפּלייסט צו געפונען חן אין די אויגן פון די רוימער, און ער האָט געוואוסט מיט וואָס ער קען ביי זיי אויסנעמען. און צום גרויסן באַדויערן איז די געשיכטע וואָס פלאַוויוס האָט אָנגע־שריבן, דער איינציקער ערשטער קוואַל ווען עס קומט צו די איינ־צעלהייטן. די געשיכטע, וואָס אַן אַנדער געלערנטער איד מיטן נאָ־מען יוסטוס בן פּיסטוס, און וואָס האָט געשטאַמט פון טבריה, האָט אָנגעשריבן אין יענער צייט, איז, ליידער, פֿאַרלאָרן געוואָרן אינעם לויף פון די דורות; דערגאַנגען צו אונזער צייט זענען בלויז שטיקלעך, וואָס אַנדערע האָבן פון דאָרט אַרויסגענומען נאָך דאַן, ווען מ׳האָט דאָס ווערק געקענט קריגן, און דאָס איז געווען נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק.*) פּונקט ווי פלאַוויוס, האָט יוסטוס אויך גענומען אַ גרויסן אַנטייל אין דער מלחמה וואָס די אידן האָבן פֿאַרן חורבן פונעם בית המקדש געפירט מיט רוים; ער האָט אָבער די גע־שעענישן אַנדערש אויסגעטייטשט, געהאַט אַן אַנדער באַציאונג צו די מענטשן פון וועלכע פלאַוויוס האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן, און ס׳איז דעריבער פֿאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז ער האָט אין זיין ווערק

*) אַגב איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז ס׳איז אַ פעסטגעשטעל־טער פֿאַקט, אַז אין דער געשיכטע פון די אידן, וואָס יוסטוס האָט אָנגע־שריבן, ווערט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן יעזוסן. אויך דאָס וואָס מ׳גע־פינט ביי פלאַוויוסן (קדמוניות היהודים, י״ח, ג) ווערט גע־שטעלט אונטער אַ פֿראַגע־צייכן, און די געלערנטע וואָס האַלטן, אַז די גאַנ־צע געשיכטע וועגן יעזוס כריסטוס איז בלויז אַ לעגענדע אָבער ניט קיין היסטאָרישער פֿאַקט, גלויבן אַז דאָס וואָס מ׳געפינט ביי פלאַוויוסן וועגן דעם איז אַריינגעשטעלט געוואָרן שפּעטער — מ. אַ.)

אפשר מער דערציילט וועגן די מעשים פון טיבעריוס אַלעקסאַנדער אין די צוויי יאָר, וואָס ער איז געווען פּראָקוראַטאָר אין יהודה. אָבער פון דעם אַליין וואָס מ׳האָט טיבעריוס אַלכסנדר שפּעטער אַזוי הויך דערהויבן און אים געמאַכט פאַרן רוימישן שני למלך אין מצרים, איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן מיט וואָס פאַר אַ מעשים ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די צוויי יאָר פון זיין הערשאַפט איבער יהודה. ער איז געווען דער איינציקער איד, וואָס האָט זיך דערדינט צו אַזאַ הויכן אַמט אין דער רוימישער אימפּעריע, און דער ערשטער משומד, וואָס האָט געמאַכט אַ קאַריערע פון פאַרפאָלגן אידן, כדי דערמיט אויסצונעמען ביי זייערע שונאים.

אָבער צו אים וועט אונדז נאָך אויסקומען זיך אומצוקערן שפּעטער.

קאַפּיטל פיר

די קנאים און די סיקאַריער — רעכטע און לינקע

אינאיינעם מיט דער הערשאַפט פון די פּראָקוראַטאָרן האָט זיך אינעם אידישן לעבן פון יענער צייט אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע גייסטיקע געפאַלנקייט. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן אַזעלכע אידן, וואָס האָבן מיט חניפה און אונטערטעניקייט געוואָלט זיך איינקויפן אין יחוס ביי די רוימישע שררות, כדי דערמיט צו באַפעסטיקן זייער שטאַנד, און געקומען זענען יענע אידן מערסטנטייל פון די רייכע און נאָר הויכע קרייזן.

פאַר זיי איז טיבעריוס אַלעקסאַנדער געווען דער מוסטער; אין אים האָבן זיי געזען דעם לעבעדיקן ביישפּיל ווי הויך איינער קען שטייגן ווען ער טוט אַלץ אויסצונעמען שטאַרק ביי די רוימער. און שפּעטער האָבן זיי פאַר זיך געהאַט נאָך אַ בעסערן לעבעדיקן ביישפּיל, און דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אַגריפּאַ דער צווייטער אַליין, וועלכער איז מיטן גנאָד פון רוים, געקרוינט געוואָרן אַלס דער קעניג פון כאַלקים.

דאָס איז געווען אינעם יאָר 48 פונעם ערשטן יאָרהונדערט; נאָך דעם ווי דער פריערדיקער קעניג פון כאַלקים, הורדוס דער צווייטער איז געשטאָרבן. דער ניי-געקרוינטער קעניג, וואָס איז אין דער אמתן געווען ניט מער ווי אַ משרתל ביי רוים, אָדער אַ „שאָטן-קעניג", ווי גרעטץ רופט אים אָן, איז דאָן אינגאַנצן אַלט געווען איין און צוואַנציק יאָר. דאָס מלוכהלע זיינס, וואָס האָט אין יענער צייט געהייסן כאַלקים, איז געווען אַ קליינס און עס האָבן דאָרט געוואוינט מער גריכן ווי אידן, אָבער אַגריפּאַ האָט דאָך געהאַט דאָס רעכט צו באַשטימען ווער עס זאָל זיין דער כהן גדול אינעם הייליקן טעמפּל פון ירושלים, און ער האָט דערפון געמאַכט אַ קוואַל פון הכנסה פאַר זיך און פאַר די רוימישע פּראָקוראַטאָרס וואָס האָבן אים באַשיצט; ווער ס'האָט פאַר דעם הויכן אַמט באַצאָלט מער געלט,

יענעם האָט ער געמאַכט פאַר אַ כהן גדול אין בית המקדש. און דערמיט האָט ער דעם הויכן אַמט אין די גאַנצע הייליקע דינסט אין בית המקדש געבראַכט צו אַזאַ נידעריקער און שפּלדיקער מדרגה, אַז ס׳איז שוין קיין נייעס ניט געווען, אַז אַן ארונטערגעזעצטער כהן גדול זאָל אין גאַס באַפאַלן אַ ניי-אַרויפגעזעצטן כהן גדול און אים שלאָגן, און ס׳איז שוין אויך קיין נייעס ניט געווען, אַז אַ כהן גדול זאָל זיין אַזאַ גראָבער יונג, אַז ער זאָל גאָר אינגאַנצן ניט קענען ליינען די הייליקע שריפטן, ווי ס׳ווערט דערציילט אין דער גמרא יומאָ (דף י״ח, ע״א, ע״ב).

עס איז מער ווי זיכער, אַז אין דעם וואָס דער צעזאַר האָט אַגריפּאַ דעם צווייטן געגעבן דאָס רעכט צו באַשטימען ווער עס זאָל אינעם הייליקן טעמפּל טראָגן די קרוין פון דער כהונה, איז אוודאי געווען די כוונה, אַז לפנים זאָל דאָס הייסן, אַז דאָס טוט אַ „אידישער קעניג“ וואָס שטאַמט פון די חשמונאים און אויך פון דער הורדוס-משפחה; אַז די רוימער רירן ניט אָן די הייליקייט פון דעם אידישן גלויבן, אַז זיי שטערן ניט די אידן צו דינען צו זייער גאָט אַזוי ווי זיי געפעלט. אין דער אמתן אָבער איז דער אידישער „שאָטן-קעניג“ אין דעם געווען ניט מער ווי אַ שליח, און ער האָט געפאָלגט דעם פּראָקוראַטאָר, וועלכער האָט געהאַט די גאַנצע דעה און אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל געטאָן ווערן אַזוי, אַז עס זאָל נישט קענען הייסן אַז די אידן זענען די בעלי-בתים אין זייער אייגן לאַנד.

דער פּראָקוראַטאָר אין יענער צייט איז געווען ווענטידיוס קומאַנוס. ער איז באַשטימט געוואָרן אויף זיין אַמט אינעם יאָר 48 און איז אַוועק אינעם יאָר 52. אַרום און אַרום האָט ער געהערשט איבער יהודה פיר יאָר, און אין דער קורצער צייט האָט ער די אידן געטאָן אַזוי פיל שלעכטס, אַז אין פאַרגלייך מיט זיינע מעשים האָט עס שוין געקענט הייסן, אַז די פריערדיקע צוויי קוספּיוס פאַדוס און טיבעריוס אַלעקסאַנדער, זענען געווען גוטע מענטשן.

אַזוי איז געווען מיט די אַלע זיבן פּראָקוראַטאָרס, וואָס האָבן זיך געביטן אין די צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס זענען אַוועק פון נאָך אַגריפּאַ דעם ערשטנס טויט ביזן אויסברוך פונעם גרויסן אויפשטאַנד — איינער איז געווען ערגער פונעם אַנדערן.

⁂

דער ערשטער צוזאַמענשטויס, וואָס קומאַנוס האָט געהאַט מיט די אידן איז פאָרגעקומען דעם פערטן טאָג פּסח. אין ירושלים זענען

דאן געווען הונדערטער טויזנטער אידן, וועלכע זענען זיך אהין צו־זאמענגעקומען פון אלע עקן לאנד און אויך פון אנדערע לענדער צו פייערן דעם יום טוב פון פרייהייט; דער הייליקער טעמפל איז געווען פול און אלע זענען געווען אנגעטאן אין יום־טובדיקע קליידער, אבער איינגאנצן באקומען האט דער יום טוב דאך ניט געקענט, ווייל אין די קארידארן און אויף די קאלאנען, וואס ביים הייליקן טעמפל, זענען געווען אויסגעשטעלט באוואפנטע רוימישע זעלנער און האבן זיך צוגעקוקט צו דעם וואס מ׳טוט און זיך צו־געהערט צו דעם וואס מ׳רעדט. אזוי איז געווען איינגעפירט זינט עס האט זיך אנגעהויבן די הערשאפט פון די פראקוראטארס, און ס׳איז ניט שווער זיך פארצושטעלן וואס די אידן האבן געפילט, זעענדיק ווי זיי ווערן באוואכט ווי פארברעכער פון רוימישע בא־וואפנטע לייט אפילו דאן ווען זיי קומען דינען גאט אין זייער הייליקן טעמפל.

עס האט געדארפט זיין די פליכט פון דעם פראקוראטאר אנ־צוזאגן שטרענג די זעלנער, אז זיי זאלן זיך האלטן אנשטענדיק און איידל אין אזא פאל, און די פריערדיקע צוויי פראקוראטארס האבן דאס קענטיק אין זינען געהאט, ווייל זיי האבן געוואוסט, אז דער אידישער גאטעס־דינסט אין בית המקדש איז אזא, וואס קען אומ־זען אביסל משונהדיק אין די אויגן פון א פרעמדן, באזונדערס דאס שעכטן פונעם קרבן־פסח אין דריי כיתות וואו די כהנים שטייען צעשטעלט אין שורות, מיט זילבערנע און גילדערנע כלים אין די הענט און די לויים שטייען אין דער הויך און זינגען „הלל", שפילנדיק דערביי אויף צימבלען און הארפן און בלאזנדיק אין די שופרות „תקיעה, תרועה, תקיעה", ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דער גמרא פסחים (דף ס״ד). ווענטידיוס קומאנוס האט אבער ניט גע־האלטן פאר נויטיק אנצוזאגן זיינע זעלנער, אז זיי זאלן זיך האלטן אנשטענדיק און איידל אויף זייערע פאסטנס אין די קארידארן און די באלקאנען פונעם בית המקדש, און איבער דעם איז געשען אזוינס, וואס האט געבראכט א גרויסן אומגליק.

איינער פון די רוימישע זעלנער האט ארונטערגעלאזט די הויזן און זיך אויסגעדרייט מיטן הולן הינטן צו אלע אידן, וועלכע האבן געהאלטן אין מיטן פון א פייערלעכער גאטעס־דינסט; ער האט דאס געטאן מיט אזא חוצפה און מיט אזא זיכערקייט, אז ס׳האט גאר קיין צווייפל ניט געקענט זיין אין דעם, אז דאס טוט ער ניט אויף

זיין אייגענער אחריות, נאָר דער פּראָקוראַטאָר אַליין האָט דאָס אים געהייסן טאָן, כדי דערמיט צו באַליידיקן די אידן.

אַז דער חשד איז ניט געווען אומזיסט, קען מען זען פון דעם, וואָס קומאַנוס אַליין, וועלכער האָט גאָר געוואוינט אין קיסריה, איז דאַן אויך געקומען קיין ירושלים. ער האָט זיך אַפּנים גערעכט אַז דאָס וועט אַרויסרופן דעם צאָרן פונעם פאָלק און עס וועט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס. מ'קען דאָס אויך זען פון דעם, וואָס ער האָט דעם חוצפהדיקן זעלנער ניט באַשטראָפט, כאָטש די אידן האָבן געפאָדערט, אַז ער זאָל אים דערפאַר באַשטראָפן.

שטאַרק באַליידיקט פון דעם רוימישן זעלנערס חוצפה, האָבן זיך די אידן געגעבן אַ לאָז צו די קאָרידאָרן און באַלקאָנען, וואו די באַוואָפנטע לייט זענען געווען אויסגעשטעלט; עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, און באַלד איז קומאַנוס אַליין אָנגעקומען, און דאָס באַוויזט ווידער, אַז ער האָט נאָך פריער אַלעס צוגעגרייט; אָנשטאָט צו באַרואיקן דאָס פאָלק און כאָטש בלויז צוזאָגן, אַז ער וועט דעם שולדיקן באַשטראָפן, האָט ער גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די באַוואָפנטע לייט זאָלן זיך אויסשטעלן ביי דער אַנטאָניאַ-פעסטונג, וואָס שטייט לעבן הייליקן טעמפּל; מ'האָט אויך געזען ווי פון אַלע זייטן קומען אָן נאָך און נאָך באַוואָפנטע רוימישע זעלנער און ווי קומאַנוס שטעלט זיי אויס אין רייען און הייסט זיי זיין גרייט; און ווייל די אידן אינעם הייליקן טעמפּל זענען ניט געווען באַוואָפנט, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און זיך געלאָזט לויפן, שטופּנדיק איינע די אַנדערע אין די שמאָלע קאָרידאָרן און ביי אַלע, אָפענע און פאַרמאַכטע טויערן. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה, אַ מוראַדיקער געדרענג; ווער ס'איז נאָר אומגעפאַלן האָט שוין מער ניט געקענט אויפשטיין און מ'האָט אים צעטראָטן אויף טויט; די מורא, אַז אָט-אָט, אויב קומאַנוס וועט נאָר אַרויסזאָגן איין וואָרט, וועלן זיך די רוימישע זעלנער מיט די בלויזע שווערדן אַריינרייסן אינעווייניק און וועלן אַלעמען אויסשעכטן, האָט די צעשראָקענע מענטשן אַזוי צעמישט, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט אין וועלכער זייט זיי זאָלן לויפן; אינעם שרעקלעכן געדרענג האָבן אייניקע זיך מיט אַלע כוחות געשפּאַרט אין איין זייט, און אַנדערע אין דער צווייטער זייט; וואָס אַ מאָל איז די מהומה געוואָרן גרעסער, מ'האָט געטראָטן אויף טויטע און אויף לעבעדיקע, און אין יענעם טאָג זענען עטלעכע טויזנט אידן דערשטיקט געוואָרן אויף טויט.

און דעם זעלנער, וואָס איז געווען שולדיק אין דעם, האָט קו־מאַנום ניט באַשטראָפט!

אונטער קיין איינעם פון די פריערדיקע צוויי פּראָקוראַטאָרס האָבן די באַוואָפנטע לייט פון די רוימישע לעגיאָנען ניט אַרויסגע־וויזן אַזוי פיל חוצפה און אַזאַ פאַראַכטונג צום אידישן פאָלק און צום אידישן גלויבן ווי אונטער קומאַנוסן. דער פאַל מיט דעם זעל־נער אינעם הייליקן טעמפּל איז ניט געווען דער איינציקער פון דעם מין. ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען.

אויף איינעם פון די פאַרוואָרפענע וועגן איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנפאַל אויף אַ רוימישן רעגירונגס-בעאַמטן, און מ׳האָט ביי אים צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט געפירט.

מ׳האָט ניט געקענט וויסן באַשטימט ווער עס האָט דעם אָנפאַל געמאַכט. עס קען זיין אַז דאָס האָבן געטאָן פּשוטע רויבער, און ס׳קען אויך זיין, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון די ס י ק אַ ר י ע ר, אָדער ס י ק ר י ק י ן, ווי זיי ווערן אָנגערופן אין דער גמרא.

די ס י ק אַ ר י ע ר האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די עקס־טרעם-לינקע פון די קנאים, און ס׳איז אַ סברא, אַז דער נאָמען סי־קאַריער נעמט זיך פון דעם לאַטיינישן וואָרט ס י ק אַ ר י ו ס, וואָס מיינט פּשוט אַ רויבער, אַ באַנדיט. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס האָבן די רוימער יענע אידישע פּאַטריאָטן געגעבן אַזאַ נאָמען, ווייל זיי האָבן זיי געהאַלטן פאַר פּשוטע באַנדיטן. אָבער די סיקאַריער זענען קיין באַנדיטן ניט געווען; זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט דאָס פאָלק, דאָס לאַנד, און זיי זענען געווען גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן פאַר דער פרייהייט. עס איז ניט מער, זיי האָבן ניט געגלויבט, אַז אין קאַמף קעגן שונא דאַרף מען זיך באַנוצן מיט מעסיקע מיטלען. זיי האָבן געגלויבט אין עקסטרעמע מיטלען, און עס איז אמת, אַז ווען זיי האָבן דאָס נאָר געפונען פאַר נויטיק און פאַר מעגלעך האָבן זיי אויף פאַרוואָרפענע וועגן טאַקע געמאַכט איבערפאַלן אויף מענטשן און צוגענומען ביי זיי גאָלד און זילבער. זיי האָבן דאָס אָבער ניט צוגענומען פאַר זיך, נאָר פאַר דעם קאַמף וואָס זיי האָבן געפירט קעגן די שונאים פון זייער פאָלק.

באַנוצנדיק זיך מיט דער טערמינאָלאָגיע פון דער היינטיקער צייט, קען מען זאָגן, אַז צווישן די ק נ אַ י ם , וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּאַטריאָטיש-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וועלכע איז אין תוך געווען נאַציאָנאַל-רעליגיעז, לויטן גייסט פון יענער צייט, זענען די ס י ק אַ ר י ע ר געווען דער לינקער פליגל, וואָס

האָט אנערקענט טעראָר און עקספּראָפּריאַציעס, און וואָס האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף ענטפערן מיט מאַכט אויף מאַכט און אַז מ׳דאַרף זיין ניט בלויז דעפענסיוו, נאָר אויך אַגרעסיוו, דאָס הייסט — אָנפאַלן אויפן שונא אפילו דאַן ווען ער אַטאַקירט ניט.

און די פראַגע איז דאָ ניט צי זיי זענען געווען גערעכט צי ניין, צי די מעטאָדן מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט, זענען געווען די ריכטיקע אָדער ניט. וואָס מיר האָבן דאָ געוואָלט אַרויסברענגען איז, אַז אַזאַ גרופּע האָט אין יענע צייטן עקזיסטירט, אַז געשאַפן געוואָרן איז זי טאַקע אין די רייען פון די קנאים, וועלכע האָבן פאַר זיך גענומען אַלס אַ מוסטער די העלדישקייט פון די חשמונאים אין די צייטן פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, און אַז איר איינפלוס אויפן פאָלק איז געוואַקסן אינאיינעם מיט דער רשעות, וואָס די רוימישע פּראָ־קוראַטאָרס האָבן אַרויסגעוויזן צו די אידן.

דער טעראָר פון איין זייט האָט אַרויסגערופן דעם טעראָר פון דער אַנדערע זייט.

און ווייל דער פּראָקוראַטאָר ווענטידיוס קומאַנוס האָט געהאַט אַ גרונט חושד צו זיין, אַז דעם אָנפאַל אויף דעם רוימישן רעגירונגס־בעאַמטן האָבן געמאַכט די ס י ק אַ ר י ע ר, און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס מ׳האָט קיינעם ניט געכאַפּט, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ מחנה פון זיינע באַוואָפנטע זעלנער, אַז זיי זאָלן אָנפאַלן אויף די אַלע אידישע שטעט און דערפער אין יענעם געגענט און נעמען נקמה פון די איינוואוינער און ברענגען צו אים די חשוב־סטע לייט געשמידט אין קייטן.

די זעלנער האָבן אין יענע אַלע שטעט און דערפער געמאַכט אַ שרעקלעכן חורבן, ווייל די אידן זענען דאָרט ניט געווען באַוואָפנט און ניט געקאָנט אַרויסווייזן קיין ווידערשטאַנד. און איינער פון די זעלנער האָט געכאַפּט אַ תורה און זי צעריסן אויף שטיקלעך און זי באַשפּיגן און דערביי האָט ער גענוצט זייער מיאוסע ווערטער. און ווען די אידן אין די אַנדערע שטעט האָבן זיך פון דעם דער־וואוסט, זענען טויזנטער און טויזנטער פון זיי אַוועק קיין קיסריה צום פּראָקוראַטאָר זיך צו קלאָגן פאַר אים דערויף. זיי האָבן אים געבעטן, דערציילט יוסיפוס פלאַוויוס, אַז ער זאָל זיך אָננעמען ניט פאַר זיי, נאָר פאַר גאָט, דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן, ווייל אויב גאָטס תורה ווערט אַזוי מיאוס פאַרשוועכט האָבן זיי ניט מער צוליב וואָס צו לעבן אויף דער וועלט. און ווען קומאַנוס האָט דער־זען ווי די צאָל פון די אידן, וואָס קומען אָן קיין קיסריה, ווערט וואָס

אַמאָל אַלץ גערעסער און גערעסער און ווי אינאײנעם מיט דער גרויסער צאָל וואַקסט אויך דער צאָרן, האָט ער זיך דערשראָקן, און כדי איינצושטילן דאָס פאָלק, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל דעם זעלנער, וואָס האָט פאַרשוועכט די תורה פאַר-משפּטן צום טויט.

אַלץ וואָס קומאַנוס האָט געטאָן, האָט פאַר די שונאים פון די אידן אין לאַנד געקענט דינען ווי אַ באַווייז, אַז אידיש בלוט איז הפקר און אַז באַשטראָפט ווערן קען מען בלויז דאַן ווען מ׳פאַר-שוועכט די אידישע תורה. עס האָט געהייסן, אַז הרגענען אידן מעג מען, חרוב מאַכן זייערע שטעט און דערפער מעג מען. בלויז זייער תורה טאָר מען ניט אָנרירן. און ווייל ארץ ישראל איז געווען איינגעטיילט אַזוי, אַז אין אַ סך שטעט איז די גרעסטע צאָל פון דער באַפעלקערונג גאָר באַשטאַנען פון ניט-אידן און ס׳איז אויס-געקומען, אַז די אידן זענען אַ מינאָריטעט אין די שטעט פון זייער אייגן לאַנד, איז דער ביישפּיל וואָס קומאַנוס האָט געגעבן, געווען זייער אַ געפערלעכער. און דאָס קען מען זען פון דעם וואָס ס׳איז געשען אַ קורצע צייט נאָכן אורטייל אין קיסריה.

דאָס מאָל האָט זיך עס אָנגעהויבן לעבן דער שטאָט ע י ן - ג נ י ם, ניט ווייט פון ע מ ק - י ז ר ע א ל. דאָרטן איז דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג דעמאָלט באַשטאַנען פון ש ו מ ר ו נ י ם , און דריי מאָל אין יאָר, ווען די אידן פון גליל פלעגן גיין עולה רגל זיין קיין ירושלים אויף פסח, שבועות און סוכות, פלעגן זיי האָבן קליינע צוזאַמענשטויסן מיט די שומרונים. פריער זענען די צוזאַמענשטויסן ניט געווען קיין ערנסטע; די שומ-רונים האָבן זיך באַגנוגנט מיט דעם וואָס זיי האָבן געוואָרפן שטיינער אויף די עולה-רגלניקעס און חוזק געמאַכט פון זיי. אָבער אין די צייטן פון קומאַנוסעס הערשאַפט זענען די שומרונים געוואָרן חוצפּהדיקער, און איין מאָל זענען זיי באַפאַלן אַ סך אידן, וואָס זענען פון גליל געגאַנגען עולה רגל זיין קיין ירושלים און האָבן זיי אַלע אויסגעהרגעט.

דאָס האָט שטאַרק צערודערט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון גליל, וואָרעם ס׳האָט דאָך געהייסן, אַז די וועגן זענען שוין מער ניט זיכער און ס׳וועט זיין אַ סכנה צו גיין עולה רגל זיין קיין ירו-שלים און פייערן די ימים-טובים אינעם הייליקן טעמפּל. זענען די חשובסטע לייט פון גליל אַוועק צו קומאַנוסן קיין קיסריה און האָבן אים געבעטן, ער זאָל באַשטראָפן די שולדיקע; זיי האָבן גע-

פּרוּווּט אים געבן צו פאַרשטיין ווי נויטיק דאָס איז פאַר דער זיכערקייט אויף די וועגן אין דער צוקונפט; זיי האָבן אים באַוויזן, אַז אויב ער וועט די שולדיקע ניט באַשטראָפן, וועלן געוויס פאַר־קומען נאָך אַ סך אַזעלכע צוזאַמענשטויסן אויף אַנדערע וועגן אויך, ווייל אידן וועלן דאָך געוויס ניט אויפהערן צו גיין עולה רגל זיין קיין ירושלים דריי מאָל אין יאָר, ווי ס׳איז איינגעפירט שוין פון דורות. אָבער קומאַנוס האָט זיך צו זייערע רייד ניט צוגעהערט; ער האָט די שולדיקע ניט געוואָלט באַשטראָפן. און אין דער גע־שיכטע ווערט דערציילט, אַז דאָס איז געווען דערפאַר וואָס ער האָט ביי זיי גענומען געלט.

דער רוימישער פּראָקוראַטאָר קומאַנוס איז אין דעם פּרט פון כאַבאַר ניט געווען קיין אויסנאַם. די מערסטע רוימישע פּראָקו־ראַטאָרס האָבן גענומען געלט. זיי זענען געווען פאַרקויפטע נשמות, כאַבאַרניקעס, און זיי האָבן זיך אַנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט גאָלד אין די יאָרן וואָס זיי האָבן געהערשט איבער יהודה. אָבער דערמיט וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט די שולדיקע שומרונים צו באַשטראָפן ווי זיי האָבן פאַרדינט, האָט קומאַנוס די סיקאַריער פון ג ל י ל געגעבן די מעגלעכקייט אַנצואווייזן, אַז די מעסיקע פּאָליטיק טויג ניט, אַז מיט די שונאים קען מען מיט גוטן ניט אויס־קומען, און אַז מ׳דאַרף אַליין נעמען די גערעכטיקייט אין די אייגענע הענט און זיך אָפּרעכענען מיט די שונאים אַזוי ווי זיי פאַרדינען.

אַלץ, וואָס קומאַנוס האָט געטאָן, האָט געשטאַרקט די הענט דווקא פון די, וואָס זענען געווען זיינע גרעסטע קעגנער און אויך די קעגנער פון דער רוימישער אימפּעריע וואָס ער האָט אין יהודה פאַרטראָטן. עס איז דעריבער פאַלש צו רעדן וועגן די ע ר ש ט ע ס י ק אַ ר י ע ר ווי וועגן פּשוטע „רויבער“ און „באַנדיטן“, ווי פלאַוויוס האָט דאָס געטאָן אין זיינע ווערק און ווי ס׳האָבן דאָס געטאָן איניקע אַנדערע היסטאָריקער, וועלכע האָבן געוואָלט גיין דווקא אין זיינע וועגן. די מערסטע סיקאַריער זענען ניט געווען קיין רויבער און קיין באַנדיטן; זיי זענען געווען אמתע, איבערגע־געבענע אידישע פּאַטריאָטן. און אויב זיי זענען שפּעטער דאָך געווען שולדיק אין אַ סך אומגליקן, וואָס זענען געקומען אויפן אי־דישן פאָלק אין די צייטן ווען ט י ט ו ס האָט באַלאַגערט ירושלים, זענען די רוימער אין דעם געווען מער שולדיק. זיי און זייערע פּראָקוראַטאָרס האָבן פאַר די סיקאַריער געשאַפן דעם באָדן אין יהודה.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צום פריערדיקן ענין:

דער ערשטער וואָס האָט אין גליל געגרופן די סיקאַריער אַרויסצוקומען מיט שווערדן אין די הענט קעגן די שונאים פונעם אידישן פאָלק, איז געווען אליעזר בן דינאי. ער האָט געגרופן און געוועקט. ער האָט צונויפגעקליבן אַרום זיך אַ סך יונגע מענטשן. צו זיי האָט ער גערעדט וועגן דעם וואָס די שומרונים האָבן געטאָן לעבן דער שטאָט עין־גנים צו די אידן, וואָס זענען פון גליל געגאַנגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם אמת, אַז אויפן פּראָקוראַטאָר קו־מאַנוס קען מען זיך ניט פאַרלאָזן און אַז קיין גערעכטיקייט קען מען ביי אים ניט געפינען. און רופנדיק די אידישע יונגעלייט צום קאַמף, האָט ער געזאָגט:

„קנעכטשאַפט אליין איז אַן אומגליק פאַר אַ פאָלק, און נאָך גרעסער ווערט דער אומגליק, ווען אינאיינעם מיט דער קנעכט־שאַפט גייט אויך די גרויזאַמקייט. דאַן קען מען דאָס מער שוין ניט אַריבערטראָגן!“

און הונדערטער און טויזנטער אידישע יונגע לייט זענען מיט שווערדן אין די הענט אַרויס אַקעגן שונא. אונטער דער פירער־שאַפט פון אליעזר בן דינאי זענען זיי אָנגע־פאַלן אויף די שומרונים און האָבן אַ סך פון זיי אויסגעהרגעט און אויך עטלעכע שטעט זייערע חרוב געמאַכט. דאָס איז געווען די נקמה פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט לעבן עין־גנים. און ווען קומאַנוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל די שומרונים באַוואָפענען, און צו דעם האָט ער נאָך אַרויסגעשיקט אַקעגן די אידן דעם רוימישן אויגוסטוס־לעגיאָן, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיין פאַרביסענער שנאה צו אידן. אַ סך פון די סיקאַריער זענען דאַן גע־פאַלן אין שלאַכט און אַ סך זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דער סוף; אַ גרויסער טייל פון די אידישע מחנות האָבן זיך באַפעסטיקט אין די בערג, און ס׳איז גע־ווען אַ סכנה אַז זיי זאָלן ווידער מאַכן אַן אָנפאַל.

עס האָט געהאַלטן ניט ווייט דערפון, אַז עס זאָל שוין אויס־ברעכן אַ גרויסע אָפענע מרידה, און עס וואָלט זיכער געווען גע־קומען דערצו ווען די חשובסטע לייט פון ירושלים וואָלטן זיך ניט אַריינגעמישט אין דעם.

אַנגעטאָן אין זעק און מיט אַש אויף די קעפּ, ווי ס'איז אין יענער צייט געווען דער שטייגער ביי אידן, ווען מען האָט געקלאָגט אויף אַן אומגליק און אויסגעדריקט טיפן טרויער, זענען זיי, די חשובסטע לייט פון ירושלים, געקומען צו זייערע ברידער, וועלכע האָבן זיך אין די בערג פון גליל באַפעסטיקט, און זיי האָבן זיי געבעטן, זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק צו זייערע שטיבער און גע־צעלטן און מער נים מלחמה האַלטן, ווייל מיט דעם שטעלן זיי אין גרויס סכנה נים נאָר זייערע אייגענע לעבנס און די לעבנס פון זייע־רע ווייבער און קינדער, נאָר זיי וועלן אויך ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן אידישן פאָלק — דאָס לאַנד וועט ווערן פאַרוויסט און דאָס בית המקדש וועט חרוב ווערן.

די רייד פון די חשובע לייט פון ירושלים האָבן געווירקט און די סיקאַריער פון גליל האָבן זיך אומגעקערט צוריק צו זייערע שטי־בער און געצעלטן. און פון דעם אַליין קען מען זען, אַז זיי זענען נים געווען קיין „רויבער" און „באַנדיטן", ווי פלאַוויוס האָט זיי אין זיינע ווערק געוואָלט פאַרשטעלן פאַר די צוקונפטיקע דורות, כדי דערמיט אויסצונעמען ביי טיטוסן. נאָך אַ גרעסערער באַוויז דערויף איז דער פאַקט וואָס שפּעטער האָט מען קומאַנוסן אין רוים געמשפּט פאַר דער שטעלונג וואָס ער האָט גענומען אין דער קריג צווישן די אידן און די שומרונים, און אויפן באַפעל פונעם צעזאַר קלאַוודיוס איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף אַ וויטן אינדזל.

קלאַוודיוס

קאַפּיטל פינף

קריג, בירגער־קריג און סאָציאַלע רעוואָלוציע

אַוויכטיקע ראָלע אין דעם וואָס קומאַנוס איז געפאַלן, האָט געשפּילט די ווייב פונעם רוימישן צעזאַר קלאַוודיוס, די שיינע אַגריפּינאַ, וועלכע האָט שפּעטער איר אייגענעם מאַן געסמט.

אַגריפּינאַ האָט צו קומאַנוסן דווקא גאָרניט געהאַט, און ס'איז איר אויך ניט געגאַנגען אין לעבן זיך אַנצונעמען פאַר די אידן. אָבער איינער פון אירע געליבטע, אַנטאָניוס פעליקס, האָט מיט אים קיין שלום ניט געהאַלטן, און כדי פעליקס זאָל קענען פאַרנעמען דעם הויכן אַמט, וואָס גיט מאַכט און אויך געלט, האָט זי געהאָלפן אין דעם, אַז מ'זאָל קומאַנוסן אַרונטערזעצן און אים פאַרשיקן.

עס איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז די באַציאונגען צווישן דעם צעזאַרס שיינער ווייב אַגריפּינאַ און אַנטאָניוס פעליקס זענען דעמאָלט שוין געווען אַזעלכע, אַז ס'האָט זיך איר בעסער געלוינט, ער זאָל זיין וואָס ווייטער פון רוים, און דעריבער האָט זי אַזוי גע־אַרבעט דערפאַר אַז ער זאָל פאַרנעמען קומאַנוסעס פּלאַץ און ווערן דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה. אָבער אויך יונתן דער כהן גדול האָט געהאַט אַ חלק אין דעם. ער איז דעמאָלט אויך געווען אין רוים אינאיינעם מיט דעם יונגן אַגריפּאַ, און ער האָט אויך געבעטן דעם צעזאַר אַז ער זאָל פעליקסן שיקן קיין יהודה.

געטאָן האָט דאָס דער כהן גדול דערפאַר וואָס פעליקס האָט צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט ווערן פּראָקוראַטאָר, וועט ער ברענגען „פרידן און אָרדענונג" אין לאַנד. ער האָט אַ סך גוטע זאַכן צו־געזאָגט. אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט געהאַלטן, און ווי ער האָט נאָר איבערגענומען די מאַכט, האָט ער גלייך געוויזן וואָס פאַר אַ רשע און וואָס פאַר אַ שונא ישראל ער איז.

לויט זיין אָפּשטאַמונג איז פעליקס געווען פון זייער אַ נידעריקן גראַד. ער איז אַמאָל געווען אַ שקלאַף אין הויף. און דער צעזאַר

קלאַוודיוס האָט אים און אויך זיין ברודער פּאַלאַס באַפרייט און זיי ביידן זייער הויך דערהויבן. פּאַלאַס איז געווען דער ליבלינג פונעם צעזאַר, דער מעכטיקסטער מאַן אין דער מלוכה, און צוליב אים איז שוין פעליקס אויך זייער הויך געשטיגן. און דאָס איז שוין ניט געווען קיין נייעס אינעם רוימישן קעניגלעכן הויף, וואו די פאַרדאָרבנקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט עס שוין געהאַלטן פאַר אַ גאַנץ געוויינלעכער זאַך, אַז אַ צעזאַר זאָל אַ שיינעם יונגן מאַן הויך דערהויבן אין דער מלוכה אַלס אַ באַלוינונג דערפאַר וואָס ער טיילט מיט אים זיין בעט ביינאַכט . . .

פון אַזאַ מ י ן איז דאָס געווען דער נייער פּראָקוראַטאָר, אין וועמעס הענט עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער שיקזאַל פון אידישן פאָלק.

כדי צו געבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם וואָס פאַר אַ פּאַרשוין דאָס איז געווען און אויף וואָס ער האָט געקענט זיין פעאיק, וועט געווים ניט זיין איבעריק דאָ צו ברענגען אַן אויסצוג פון דעם וואָס דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, האָט געזאָגט וועגן אים:

„דאָס איז געווען אַ מענטש, — שרייבט טאַציטוס, — וואָס האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק איינצוצוימען זיינע ליידנשאַפטן. זיינע פאַרבינדונגען מיטן ליבלינג פונעם צעזאַר זענען ביי אים געווען ווי אַ געשריבענע דערלויבעניש צו באַגיין די ערגסטע פאַרברעכנס“.

אַזוי כאַראַקטעריזירט דער היסטאָריקער דעם נייעם פּראָקוראַטאָר פון יהודה אין זיין ווערק „די אַנאַלן“. *) און אויף אַן אַנדער אָרט — אין זיין „געשיכטע“ — שרייבט ער וועגן אים אַזוי:

„די פאַרוואַלטונג (איבער יהודה) פלעגט דער צעזאַר קלאַוודיוס איבערגעבן אין די הענט פון רוימישע ריטער, אָדער אין די הענט פון זיינע באַפרייטע שקלאַפן. אַנטאָניוס פעליקס איז געווען פון די לעצטע; אַליין אַ מענטש, וואָס האָט זיך פון דער נידעריק אויפגעהויבן צו דער העכסטער מאַכט, האָט ער, מיט די עכטע אייגנשאַפטן פון אַ שקלאַף, זיך אויפגעפירט ווי אַ גרויזאַמער געקרוינטער הערשער אין די לענדער פונעם מזרח“ **)

*) טאַציטוס, אַנאַלן, קאַפּ. 54.
**) געשיכטע, קאַפּ. 9.

װעגן אים האָט מען װירקלעך געקענט זאָגן, אַז ס'איז זייער ביטער װען אַ שקלאַף װערט מיט אַ מאָל אַ הערשער און קען טאָן אַלץ װאָס ער װיל נאָר.

װי ער איז נאָר אָנגעקומען און זיך באַזעצט אין דער שטאָט קיסריה, װאו די פּראָקוראַטאָרס האָבן שטענדיק געװאױנט, האָט ער זיך גלייך פאַרליבט אין דעם אידישן קעניג אַגריפּאַס אינגסטער שװעסטער ד ר ו ס י ל אַ, װעלכע איז געװען זייער אַ שיינע. דרוסילאַ איז שוין דאַן געװען פאַרהייראַט, כאָטש זי איז אינגאַנצן ניט מער װי זעכצן יאָר אַלט געװען; איר מאַן איז געװען דער קעניג אַזיזוס, װעלכער האָט געהערשט איבער אַ קליין מדינהלע, און װעלכער האָט זיך צוליב איר מגייר געװען און איז געװאָרן אַ איד, װייל אַזוי האָט פאַרלאַנגט איר ברודער, אַגריפּאַ דער צװייטער. אָבער פעליקסן איז דאָס ניט אָנגעגאַנגען װאָס ד ר ו ס י ל אַ איז פאַרהייראַט; זי איז אים אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז ער האָט באַשלאָסן אַז זי מוז װערן זיין װייב, און אַזוי װי ער האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן פאַר נויטיק זיינע ליידנשאַפטן איינצוצוימען, װי טאַציטוס דריקט זיך אוים װעגן אים, האָט ער זיינס אויסגעפירט; דרוסילאַ האָט זיך געגט מיט איר מאַן דעם קעניג פון דעם קליינעם מדינהלע און האָט חתונה געהאַט מיט דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר, און דאָס מאָל האָט איר ברודער אַגריפּאַ שוין ניט געשטעלט קיין תנאי, אַז דער מאַן מוז זיך פריער מל זיין און אָננעמען אידישקייט, װייל פאַר דעם מעכטיקן פּראָקוראַטאָר, װאָס איז געװען דער פאַר־טרעטער פון דער רוימישער אימפּעריע, האָט ער מורא געהאַט.

אין אַלגעמיין האָט אַנטאָניוס פעליקס געהאַט אַ שװאַכקייט חתונה צו האָבן מיט קעניגינס, און דאָס איז אויך געװען כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַ געװעזענעם שקלאַף, װאָס איז געװאָרן אַ הער־שער. ער האָט אין זיין לעבן מיט ניט װייניקער װי דריי קעניגינס חתונה געהאַט, און דאָס איז אַװדאי אויך געװען דערפאַר װאָס אין דעם, װי אין אַלץ װאָס ער האָט געטאָן, האָט ער געװאָלט אונ־טערשטרייכן זיין גרויסקייט און זיין מאַכט.

בלויז די ערשטע צייט נאָך דער חתונה מיט דער שיינער טאָכטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם אידישן קעניג אַגריפּאַ דעם ערשטן האָט פ ע ל י ק ס געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַ פריינד פון אידן און אַז דאָס איינציקע װאָס ער װיל איז — איינפירן אָרדענונג אין לאַנד. שפּעטער אָבער האָט ער שוין אַפילו אַזאַ אָנשטעל ניט געמאַכט און ער האָט מיט אַ מוראדיקער אַכזריות

גערודפט די קנאים און מאסן פון זיי האט ער באשטראפט מיט טויט און געהייסן מ'זאל זיי קרייציקן. און נאך גרעסער איז זיין אכזריות געווארן נאכן טויט פון צעזאר קלאוודיוס, ווען נירון־קיסר איז געווארן דער הערשער פון דער רוימישער אימפעריע.

דאס איז געווען אינעם 54סטן יאר פונעם ערשטן יארהונדערט. די מורא, אז מ'קען אמאל נאך אריינפאלן און באשטראפט ווערן פאר צו פיל רשעות אין יהודה, ווייל קלאוודיוס איז אמאל געניוגט זיך אנצונעמען פאר די אידן, ווי ס'איז געווען דער פאל מיט דעם פריערדיקן פראקוראטאר ווענטידיוס קומאנוס — אזא מורא איז שוין מער איבער פעליקסעס קאפ ניט געהאנגען, און ער האט דערי־ריבער אנגעהויבן ווייזן זיין ריכטיק געשטאלט.

עס איז גארניט געווען קיין צאל צו די אידן, וואס ער האט געלאזט קרייציקן אומעטום; ער האט אונטערדריקט מיט אן אייזערנער האנט אלץ, וואס ס'האט נאר ארויסגעוויזן סימנים פון אומצופרידנקייט מיט דער רוימישער הערשאפט. און פון דעם וואס ס'ווערט דערציילט ביי יוסיפוס פלאוויוס און אויך ביי אנדערע היסטאריקער, קען מען קומען צום שלוס, אז אין יענער צייט, אונטער דער הערשאפט פון אנטאניוס פעליקס, איז פארגעקומען די שפאלטונג צווישן די ק נ א י ם , וועלכע האבן די גאנצע צייט געזוכט ווענן ווי אזוי צו באפרייען דאס אידישע פאלק פון דעם פרעמדן יאך; די ס י ק א ר י ע ר זענען דעמאלט אין גאנצן אוועק פון די מעסיקע ק נ א י ם און זענען געווארן ניט בלויז א באזונדער פליגל אין א פארטיי, נאר אינגאנצן אן אנדער פארטיי, וואס גייט זיך אויף איר אייגענע ווענן און וואס באַקעמפט מיט עקשנות די פריערדיקע חברים.

און ווייל די ס י ק א ר י ע ר האבן איצט נאך מער ווי פריער געקענט ארויסשטעלן די טענה, אז מיט מעסיקע מיטלען קען מען די פרעמדע אריינדרינגער ניט באקעמפן, און דערביי האבן זיי געקענט אנווייזן אויף פעליקסעס רשעותדיקע מעשים, איז געווען ניט מער ווי נאטירלעך, אז צו זיי זאלן צושטיין נישט נאר אזעלכע וואס זענען ווירקלעך גרייט מקריב צו זיין זייער לעבן פאר דער פרייהייט פון פאלק, נאר אויך אזעלכע, וואס זענען גלאט היציק און האבן א שוואכקייט זיך אנצושליסן אן די וואס מאכן מער טומל און ווייסן ניט וויפל זיי שטעלן איין דערביי ווייל זיי קענען בכלל ניט פאראויסזען צו וואס זייערע מעשים וועלן ברענגען.

צו די ס י ק א ר י ע ר , וועלכע זענען די ערשטע צייט געווען אמתע פאטריאטן און עכטע רעוואלוציאנערן, האבן אין די

צייטן פון פעליקסעס הערשאַפט איבער יהודה אַנגעהויבן צושטיין ניט נאָר אידעאַליסטן, נאָר אויך אַוואַנטוריסטן, און שולדיק אין דעם איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער רוימישער פּראָקוראַטאָר אַליין.

די גאַנצע לאַגע אַרום און אַרום און די צעמישעניש וואָס די ניי־אַריינגעקומענע מענטשן האָבן אַריינגעטראָגן צווישן די וועלכע האָבן פריער געהאַט איין שטרעבונג צו באַפרייען דאָס פאָלק פונעם פרעמדן יאָך, האָבן אַזוי פאַרשאַרפט די באַציאונגען און געשאַפן אַזוי פיל פאַרביטערטקייט, אַז אַנשטאָט צו קעמפן קעגן די פרעמדע שונאים, האָבן די ס י ק אַ ר י ע ר גאָר אָנגעהויבן קעמפן קעגן זייערע אייגענע חברים פון אַמאָל. און אינעם קאַמף קעגן די אייגענע זענען זיי געווען נאָך מער פאַרביטערט, ווי אינעם קאַמף קעגן די פרעמדע.

אַזעלכעביישפּילן האָט מען אויך געזען מיט הונדערטער און הונדערטער יאָרן שפּעטער אין דער געשיכטע. און דערביי איז גענוג צו דערמאָנען די צייטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אינעם אַכטצענטן יאָרהונדערט, און אויך אין די צייטן פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט . . .

די געשיכטע ווידערהאָלט זיך.

***

ווען פעליקס האָט געזען אין ווען וואָס פאַר אַ ריכטונג די ס י ק אַ ר י ע ר זענען אַוועק און וואָס פאַר מענטשן ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן זייערע רייען, איז אים איינגעפאַלן, אַז ער קען דאָס אויסנוצן פאַר זיינע אייגענע צוועקן. און ס'איז ביי אים געבליבן, אַז ער זאָל שטילערהייט שליסן אַ בונד מיט איינעם, אָדער מיט עטלעכע פון זייערע פירער, וועלכע וועלן זיך אפשר ניט כאַפּן וואָס ער איז דערמיט אויסן. זיין געדאַנק איז געווען — אָפּצוראַמען פונעם וועג די ק נ אַ י ם מיט דער הילף פון די ס י ק אַ ר י ע ר און נאָך דעם זיי אַליין אויסראָטן ביסלעכווייז.

ביידע עקסטרעמען, ווי ס'איז שטענדיק דער פאַל, האָבן זיך באַגעגנט . . .

איין מענטש איז פעליקסן געשטאַנען אין וועג דורכצופירן וואָס ער האָט פאַרטראַכט, און דאָס איז געווען א ל י ע ז ר ב ן ד י נ אַ י, דער פירער פון די ס י ק אַ ר י ע ר.

כאַפּן אליעזרן איז געווען שווער, ווייל ער האָט געוואוסט פון אַלע באַהעלטעניש אין די בערג פון גליל. פון אַזאַ זאַך ווי אונטערקויפן אליעזר בן דינאי האָט קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל ער איז ניט געווען פון די מענטשן וואָס פאַרקויפן זיך פאַר געלט. אויך וועגן אָפּנאַרן אים האָט מען ניט געקענט טראַכטן, ווייל ער איז געווען זייער קלוג. האָט דער פּראָקוראַטאָר אָנגעהויבן שיקן שליחים צו אים, ער זאָל קומען פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ מעגלעכן שלום און וועגן אָרדענונג אין לאַנד; די ערשטע צייט האָט אליעזר זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פון די שליחים און ער האָט צו פּעליקסן ניט געוואָלט גיין; ערשט ווען דער פּראָקוראַטאָר האָט געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט אים קיין שלעכטס ניט טאָן און אַז מער ווי שלום האָט ער גאָרניט אין זינען, האָט אליעזר בן דינאי אים געגלויבט און ער איז געקומען קיין קיסריה; ער איז געווען זיכער, אַז אַ מענטש פון אַזאַ הויכן שטאַנד וועט אוודאי האַלטן וואָרט, אָבער ווי ער איז נאָר צום פּראָקוראַטאָר אין פּאַלאַץ אַריינגעקומען, האָט מען אים געשמידט אין קייטן און נאָך דעם האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין רוים, און נאָך ביז היינטיקן טאָג איז ניט באַקאַנט וואָס מ'האָט מיט אים דאָרט געטאָן — צי ער איז געשטאָרבן אין געפענקעניש מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אָדער מ'האָט אים דאָרט דערשטיקט.

נאָך דעם האָט שוין פּ ע ל י ק ס לייכט געקענט שליסן אַ פאַרבינדונג מיט אייניקע פון די נייע ס י ק אַ ר י ע ר, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף זייערע חברים, און אַלע מאָל ווען ער האָט באַשלאָסן אָפּצוראַמען פונעם וועג איינעם פון די אָנגעזעענע ק נ אַ י ם אין ירושלים, האָט ער דאָס געטאָן דורך די ס י ק אַ ר י ע ר.

צווישן די, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג, איז אויך געווען י ו נ ת ן ד ע ר כ ה ן ג ד ו ל. אויף אים איז פּעליקס געווען זייער בייז, ווייל יענער פלעגט אים אָפט זאָגן מוסר פאַר וואָס ער איז אַזוי גרויזאַם; ער האָט צו אים גערעדט האַרבע רייד פאַר וואָס ער האַלט ניט קיין וואָרט; ער האָט אים אַלע מאָל דערמאָנט אָן דעם וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו זיין גוט צו די אידן ווען ער וועט ווערן דער פּראָקוראַטאָר אין יהודה. און דאָס האָט פּעליקסן שטאַרק אויפגערעגט, ווי ס'איז געוויינלעך דער שטייגער מיט שלעכטע מענטשן, ווען מ'דערמאָנט זיי צו-אָפט אין דעם, אַז זיי האָבן אַמאָל צוגעזאָגט צו זיין גוט. ער האָט דעריבער שטילער-

היינט געלאָזט וויסן די ס י ק אַ ר י ע ר , אַז זיי קענען מיט דעם כהן גדול טאָן וואָס זיי ווילן, און דאָן איז באַגאַנגען געוואָרן אַ שרעקלעכער מאָרד, וואָס האָט צערודערט דאָס גאַנצע לאַנד — די ס י ק אַ ר י ע ר האָבן אין מיטן העלן טאָג, ביי די טויערן פונעם בית המקדש, דעם כהן גדול אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין האַרצן און ער איז געפאַלן טויט, און קיינער האָט די מערדער ניט באַשטראָפט, ווייל ניט קיין אַנדערער ווי דער פּראָקוראַטאָר אַליין האָט זיי באַשיצט.

זיי האָבן דאָס געטאָן גערן, די ס י ק אַ ר י ע ר , וועלכע זענען שוין דאַן, אין פעליקסעס צייטן, אויף גאַנץ אַנדערע וועגן אַוועק. ביי זיי אין די אויגן איז יונתן דער כהן גדול דער מעסיקער צווישן די ק נ אַ י ם , געווען אַ פאַררעטער. און זיי האָבן ניט געטראַכט דערפון וואָס אויך אין די אויגן פון דעם רוימישן הערשער וואָס אונטערדריקט אַזוי דאָס פאָלק, איז ער אַ פאַררעטער דווקא דערפאַר וואָס ער האָט ליב זיין פאָלק און איז קעגן דעם יאָך פון די פרעמדע.

די צוויי עקסטרעמען, וואָס זענען געגאַנגען אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען, האָבן זיך דאָך באַגעגנט . . .

אין אַלגעמיין האָבן די ס י ק אַ ר י ע ר אונטער פעליקסן, געקענט באַגיין די גרעסטע רציחות און ניט באַשטראָפט ווערן דערפאַר. ער האָט זיי געהאָלפן אויסהרגענען די מעסיקערע פון די קנאים, זייערע אַמאָליקע חברים, און אונטער זיין הערשאַפט זענען זיי געוואָרן אַזעלכע בריות אין דעם, אַזעלכע גרויסע מאָרד־ספּעציאַליסטן, אַז ס'איז גאָר אוממעגלעך געווען זיי צו כאַפּן.

אונטער די מאַנטלען וואָס זיי האָבן געטראָגן, האָבן זיי געהאַלטן אַ קליין שווערדל, וואָס האָט אויף לאַטייניש געהייסן „סיקאַ"; אַזוי פלעגן זיי זיך אויסמישן מיט דעם גרויסן עולם, וואָס איז אויף יום טוב געקומען קיין ירושלים, און פונקט דאַן ווען דער געדרענג ביי די טויערן פונעם בית המקדש איז געווען גרויס, האָבן זיי זיך שטילערהייט צוגערוקט צו די, וואָס מ'האָט געקענט אַלס די מעסיקע פון די קנאים, און האָבן זיי מיט די קליינע שווערדלעך געשטאָכן.

און קיינער פון די ס י ק אַ ר י ע ר איז ניט אַנטלאָפן נאָך דעם ווי ער איז באַגאַנגען אַ מאָרד; ער האָט קונציק דאָס קליינע שווערדל גלייך צוריק הינטערן מאַנטל באַהאַלטן, און ווען אַנדערע האָבן אויסגעדריקט באַדויערן דערויף וואָס מ'האָט אַ מענטשן

דערהרגעט, האָט ער אויך אויסגעדריקט פונקט אַזאַ באַדויערן און זיך געהאַלטן אַזוי, אַז ס'האָט גאָר קיינעם ניט געקענט איינפאַלן אַז ער איז דער מערדער.

פון דעם וואָס ס'ווערט דערציילט אין דער געשיכטע פון יענער צייט, קען מען דרינגען, אַז די ס י ק אַ ר י ע ר , וועלכע האָבן אין ירושלים ביים בית המקדש געשטאָכן מענטשן אויף אַזאַ שטייגער זענען ניט געווען פון די שטענדיקע איינוואוינער אין דער הייליקער שטאָט, נאָר פרעמדע, וואָס מ'האָט אריבערגע־בראַכט פון אַנדערע שטעט. זיי האָט מען בלויז געדאַרפט אָנווייזן, אַז דער און דער איז פון די מעסיקע צווישן די קנאים און אַז ער האָט אַ גרויסן איינפלוס, און זיי האָבן שוין אויף אים געהאַלטן אַן אויג, און אינעם געדרענג ביים בית המקדש האָבן זיי אים גע־שטאָכן. אַ סך אַזעלכע קרבנות זענען אויף אַזאַ שטייגער ביי די טויערן פונעם הייליקן טעמפל געפאַלן. און אַנטאָניוס פעליקס האָט די מערדער באַשיצט. און עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דווקא די וואָס זענען געווען די שטאַרקסטע קעגנער פון רוים, האָבן געטאָן די אַרבעט פון דעם גרויזאַמען רוימישן הערשער אין יהודה, און ער האָט זיי דערויף זיין ברכה געגעבן . . .

און אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען יאָרן. און מ'קען זאָגן, אַז צווישן די פּראָקוראַטאָרס וואָס האָבן אין יענער צייט געשאַפן דעם באָדן פאַר רייסערייען ביי אידן אין זייער אייגן לאַנד, איז אַ נ ט אָ נ י ו ס פ ע ל י ק ס געווען דער ערשטער. מיט זיין דורכגעטריבנקייט האָט ער אומיסטן אַזאַ באָדן אוועקגעלייגט. און ער האָט געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ מיטלען זיך צו באַנוצן, אַז די צעריסנקייט זאָל אַלץ שטייגן און שטייגן; ער איז געווען שול־דיק אין דעם וואָס דווקא די מענטשן, וועלכע זענען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, זאָלן פאַר־פלעקן זייערע הענט מיטן בלוט פון זייערע אייגענע ברידער און זיך דערמיט אַזוי פאַרמיאוסן אין די אויגן פונעם פאָלק, אַז מ'זאָל פון זיי וויכן און מ'זאָל זיך מיט זיי בשום אופן ניט וועלן פאַר־איינינקן; איבער אים איז דער רים צווישן די צוויי שטאַרקסטע פאַר־טייען ביי אידן, צווישן די ק נ אי ם און די ס י ק אַ ר י ע ר , געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס'איז שווער געווען אים גאַנץ צו מאַכן אַפילו דאַן ווען טיטוס איז צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים.

***

אינאיינעם מיט דער מאכט פון די ס י ק א ר י ע ר , וואס האט זיך דאן אויסגעדריקט אין דעם וואס זיי האבן מיט אזא ווילדער עקשנות באקעמפט די מעסיקערע קנאים און אויסגע־הרגעט א סך פון זיי, האט זיך אונטער פעליקסן אויך געשטארקט די באוועגונג פון די אזוי גערופענע „משיחים״.

אידן זענען געווען פארצווייפלט. זיי האבן שוין מער די שרעקלעכע צרות ניט געקענט אריבערטראגן, איז ווי נאר ס׳האט זיך ערגעץ באוויזן איינער, וואס האט, לויטן גייסט פון יענער צייט, גערעדט אין נאמען פון גאט און געזאגט, אז דער באשעפער פונעם הימל און פון דער ערד האט אים געשיקט אויסלייזן דאס פאלק ישראל פון די הענט פון די פיינט, האט מען אים געגלויבט און מ׳איז אים נאכגעגאנגען.

אייניקע פון יענע „משיחים״ האבן גערופן דאס פאלק צו גיין אין דער מדבר. אנדערע האבן גערופן דאס פאלק צום ירדן, און אויף א סך וועגן און שטעגן האט מען געזען ווי מענטשן ארעמע, מענטשן אפגעריסענע, גייען וואוהין מ׳פירט זיי, און זיי קוקן ארויס אויף א נס. ניט די „משיחים״, וואס האבן געפירט, און ניט די נידערגעשלאגענע מענטשן וועלכע האבן זיך געלאזט פירן, זענען געווען ווידערשפעניקער, עס זענען צווישן זיי ניט געווען אזעלכע וואס זאלן טראכטן וועגן אזא זאך ווי זיך שטעלן דעם שונא אנט־קעגן מיט געווער אין האנט. אבער פעליקס האט אויף זיי גע־קוקט ווי אויף ווידערשפעניקער; ער האט אין דער באוועגונג פון די „משיחים״ געזען סימנים פון מרידה, און אויף זיין באפעל האט מען געכאפט א סך פון די, וואס האבן זיך געלאזט פירן און מ׳האט זיי פארמשפט צום טויט, און די „משיחים״, וואס זענען אריינגע־פאלן אין די הענט פון זיינע באוואפנטע לייט, האט מען געקריי־ציקט.

דאן האט זיך מיט אמאל באוויזן איינער, וועמעס נאמען עס ווערט אין דער געשיכטע פון יענער צייט ניט אנגעגעבן, אבער ביי יוסיפוס פלאוויוס און אויך אין דער עוואנגעליע, אין די „מעשים פון די אפאסטאלן״, ווערט ער אנגערופן „דער משיח פון מצרים״ ער האט ארום זיך צונויפגעקליבן אן ערך פון א דרייסיק טויזנט מענטשן, וועלכע האבן געגלויבט אין אים; זיי האבן אלע געלעבט אין דער מדבר, ווייל זיי האבן זיך געדארפט היטן פאר די בא־וואפנטע רוימישע זעלנער. נאך דעם האט דער „משיח פון מצרים״ זיי ארויסגעפירט פון דעם מדבר, זיי זאלן גיין מיט אים

אינאיינעם צו דעם ה ר ה ז י ת י ם . ער האָט געזאָגט, אַז דאָרט וועט ער באַווייזן אַ נס און אַלע וועלן זען ווי די מויערן פון דער שטאָט וועלן איינפאַלן און ער וועט פריי קענען אַריינקומען אַהין. און די אָרעמע, פאַרצווייפלטע מענטשן האָבן געגלויבט און זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען.

און ווען פעליקס האָט דערהערט, אַז ס'האָט זיך שוין באַוויזן אַ נייער „משיח" און אַז ער גייט מיט דרייסיק טויזנט מאַן אויף ירושלים, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ גרויסע מחנה פון פוסגייער און רייטער אַנצופאַלן אויף זיי, און אַזוי ווי די אידן זענען ניט געווען באַוואָפנט און האָבן זיך גאָרניט געקליבן צו האַלטן מלחמה, איז אויף זיי געפאַלן אַ גרויסע שרעק ווען זיי האָבן דערזען די באַוואָפנטע רוימער; זיי האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן וואוהין זיי האָבן נאָר געקאָנט, און פיר הונדערט פון זיי זענען געפאַלן טויט און צוויי הונדערט זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, און די איבעריקע זענען צעשפּרייט געוואָרן אין אַלע זייטן און זיי האָבן זיך שפּעטער אומגעקערט צוריק צו זייערע שטיבער און געצעלטן. און דער „משיח" אַליין איז פאַרשוואונדן געוואָרן און מ'האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. און ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געגלויבט, אַז ער האָט זיך געראַטעוועט דורך אַ נס, און אַז ער וועט זיך שפּעטער אוודאי ווידער באַווייזן.

פלאַוויוס דערציילט, אַז נאָך די געשעענישן ביים הר־הזיתים האָבן זיך „די שווינדלער פאַראייניקט מיט די רויבער און האָבן אָנגערעדט אַ סך מענטשן אַרויסצוגיין מיט געווער אין האַנט און זיי האָבן זיי אונטערגעגעבן מוט זיך צו שלאָגן פאַר דער פרייהייט".

ווייטער אין דעם זעלבן אָרט — אין זיין ווערק „די מלחמות צווישן די אידן און די רוימער" — זאָגט ער, אַז זיי, דאָס הייסט, „די שווינדלער און די רויבער", האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף די אַלע וואָס האָבן זיך געבויגן פאַר דער מאַכט פון רוים; זיי האָבן געזאָגט, אַז אַפילו די ו ו אָ ס ה אָ ב ן מ י ט ן א י י ג ע נ ע ם ו ו י ל ן ג ע נ ו מ ע ן א ו י ף ז י ך ד י ק נ ע כ ט ש אַ פ ט , ד אַ ר ף מ ע ן מ י ט ג ע־ ו ו אַ ל ד צ ו ו י נ ג ע ן צ ו ז י י ן פ ר י י , און דאַן, — שרייבט ער, — „האָבן זיי זיך צעטיילט אין מחנות און זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און צ ע ר אַ ב ע ו ו ע ט ד י ה י י ז ע ר פ ו ן ד י ר י י כ ע א ו ן א ו י ס ג ע־ ה ר ג ע ט ד י א י י ג נ ט י מ ע ר א ו ן א ו נ ט ע ר־

געצונדן די דערפער, און אין זייער בייזן צאָרן אָנגעפילט דאָס גאַנצע לאַנד יהודה מיט רויב, און די מלחמה איז געוואָרן גרעסער און שטאַרקער פון טאָג צו טאָג". *)

אזוי שרייבט פלאַוויוס, מאַכנדיק אַ סך הכל פון דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען גלייך נאָך דער בלוטיקער געשעעניש ביים הר הזיתים.

דאַרף מען דאָ פריער פון אַלץ נעמען אין אַכט די פּערזענ־לעכע חשבונות וואָס דער היסטאָריקער פון יענער צייט האָט געהאַט מיט די, וואָס האָבן אין לאַנד געקעמפט קעגן דער הערשאַפט פון רוים; מ'דאַרף אויך נעמען אין אַכט דעם פאַקט, וואָס שרייבנדיק וועגן יענע געשעענישן, האָט דער היסטאָריקער זייער שטאַרק געוואָלט אויסנעמען ביי די רוימער און דער עיקר ביי טיטוסן, וועלכער האָט אים שפּעטער אַזוי הויך דערהויבן. און ווען מ'האָט דאָס אין זינען, און מען וואַרפט אָפּ די בייזוויליקע כוונה און מ'טיילט זי אָפּ פון די פאַקטן, דאַן באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער בילד.

עס איז קלאָר, אַז „שווינדלער און רויבער" רופן ניט קיין פאָלק צו קעמפן פאַר פרייהייט, און אויב פלאַוויוס האָט זיי יאָ מיט אַזעל־כע נעמען אָנגערופן, איז דאָס געווען דערפאַר וואָס די רוימישע מאַכט האָט געהאַלטן פאַר „שווינדלער און רויבער" די אַלע אידן, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט און קעגן יעדן יאָך פון פרעמדע אַריינדרינגער. און ס'איז קלאָר, אַז נאָך דער בלוטיקער געשעעניש ביים הר הזיתים, נאָך דעם ווי רוימישע זעלנער האָבן אויסגעשאָכטן אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן, וועמעס איינציקע זינד איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס אין זייער גרויסער פאַר־צווייפלונג האָבן זיי אַרויסגעקוקט אויף אַ נס — נאָך דעם האָט, ענדלעך, געפּלאַצט די געדולד ביי אַ גרויסן טייל פון פאָלק, און אין לאַנד איז שטאַרקער געוואָרן דער צאָרן צו די פרעמדע אונ־טערדריקער וואָס באַלעבאַטעווען אויף אַזאַ גרויזאַמען שטייגער; עס איז אויך שטאַרקער געוואָרן דער צאָרן אויף די אייגענע אונ־טערדריקער, אויף יענע רייכע לייט, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף ניט אַרויסווייזן קיין ווידערשטאַנד צו דער רוימישער מאַכט. מיט אַנדערע ווערטער קען דאָס הייסן, אַז איין איי־נעם מיט דער פּאָליטישער רעוואָלו־

*) תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, ספר ב, פרק י"ג, ו.

ציע, וואָס איז געוואָרן נאָך שטאַר־ קער ווי פריער, האָט זיך אויך אָנ־ געהויבן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע.

זי איז געווים געקומען נישט אינגאַנצן אומגעריכט, די סאָציאַ־ לע רעוואָלוציע. דער באַדן פאַר איר איז אוודאי געווען צוגעגרייט נאָך פון פריער, ווי ס׳איז געווײנלעך דער פאַל אין אַ געזעלשאַפט־ לעכער אָרדענונג, וואו עס זענען פאַראַן רייכע און אָרעמע. זי האָט אָבער דאָך אויסגעבראָכן שנעלער ווי מ׳האָט דאָס געקענט דערוואַרטן, און געקומען איז דאָס פון דעם וואָס אין די צייטן ווען דער קאַמף קעגן די פרעמדע אַריינדרינגער איז אין יהודה געוואָרן שטאַרקער, האָבן די רייכע פון לאַנד, אָדער בעסער געזאָגט, דער גרעסטער טייל פון זיי, געהאַנדלט אַזוי, אַז עס איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך אַז זיי זאָלן אַרויסרופן קעגן זיך דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאַסן.

די אָרעמע זענען געווען די עכטע פּאַטריאָטן פון לאַנד און זיי האָבן זיך געריסן צום קאַמף קעגן די רוימער. די רייכע ווידער — זיי זענען אוודאי טיף אין הארצן אויך געווען פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן און זיי זענען דעריבער געווען קעגן אַ קאַמף. און צו דעם איז נאָך צוגע־ קומען די רעליגיעזע זייט, וואָס האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע, אויב ניט די וויכטיקסטע ראָלע, אין יענער צייט; אויף יעדן איינעם וואָס איז געווען גרייט צו דינען רוים, האָט מען געקוקט ווי אויף אַן אָפּטריניקן, ווייל אידן דאַרפן דינען בלויז צו גאָט און אָפּהיטן די דינים פון זיין תורה.

נאָך די געשעענישן ביים הר הזיתים, ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל פון אַן אָפענער מרידה קעגן רוים און דער קאַמף צווישן די אָרעמע און די רייכע איז וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער, האָט מען אויפן באַ־ פעל פונעם פּראָקוראַטאָר פעליקס אָנגעהויבן כאַפּן און פאַרשפאַרן אין געפענקעניש יעדן איינעם, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ „משיח“, אָדער וואָס האָט גערעדט אינעם נאָמען פון אַ „משיח“. און צווישן די וואָס מ׳האָט געכאַפּט און אין געפענקעניש פאַר־ שפאַרט, איז אויך געווען דער איד **שאול פון תרשיש**, וועלכער איז שפּעטער אַריין אין דער געשיכטע אַלס דער **הייליקער אַפּאָסטאָל פּאַול.**

פּאַול, וועלכער איז פריער געווען אַ פרומער פרושי, אַן ערלעכער איד, איז שוין דאַן געווען אַ תלמיד פונעם געקרייציקטן

ישו הנוצרי; ער האָט דאָן געפּרעדיקט זיין לערע צווישן אידן, און אין די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלן" ווערט דער־ציילט, אַז ווען מ'האָט אים געבראַכט פאַרן רוימישן עלטסטן, איז די ערשטע פראַגע. וואָס מ'האָט אים געשטעלט געווען — צי ער איז ניט יענער משיח פון מצרים, וואָס האָט מיט אַ צייט צוריק „אַרויסגערופן אַזאַ טומל און אַוועקגעפירט אין דער מדבר פיר טויזנט מאַן, וועלכע זענען געווען מערדער".

פּאָול האָט דאָס געלייקנט. ער האָט אויף דער פראַגע גע־ענטפערט: „איך בין אַ מענטש וואָס איז אַ איד, וועלכער קומט פון תרשיש, אַ שטאָט אין קיליקיאַ".*)

פּאָול, ווערט דערציילט אין דער עוואַנגעליע, האָט זיך אויך געזען מיט פעליקסן און מיט זיין אידישער ווייב דרוסילאַ און ער האָט צו זיי גערעדט וועגן דעם גלויבן אין כריסטוסן און אויך „וועגן גערעכטיקייט, צוריקגעהאַלטנקייט און דעם יום הדין, וואָס וועט קומען" און כאָטש דער מחבר פון די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלן" פאַרזיכערט, אַז דער רוימישער פּראָ־קוראַטאָר האָט „געציטערט" ווען שאול פון תרשיש האָט צו אים גערעדט וועגן דעם „יום הדין, וואָס וועט קומען", שיינט עס דאָך, אַז ער האָט זיך פאַר אים דווקא נישט איבערגעשראָקן און אַז זיינע רייד האָבן אויף אים זייער ווייניק געווירקט. און דאָס קען מען זען פון דעם וואָס ער האָט אים ווייטער געלאָזט זיצן פאַר־שפּאַרט אין געפענקעניש.

***

אַ היפּשער טייל פון דער באַפעלקערונג אין קיסריה איז באַ־שטאַנען פון ניט־אידן — פון סיריער און גריכן און זיי האָבן גע־טענהט, אַז זיי זענען די בעלי בתים פון דער שטאָט און דאַרפן האָבן די גאַנצע דעה.

געקומען איז דאָס אַוודאי פון דעם וואָס די סיריער און די גריכן האָבן געזען ווי אונטער פעליקסן ווערן די אידן שטאַרק אונטערדריקט און אויף דעם גרונט זענען זיי געווען זיכער, אַז וואָס פאַר אַ טענות זיי וועלן ניט אַרויסשטעלן, וועלן זיי געווינען. איז געוואָרן אַ גאַנץ ערנסטע קריג צווישן ביידע צדדים איבער דער פראַגע וועגן גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער פון דער שטאָט; די

*) The acts 21, 39.

אידן האָבן געטענהט, אַז אויב אַפילו זיי זענען אין קיסריה ניט קיין מאַיאָריטעט, איז די שטאָט דאָך זייערע, ווייל זי געפינט זיך דאָך אין זייער לאַנד; זיי האָבן אויך אַרויסגעשטעלט די טענה, אַז געבויט די שטאָט האָט דער קעניג הורדוס, וועלכער איז געווען אַ איד. די גריכן אָבער האָבן זיך צו די אידישע טענות ניט געוואָלט צוהערן; זיי האָבן צוגעגעבן, אַז געבויט די שטאָט האָט טאַקע אַ אידישער קעניג, אָבער ער האָט זי ניט געבויט פאַר אידן, נאָר פאַר געצנדינער, אַ סימן — ער האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט סטאַטועז און אויך טעמפּלען פאַר די אָפּגעטער פון אַנדערע פעלקער.

די קריגערייען איבער דעם זענען וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; עס זענען פאָרגעקומען ערנסטע צו־זאַמענשטויסן, און די אידן און די גריכן האָבן זיך געשלאָגן אין די גאַסן און געוואָרפן שטיינער איינע אויף די אַנדערע.

אין די צוזאַמענשטויסן האָבן די אידן אַרויסגעוויזן מער גבורה. אַזוי דערציילט יוסיפוס פלאַוויוס. די אידישע באַפעלקערונג פון קיסריה האָט געהאַט אַ שם פון גבורים, פון מענטשן מיט אַ סך מוט, און דער נצחון איז אַלע מאָל געווען אויף זייער זייט. זענען די גריכן און די סירישע אַוועק צו פעליקסן, ער זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי, און דאַן האָט מען, אויפן באַפעל פונעם פּראָקוראַטאָר, אָנגעהויבן כאַפּן מענטשן אין די גאַסן און מ׳האָט זיי פאַר אַלעמען אין די אויגן געגעבן שמיץ אויפן הוילן לייב און זיי דערנאָך אין געפענקע־ניש פאַרשפּאַרט. עס האָט געהייסן, אַז אַזוי באַשטראָפט מען די, וואָס „שטערן די אָרדענונג אין שטאָט".

איין מאָל, נאָך אַ צוזאַמענשטויס צווישן די אידן און די גריכן אויפן מאַרק פון דער שטאָט, איז פעליקס אַליין אָנגעקומען מיט אַ מחנה פון באַוואָפנטע לייט, פוסגייער און רייטער. ווען ער האָט דערזען, אַז אין צוזאַמענשטויס אויפן מאַרק זענען די אידן אַרויס־געקומען די זיגער און די גריכן און די סירישע זענען פאַרטריבן געוואָרן, האָט ער גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן שוין אָפּליידיקן דעם מאַרק און אים לאָזן אינגאַנצן פריי פאַר זייערע שונאים. דאָס האָבן די אידן ניט געוואָלט טאָן, און דאַן האָבן די רוימישע זעלנער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיי מיט אַ ווילדער רציחה, און אַ סך אידן זענען געפאַלן טויט.

די זעלנער האָבן זיך אויך אַריינגעריסן אין אַ סך אידישע היי־זער און דאָרט צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. דאָס

איז געווען אַ שחיטה און אַ פּאָגראָם, געמאַכט לויטן באַפעל פונעם פּראָקוראַטאָר, וואָס האָט זיי געדאַרפט באַשיצן. אָבער געהאָלפן האָט דאָס דאָך ניט. די אידן אין קיסריה האָבן זיך פאַר דעם ניט דערשראָקן און זיי זענען ווייטער געשטאַנען פעסט פאַר זייערע רעכט אַלס בירגער פון דער שטאָט. קיין זאַך האָט זיי ניט גע־שראָקן און זיי זענען געווען גרייט זיך צו באַשיצן. ווען פעליקס האָט געזען, אַז די לאַגע ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ ערנסטער און ערנסטער און עס נעמט גאָר קיין סוף ניט צו דער קריג, האָט ער געמאַכט אַ פשרה, אַז ביידע צדדים זאָלן שיקן שלוחים קיין רוים און דאָרט פאָרברענגען זייערע טענות פאַרן קיסר נירון.

די אידישע שלוחים האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און ווען זיי זענען צו נירון־קיסר געקומען, האָבן זיי פאַר אים פעליקסן אָנגעקלאָגט, אָבער זיין ברודער פּ אַ ל אַ ס , וועלכער איז ביי נירונען, אין די ערשטע יאָרן, געווען ניט קיין קלענערער ליבלינג ווי ביי קלאַוודיוסן, האָט אים גענומען אונטער זיין שוץ, און די גאַנצע פראַגע וועגן גלייכע רעכט פאַר די בירגער אין קיסריה איז אָפּגעלייגט געוואָרן. ערשט שפּעטער, ווען דער ליבלינג פּ אַ־ל אַ ס האָט פאַרלאָרן דעם חן ביי נירונען איז פּ ע ל י ק ס שוין אויך געפאַלן און מ'האָט אים צוריקגערופן קיין רוים.

און געווען איז דאָס אינעם יאָר 60 פונעם ערשטן יאָרהונדערט. און אַרום און אַרום האָט פעליקס געוועלטיקט איבער יהודה אַ כ ט י אָ ר .

נירון־קיסר

קאַפּיטל זעקס

דאָס פאָלק צעריסן און דאָס לאַנד אין פלאַמען

די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אַלע מאָל ווען אַן אַלטער פּראָ־קוראַטאָר איז אַוועק, האָט ער פאַר דעם נייעם איבער־געלאָזן אַ ירושה, וואָס איז געווען נאָך ערגער פון דער, וואָס דער פריערדיקער האָט פאַר א י ם איבערגעלאָזן. און געשאַפן האָט זיך דאָס איבער דעם וואָס יעדער נייער פּראָקוראַ־טאָר האָט די לאַגע געמאַכט ערגער מיט די מעשים וואָס ער האָט געטאָן אינעם משך פון דער צייט ווען די מאַכט איז געווען ביי אים אין די הענט.

די ערגסטע ירושה פאַר זיין נאָכפאָלגער האָט איבערגעלאָזט אַ נ ט אָ נ י ו ס פ ע ל י ק ס. נאָך אים איז קיין יהודה אָנ־געקומען אַלס פּראָקוראַטאָר פּ אָ ר צ י ו ס פ ע ס ט ו ס, און גלייך ביי זיין אָנקומען האָט ער געטראָפן אַזאַ לאַגע, אַז מ׳האָט ווירקלעך געקענט זאָגן, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז אין פלאַמען.

די ס י ק אָ ר י ע ר, וועלכע האָבן אין די צייטן פון פעליקסעס הערשאַפט באַקומען מער מאַכט צוליב דער פּאָליטיק, וואָס ער האָט מיט זיי געשפּילט, האָבן איצט געצונדן דערפער און עס האָט אומעטום געברענט. די רייכע לייט פון לאַנד זענען ניט געווען זיכער מיט זייער לעבן און אויך ניט מיט זייער פאַרמעגן, און די צעמישעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳איז ווירקלעך שווער געווען צו וויסן ווער עס איז אַ פּשוטער רויבער און ווער ס׳איז אַ סיקאָריער.

קיין שטאַרקער מענטש אין כאַראַקטער איז פּ אָ ר צ י ו ס פ ע ס ט ו ס ניט געווען. אָבער ער איז דאָך געגאַנגען אויף די אויסגעטראָטענע וועגן פון די פריערדיקע רוימישע פּראָקוראַטאָרס. און אויב ער איז ניט געווען אַזוי פאַרדאָרבן ווי אַנטאָניוס פעליקס און ניט געשפּילט אַזאַ פּאָליטיק ווי ער, האָט ער זיך אָבער פּונקט

ווי ער געהאַלטן ביים כּלל, אַז שולדיק אין אַלץ זענען די אידן, און ביי יעדער געלעגנהייט וואָס ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, האָט ער גלייך געשיקט באַוואָפנטע זעלנער און זיי האָבן געשאָכטן און אויסגעהרגעט אַלטע און יונגע.

אויך אין זיין צייט האָט זיך אין יהודה באַוויזן אַ „משיח", וואָס האָט גערופן דאָס פאָלק אין דער מדבר אַריין, און פּ ע ס ־ ט ו ם האָט אַרויסגעשיקט באַוואָפנטע רייטער און זיי האָבן אויסגעהרגעט די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרום יענעם „משיח" צונויפגעקליבן ער זאָל באַווייזן אַ נס.

אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס ס'איז געשען אין די קנאַפּע צוויי יאָר וואָס פ אַ ר צ י ו ס פּ ע ס ט ו ם האָט געהערשט איבער יהודה, איז געווען דער אורטייל וואָס איז אין רוים אַרויס־געגעבן געוואָרן וועגן דער קריג צווישן די אידן און די גריכן איבער דער פראַגע וועגן בירגער־רעכט אין דער שטאָט קיסריה.

אין יענער צייט זענען אידישע שליחים ווידער געקומען קיין רוים פאַרברענגען זייערע טענות פאַר נירון־קיסר. אָבער פּ אַ ־ ל אַ ס און פ ע ל י ק ס האָבן זיך אין הויף שוין ווידער גע־האַט איינגעקויפט אין יחוס און זיי האָבן פאַרן קיסר אָנגערעדט שלעכטס אויף די אידן פון קיסריה. אויך ב ע ר י ל ו ס וועלכער האָט פאַרן צעזאַר גריכישע בריוו געשריבן און געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אים, האָט אויף די אידן פון קיסריה אָנגערעדט שלעכטס, ווייל די סיריער און די גריכן האָבן אים אונטערגעקויפט מיט געלט. און אַזוי ווי ביי נירונען איז אַלע מאָל געווען גרינג צו פועלן, ער זאָל טאָן שלעכטס, איז זיין אורטייל געווען, אַז די אידן אין קיסריה דאַרפן ניט נאָר נ י ש ט האָבן מער רעכט אויפן גרונט פון דעם וואָס די שטאָט געפינט זיך אין זייער לאַנד און וואָס געבויט האָט זי אַ אידישער קעניג, נ אָ ר אַ פ י ל ו ק י י ן ג ל י י כ ע ר ע כ ט ד אַ ר פ ן ז י י ד אָ ר ט נ י ש ט ה אָ ב ן.

אַזאַ אורטייל האָט אַרויסגעגעבן דער קיסר, און ס'איז אויס־געקומען, אַז אין אַ שטאָט וואָס איז אַ טייל פון זייער אייגן לאַנד, האָבן די אידן ניט קיין בירגער־רעכט.

שרייבנדיק וועגן יענעם אורטייל, דריקט פלאַוויוס אויס די מיינונג, אַז דאָס איז געווען „דער אָנהויב פון די שפּעטערדיקע אומגליקן, וואָס זענען געקומען אויף אונדזער פאָלק". ער זאָגט, אַז ווען די אידן פון קיסריה האָבן זיך דערוואוסט די איינצלהייטן

פון דעם זענען זיי געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט ווי פריער, און דאָס פייער פון קריג האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט.

אַלץ וואָס די רוימער האָבן געטאָן אין יהודה, האָט געקענט אונטערגעבן מוט דער ניט-אידישער באַפעלקערונג אין לאַנד צו טאָן די אידן שלעכטס און קוקן אויף זיי ניט ווי אויף די בעלי בתים פון לאַנד, נאָר ווי אויף פרעמדע. זיי האָבן מיט זייערע מעשים געזייט האַס און געשפּרייט שנאה. און דער אורטייל וועגן קיסריה האָט שפּעטער טאַקע געבראַכט איינעם פון די גרעסטע אומגליקן, ווי ס׳וועט דערציילט ווערן ווייטער, ווען מיר וועלן האַלטן דערביי.

***

אויפן צווייטן יאָר נאָך זיין אָנקומען פון רוים איז פּ אָ ר צ י ו ס פּ ע ס ט ו ס פּלוצעם געשטאָרבן, און דאַן זענען אַוועק עטלעכע חדשים און אין לאַנד איז אינגאַנצן קיין פּראָקוראַטאָר ניט געווען, ווייל אין רוים האָט מען זיך אויף פּ ע ס ט ו ס ע ס טויט ניט געריכט און מ׳האָט ניט צוגעגרייט קיין אַנדערן וואָס זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ, און ווען מ׳האָט שוין יאָ באַשטימט אַ נייעם פּראָקוראַטאָר פאַר יהודה, האָט געדויערט אַ שטיק צייט ביז ער האָט געקענט אָנקומען אַהין.

אין די עטלעכע חדשים איז די מהומה אין לאַנד געוואָרן נאָך גרעסער ווי פריער; די רייסערייען צווישן די מעסיקע און עקסטרע-מע ק נ א י ם זענען געוואָרן נאָך גרעסער און יעדער צד האָט געפּרואווט באַפעסטיקן די אייגענע מאַכט און אויך דעם איינ-פלוס אויפן פאָלק, און בעת דער רעכטער און דער לינקער פליגל פון די וואָס זענען ביידע געווען קעגן דער הערשאַפט פון רוים, האָבן זיך אַזוי אַרומגעריסן צווישן זיך, האָבן די צ ד ו ק י ם , וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּאַרטיי פון די רייכע און פון די דעמאָלטדיקע אַריסטאָקראַטן, אַריינגעכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט און האָבן דערוויל אָנגעהויבן געוועלטיקן אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט.

דער פירער פון די צ ד ו ק י ם איז דעמאָלט געווען דער כהן גדול ח נ ן ב ן ח נ ן . ווי די מערסטע פון די צדוקים, וועלכע האָבן געשטאַמט פון גרויסן יחוס, איז ער געווען דערפאַר, אַז מ׳זאָל ניט אַרויסווייזן קיין ווידערשטאַנד קעגן רוים; ער איז אויך געווען פון די וואָס זענען מ ח מ י ר ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן באַשטראָפן אַ מענטשן פאַר ניט אָפּהיטן די דינים פון דער

תורה, און ער האָט ניט געהאַלטן פון די פּ ר ו ש י ם , וועלכע האָבן אין יענער צייט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס איז געווען מילדער ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַשטראָפן אַ מענטשן פאַר אַ זינד — ער, דער ח נ ן ב ן ח נ ן , האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, וואָס דאָס לאַנד איז דערוויל געבליבן אָן אַ פּראָקוראַטאָר, און ער האָט אויף שנעל צונויפגעשטעלט אַ נייעם ס נ ה ד ר י ן פון זיבעציק ריכטער, וואָס זענען אַלע געווען צ ד ו ק י ם , און מ׳האָט גלייך אָנגעהויבן משפּטן שטרענג די אַלע מענטשן וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר קעגנער.

דער נייער סנהדרין, וואָס איז פּאָליטיש באַשטאַנען פון די מעסיקערע צווישן די מעסיקע און וואָס איז אינגאַנצן געווען אָפּגעריסן פון די פאָלקס־מאַסן און וואָס האָט זיך נאָך דערצו געוואָלט צושמייכלען צו דער רוימישער מאַכט, האָט פאַרמשפּט צום טויט אַ סך פון די סיקאַריער און אויך פון די מעסיקערע ק נ א י ם; פאַר זיי, פאַר די ריכטער, וואָס זענען אַלע געווען צ ד ו ק י ם , האָט מען געבראַכט מענטשן, וואָס זענען נאָך פריער אין די תפיסות געווען פאַרשפאַרט, און מ׳האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט. אויך אין די גאַסן און אין די הייזער האָט מען געכאַפּט מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אונטער אַ חשד, און מ׳האָט זיי אָנגעקלאָגט און צום טויט פאַרמשפּט. אפילו אַזעלכע, וואָס זענען פריער אין געריכט ריינגעוואַשן געוואָרן פון זינד און אַרויסגעגאַנגען פריי, האָט מען ווידער אָנגעקלאָגט און צום טויט פאַרמשפּט. און צווישן די וועמען חנן בן חנן סנהדרין האָט אין יענער צייט פאַרמשפּט צום טויט, איז אויך געווען י ע ק ב ב ן י ו ס ף , אָדער ד ז ש ע י מ ס , ווי ער ווערט אָנגערופן אין דער עוואַנגעליע, דער ברודער פון דעם געקרייציקטן י ש ו ה נ ו צ ר י , ווי ס׳ווערט דערציילט ביי פלאַוויוסן, און פון דעם קען מען דרינגען, אַז צווישן די וואָס דער סנהדרין פון די צ ד ו ק י ם האָט דעמאָלט פאַרפאָלגט, זענען אויך געווען די „משיחים“ און אויך יענע, וואָס האָבן געפּרעדיקט די לערע פון דעם געקרייציקטן אידן פון נצרת.

עס איז אפילו פאַראַן אַ סברא, אַז די געשיכטע מיט דעם י ע ק ב , וואָס ווערט אין דער עוואַנגעליע אָנגערופן ד ז ש ע י מ ס, איז ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער אַריינגעשטעלט געוואָרן אין די ווערק פון יוסיפוס פלאַוויוס און אַז געטאָן האָבן דאָס די פּאַ־

טערם פון דער קריסטלעכער קירכע, כדי דערמיט אָפּצושלאָגן די טענות פון יענע, וואָס האַלטן, אַז אַזאַ מענטש ווי י ע ז ו ס כ ר י ס ט ו ס האָט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געלעבט. די דאָזיקע סברא ווערט אָבער אָפּגעוואָרפן פון אַ סך געלערנטע אויפן גרונט פון אויספאָרשונגען, אין וועלכע מיר ווילן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן, ווייל דאָס וואָלט אונדז פאַרפירט צו ווייט.

די קורצע צייט וואָס די צדוקים האָבן דאַן געוועלטיקט אונטער דער פירערשאַפט פון דעם כהן גדול ח נ ן ב ן ח נ ן האָט געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז ניט נאָר די ס י ק אַ ר י ע ר און די אַנדערע וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו זיי, האָבן ניט געקענט זיין צופרידן, נאָר אויך די פ ר ו ש י ם, די גאָר מעסיקע, האָבן דאָס ניט געקענט ליידן. אין אַלגעמיין זענען די צ ד ו ק י ם ניט געווען באַליבט ביים פאָלק. אַזוי איז געווען אַפילו אין די צייטן ווען די קעניגן פון דער חשמונאים-משפחה זענען געזעסן אויפן טראָן פון יהודה און נאָך דעם ווי די חשמונאים-דינאַסטיע איז אונטערגעגאַנגען און ה ו ר ד ו ס ד ע ר ג ר ו י ס ע ר האָט געשאַפן אַ נייע אידישע דינאַסטיע (37 יאָר פאַרן געבורט פון כריסטוסן) איז דער איינפלוס פון די צדוקים אינעם אידישן לעבן ביסלעכווייז כמעט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן, און ס'איז דערי־בער געווען אַן איבערראַשונג וואָס זיי האָבן זיך מיט אַ מאָל ווידער אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט.

דער צאָרן פון די אידן אין ירושלים אויף דעם כהן גדול חנן בן חנן איז געווען זייער גרויס און זיי האָבן אים אָנגעקלאָגט פאַר אַגריפּאַ דעם צווייטן, וועלכער האָט זיך אין יענער צייט שוין גע־האַט באַזעצט אין ירושלים, אָבער דער אידישער קעניג האָט זיך צו זיי ניט צוגעהערט, ווייל ער איז אוודאי געווען זיכער, אַז רוים וועט זיין צופרידן פון דעם וואָס דער כהן גדול און זיינע ריכטער פונעם סנהדרין זענען אַזוי שטרענג צו די ווידערשפעניקער. און ווען די אידן האָבן דערהערט, אַז נירון־קיסר האָט שוין באַשטימט ל ו צ י ו ס אַ ל ב י נ ו ס פאַרן פּראָקוראַטאָר אין יהודה און אַז ער האָט זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אין אַלעקסאַנדריע, האָבן זיי אַוועקגעשיקט צו אים עטלעכע פון די חשובסטע לייט פון שטאָט, און זיי, די שליחים, האָבן פאַר אַלבינוסן דעם כהן גדול חנן אָנגעקלאָגט, און צווישן די טענות וואָס זיי האָבן אַרויסגע־שטעלט איז אויך געווען די טענה, וואָס האָט אויף דעם נייעם

פראָקוראַטאָר מער ווי אַלץ געקענט ווירקן, און דאָס איז, אַז דער כהן גדול האָט דאָך לויטן געזעץ ניט געטאָרט צונויפרופן קיין סנהדרין און פאַרמשפּטן מענטשן צום טויט אָן זיין צושטימונג.

דאָס האָט דעם נייעם רוימישן פּראָקוראַטאָר אַלבינוס גענומען און ער האָט גלייך דורך אַ שליח געלאָזט וויסן דעם כהן גדול, אַז ער איז זייער בייז אויף אים, און ערשט דאַן האָט דער קעניג אַג־ריפּאַ פאַר מורא אים אַרונטערגעזעצט און באַשטימט אויף זיין אָרט יהושע בן דמנאי. און אַרום און אַרום האָט דער כהן גדול חנן בן חנן געוועלטיקט ניט מער ווי דריי חדשים.

***

אַנגעקומען קיין יהודה איז לוציוס אַלבינוס אינעם 62סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, און ער איז געבליבן אין זיין אַמט אַלס פּראָקוראַטאָר ביזן 64סטן יאָר, און אין דער קורצער צייט פון זיין הערשאַפט האָט ער אַרויסגעוויזן אַזוי פיל רשעות און פאַרדאָרבנ־קייט, אַז מ'קען אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז אויף זיין חלק פאַלט אַ היפּש ביסל פון דער שולד, וואָס מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט אויסגע־בראָכן דער גרויסער אויפשטאַנד, וואָס האָט געבראַכט טיטוסן צו די טויערן פון ירושלים.

פון דעם וואָס פלאַוויוס דערציילט וועגן אַלבינוסן איז ער געווען אַזוי געמיין און פאַרדאָרבן, אַז עס איז גאָרניט גע־ווען קיין איין פאַרברעכן אין דער וועלט אויף וואָס ער זאָל ניט זיין פעאיק. ער איז געווען געלטגייציק און בלוטדורשטיק. מיט כאַבאַר האָט מען ביי אים אַלץ געקענט פועלן. ער האָט זיך גע־לאָזט אונטערקויפן פון אַלץ און פון אַלעמען, און ער האָט גענומען געלט אי ביי די וואָס זענען פאַר אַ ווידערשטאַנד קעגן דער הער־שאַפט פון רוים, אי ביי די וואָס זענען געווען קעגן דעם.

ער האָט פון דער גאַנצער רוימישער פּראָקוראַטורע אין יהודה געמאַכט אַ קוואַל פון הכנסה פאַר זיך, און וויפל ער האָט גענומען, איז אים אַלץ געווען ווייניק און ער האָט געוואָלט נאָך. אין זיין צייט האָבן די רייכע לייט אין ירושלים, די וואָס האָבן געקענט געבן אַ סך כאַבאַר, אויפגעהויבן די קעפּ, און איינער אַ גרויסער נגיד מיטן נאָמען חנניהו, וואָס איז אַמאָל געווען אַ כהן גדול און וואָס האָט אַלבינוסן מיט אַ סך געלט און טייערע מתנות אונטערגעקויפט, האָט זיך דערפילט אַזוי זי־

כער, אַז ער האָט צעשיקט מחנות פון זיינע באַדינער און אָנגעשטעלטע, זיי זאָלן מיט געוואַלד צונעמען די תרומה און דעם מעשר וואָס מ'האָט געדאַרפט געבן די כהנים. אויך אַנדערע אָנגעזעענע און רייכע כהנים האָבן דאָס געטאָן ווען זיי האָבן געזען, אַז ווער ס'כאַפּט ניט, דער בלייבט ביי גאָרניט, ווייל אַנדערע כאַפּן דאָס אויס. און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אָרעמע כהנים וואָס האָבן געלעבט פון דער תרומה און מעשר, וואָס אידן האָבן זיי געדאַרפט געבן לויט די דינים פון דער תורה, זענען געבליבן איינגאַנצן אָן ברויט און זענען פּשוט געשטאָרבן פאַר הונגער.

די קנאים און די סיקאַריער האָט אַלבינוס פאַרפאָלגט אויפן גרויזאַמסטן אופן; ער האָט אַ סך פון זיי געגעבן די העכסטע שטראָף, און אַנדערע האָט ער פאַרשפאַרט אין געפענקעניש ווען זיי האָבן אים קיין כאַבאַר ניט געגעבן. און ווייל עס איז גאָרניט געווען קיין גרענעץ צו דער רשעות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, און ווייל די סיקאַריער זענען געווען די אָרעמסטע פונעם פאָלק און די מערסטע פון זיי האָבן ניט געקענט שאַפן קיין געלט דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר אונטערצוקויפן, זענען זייערע פירער געפאַלן אויף אַ נייעם פּלאַן און זיי האָבן ביינאַכט אַנגעהויבן כאַפּן איינציקווייז די רייכע לייט פון ירושלים און באַלד געלאָזט וויסן, אַז זיי וועלן דעם און דעם געכאַפּטן אָפּלאָזן פריי בלויז דאַן ווען אַלבינוס וועט אַרויסלאָזן פון תפיסה דעם און דעם פון זייערע חברים, וואָס מ'האָלט פאַרשפאַרט.

מיט אַנדערע ווערטער קען מען זאָגן, אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט דער מעטאָדע פון קידנעפּן. און געקומען דערצו איז דאָס איבער דעם וואָס אונטער אַלבינוסן האָבן די רייכע געקראָגן די מעגלעכקייט צו געוועלטיקן און טאָן אַלץ וואָס זיי ווילן.

די משפחות פון די רייכע לייט, וואָס די סיקאַריער האָבן ביינאַכט געכאַפּט איינציקווייז, האָבן מורא געהאַט, אַז אויב זיי וועלן גאָרניט טאָן, וועט מען די געכאַפּטע נאָך אפשר דערהרגענען, און זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט לויפן צו אַלבינוסן בעטן, ער זאָל אַרויסלאָזן פריי די און די פון די סיקאַריער, וואָס ער האַלט פאַרשפאַרט אין תפיסה, און אַלבינוס האָט דאָס גערן געטאָן — ווען מ'האָט אים דערפאַר גוט באַצאָלט.

עס איז אויסגעקומען אזוי, אז די רייכע האָבן געמוזט אויס־קויפן זייערע גרעסטע שונאים און שטאַרקסטע פּאָליטישע קעגנער.

מער ווי אויף אַלע אַנדערע רייכע לייט זענען די סיקאַריער געווען בייז אויף דעם גרויסן נגיד חנניהו; זיי האָבן געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אים דערפאַר וואָס איבער זיינע מעשים בלייבן די אָרעמע כהנים אינגאַנצן אָן ברויט, און אויך דערפאַר וואָס ער איז קעגן דעם, אַז די אידן זאָלן אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד און אָנפירן אַ קאַמף פאַר פרייהייט, האָבן זיי איין מאָל ביינאַכט, געכאַפּט זיין זון א ל י ע ז ר, וועלכער האָט געהאַט אַ הויכע שטעלע אינעם הייליקן טעמפּל און האָבן אים פאַרשלעפּט ערגעץ ווייט און גלייך נאָך דעם האָבן זיי געלאָזט וויסן דעם פאָטער, אַז אויב ער וועט ביי זיין גוטן פריינד א ל ב י נ ו ס פועלן, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן פריי צ ע ן פון זייערע חברים וואָס זיצן אין תפיסה פאַרשפאַרט, וועלן זיי אים דעם זון אָפּשיקן צוריק אַ לעבעדיקן.

און דער גרויסער תקיף חנניהו, וועלכער האָט שרעקלעך פיינט געהאַט די ס י ק א ר י ע ר און אויך די ק נ א י ם, האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט גיין צום פּראָקוראַטאָר בעטן, ער זאָל אַרויסלאָזן פון תפיסה ניט ווייניקער ווי צ ע ן סיקאַריער, און ער האָט אים נאָך געמוזט געבן אַ סך געלט דערפאַר אויך, ווייל אומזיסט האָט אַלבינוס קיינעם קיין טובות ניט געטאָן.

נאָך דעם האָבן די ס י ק א ר י ע ר ביינאַכט געכאַפּט נאָך אַנדערע פון חנניהוס הויזגעזינד און פון זיינע פריינד, און ביי יעדער מאָל האָבן זיי געשטעלט אַ תנאַי, אַז אויב מ׳וועט אַרויסלאָזן פון תפיסה אַזוי פיל און אַזוי פיל פון זייערע חברים, וועלן זיי דעם געכאַפּטן אָפּשיקן צוריק אַ לעבעדיקן.

***

מיט זיין פאַרדאַרבנקייט און געלטגייציקייט האָט ל ו צ י ו ס א ל ב י נ ו ס געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז אינעם טאָגטעגלעכן לעבן איז גזילה געוואָרן די איינציקע זאַך, וואָס קען אַריינטראָגן אָן הכנסה. ווער ס׳האָט ניט געכאַפּט, ווער ס׳האָט ניט געראַבעוועט, האָט גאָרניט געהאַט; עס איז געווען — ווי דער היסטאָריקער ע מ י ל ש י ר ע ר דריקט זיך אויס — אַ „מלחמה פון אַלע קעגן אַלע”. יעדער איינער האָט געהאַט שונאים

אויף שונאים; מעסיקע און נאָך מעסיקערע, רעכטע און לינקע, האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן צווישן זיך; אין דעם קנויל פון רייסערייען האָט דער געוויינלעכער, פּשוטער בירגער, וואָס מישט זיך אינגאַנצן ניט אין פּאָליטיק, זיך געפּלאָנטערט פאַר די פיס און ס'איז אים געווען ערגער פון אַלעמען; ווער עס האָט זיך נאָר ערגעץ געריסן און אַליין ניט געוואוסט וואוהין, ווער עס האָט נאָר אויף אַן אָרט ניט געקאָנט איינזיצן און אַליין ניט געוואוסט וואָס ס'ברענט אים, האָט אַרום זיך צונויפגעקליבן אַ געזינדל וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט אַן אַנדער געזינדל; אומעטום האָט מען געהערט פון איבערפאַלן און רויבערייען; ס'איז אָנגע-פאַלן אויף מענטשן ביינאַכט און אויך אין מיטן העלן טאָג און מ'האָט ביי זיי צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט; און אין דעם טומל האָבן צוויי פונעם קעניג אַגריפּאַס משפחה, קאָסטאָבאַר און שאָול, אויך צונויפגעקליבן אַ מחנה היץ-קעפּ אַרום זיך, און זיי האָבן זיך, פּונקט ווי די אַנדערע, געשלאָגן מיט די וואָס זענען געווען שוואַכער פון זיי און באַראַבעוועט די, וואָס האָבן זיך ניט געקענט שטעלן אַקעגן.

דאָס איז געווען אַזאַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע, וואָס איר גלייכן אין דער געשיכטע קען מען געפינען בלויז אין אַזעלכע פאַלן, ווען אַ פאָלק, וואָס שטייט אין קריג מיט אַ שונא פון דרויסן, ווערט אין דער זעלבער צייט אויך אַריינגעצויגן אין אַ בירגער-קריג און אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. און אַ סך שולדיק אין דעם, וואָס ס'איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, איז געווען דער פּראָקוראַטאָר אַל-בינוס, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון רוים „איינצושטעלן אָר-דענונג" אין יהודה.

דאָס האָט ביי דער רוימישער מאַכט געהייסן „א י י נ - ש ט ע ל ן א ר ד ע נ ו נ ג". וואָרעם אַריינגעקומען קיין יהודה זענען די רוימער ניט ווי באַשיצער פון אַ שוואַך פאָלק, נאָר ווי באַזיגער. אַלע זייערע פּראָקוראַטאָרס האָבן באַהאַנדלט די אידן ווי באַזיגטע שונאים, וואָס האָבן פאַרלאָרן אַ מלחמה. ל ו צ י ו ס א ל ב י נ ו ס האָט בלויז געהאַט זיינע אייגענע וועגן אין דעם, אָבער אין עצם איז ער ניט געווען קיין אויסנאַם. און אַפילו פלאַ-וויוס, וועלכער איז געווען אַ פריינד פון רוים, קען דעם ביטערן אמת אינגאַנצן ניט צודעקן, און ווען ער שרייבט וועגן דער לאַגע וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ירושלים אין די צייטן פון לוציוס

אַלבינוס, זאָגט ער: „און פון דעם איז דאָס געקומען וואָס אין אונדזער שטאָט איז געוואָרן אַזאַ צעמישעניש, און וואָס אַלץ ביי אונדז איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער". *)

עס איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז אַ ל ב י נ ו ס האָט זיך גאָר הויך פאַרמאָסטן און אַז זיין טרוים איז געווען זיך צוצו־שלאָגן צום טראָן פון דער רוימישער אימפּעריע. אַזאַ אָנצוהער־רעניש געפינט מען ביי ט אַ צ י ט ו ס ן; שרייבנדיק וועגן די צייטן, וואָס זענען געקומען נאָך נירונס טויט, ווען ס'איז אין רוים אַרום טראָן געוואָרן אַזאַ מהומה, אַז נאָך איידער איין צעזאַר איז אַראָפּ, איז שוין אַן אַנדערער אַרויף, דערציילט דער רוימישער היסטאָריקער, אַז ס'האָט זיך דאַן אַרומגעטראָגן אַ קלאַנג, אַז אַל־בינוס גרייט אַלעס צו צו פאַרכאַפּן די מאַכט און ווערן דער קיסר אין רוים און אַז אויפן גרונט פון דעם האָט מען שפּעטער, ווען ו ו י ט ע ל י ו ס איז אַרויף אויפן טראָן, אים פאַרמשפּט צום טויט. **) און ס'קען זיין, אַז טאַקע צוליב דעם וואָס ער האָט זיך אַזוי הויך פאַרמאָסטן, האָט ער, אין די צייטן ווען ער איז געווען דער פּראָקוראַטאָר אין יהודה, געטאָן אַלץ אָנצורויבן וואָס מער גאָלד און זילבער. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט אים צונוץ קומען צו די פּלענער וואָס ער מאַכט.

רשעות, געמיינקייט, פאַלשקייט — דאָס זענען געווען די דריי זאַכן, וואָס ל ו צ י י ו ס אַ ל ב י נ ו ס האָט מער ווי אַלץ אַרויסגעוויזן אין די צוויי יאָר פון זיין הערשאַפט. און פאַרן אַוועקפאָרן פון ארץ ישראל, ווען ער האָט דערהערט, אַז אין רוים איז שוין באַשלאָסן געוואָרן אים צוריקצורופן און אַז אויף זיין אָרט איז שוין באַשטימט געוואָרן ג ע ס י ו ס פ ל אָ ר ו ס , האָט ער אָפּגעטאָן אַזוינס, אויף וואָס נאָר אַזאַ אכזר און אַזאַ פאַרדאָר־בענער מענטש ווי ער האָט געקענט זיין פעאיק: די אַלע סיקאַריער און קנאים, און אויך די אַנדערע, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט אין די תפיסות פאַר זייער קעגנערשאַפט צו דער רוימישער מאַכט, האָט ער פאַרמשפּט צום טויט, און די פּשוטע רויבער און גנבים האָט ער אַרויסגעלאָזט פריי און גענומען געלט ביי זיי דערפאַר.

---

*) קדמוניות היהודים, כ, ט, ד.

**) טאַציטוס, געשיכטע, קאַפּ. 58, 59.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע פון זיינע מעשים אין יהודה. און זייער געלונגען דריקט זיך וועגן דעם אוים פלאַוויוס. „די געפענ־קענישן — זאָגט ער — זענען געוואָרן ליידיק; דאָס לאַנד אָבער איז געוואָרן פול מיט רויבער".

צו אַזאַ לאַגע האָט דערפירט דער רוימישער פּראָקוראַטאָר, וואָס איז געווען דער זעקסטער אין דער ריי. און צו אַ נאָך ערגע־רער לאַגע האָט דערפירט דער, וואָס איז געקומען נאָך אים. אַזוי איז דאָס געגאַנגען ביזן אויסברוך פון דעם אויפשטאַנד, וואָס איז פאַרן חורבן געווען דער קאַמף צווישן ר ו י ם און י ר ו ש ל י ם.

קאַפּיטל זיבן

דער גרויסער איבערברוך אין דער געשיכטע פון רוים און ירושלים

געסיוס פלאָרוס איז געווען דער זיבעטער און דער לעצטער פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרס וואָס האָבן געהערשט איבער יהודה פאַרן חורבן. ער איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל אינעם 64סטן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט און איז דאָרט געבליבן ביזן 66סטן יאָר. זיין הערשאַפט איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן, ווייל זיין רשעות איז געווען אַזוי גרויס און ער האָט אָנגעטאָן די אידן אין לאַנד אַזוי פיל שלעכטס, אַז זיי האָבן דאָס שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגן, און דאַן האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער אויפשטאַנד וואָס האָט געדויערט עטלעכע יאָר, און וואָס האָט געבראַכט טיטוסן צו די טויערן פון ירושלים.

פון אַלץ וואָס ס'ווערט דערציילט אין דער געשיכטע פון יענער צייט וועגן געסיוס פלאָרוס איז קלאָר, אַז ער האָט פיינט געהאַט אידן בתכלית השנאה און אַז בכלל איז דאָס געווען אַ מענטש, צו וועמעס גרויזאַמקייט און פאַרדאָרבנקייט עס איז גאָרנישט געווען קיין שיעור און קיין ערך. דערצו איז ער נאָך געווען אַן אומפאַרשעמטער מענטש; ניט נאָר האָט ער זיך ניט געשעמט מיט דער אכזריות און מיט דער געמיינקייט וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, נאָר ער האָט זיך נאָך איבערגענומען דערמיט; ער האָט פראַנק און פריי גענומען כאַבאַר און צוגעזאָגט צו טאָן גוטס דערפאַר און נאָך דעם האָט ער זיך חוצפּהדיק אויסגעלאַכט פון די מענטשן וואָס האָבן אים דעם כאַבאַר געגעבן און ער האָט באַלד געפונען אַן אויסרייד זיי צו באַשטראָפן און זיי אין געפענקעניש צו פאַרשפאַרן; ער איז געווען שרעקלעך פאַלש און מ'האָט זיך קיין מאָל אויף זיין וואָרט ניט געקענט פאַרלאָזן; זיין מוח איז געווען פאַרדאָרבן דורך און דורך און ס'האָט אַהין קיין מאָל קיין לייטישער געדאַנק ניט געקענט אַריינדרינגען. און צו די אַלע גוטע מעלות זיינע איז ער נאָך געווען אַ פּשוטער פּראָוואַ-

קאטאר און אין אלץ וואס ער האט געטאן אין די צוויי יאר פון זיין הערשאפט איבער יהודה, איז ער אויסן געווען צו פארשארפן די באציאונגען אזוי, אז עס זאל מוזן קומען צו אן אפענעם אויפשטאנד, ווייל ער האט געגלויבט, אז בלויז דאן וועט זיך דער רוימישער מאכט איינגעבן איינגאנצן צו אונטערדריקן דאס אידישע פאלק און חרוב מאכן דאס אידישע לאנד.

די לאגע איז דאן געווען אזא, אז אין דער זעלבער צייט וואס די אידן האבן גוט געוואוסט און פארשטאנען, אז זיי זענען צו שוואך זיך צו פארמעסטן אין כוחות מיט דער שטארקער מאכט פון רוים, האבן זיי דאך געמוזט ארויס אין אן אפענעם אויפשטאנד, ווייל אין די אלע יארן וואס די רוימישע פראקוראטארס האבן איבער זיי געהערשט, האבן זיי איינגעזען, אז אויב עס וועט ווייטער אזוי אנגיין, וועלן זיי אין די שרעקלעכסטע אנגסטן אפשטארבן ביסלעכווייז און דאס גאנצע לעבן וועט ביי זיי זיין איין לאנגע, פיינלעכע גסיסה, און זיי האבן דעריבער באשלאסן, אז איידער א פ ש ט א ר ב ן ביסלעכווייז, איז שוין בעסער צו ש ט א ר ב ן מיט א מאל.

דערביי דארף אויך אונטערגעשטראכן ווערן, אז אין אלגעמיין איז יענע צייט פון פארן חורבן געווען אן איבערברוך ניט נאר אין דער געשיכטע פון די אידן, נאר אין דער געשיכטע פון אלע פעלקער פון דער גאנצער וועלט. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס דער קאמף צווישן ר ו י ם און י ר ו ש ל י ם, וואס גייט נאך אן אין דער אמתן, היינטיקע צייטן אויך, האט אנגענומען אזא שארפע פארמע און איז געווארן אזוי פארביטערט.

און ווען מיר זאגן „ר ו י ם און י ר ו ש ל י ם" מיינען מיר דאס ניט דווקא אינעם בוכשטעבלעכן זין פון ווארט, נאר אין א ברייטערן זין — מיר מיינען דעם גייסטיקן קאמף, וואס איז אזא לאנגע צייט אנגעגאנגען צווישן די צוויי קולטורן, וואס זענען געווען דער היפוך איינע פון דער אנדערער.

אידן זענען דאן געווען דאס איינציקע פאלק אין דער וועלט, וואס האט ניט געהאלטן פון דעם גלויבן אין א סך אפגעטער, נאר פונעם גלויבן אין איין גאט. אלע אנדערע פעלקער ארום און ארום זענען נאך געווען טיף פארזונקען אין געצנדינעריי און אין ווילדע אבערגלויבנס. אבער נישט דאס איז געווען דער עיקר. נאך וויכטיקער איז געווען די מ א ר א ל, וואס האט אזוי שארף ארויסגעטיילט דעם אונטערשייד צווישן די אידן און די אנדערע פעלקער. די אידישע מאראל האט אין זיך דאן פארקערפערט דעם

גייסט פון די נ ב י א י ם , וועלכע האָבן געפּרעדיקט שלום פאַר אַלע פעלקער „אינעם סוף פון די טעג", און וועלכע האָבן אונטערגעשטראָכן דעם כוח פונעם וו אָ ר ט מער ווי דעם כוח פון דער ש ו ו ע ר ד . די היידנישע מאָראַל אָבער, די מאָראַל פון די געצנדינער, האָט מער אונטערגעשטראָכן דעם כוח פון דער שווערד.

דאָס איז אין תוך געווען דער אונטערשייד צווישן ר ו י ם און י ר ו ש ל י ם .

און גראָד דאַן, ווען די מאָראַל פון ירושלים האָט זיך אין דעם דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה, איז די מאָראַל פון רוים אַרונטערגעזונקען צו דער נידעריקסטער מדרגה.

נאָך א ו י ג ו ס ט ו ס - צ ע ז א ר , וואָס איז געשטאָרבן אינעם 14טן יאָר פונעם ערשטן יאָרהונדערט, האָט זיך אין דער רוימישער אימפּעריע, אונטער די צעזאַרס, וואָס זענען געקומען נאָך אים, אָנגעהויבן אַזאַ שרעקלעך־ווילדע צעלאָזנקייט, אַזאַ מוראדיקע צעפּוילטקייט און פאַרדאָרבנקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע; מאָרד, רויב, גנבה, גזילה, רציחה, שכרות, צעלאָזנקייט און אויך זנות אויפן מיאוסטן און עקלדיקסטן שטייגער — אָט די אַלע זאַכן זענען געוואָרן גאַנץ געוויינלעך אין די העכסטע קרייזן פון דער רוימישער געזעלשאַפט און אין דעם האָט דאָס לעבן פון די צעזאַרס אין הויף געדינט ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע. און ווייל די רוימישע מאַכט האָט אַריינגענומען כמעט אַלע טיילן פון דער וועלט אין יענער צייט, האָט זיך די זעלבע „מאָראַל" פאַרשפּרייט אומעטום.

עס איז אָבער דאָך געקומען אַ צייט, ווען די בעסערע מענטשן האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי זינקען אין זומפּ; זיי האָבן אויך אָנגעהויבן פאַרשטיין ווי נאַריש עס איז צו דינען צו אַזעלכע אָפּגעטער, וואָס אַ מענטש קען אַליין מאַכן מיט די אייגענע הענט, און דאַן האָבן אַ סך פון זיי אָנגעהויבן אָננעמען דעם אידישן גלויבן, און ס'איז פאַראַן אַ סברה, אַז אַפילו פּ אָ פּ ע י אַ , די ווייב פון נירון־קיסר, האָט שטילערהייט אָנגענומען דעם אידישן גלויבן. דאָס קען מען דרינגען פון דעם, וואָס דער היסטאָריקער טאַציטוס דערציילט, אַז נאָך איר טויט האָט מען זי באַערדיקט ניט לויטן רוימישן שטייגער, נאָר לויטן שטייגער פון די מזרח־פעלקער. *)

*) The Annals, XVI, VI.

צווישן די אויפגעקלערטע רוימער און אויך צווישן די אויפ־געקלערטע גריכן איז דאן אנגעגאנגען א גאנץ שטארקע באוועגונג אנצונעמען דעם אידישן גלויבן און זיך אויפפירן לויט די אידישע דינים און מנהגים. און נאך מער ווי צווישן די מאנס־בילן, איז די באוועגונג געווען שטארק צווישן די פרויען, און דאס — גיבן אלע היסטאריקער צו, — איז טיילווייז געווען דערפאר וואס אננעמענדיק דעם אידישן גלויבן, האבן זיי זיך ניט געדארפט מל זיין. פאר די מענער איז דאס געווען א גרויסע שטערונג צו ווערן אידן, אפילו ווען זיי האבן דאס שטארק געוואלט. און טאקע דער־פאר האט דער איד ש א ו ל פ ו ן ת ר ש י ש, אדער א פ א ס ט א ל פ א ו ל, ווי מען האט אים נאך דעם אנגע־הויבן רופן, שפעטער איינגעפירט, אז ס'איז ניט קיין חוב זיך מל צו זיין. ער האט דאס געטאן כדי דערמיט צו מאכן לייכטער פאר ניט־אידן זיך אנצושליסן אין די, וואס האבן געפרעדיקט די לערע פון דעם געקרייציקטן אידן י ש ו פ ו ן נ צ ר ת.

***

אויף ווי ווייט עס איז אין יענע צייטן צווישן די אנדערע פעל־קער געווען שטארק די באוועגונג אנצונעמען דעם אידישן גלויבן און זיך אויפפירן לויט דער אידישער מאראל, וואס האט אין זיך פארקערפערט דעם גייסט פון די נביאים, קען מען זען פון דעם וואס עס ווערט דערציילט אין דער געשיכטע וועגן דער קעניגין ה ע ל ע נ א, וועלכע ווערט אויך דערמאנט אין דער גמרא און אין מדרש.

העלענא איז געווען די ווייב פונעם קעניג מ א נ א ב א־ז ו ס, וועלכער האט געהערשט אין דער קליינער מדינה א ד י ע־ב ע ן, אדער הדיב, ווי עס ווערט אנגערופן אין תלמוד. דאס איז געווען א קליין לאנד, וואס האט זיך געגרענעצט מיט דער גרויסער רוימישער אימפעריע און אויך מיט דער פערסישער. העלע־נא און מאנאבאזוס האבן געהאט א סך קינדער; דער באליבטסטער פון אלע קינדער איז ביי זיי געווען דער זון א י ז א ט ע ס, און אים האבן זיי אוועקגעשיקט צו א ב ע נ ע ר י ג ן, דעם קעניג פון מ ו ש; ביי זיך אין הויף האבן זיי אים מורא געהאט צו האלטן, ווייל עס איז געווען א סכנה, אז די אנדערע זין וועלן אים דערהרגענען איבער דעם וואס דער פאטער האט אים אויס־געקליבן פאר זיין יורש, כאטש ער איז ניט געווען דער עלטסטער; איזאטעס האט געפונען חן אין די אויגן פונעם קעניג א ב ע־נ ע ר י ג; דער קעניג האט אים געגעבן זיין טאכטער ס א־מ א כ א פאר א ווייב; און ס א מ א כ א האט שטארק גע־

האַלטן פון איינעם אַ אידישן צירונג־הענדלער ח נ נ י ה ו , וואָס האָט מיט איר אָפּט גערעדט וועגן דער שיינקייט פונעם אידישן גלויבן און פון די אידישע דינים און מנהגים; זיינע רייד האָבן אויף איר אַזוי געווירקט, אַז זי איז געוואָרן אַ אידישע. אויך איר מאַן א י ז א ט ע ס האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם צירונג־הענדלער ח נ נ י ה ו און ער האָט אויך דעם אידישן גלויבן אָנגענומען. און ווען זיין פאָטער, דער קעניג מ אָ נ אַ - ב אַ ז ו ס , איז געשטאָרבן, און איזאַטעס איז געקומען אַהיים איבערנעמען דעם טראָן פון דער מדינה אַ ד י ע ב ע ן , האָט ער זיך צו זיין גרויסער פרייד דערוואוסט, אַז אויך זיין מוטער, די קעניגין ה ע ל ע נ אַ , האָט דעם אידישן גלויבן אָנגענומען.

ביים איבערגעבן אים דעם טראָן האָבן די ראַטגעבער פון דער מלוכה געזאָגט צו א י ז א ט ע ס ן , אַז ער זאָל פריער פון אַלץ פאַרמשפּטן צום טויט אַלע ברידער זיינע, ווייל אַנדערש וועט ער מיטן טראָן ניט קענען זיין זיכער. דאָס איז אין יענע צייטן געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך — ווען אַ ברודער איז געוואָרן אַ קעניג, האָט ער דערהרגעט די אַנדערע ברידער, כדי זיך צו באַוואָרענען, אַז זיי וועלן קענען אים קיין פאַרשווערונגען ניט מאַכן, אָבער ווייל א י ז א ט ע ס איז שוין געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער אידישער מאָראַל, האָט ער אַזאַ רציחה ניט געקענט באַגיין; ער האָט געדענקט וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה — ל א ת ר צ ח ! און ס'איז ביי אים און אויך ביי זיין מוטער געבליבן, אַז אַנשטאָט צו פאַרמשפּטן די זין צום טויט און זיי אומברענגען פון דער וועלט, זאָל מען זיי בעסער אַוועקשיקן קיין רוים און זיי זאָלן דאָרט לעבן.

דער קעניג א י ז א ט ע ס האָט ניט געקענט זיין אין גאַנצן רואיק איבער דעם, וואָס אַנגעמענדיק דעם אידישן גלויבן, האָט ער זיך דאָך ניט געמלט, און כאָטש דער צירונג־הענדלער חנניהו, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געווען אַ פאַרגריכישט־אויפ־געקלערטער איד, האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז פאַר אים ניט קיין חוב דאָס צו טאָן און אַז ער קען אַזוי אויך זיין אַן ערלעכער איד, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעפרעגט ביי אַן אַנדער אידן אויך, ביי איינעם אַ א ל י ע ז ר ה ג ל י ל י , און ווען יענער האָט אים געזאָגט, אַז מען קען ניט זיין קיין ערלעכער איד, ווען מען איז ניט געמלט, האָט ער זיך מל געווען, און דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן צו די זין, וואָס זיין ווייב האָט פון אים געבאָרן.

פאַר אַ סך פון די אונטערטאַנען אין לאַנד האָט דער קעניג געדינט ווי אַ ביישפּיל און זיי האָבן אויך דאָס זעלבע געטאָן. און ווען די קעניגין הֶעלֶנֶא האָט געזען ווי איר זון הערשט מיט חסד און עס איז איינגעשטעלט שלום און רו, איז זי אַוועק אין דער שטאָט ירושלים און דאָרט האָט מען זי אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און אַזוי ווי ס'איז דאַן געווען אַ גרויסער הונגער אין יהודה, האָט זי אַרויסגעוויזן איר גוט האַרץ און געשפּייזט אַ גרויסע צאָל פון די הונגעריקע; זי האָט אירע באַדינער געשיקט קיין מצרים און זיי האָבן פאַר איר געלט דאָרט געקויפט אַ סך קאָרן און געטריקנטע פייגן און אַנדערע שפּייזן און דאָס געבראַכט קיין ירושלים. אויך איר זון, דער קעניג איזאַטעס, האָט געשיקט אַ סך געלט צו קויפן קאָרן צו שפּייזן די הונגעריקע אין יהודה. און שפּעטער האָט ער געשיקט אַהין זיינע פינף זין, זיי זאָלן אין ירושלים קריגן אַן עכט-אידישע דערציאונג, און פון זיי איז נאָך דעם אַרויסגעקומען אַ דור, וואָס איז מיט כבוד אַריין אין דער אידישע געשיכטע; אין דער צייט פונעם גרויסן אויפשטאַנד האָבן זיי זיך העלדיש געשלאָגן פאַר דער פרייהייט פונעם אידישן פאָלק און פאַר דעם אידישן גלויבן.

דער פאַל מיט דער קעניגין הֶעלֶנֶא און איר זון אִיזַאַטֶעס איז פאָרגעקומען נאָך מיט אַ סך יאָרן איידער געסיוס פלאָרוס איז געוואָרן דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה. מיר האָבן זיך דערויף אָפּגעשטעלט אַ ביסל לענגער, ווייל דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַוועגונג וואָס איז דעמאָלט יאָרן-לאַנג אָנגעגאַנגען צווישן די אַנדערע פעלקער אַנצונעמען דעם אידישן גלויבן. און עס קען זייער זיין, אַז ווען עס וואָלטן זיך דאַן ניט אַריינגעמישט די תלמידים פון דעם געקרייציקטן אידן ישו (יעזוס) פון נצרת, ווען די ערשטע קריסטלעכע סעקטע וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף אונדזער אייגענעם אידישן באָדן אין אונדזער לאַנד, וואָלט דאַן ניט געווען אַזוי מעטיק, וואָלטן אפשר אַלע פעלקער אין יענער צייט ביסלעכווייז געוואָרן אָנגענומען די אידישע מאָראַל פון די נביאים, און די גאַנצע וועלט וואָלט איצטער גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט.

ירושלים וואָלט דאַן אפשר באַזיגט רוים. די קריסטלעכע סעקטע אָבער, וואָס איז געווען אַזוי טעטיק אין יענער צייט, און וואָס איז געווען בלויז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג פון די „משיח־ים" ביי אידן, האָט אין דעם געשטערט. יענע געצנדינער, וועלכע זענען געווען גרייט דעם אידישן גלויבן אָנצונעמען, האָבן געקוקט אויף די תלמידים פון ישו הנוצרי, אויף דער אידישער קריסט־לעכער סעקטע, ווי אויף אַ צווייג פון אידנטום, און דער איד ש אָ ו ל פ ו ן ת ר ש י ש , דער אַ פּ אָ ס ט אָ ל פּ אָ ו ל פון דער עוואַנגעליע, איז געווען קלוג גענוג צו מאַכן פאַר זיי ברייטער דעם וועג אַריינצוקומען אינעווייניק. און פון דעם אַלעם וואָס איז דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן, איז דעריבער קלאָר, אַז יענע צייט וואָס פאַרן חורבן, איז געווען אַ גייסטיקער איבערברוך ניט נאָר אין דער געשיכטע פון די אידן, נאָר אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט. די וועלט איז געשטאַנען אויפן שייד־וועג ביי דעם שוועל פון אַ נייער עפּאָכע; איין קולטור האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין און אַן אַנדערע האָט זיך מיט עקשנות געשפּאַרט צו פאַרנעמען איר פּלאַץ און זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער אַנשטאָט אויסצוקלייבן דאָס ע כ ט ע פון יע־נער קולטור, צו וועלכער דער בעסערער טייל פון דער מענטש־הייט איז דאַן געווען געניגט, האָט די וועלט אויסגעקליבן דאָס נ אָ כ ג ע מ אַ כ ט ע .

דאָס קריסטנטום, קען מען זאָגן, איז דעמאָלט געווען דער „ערזאַץ", ווייל דאָס איז געווען לייכטער. און איבער דעם האָט זיך די געשיכטע, אין אַ מאָמענט פון אַזאַ וויכטיקן איבערברוך, פאַר־האַקט אין מיטן, און דער גייסט פון ר ו י ם האָט שוין ניט גע־געקענט איינגאַנצן באַזיגט ווערן פון דעם גייסט פון י ר ו ש ל י ם , און אַלע פעלקער האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט. און מיר אידן — נאָך מער פון אַלע אַנדערע פעלקער.

דער געדאַנק, אַז אידישקייט זאָל זיך נאָך ניט פאַרשפּרייטן צווישן אַלע פעלקער פון מזרח און דערנאָך זיך אַריבערוואַרפן נאָך ווייטער און ווערן אַ וועלט־מאַכט, האָט אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד אויף די הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע, און זיי האָבן דעריבער נאָך מער אָנגעהויבן אונטערדריקן דאָס אידישע פאָלק. די רוי־מישע מאַכט האָט אינעם גייסט פון ירושלים דערזען אַ גרויסע סכנה פאַר זיך אין דער צוקונפט, און זי האָט זיך שטאַרק דער־שראָקן דערפאַר. און ס'איז דעריבער אויסגעקומען אַזוי, אַז אין

איינעם מיט דעם שטייגן פון אידישקייט, זענען אויך געשטיגן די רדיפות אויפן אידישן פאָלק.

***

און איצט וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צום פּראָקוראַטאָר פ ל אָ ר ו ס.

לויט זיין אָפּשטאַמונג איז ער גאָרניט געווען קיין רוימער, נאָר אַ גריך. און ווייל ס'האָט זיך אים שטענדיק געדוכט, אַז מען צווייפלט אפשר אין זיין רוימישן פּאַטריאָטיזם, האָט ער דווקא געוואָלט ווייזן אַז ער שטייגט אין דעם אַריבער די גרעסטע רוי־מישע פּאַטריאָטן, און מיט קיין זאַך האָט ער דאָס אַזוי ניט געקענט באַווייזן ווי מיט רשעות צו דעם פאָלק, אויף וועלכן מען קוקט אין די הויפן פון די צעזארם ווי אויף דער גרעסטער סכנת פאַר דער מאַכט פון דער רוימישער אימפּעריע.

„געסיוס פלאָרוס, — שרייבט דער אידישער היסטאָריקער יוסיפוס פלאַוויוס, — האָט מיט פּאַראַד באַרימעריש אַרויסגע־שטעלט פאַר די אויגן פון אונדזער פאָלק זיינע פאַרברעכנס, פּונקט ווי מען וואָלט אים אומיסטן געשיקט צו מאַכן אַן אויסשטעלונג פון דעם". *)

אונטער זיין הערשאַפט האָט זיך אין יהודה אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג פון לאַנד; אין די שטעט, וואו די ניט־אידישע באַ־פעלקערונג איז געווען אין דער מאַיאָריטעט — און אַזעלכע שטעט זענען אין לאַנד געווען ניט ווייניק — זענען די אידן ניט געווען זיכער מיטן לעבן, און אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפן אין אַנדערע לענדער; די מערסטע פון די וואָס זענען אַנטלאָפן, זענען גע־שטאַנען אין מיטן און האָבן זיך אין דעם קאַמף אין גאַנצן נישט געמישט; די מענטשן האָבן געוואָלט לעבן רואיק און דאָס איז אין יענער צייט געווען אוממעגלעך, און דערפאַר האָבן זיי זייערע היימען איבערגעלאָזט און זענען אַוועק אין אַנדערע לענדער. און שווערער ווי אומעטום איז געווען דאָס לעבן פון די אידן אין דער שטאָט ק י ס ר י ה, וואו דער פּראָקוראַטאָר אַליין האָט גע־וואוינט; דאָרט האָבן זיי זיך געפילט ווי אויפן שפּיץ פון אַ וואול־קאַן וואָס שפּייט מיט פייער, ווייל די סיריש־גריכישע באַפעלקע־רונג, וואָס האָט צו הויך דעם קאָפּ פאַררריסן נאָך פריער, ווען נירון־קיסר האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל קעגן די אידן, זענען איצט,

---

*) קדמניות היהודים, בוך 20, קאַפּ. 11.

אונטערן שוץ פונעם פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס געוואָרן מער חוצפּהדיק און ס'איז זעלטן אַוועק אַ טאָג, אַז צווישן זיי און די אידן זאָלן ניט פאָרקומען קיין געשלעגן אין די גאַסן און אויפן מאַרק.

און דאַן איז געשען אַזוינס, וואָס האָט דאָס פייער נאָך מער צעבלאָזן:

די אידן אין קיסריה האָבן געהאַט אַ גרויסע שול, וואו זיי האָבן יעדן טאָג געדאַוונט און געלערנט. אָבער דער אייגנטי־מער פון דער געביידע איז געווען אַ גריך, און ער האָט, די אידן אויף צו־להכעיס, אַוועקגעשטעלט נאָך געביידעס אויפן שול־הויף, און אויך אַ וואַרשטאַט צו טאָן זיין מלאכה האָט ער דאָרט אַוועק־געשטעלט, און אַלע מאָל, אין אַ שבת, אָדער אין אַ יום טוב, ווען די אידן האָבן אין שול געדאַוונט מיט גרוים כוונה, האָט דער גריך אויפן הויף געאַרבעט און געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט אַ האַמער.

ניט איין מאָל האָבן די אידן אים אָנגעבאָטן געלט, ער זאָל זיי די שול פאַרקויפן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, און אויף צו־להכעיס האָט ער דעם גאַנצן הויף און אויך דאָס פּלאַץ אַרום דער שול אַזוי פאַרבויט, אַז מער ווי אַ שמאָל סטעזשקעלע צוצוקומען צו דער שול, איז נישט געבליבן.

זעענדיק אַז מיט גוטן קען מען ביי דעם גריך גאָרניט פּועלן, האָבן אידישע יונגעלייט געפּרואווט אים שטערן אין דער אַרבעט, אָבער דער פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס האָט זיך פאַר דעם גריך אָנגענומען און ער האָט די אידישע יונגעלייט באַשטראָפט. דאַן האָבן די אידן פּשוט אונטערגעקויפט דעם פּראָקוראַטאָר; זיי האָבן אים געגעבן אַ גרויסע סומע געלט, ער זאָל זען ווירקן אויפן אייגנ־טימער, אַז ער זאָל די שול ניט פאַרבויען אַרום און אַרום, אָדער ער זאָל זי פאַרקויפן, האָט פלאָרוס צוגענומען דאָס געלט און צו־געזאָגט, אַז ער וועט שוין זען עפּעס טאָן, אָבער שטילערהייט האָט ער די גריכן נאָך מער אָנגעהעצט אויף די אידן, און אַליין איז ער גאָר אַוועקגעפאָרן פון קיסריה.

עס איז אויסגעקומען — ווי פלאַוויוס דריקט זיך אויס וועגן דעם זייער געלונגען — אַז דער פּראָקוראַטאָר „האָט די אידן פאַר געלט פאַרקויפט די רעכט זיך צו שלאָגן מיט זייערע שונאים".

אַ טאָג נאָך דעם ווי פלאָרוס איז אַוועקגעפאָרן — און דאָס איז געווען אין אַ שבת אין דער פרי, ווען די אידן זענען גע־קומען אין שול אַריין דאַוונען — איז אַ גריך צוגעקומען צו דער

טיר און האָט ביי דער שוועל צעלייגט אַ פייער און אָנגעהויבן שעכטן טויבן און זיי בראָטן. דאָס האָט ביי די אידן אַרויסגערופן גרויס צאָרן, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער גריך איז מיט דעם אויסן צו געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז די אידן זענען קרעציקע; וועגן דעם האָט גאָר קיין צווייפל ניט געקענט זיין, ווייל לויט די דינים פון דער תורה דאַרף אַ קרעציקער שעכטן פייגל אַלס קרבנות ווען ער רייניקט זיך, ווי ס'שטייט געשריבן אין ויקרא (י"ד, ד.), זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז דער גריך האָט דאָס ניט געטאָן בלויז אויף זיין אייגענער אחריות נאָר מ'האָט אים אוודאי אונטערגעשיקט ער זאָל דאָס טאָן; דאָס האָט מען געקענט זען פון דעם וואָס באַלד זענען פון אַלע זייטן אָנגעקומען נאָך און נאָך גריכן און אַלע זענען שוין געווען גרייט זיך צו שלאָגן. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מ'זאָל אין שול מאַכן אַ שחיטה און ביידע צדדים זענען שוין געווען גרייט איינע אויף די אַנדערע זיך אַרויפצוּוואַרפן; אימעצער האָט אויף שנעל געבראַכט דעם עלטסטן פון די רוימישע רייטער, ער זאָל אויסמיידן אַ בלוט פאַרגיסונג, אָבער דער עלטסטער פון די רייטער, איינער, וואָס האָט געהייסן יוקינדוס, האָט דעם גאַנצן סכסוך געמאַכט צו גאָרנישט; ער האָט בלויז אויסגעלאָשן דאָס צעלייגטע פייער און ער איז אַוועק; און ווייל די אידן האָבן מורא געהאַט, אַז די גריכן וועלן באַלד אוודאי ווי־דער עפּעס אָפּטאָן און זיך נאָך אפשר אַריינרייסן אינעווייניק אין שול, האָבן זיי געכאַפּט די ספרי־תורות און זענען מיט זיי אַנטלאָפן אינעם דאָרף נרבתא (נאַרבאַטאַ), ווייט פון דער שטאָט.

נאָך דעם האָבן זיי אויסגעקליבן עטלעכע חשובע לייט און זיי אַוועקגעשיקט צום פּראָקוראַטאָר, וועלכער איז דאַן געווען אין דער שטאָט ס ע ב אַ ס ט י (שומרון). די חשובע לייט האָבן פלאָרוסן דערציילט אַלץ וואָס ס'איז אין דער שטאָט ק י ס ר י ה פאָר־געקומען, און ווען זיי האָבן געזען ווי ער הערט זיך גאָרניט צו צו זייערע רייד, האָבן זיי אים, אויף אַן איידעלן אופן, דערמאָנט אָן דעם אַז ער האָט ביי זיי גענומען געלט און צוגעזאָגט זיי צו באַשיצן דערפאַר, און דאָס האָט דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר אַריינגעטריבן אין אַזאַ צאָרן, אַז ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל די אידישע שליחים פאַרשפאַרן אין געפענקעניש, און ס'האָט גע־הייסן, אַז ער באַשטראָפט זיי אַזוי דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָן זיין וויסן אַרויסגעפירט די ספרי־תורות פון דער שול אין קיסריה.

***

אין זיין גייציקייט נאָך געלט, האָט געסיוס פלאָרוס געוואָרפן אַן אויג אויף דעם גאָלד און זילבער וואָס מ׳האָט גע־האַלטן אין בית המקדש, און ער האָט געמאַכט אַן אָנפאַנג מיט דעם, וואָס גלייך נאָך די געשעענישן אין קיסריה, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל פונעם הייליקן טעמפּל אין ירושלים אַרויסנעמען זיבעצן גילדענע רענד־לעך און זיי אים שוין צושטעלן; ער דאַרף זיי האָבן, האָט ער געזאָגט „פאַר די נוצן פון דער רוימישער מלוכה". אָבער די אידן האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אויסרייד און אויך ניט מער ווי אַן אָנפאַנג אַרויסצונעמען ביסלעכווייז דאָס גאָלד און זילבער פונעם בית המקדש, און ס׳איז דערפאַר געוואָרן אַ גרויסער טומל אין שטאָט איבער דעם.

מ׳דאַרף געדענקען, אַז אויסער דעם וואָס דער טעמפּל אין ירושלים איז ביי אידן געווען אַזוי הייליק, האָט ער אין יענע צייטן אויך געדינט ווי אַ באַנק, ווי מיר האָבן שוין איין מאָל דערמאָנט; דאָרט האָבן אָרעמע מענטשן געהאַלטן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן פון שווערער אַרבעט אָפּגעשפּאָרט; דאָרט זענען געלעגן די ירושות פון אַלמנות און יתומים, און ווער עס האָט גע־ראַבעוועט פונעם בית המקדש, האָט דערמיט געראַבעוועט ביים גאַנצן פאָלק, סיי ביי די רייכע און סיי ביי די אָרעמע.

עס איז דעריבער געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז ס׳זאָל אין ירושלים ווערן אַזאַ טומל ווען מ׳האָט דערזען ווי דער רוימישער פּראָקוראַטאָר הויבט אָן אַרויסשלעפּן גאָלד און זילבער פונעם הייליקן טעמפּל. פון אַלע גאַסן און געסלעך זענען אידן זיך צו־נויפגעלאָפן צו די טויערן פונעם בית המקדש; ניט נאָר מאַנספּאַר־שוינען זענען אַהין געקומען, נאָר אויך ווייבער און קינדער, און אַלע האָבן געשריען, אַז מ׳טאָר מער ניט שווייגן, מ׳דאַרף וועלטן איינ־לייגן און מ׳מוז שוין שיקן שליחים צו נירון-קיסר קיין רוים, און פאַר אים צוקלאָגן דעם רשע געסיוס פלאָרוס, וואָס ווייסט ניט פון קיין רחמנות. און ווי ס׳איז געוויינלעך דער שטייגער אין אַ גרויסן טומל, ווען עס לויפן זיך אָן אַ סך מענטשן פאַרשיידענע, האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט האָבן אַ ביסל שפּאַס, האָבן זיי געכאַפּט צדקה-פּושקעס און אַרומגייענדיק פון איינעם צום אַנדערן, האָבן זיי, מיט אַ געמאַכטן רחמנות-פּנים, געבעטן, מ׳זאָל אַריינוואַרפן נדבות פאַר געסיוס פלאָרוס, ווייל ער איז נעבעך אַ גרויסער אָרעמאַן און מען טאָר אים ניט לאָזן פאַלן.

ווען פלארום האט זיך דערוואוסט וועגן דעם, איז ער גלייך אוועק קיין ירושלים, און איידער ער איז אין שטאט אריינגעקומען, האט ער אהין אריינגעשיקט פופציק באוואפנטע רייטער, און דעם עלטסטן פון די רייטער האט ער אנגעזאגט, אז ער זאל איבערגעבן די אידן פון ירושלים, אז אויב זיי זענען אזעלכע העלדן און האבן קיין מורא נישט אפצעלאכן פון אים, זאלן זיי ווייזן זייער גבורה און אויך זייער ליבע צו פרייהייט דערמיט וואס זיי וועלן מיט שווערדן אין די הענט ארויסקומען אקעגן אים.

לפנים האט זיך געקענט דוכטן, אז דאס איז אפשר ניט מער ווי גלאט א שטארק ווארט, וואס רייסט זיך ארויס ביי א מענטשן אין א מאמענט פון כעס. אבער די מערסטע היסטאריקער זענען געניגט צו גלויבן, אז פלארום האט דאס גוט אויסגערעכנט און אז ער איז מיט דעם אויסן געווען צו פראוואצירן די אידן, אז זיי זאלן ארויס אין אן אפענער מרידה; אים האט זיך דאס בעסער געלוינט, ווייל מיט דעם האט ער געקענט בארעכטיקן זיינע ווילדע מעשים און זיין מוראדיקע רשעות צו די אידן.

און אזוי האבן די אידן פון ירושלים דאס טאקע פארשטאנען; פאר זיי איז די כוונה פונעם פראקוראטאר געלעגן אויבן אויף, און — ווי פלאוויוס דערציילט — „איז די נאכט אוועק אין שרעק און אין טרויער".

אפגעשטעלט האט זיך דער רוימישער פראקוראטאר אינעם פאלאץ פונעם אידישן קעניג, און דארט האט ער ביינאכט צוגעגרייט דעם גאנצן פלאן, ווי אזוי ער זאל זיך נוקם זיין אין די אידן. און אין דער פרי האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן גאנעק, וואסביים פאלאץ און געהייסן זיינע באוואפנטע לייט, מ'זאל צונויפרופן דאס פאלק און ברענגען פאר אים די עלטסטע פון די כהנים און די אנגעזעענסטע לייט פון שטאט. און ווען מ'האט זיי פאר אים געבראכט, האט ער אויף זיי געשריען, אז זיי זאלן ארויסגעבן די מענטשן, וואס האבן אים באליידיקט. און ווען יענע האבן געפרואווט איינשטילן זיין צארן, ווען זיי האבן אים געזאגט, אז מ'קען קיינעם ניט מאכן פאראנטווארטלעך דערפאר וואס עטלעכע יונגע לייט האבן געמאכט שפאס, האט ער ארויסגעגעבן א באפעל צו די באוואפנטע לייט, אז זיי זאלן אנפאלן אויף די אידן וואס האבן זיך צונויפגעקליבן אינעם אויבערשטן מארק פון שטאט, און אין יענעם טאג האבן די רוימישע זעלנער אויף די גאסן פון ירושלים אויסגעשאכטן דריי טויזנט מיט זעקס

הונדערט אידן, און צווישן זיי זענען געווען א סך פרויען און קליינע קינדער.

אויך אין די הייזער האבן זיי זיך אריינגעריסן, און וואס זיי האבן נאר געקאנט, האבן זיי פון דארט ארויסגעטראגן. מיט ווילדער רציחה האבן זיי פון די גאסן און פון די הייזער געשלעפט אידן, וואס זענען אין קיין זאך ניט געווען שולדיק, און האבן זיי צו פלארוסן געבראכט, און ער איז ווי א ריכטער געזעסן אויף א הויכן שטול און האט די אלע מענטשן, וואס מ׳האט פאר אים געבראכט, פארמשפט צום טויט און געהייסן מ׳זאל זיי קרייציקן. די וואס ער האט נישט פארמשפט צום טויט, האט ער געהייסן געבן שמיץ אויפן הוילן לייב פאר אלעמען אין די אויגן און צווישן די וואס מ׳האט אויף זיין באפעל שמיץ געגעבן, זענען אויך געווען אזעלכע אידן, וואס זענען לויט זייער שטאנד געווען רוימישע ריטער. און אזוינס איז פריער נישט געהערט געווארן; פלארוס איז געווען דער ערשטער וואס האט זיך גענומען די רעכט דאס צו טאן.

דאן האבן די קנאים, נאך מער ווי פריער, זיך אנגעהויבן רייסן צו אן אפענעם קאמף קעגן די רוימער. אויך די סיקאריער האבן זיך צום קאמף געריסן, און זיי זענען שוין געווען גרייט ארויסצוגיין מיט שווערדן אין די הענט און אנהויבן א מלחמה אקעגן די שונאים און פארטרייבן פלארוסן און זיינע באוואפנטע לייט פון די טויערן פון ירושלים. אבער די מעסיקע פון פאלק האבן מורא געהאט, אז מיט דעם וועט מען נאך ערגער מאכן, און דאן זענען די עלטסטע פון די כהנים און נאך אנדערע אנגעזעענע לייט געקומען צו די, וואס האבן זיך אזוי געריסן צום קאמף, און געבעטן, אז זיי זאלן זיך בארואיקן און נישט געבן די רוימער קיין אויסרייד צו בארויבן דעם הייליקן טעמפל און חרוב מאכן די שטאט.

עס איז די קנאים געווען שווער צו אונטערדריקן זייערע געפילן; זיי האבן נאך דער בלוטיקער שחיטה אין ירושלים ניט געקענט בלייבן רואיק, ווייל ס׳האט זיי שרעקלעך וויי געטאן, וואס זייער פאלק ווערט אזוי געטראטן מיט די פיס. אבער די רייד פון די עלטסטע פון די כהנים און פון די חשובע לייט פון ירושלים האבן אויף זיי דאך געווירקט, און זיי האבן צוגעזאגט, אז זיי וועלן איצטער קיין מלחמה נישט אנהויבן.

די מעסיקע האבן זיך בארואיקט. אבער ווען פלארוס האט דאס דערהערט, האט ער זיך ניט זייער שטארק דערפרייט

דערמיט, ווייל ער האָט דווקא יאָ געוואָלט, אַז עס זאָל שוין קומען צו אַן אָפענער מלחמה; דאָס גאָלד און זילבער, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַלטן אין בית המקדש, האָט אים געררייצט, און ער איז געווען זיכער, אַז אויב ס׳וועט איצט, ווען די אידן אין ירושלים זענען נישט צוגעגרייט דערצו, אויסברעכן אַן אָפענע מרידה, וועט ער, אין דער מהומה, האָבן די מעגלעכקייט צוצונעמען אַלע אוצרות פון בית המקדש, און דאָס האָט ער זייער געוואָלט. און דאַן האָט ער פון קיסריה אַרויסגערופן קיין ירושלים נאָך צוויי ק אָ ה אָ ר ־ ט ע ם זעלנער. (אַ קאָהאָרטע איז אין דער רוימישער אַרמיי באַשטאַנען פון זעקס הונדערט זעלנער, פוסגייער), און פון די אידן האָט ער פאַרלאַנגט, אַז ווען די צוויי נייע רוימישע קאָהאָרטעס וועלן אָנקומען, זאָל מען זיי גיין אַקעגן און זיי אויפנעמען מיט גרויס כבוד.

בלויז אויף אַזאַ שטייגער, האָט ער געזאָגט, וועלן די אידן פון ירושלים באַווייזן, אַז זיי זענען ניט קיין שונאים פון רוים און אַז זיי רייסן זיך נישט צו מלחמה.

אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט מיט די אידן אויסגענומען, אַז זיי זאָלן מיט גרויס כבוד באַגעגענען די צוויי רוימישע מחנות, וואָס וועלן פון קיסריה אָנקומען, האָט ער שטי־לערהייט געלאָזט וויסן די עלטסטע פון די מחנות, אַז די זעלנער זאָלן נישט ענטפערן אויף דער באַגריסונג פון די אידן, ווי ס׳איז געוויינלעך דער שטייגער אין אַזאַ פאַל.

די אידן האָבן פון דעם ניט געוואוסט און זיי האָבן דעם אָפ־מאַך געהאַלטן, און ס׳איז ניט שווער זיך פאַרצושטעלן מיט וואָס פאַר אַ הארץ זיי זענען געגאַנגען באַגעגענען די רוימער אין אַזאַ צייט, ווען אין אַזוי פיל הייזער האָט מען נאָך געהאַלטן אין באַ־וויינען די טויטע, וואָס זענען ערשט ניט לאַנג צוריק געפאַלן פון דער שווערד.

זיי האָבן נאָך געמוזט מאַכן אַ פייערלעכן פאַראַד דערפון.

אָנגעטאָן אין די קליידער, וואָס זיי האָבן געוויינלעך געטראָגן ביי דער עבודה אין הייליקן טעמפל, זענען די כהנים געגאַנגען פאָראויס, און נאָך זיי זענען געגאַנגען די ל ו י י ם און האָבן געזונגען און געשפילט. אַזוי איז געווען דער וואונטש פון דעם פראָקוראַטאָר. אויך אַ סך פון פאָלק זענען געגאַנגען, און זיי זענען געווען פון די, וואָס האָבן שטענדיק געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף מיט דער רוימישער מאַכט אויסקומען מיט גוטן און אַז קיין מלחמה דאַרף מען נישט פירן, ווייל מיט דעם שטעלט מען איין

דעם קיום פון פאָלק. אָבער ווען זיי האָבן דערזען ווי די רוימישע זעלנער וואָס קומען אַריין אין שטאָט, ענטפערן אויף זייער באַגריסונג מיט חוזק און פאַראַכטונג, האָבן זיי זיך דערפילט שטאַרק באַליידיקט, און זיי האָבן אָפן זייער אומצופרידנקייט אַרויסגעוויזן, און דאַן האָבן די באַוואָפנטע זעלנער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיי, און ווייל די אידן זענען ניט געווען באַוואָפנט און האָבן זיך נישט געקענט שטעלן אַנטקעגן, זענען אַ סך פון זיי געפאַלן טויט, און די טויטע זענען געווען אַזוי צעקאַליעטשעט און צעשלאָגן, אַז מ'האָט זיי נישט געקענט דערקענען, ווען מ'האָט זיי צו קבר ישראל געבראַכט. בערג מיט הרוגים זענען געבליבן אין גאַס, און די רוימישע זעלנער, די פוסגייער און די רייטער, האָבן געטראָטן אויף זיי און זיך ווייטער געיאָגט איבער די גאַסן פון שטאָט; זיי האָבן אַלץ געטריבן דעם עולם צו דעם נייעם טייל פון ירושלים, וואָס האָט געהייסן ב י ת ז י ת א , און דערמיט געמאַכט פריי פאַר זיך דעם וועג צום באַרג, וואו דאָס בית המקדש איז געשטאַנען; אַהין האָבן זיי זיך געשפאַרט אַלץ נעענטער און נעענטער, ווייל אַזוי איז געווען דער באַפעל פונעם פּראָקוראַטאָר, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַן אויג אויף דעם גאָלד און זילבער וואָס מ'האָט אינעם הייליקן טעמפּל געהאַלטן; און דאַן זענען אָנגעלאָפן די ק נ א י ם און די ס י ק אַ ר י ע ר , וואָס מ'האָט פריער געבעטן, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן פון דער ווייטנס; זיי זענען אַרויף אויף די דעכער פון די הייזער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן וועג, וואָס האָט צום הייליקן טעמפּל געפירט, און פון דאָרט האָבן זיי געהאָגלט מיט שטיינער אויף די רוימישע זעלנער; זיי האָבן פאַר זיי אײַנגאַנצן דעם וועג פאַרשטעלט און זיי געצוואונגען זיך צוריקצוקערן.

ווי אמתע גבורים, וואָס שרעקן זיך נישט פאַרן טויט, ווייל זיי ווייסן אַז זיי שלאָגן זיך פאַר אַ גרויסער זאַך, האָבן די ק נ א י ם און אויך די ס י ק אַ ר י ע ר , כאָטש זיי זענען ניט געווען גענוג באַוואָפנט, ווייט פאַריאָגט די רוימישע זעלנער. און ווען ג ע ס י ו ס פ ל אָ ר ו ס האָט געזען, אַז די לאַגע ווערט צו ערנסט פאַר אים אין דער הויפטשטאָט פון יהודה, איז ער אַוועק צוריק קיין ק י ס ר י ה .

בלייבן אין ירושלים האָט ער מורא געהאַט. ער איז דאָרט מיטן לעבן נישט געווען זיכער. דער גרויסער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

סוף פון ערשטן באַנד.